Pińczów Memorial Book

Sefer zikaron li-ḳehilat Pints'ev

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY
Harry and Lillian Freedman Fund
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
David and Barbara Margulies
The Nash Family Foundation
Harris Rosen
David and Sylvia Steiner
Ruth Taubman

•

Original publication data

TITLE	Sefer zikaron li-kehilat Pints'ev : in Pintshev togt shoyn nisht / [redaktor, Mordekhai Shner ; tirgum ṿa-ʻarikhah be-ʻIvrit, Asher Bat-Tana].
IMPRINT	880-02 Tel Aviv : Irgun yotsʻe Pints'ev be-Yiśraʻel uva-tefutsot, 1970.
DESCRIPT	480 p. : ill., facsims., map, ports., ; 25 cm.
SUBJECT	Jews -- Poland -- Pińczów.
	Pinczów (Poland) -- Ethnic relations.
	Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Poland -- Pińczów.
ADD'L NAME	Shinar, Mordehai, 1911-
ADD'L TITLE	Book of memory of the Jewish community of Pinczów (Poland)

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING

PRINTED IN THE U.S.A.

ספר־זכרון לקהילת פינצ׳ב
אין פינטשעוו טאָגט שוין נישט

ספר־זכרון לקהילת פינצ׳ב

אין
פינטשעוו
טאָגט שוין נישט

הוצא־לאור ע״י ארגון יוצאי פינצ׳ב בישראל ובתפוצות
אַרויסגעגעבן דורכן פאַרבאנד פון פינטשעווער לאַנדסלייט
אין ישראל און אין די תפוצות
תל־אביב, תש״ל — 1970

A Book of Memory of the Jewish Community of Pinczów (Poland)
"Seifer Zycaron Lekehilath Pintchew"

Published by the Union of the Remnants of
the Jewish Community of Pinczów (Poland)

(Address: M. Schwartz, Engel str. 10, Tel-Aviv, Israel)



בית־הכנסת הישן — די אַלטע פינטשעווער שיל

רעדאַקטאָר : **מרדכי שנער**

תרגום ועריכה בעברית : **אשר בר־תנא**

לאַנדסלייט־קאָמיטעט ביים רעדאַגירן דאָס בוך :

שוואַרץ מרדכי — פאָרזיצער ; טעקעל אליעזר — קאַסירער ;
פשענדזע אברהם — סעקרעטאר ; אייזיקאָוויטש־פאָוואָנסקער
דינה, אַספיס אברהם, באָגוסלאַבסקי לאה, גאָטפריד משה,
גאָלדבליט משה, הערשקאָוויטש־ראָזענבערג זיסל, סקיבין מרים

דפוס לינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, תל־אביב

שוב אין יהודי־השכמה המעירים את השחר בפינצ׳ב. אמנם אין יודע משמעו של אותו קשר אַסוציאטיבי בין אור־הבוקר לפינצ׳ב שמצא את ביטויו באימרה היידית: „אין פינצ׳ב טאָגט שוין״ („כבר עלה השחר בפינצ׳ב״). אימרה עממית זו, שהיתה ידועה לכל יהודי בפולין משך דורות רבים, השערות שונות הועלו בדבר מקורה ופירושים שונים נתלוו לה — עניין לחוקרי הפולקלור. אך אחד ברור לנו: אם זרחה השמש על אלף שנות חיים יהודיים בפולין, שרבות מהן היו שנות אור וזוהר — היתה פינצ׳ב אחת הנקודות שממנה מוצאה של שמש זו ושממנה עלה השחר על תולדות יהודי פולין. מקום זה שבו נולדנו היתה אחת הקהילות העתיקות ביותר, ובתקופות שונות גם מהחשובות ביותר בקהילות היהודיות שבמדינת פולין.

הקהילה היהודית בפינצ׳ב אינה עוד. היא נכחדה יחד עם כל החיים היהודיים בפולין, ואנו, יוזמי ספר־זכרון זה, יודעים שקיבלנו עלינו אחריות רבה, כי הטלנו עלינו להנציח עיירה בת שם מפואר והיסטוריה ארוכה — את פ י נ צ ׳ ב.

לאסוננו, לא רבים נשארו בחיים מאנשי קהילתנו. יתכן, שבגלל הזיקה העמוקה של ילידי פינצ׳ב לעיירתם והחיים היהודיים שתססו בה, לא היגרו ממנה אלא מעטים, אף לא רבים היו אלה שעלו לארץ, ומלבדם רק ספורים הצליחו להימלט מידי הצורר. ועלינו, השרידים בישראל ובפזורה, הוטלה החובה להנציח את תהילתה של קהילה עתיקה זו ואת קדושיה שנכרתו. נתנו דעתנו לעניין והחילונו לתכנן את הוצאתו־לאור של ספר זה מיד לאחר השואה, כאשר ה„לאַנדסמאַנשאַפטן״ של קהילות גדולות וקטנות החלו בפעולותיהן ולהוציא ספרי יזכור. מאז יצאו לאור עשרות ספרי זיכרון, ואולי מאות. אף עדות קטנות, שמספר ניצוליהן פחות משל ניצולי פינצ׳ב, כבר מזמן הנציחו את זכר קהילותיהן. אך אצלנו נמשכו ההכנות זמן רב.

אין אנו מתיימרים להביא תמונה מקיפה והערכה היסטורית מלאה על תפקידה ומקומה של קהילת פינצ׳ב במרוצת הדורות, והדבר ודאי עוד ייעשה ע״י מומחים לדבר, חוקרי תולדות היהודים בפולין. מגמתנו היתה להביא בספר זה זכרונות, תיאורי חיים ודיוקנאות מאנשי הקהילה, מאורעות שהתרחשו בחיינו, סיפורים ששמענו מאבותינו — בנוסף לחומר היסטורי במידה שהיה בהישג ידנו. עשינו הכל כדי לעמוד במשימה, אך היענותם של אנשי עיירתנו לא היתה מספקת. שנים נאלצנו להעיר ולעורר ולהוכיח עד מה קדושה ונחוצה היא עבודה זו. חותמים אנו את הספר בהכרה המכאיבה, שהרבה מאלה שיכלו לתרום לו מפרי עטם, להעשיר את

תכנו ולהוסיף לספר משקל ומשמעות — נמנעו מלהשתתף בו, על אף פניותינו ותזכורותינו הרבות. אך יחד עם קבוצה מצומצמת עשינו ככל שהיה לאל ידנו כדי שהספר הזה ינציח בדרך מכובדת את זכר קהילתנו וקדושינו.

*

ועתה מוסרים אנו בכאב וביראת הכבוד ספר־זכרון זה לדור שלנו שהיה עֵד לשואה ולאלה שיבואו אחרינו. הכאב — אין ביטוי לו. בדומיה נעמוד ליד המצבה שאנו מקימים בספר זה לכל יקירינו שאף לקבר ישראל לא זכו להגיע ובמותם מות קדושים נותקו חיים יהודיים שרשיים ופורחים מדורי דורות. לכאב גדול זה מתלווית גם תחושה של חוסר־אונים — על שלא הצלחנו אפילו לבַכּוֹת כראוי את גודל האבדה ולהעלות ביריעה רחבה את כל צדי חייה של יהדות פינצ׳ב ההיסטורית. ובעמדנו מתוך יראת־כבוד לפני הקדושים והטהורים שאת זכרונם אנו מעלים כאן, ישמשו נא דפים אלה גם זיכרון ולקח לנו ולדורות הבאים. זיכרון — כיצד בא עלינו הכורת; ולקח — למנוע בכל הכוחות שימים כאלה יחזרו אלינו עוד.

שוואַרץ מרדכי

טאַקאַל אליעזר

אין פינטשעוו טאָגט שוין נישט. וואָסער ייד אין פוילן, וועד ווייסט זינט וויפל דורות, האָט נישט געקענט דאָס ווערטל „אין פינטשעוו טאָגט שוין״? פאַרשידענע השערות זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן וועגן אָפּשטאַם פון דאָזיקן פאָלקס־ווערטל, פאַרשידענע אויסטייטשונגען זענען אין דעם אַריינגעלייגט געוואָרן — דאָס איז אַן ענין פאַר פאָלקלאָר־פאָרשער. פאַר אונדז איז אָבער זיכער איין זאַך: אויב עס האָט געלויכטן מיט שיינענדיקן טאָג, מיט ליכטיקער זון, דאָס טויזנט־יאָריקע לעבן פון יידן אין פוילן, איז פינטשעוו געווען איינער פון די פונקטן, ווו אָט־די זון איז אויפגעגאַנגען, ווו עס האָט גענומען טאָגן, ווו עס האָט געטאָגט אין דער געשיכטע פון יידן אין פוילן. איינע פון די עלטסטע יידישע קהילות אין פוילן איז געווען אינעם שטעטל, פון וועלכן מיר שטאַמען. פון די עלטסטע און אָפּט, אין פאַרשידענע עפּאָכעס, פון די אָנגעזעענסטע יידישע קהילות אין מדינת־פוילן.

עס עקזיסטירט נישט מער די יידישע קהילה אין פינטשעוו, זי איז פאַרשניטן

געוואָרן, ווי דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין פוילן. מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר נעמען אויף זיך אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַ ספּעציעל גרויסע, ווייל מיר האָבן געדאַרפט פאַראייביקן נישט קיין געוויינלעך שטעטל, נאָר פּ י נ ט ש ע ו ו.

צו אונדזער ווייטיק זענען נישט קיין סך לעבנגעבליבן פון אונדזער קהילה. אפשר צוליב דער צוגעבונדנקייט צום שטעטל, צוליב דעם שטענדיק־יוירנדיקן יידישן לעבן דאָרט, האָבן ווייניק בלויז עמיגרירט, ווייניק האָבן עולה געווען קיין ארץ־ישראל און נאָך ווייניקער האָבן זיך געקאָנט ראַטעווען פון צוררס הענט. אויף אונדז, דאָס רעשטל לעבנגעבליבענע אין ישראל און איבער דער גאָרער וועלט, געבוירענע און דערצויגענע אין פּינטשעוו, איז געבליבן דער חוב צו פאַראייביקן די גלאָרייכע אַלטע קהילה און די קדושים, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן. מיר האָבן גענומען קלערן וועגן דעם, פּלאַנירן, באַלד נאָך דער קאַטאַסטראָפע, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע אַרבעט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, פון קליינע און גרויסע, וויכטיקע און ווייניקער אָנגעזעענע קהילות, אַרויסצוגעבן יזכור־ביכער. זינט דעמלט זענען דערשינען צענדליקער, און אפשר הונדערטער יזכור־ביכער. קלענערע גרופּעס לעבנגעבליבענע, ווי פון פּינטשוו, האָבן שוין לאַנג פאַרעפנטלעכט אָנדענק־ביכער נאָך זייערע קהילות.

מיר האָבן זיך נישט פאַרמאָסטן צו געבן אַן אומפאַסנדיק בילד און פולע היסטאָרישע אָפּשאַצונג וועגן דער באַדייטונג און ראָל פון דער פּינטשעווער קהילה אין לויף פון דורות. דאָס וועט נאָך זיכער געטאָן ווערן דורך באַרופענע היסטאָריקער און פאָרשער פון דער יידישער געשיכטע אין פוילן. מיר האָבן געדאַרפט ברענגען זכרונות, באַשרייבונגען, בילדער פונעם לעבן און פון די מענטשן, וואָס מיר געדענ־קען, פון געשעענישן וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן דערציילט, צוזאַמען מיט די מעגלעכע געשיכטלעכע אַרבעטן, וואָס מיר האָבן נאָר געקאָנט באַקומען. מיר האָבן געטאָן אַלץ, כדי דאָס צו פאַרווירקלעכן. אָבער דער אָפּרוף פון אונדזערע לאַנדסלייט איז געווען זייער אַ שוואַכער, מיר האָבן יאָרן געמוזט מונטערן, וועקן, רופן, אויפווייזן ווי הייליק און נויטווענדיק עס איז די דאָזיקע אַרבעט. מיר פאַרענדיקן דאָס בוך מיטן ווייטיקלעכן באַוווּסטזיין, אַז פיל פון די יעניקע, וועלכע האָבן געדאַרפט און געקאָנט ביישטייערן פאַרן דאָזיקן בוך מיט זייער שרייבן, האָבן דאָס נישט געטאָן, כאָטש דאָס האָט פיל געקאָנט באַרייכערן דאָס בוך, צוגעבן עס וואָג און באַדייטונג.

מיר האָבן, צוזאַמען מיט אַ קליינער גרופּע מיטהעלפער, געטאָן אַלץ, וואָס מיר האָבן געקאָנט, כדי אויף אַ ווירדיקן אופן צו פאַראייביקן אונדזערע קדושים, אונדזער פאַרשניטענע קהילה, מיר האָבן אונדזערע אַלע מעגלעכקייטן אויסגעשעפּט

און האָפן, אַז מיר טראָגן צו מיט דעם בוך אויך וויכטיקע בלעטלעך פאַר דער געשיכטע פון אונדזער קהילה.

✶

און איצט, מיט ווייטיק און יראת־הכבוד גלייכצייטיק, גיבן מיר איבער דאָס דאָזיקע פאַראייביקונג־בוך פאַרן דור, וואָס האָט דורכגעלעבט דעם חורבן און פאַר דער צוקונפט. ווייטיק — ווײַלכן ס׳איז אוממעגלעך אויסצודריקן אין ווערטער, ווען דאָס איז באַשטימט אַלס מצבה פאַר אונדזערע נאָענטסטע, וועלכע האָבן אַפילו נישט זוכה געווען צו קומען צו קבר ישראל, און מיט זייער קדושים־טויט איז איבערגעריסן געוואָרן אַ דורות־לאַנג פאַרוואָרצלט און בליענדיק יידיש לעבן. דער ווייטיק — אויך פון אַ צווייטער זייט: פאַרוואָס מיר האָבן נישט באַוויזן אָפּצו־שפיגלען פאַרנעמיק און ברייט די פינטשעווער קהילה, ווי זי האָט עס פאַרדינט און געמוזט זיך באַגנוגענען מיט דעם וואָס מיר האָבן געקענט; אָבער גלייכצייטיק ווייסן מיר, אַז עס איז נישט פאַר די גייסטיקע כוחות פון איין דור צו שרייבן די גרויסע געשיכטע פון יידישן לעבן אין פינטשעוו.

איבערגעפּולט מיט יראת־הכבוד פאַר די קדושים וטהורים, וועמענס זכרון מיר פאַראייביקן, — זאָלן די דאָזיקע בלעטער זײַנען ווי אַ דערמאָנונג פאַר אונדז, לעבנגעבליבענע, און פאַר קומענדיקע דורות — וואָס זאָלן וויסן און געדענקען, ווי דער יידישער חורבן אין אונדזער דור איז דורכגעפירט געוואָרן און זיי זאָלן אויך פון די דאָזיקע בלעטלעך לערנען און ציען כוחות — נישט צו דערלאָזן, עס זאָל זיך, חלילה, ווען עס איז איבערחזרן.

שווארץ מרדכי
טעקעל אליעזר

דפי היסטוריה

בלעטלעך געשיכטע

יאָנאַס טורקאָוו

פינטשעוו

(געשיכטע פון דער שטאָט)

ווי אַלט עס איז די שטאָט פינטשעוו איז שווער גענוי פעסטצושטעלן. אויפן סמך פון פאַרשידענע היסטאָרישע מקורות איז אָבער זיכער: פינטשעוו געהערט צו די סאַמע עלטסטע — און אַמאָל איינפלוסרייכסטע — שטעט אין פוילן.

אין יאָר 1429, ווען אין פוילן האָט רעגירט וולאַדיסלאַוו יאַגעלאָ (1386—1434), האָט דער ראש פון אַ פריצישער דינאַסטיע, זביגניעוו אָלעשניצקי, פון הערבּ דעמבּנאָ, פאַרלייגט זיין היים אין אַ ווינקל פון אַ זעלטן־שיינער און פרוכפּעריקער געגנט, אַרומגערינגלט מיט בערג, צווישן וועלכע עס פליסט דורך דער טייך נידאַ.

אין יאָר 1436, בעת דער הערשאַפט פון וולאַדיסלאַוו דעם דריטן, האָט זביגניעוו אָלעשניצקי, וואָס איז צו יענער צייט געווען ביסקופּ — און שפּעטער קאַרדינאַל — פון קראָקע, פאַראייניקט די צוויי פּאַראַפיעס ווירטשישעוו און פינטשעוו אין איין גאַנצקייט, און די פאַרוואַלטונג איבער איר האָט ער איבערגעגעבן צו די פּאַולינער (רוימיש־קאַטוילישע גלחים). זיי האָבן זיך דאָרט באַזעצט, אויפגעשטעלט אַ קירך און אַ רייך־באַצירטן קלויסטער. אין דעם קלויסטער האָט זיך, צווישן אַנדערע, געפונען אַ גרויסע ביבליאָטעק און אַ רייך־צוגעקליבענער וויין־קעלער. דאָס דאָזיקע אָרט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פעסטונג פון קאַטאָליציזם, און אין הונדערט יאָר אַרום איז דאָ געוואָרן דער הויפּט־צענטער פון רעוואָלט קעגן פּויפּסט, קעגן די ביסקופן אין קראָקע און קעגן די דאָגמאַטישע יסודות פון דער קאַטוילישער קירך.

אין יאָר 1461 האָט זביגניעוו אָלעשניצקי אויפגעבויט פאַר זיך אין פינטשעוו אַן אויסערגעוויינלעך שיינעם שלאָס, מיט אַ גרויסן פּאַרק, וואָס האָט געשמט מיט

זיין רחבות איבער גאַנץ פוילן. ווי עס גיט איבער דער כראָניקער פון יענער צייט יאַן דלוגאָש, האָט דער אַמביציעזער ביסקופּ, זביגניעוו אָלעשניצקי, זיך געזאָלט האָבן אויסגעדריקט, אין שייכות מיט דעם: „איך וויל, אַז מיין שלאָס אין פינטשעוו זאָל זיין פונקט אַזוי שיין ווי דער קעניגלעכער שלאָס אין וואַוועל (קראָקע), אויב נישט נאָך שענער״.

צו דעם צוועק האָט אָלעשניצקי אַראָפּגעבראַכט פון איטאַליע די באַרימטסטע אַרכיטעקטן און בוי־ספּעציאַליסטן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין בויען דעם שלאָס, וואָס האָט געדויערט גאַנצע דרייסיק יאָר. אַזוי אַרום האָט אָלעשניצקי פאַרוואַנדלט פינטשעוו אין אַ מעכטיקער פעסטונג, וואָס האָט זיך גערעכנט ווי די שטאַרקסטע אין גאַנצן לאַנד.

פונקט ווי עס איז שווער פעסטצושטעלן די גענויע דאַטע פון דער אַנט־שטייאונג פון פינטשעוו, איז אויך שווער צו דערגיין פון וואַנען עס שטאַמט דער נאָמען פון דער שטאָט. פאַרשידענע ווערסיעס זענען פאַרבונדן מיט דעם נאָמען. לויט איינער — שטאַמט דער נאָמען פינטשעוו פון פינף סאָוועס, לויט אַן אַנדערער סברה זאָל עס זיין אַזוי: ווען דער ביסקופּ אָלעשניצקי איז צוריקגעקומען פון אַ וויזיטביים פּויפּסט אין רוים, האָט ער פון דאָרט מיטגעבראַכט מיט זיך, צווישן אַנדערע, אַ מתנה: אַ יונגביימל, וואָס מען האָט גערופן פּיניע און וואָס איז געוואַקסן אויפן היסטאָרישן באַרג פינטשיאָ, ביי רוים. אָלעשניצקי האָט פאַר־פלאַנצט דאָסביימל אויפן שטח וואָס ער האָט אויסגעקליבן פאַר זיין אָרדינאַציע, און דאָס אָרט האָט ער אַ נאָמען געגעבן פינטשיאַטשאָוו און שפּעטער עס פאַרקירצט אויף פינטשאָוו. צוביסלעך האָט זיך דאָס קליינע, כמעט נאָך דעמלט אומבאַקאַנטע, אָרט צעוואָקסן און איז מיט דער צייט געוואָרן אַ פאַרהעלטנישמעסיק גרויסע און וויכטיקע שטאָט אין פוילן.

אין יאָר 1461 איז פינטשעוו באַלאַגערט געוואָרן פון קעניגלעכן מיליטער און עס זענען דאָרט פאָרגעקומען פאַרביסענע קאַמפן, מחמת איינער פון דער אָלעש־ניצקי־דינאַסטיע — יאַקוב שיענינסקי — האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם ווילן פון קעניג קאַזשימיעזש דעם פערטן (פון דער דינאַסטיע יאַגעלאָ), און שיענינסקין איז דעמלט קוים געלונגען צו אַנטלויפן.

בעת דער הערשאַפט פון זיגמונט אויגוסט — דער לעצטער פון דער יאַגעלאָ־דינאַסטיע (ער האָט רעגירט פון יאָר 1548 ביז 1572) האָט דער דעמלטיקער אייגנטימער פון פינטשעוו, מיקאָליי אָלעשניצקי, אָנגענומען דעם עוואַנגעלישן גלויבן און פאַרוואַנדלט פינטשעוו אין דעם הויפּט־צענטער פון דער נייער רעליגיע אין פוילן.

אין יאָר 1550 האָט ער פאַרטריבן פון פינטשעוו די פּאַולינער, אַרויסגעוואָרפן פון דער קירך די הייליקע בילדער מיט די קרוציפיקסן און איבערגעגעבן די קירך מיט דעם גאַנצן פאַרמעגן, וואָס האָט צו איר געהערט, צו זיינע נייע גלויבנס־ברידער.

די רעפאָרמאַטאָרישע ווינטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן אין איראָפּע, זענען אויך דערגאַנגען קיין פוילן. די מער אויפגעקלערטע קרייזן פון דער פוילישער שליאַכטע, פון די מיעשטשאַנעס און פריצים זענען באַאיינפלוסט געוואָרן פון די נייע געדאַנקען און זיי האָבן איינגעזען, אַז עס איז געקומען די צייט אויך ביי זיי דורכצופירן געזעלשאַפטלעכע רעפאָרמען. דאָס איז, פאַקטיש, געווען אַ בונט קעגן די פּריווילעגיעס פונעם הערשנדיקן קלער אין פוילן. דעריבער האָבן זיך דעמלט אָנגעהויבן מערן אין פוילן נאָכפאָלגערס און אָנהענגערס פון לוטער, קאַלווין, אַנטיטריניטאַרן א.אַ. יעדער פון זיי האָט געוואָלט איינפירן זיינע אייגענע רעפאָרם־פּראָגראַמען; אָבער מען האָט געפּטרט די צייט און ענערגיע אויף דאָגמאַטישע דיסקוסיעס, מחלוקות, כדי צו באַקעמפן איינער דעם צווייטן.

צוזאַמען מיט אַ גרויסן שטראָם פון ניי־גלויביקע איז קיין פינטשעוו אויך אָנגעקומען דער באַרימטער איטאַליענישער הערעטיקער, פראַנציסקוס סטאַנקאַר, וועלכער איז געווען פּראָפעסאָר פון דער העברעאישער שפּראַך אין דער קראָקעווער אַקאַדעמיע. אַ צייט לאַנג איז ער געווען פאַרשפּאַרט אין תּפיסה, צוליב זיין אַפּיקורסות קעגן דער קאַטוילישער קירך. ווען עס איז צו אים דערגאַנגען די ידיעה, אַז פינטשעוו איז געוואָרן דער צענטער פונעם פרייען געדאַנק, איז אים, מיט דער הילף פון זיינע פילצאָליקע אָנהענגערס, געלונגען צו אַנטלויפן פון דער תּפיסה, אָנצוקומען קיין פינטשעוו און דאָרט זיך אויסבאַהאַלטן ביי אָלעשניצקין אין שלאָס.

סטאַנקאַר האָט דער ערשטער אַרויסגעבראַכט אין דער עפנטלעכקייט די ידיעות וועגן די אינקוויזיטאָרישע מעטאָדן, מיט וועלכע די קאַטוילישע ביסקופּן באַנוצן זיך.

אַדאַנק דעם צופלוס פון ניי־גלויביקע, איז די באַפעלקערונג פון פינטשעוו און פון דער אומגעגנט, אין משך פון אַ קורצער צייט, שטאַרק אויסגעוואָקסן.

אין יאָר 1556 — פון 23־טן אַפּריל ביזן 1־טן מאַי — איז אין פינטשעוו אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער ערשטער פוילישער סינאָד. דער הויפּט־ציל פונעם סינאָד איז געווען צו קאָאָרדינירן אַלע רעפאָרמאַטאָרישע התחלות.

צו דעם דאָזיקן סינאָד איז אויך אָנגעקומען קיין פינטשעוו דער פוילישער רעליגיעזער רעפאָרמאַטאָר יאַן לאַסקי. ער איז צוריקגעקומען פון זיין לאַנגן גלות אין לאָנדאָן, ווו ער איז באַשטימט געוואָרן ווי דער סופער־אינטענדענט פון אַלע

דאָרטיקע קירכן פאַר אויסלענדער. דער פּוילישער קעניג זיגמונט אויגוסט, וועלכער איז געווען זייער טאָלעראַנט און זיך באַצויגן מיט גרויס סימפּאַטיע צו די רעפאָר־מיסטן, כאָטש זיי זענען באַקעמפט געוואָרן דורך דער קאַטוילישער קירך, האָט לאַסקין אַמנעסטירט און אים דערלויבט צוריקצוקומען קיין פּוילן. אַ דאַנק אים איז דעמלט פּינטשעוו געוואָרן דער גייסטיקער צענטער פון פּוילן. (יאַן לאַסקי, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין פינטשעוו, איז דאָרט געשטאָרבן אין יאָר 1560).

אויפן סינאָד אין פּינטשעוו האָט מען שטאַרק דיסקוטירט וועגן דער „דאָגמע פון די הייליקע שריפטן”; צום סוף האָט מען אירע אָנהענגער דערקלערט פאַר הערעטיקער (אַפּיקורסים) און זיי אַריינגעלייגט אין חרם.

די באַרימטסטע פּוילישע געלערנטע פון עוואַנגעלישן גלויבן האָבן אין פּינטשעוו געשאַפן די ערשטע איינהייטלעכע תפילות און הימנען אין דער פּוילישער שפּראַך, בשעת פריער איז דאָס אַלץ געווען אין לאַטיין. אין פּינטשעוו האָט מען אויך צום ערשטן מאָל געמאַכט אַ קריטישע איבערזעצונג, אין פּויליש, פון תנ״ך און פון דער עוואַנגעליע, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דרוק, אין דער שטאָט בריסק (דערפאַר האָט מען עס טאַקע גערופן „די בריסקער ביבל”).

אין יאָר 1559 האָט מען פאַר די ניי־גלויביקע געעפנט אין פּינטשעוו די ערשטע שול. דאָס איז געווען די ערשטע שול אין פּוילן און איינע פון די ערשטע אין גאַנץ אייראָפּע. אין פּינטשעוו איז אויך פאַרלייגט געוואָרן אַ גרויסע דרוקעריי, וואָס מען האָט אַראָפּגעבראַכט פון לענטשיץ. אין דער פּינטשעווער דרוקעריי זענען געדרוקט געוואָרן די ערשטע פּוילישע פּראָפּאַגאַנדע־אויסגאַבעס קעגן די קאַטאָליקן און דעם קאַטוילישן גלויבן, ווי אויך אַנדערע ביכער און פּאַמפלעטן אין דער פּוילישער שפּראַך, כדי עס זאָל זיין פאַרשטענדלעך און קאָנען דערגיין אויך צום פּראָסטן פאָלק. ווייל ביז דעמלט איז אַלץ געדרוקט געוואָרן אין לאַטיין.

די דרוקעריי האָט זיך געפונען אין די הענט פון די קאַלוויניסטן נישט מער ווי צוויי יאָר; אין יאָר 1562 איז זי אַריבער צו די סאָציניאַנער, וועלכע האָבן זי אויפגעהאַלטן במשך פון צוואַנציק יאָר.

אין דער קורצער תקופה פון די רעפאָרמיסטן זענען אין פּינטשעוו ברייט געעפנט געוואָרן די טויערן פאַרן אויפוואַכנדיקן געדאַנק. פון דעמאָלט אָן שטאַמט אויך דאָס ווערטל „אין פּינטשעוו טאָגט שוין”, אין פּויליש: ”W Pinczowie dnieje“. מען האָט מיט דעם געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף קעגן דער מיטלאַלטערלעכער פינצטערניש און אַליינהערשאַפט פון דער קירך, וואָס האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם מינדסטן פּרווו פון פאָרגעשריטנקייט.

אין יאָר 1559 האָט זיך דער סינאָד, אין זיין מערהייט, אַרויסגעזאָגט פאַר

דער אַנטי־טריניטאַרער אידייע און אַזוי אַרום איז אין פינטשעוו אַנטשטאַנען דער באָדן פאַרן פוילישן אַריאַניזם, אָדער, ווי מען האָט עס גערופן — „די פוילישע ברידערשאַפט”. די אַריאַנער האָבן צוגעטראָגן אַ גרויסן ביישטייער צו דער פוי־לישער קולטור אין דער תקופה פון פוילישן רענעסאַנס.

אַדאַנק די סינאָדן און אָפט גרויסע צוזאַמענפאַרן, זענען געקומען קיין פינטשעוו פיל אויסלענדער, בפרט איטאַליענער. די עקזיסטענץ פון דער שול און דרוקעריי האָט מיטגעווירקט צו דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט פינטשעוו. עס זענען דאָרט אויפגעבויט געוואָרן מערערע בנינים אין רענעסאַנס־סטיל, אַ פּרעכטיקער שלאָס מיט אַן אָריגינעלן טורעם, אַן איינדרוקספולער פאָנטאַן, וואָס מען האָט אויפגע־שטעלט אין פאַרק; מען האָט אויך צוגעשטעלט דער שטאָט ריין, געזונט וואַסער צו טרינקען, עס איז געטאָן געוואָרן אַלץ צו פאַרשענערן די שטאָט און פאַרבעסערן דאָס לעבן פון די איינוווינער.

נאָכן טויט פון מיקאָלײַ אָלעשניצקי (בעת דער ממשלה פון קעניג סטעפאַן באַטאָרי), וועלכער האָט פאַרן טויט אָנגענומען דעם קאַלוויניסטישן גלויבן, האָט



פינצ׳ב והסביבה במפה עתיקה של פולין

פינטשעוו און די אומגעגנט אויף אַן אַלטער פוילישער מאַפע


דער קאַטוילישער ביסקופּ פון קראָקע, פּיאָטר מישקאָווסקי, איבערגענומען, אין יאָר 1586, פּינטשעוו אין זיין באַזיץ. דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געטאָן, איז געווען צו פאַרטרייבן פון פּינטשעוו די עוואַנגעליקער, ער האָט פאַרמאַכט זייער שול, ליקווידירט די גרויסע ביבליאָטעק און די ווערטפולע אַרכיוון; אַזוי אַרום — האָט ער מיט איין מאָל פאַרניכטעט דעם גאַנצן פּראָגרעס, וואָס איז געווען אין פּינטשעוו. פּיאָטר מישקאָווסקי האָט צוריק איינגעפירט די קאַטוילישע רעליגיע און געשטעלט די קירך און די שטאָט אין רשות פון די פּאַולינער, ד.ה. פון די קאַטוילישע גלחים. פּינטשעוו, וואָס האָט ביז דעמלט פאַרנומען אין פּוילן דעם אויבן־אָן אין דער געשיכטע פון די עוואַנגעליקער, האָט אויפגעהערט צו זיין דער צענטער פון פּוילישן פּראָטעסטאַנטיזם.

נאָכן טויט פון פּיאָטר מישקאָווסקי, (אין יאָר 1591) איז פּינטשעוו איבער־געגאַנגען צו זיין זון זיגמונט מישקאָווסקי, וועלכער האָט אויסגעברייטערט, פאַנאַנדערגעבויט און פאַרשענערט פּינטשעוו. ער האָט, צווישן אַנדערן, אויפגע־שטעלט אַ גרויסן קלויסטער און אַן אייגנאַרטיקע און פּרעכטיקע באָד־אַנשטאַלט — איינע פון די זעלטנסטע און רייכסטע אין גאַנץ פּוילן. די באָד איז געווען אַ שעדעוור פון אַרכיטעקטאָנישער און סקולפּטור־קונסט. זיגמונט מישקאָווסקי האָט פאַר־שטאַרקט די פאַרטיידיקונג־מעגלעכקייטן פון דער שטאָט און זי אַרומגערינגלט מיט הויכע, פעסט־געבויטע, שטיינערנע שוץ־מויערן.

אין יאָר 1612 האָט זיגמונט מישקאָווסקי אַרויסבאַקומען פון קעניג זיגמונט דעם דריטן (זיגמונט וואַזאַ, וועלכער איז אויך געווען שוועדישער טראָנפאָלגער) אַ ריי פּריווילעגיעס פאַר זיך, און ווי אַ פועל־יוצא דערפון זענען דער שטאָט פּינטשעוו צוגעטיילט געוואָרן די „מאַגדעבורגער געזעצן״, אָדער "Jus Teutonicum" וואָס איז אין דרייצנטן יאָרהונדערט באַשטימט געוואָרן דורכן העכסטן געריכט אין מאַגדעבורג (זאַקסן) און איז איינגעפירט געוואָרן אין געוויסע טיילן פון דייטש־לאַנד, בעמען, אונגאַרן און קודם כל — אין פּוילן. איינע פון די הויפּט־דערגריי־כונגען פון די דאָזיקע געזעצן איז געווען דאָס אײַנפירן פון אַדמיניסטראַטיווער און יורידישער אומאָפּהענגיקייט פון די מוניציפּאַליטעטן. אַזוי אַרום האָט פּינטשעוו געהאַט די מעגלעכקייט אויסצוברייטערן דעם האַנדל, איינאָרדנען ביי זיך אין שטאָט יאַרידן, אַריינפירן און אַרויספירן אומגעשטערט סחורות פון און קיין אויסלאַנד, גרינדן צעכן א.אַ.וו.

זיגמונט מישקאָווסקי האָט פון דער אַנדערער זייט שטאָטישער מויער, אויפ־געשטעלט אַ ניי שטעטל, וואָס ער האָט אָנגערופן מיראָוו, און אויף דער „סקאַלע״, וואָס האָט געהאַלטן 40 מעטער, האָט ער אויפגעבויט פאַר זיך אַ רחבותדיקן

Panorama Pińczowa (wg Puffendorfa)



מראה של פינצ׳ב לפי ציור משנת 1657 — אַ בילד פון פינטשעוו לויט אַ צייכענונג פון יאָר 1657

זעקסשטאָקיקן שלאָס. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז מיראָוו פאַראייניקט געוואָרן מיט פינטשעוו און אַזוי־אַרום געשאַפן איין שטאָט.

בעת דער שוועדישער אינוואַזיע אויף פּוילן, אין יאָר 1655, ווען עס איז אויך פאַרנומען געוואָרן קליין־פּוילן, צו וועלכן פינטשעוו האָט דעמלט געהערט, איז דער שוועדישער קעניג קאַרל גוסטאַוו אַזוי באַגייסטערט געוואָרן מיט דעם זעלטן־שיינעם פינטשעווער שלאָס, אַז ער האָט זיך דאָרט אויפגעהאַלטן אַ פּאָר וואָכן צייט. נאָכן פאַרלאָזן דעם שלאָס, האָט ער אין אים איבערגעלאָזט אַן אַרמיי־אָפּטיילונג פון 500 מאַן, בראש מיטן גענעראַל מיקאָליי גנאַינסקי — אַ פּוילישער פאַרעטער. זיי האָבן געדאַרפט באַשיצן פינטשעוו קעגן פּוילישן מיליטער, בראש פון וועלכן עס איז געשטאַנען גענעראַל הענריק טשאַרנעצקי. נאָך גרויסע קאַמפן האָט מען טאַקע דעם פּוילישן גענעראַל מיט זיין אַרמיי אָפּגעטריבן פון פינטשעוו. ערשט אין יאָר 1657 איז דעם פּוילישן קעניג יאַן קאַזשימיעזש, געלונגען, אַדאַנק דער הילף פונעם עסטרייכישן מיליטער, צו באַפרייען פינטשעוו און צו פאַרטרייבן פון דאָרט די שוועדן.

אויך בעת דער צווייטער שוועדיש־פּוילישער מלחמה, אין יאָר 1702, האָט דער שוועדישער קעניג קאַרל דער צוועלפטער, נאָך דער שלאַכט ביי קליסאָוו, פאַרלייגט זיין הויפּט־קוואַרטיר נישט אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט, אויפן וואַוועל (קראָקע), נאָר אין פינטשעוו. דאָרט האָט ער אויך צונויפגעזאַמלט אַלע מלחמה טראָפייען, וואָס די שוועדן האָבן דעראָבערט בעת די קאַמפן.

אין יאָר 1720 איז אין פינטשעוו דערעפנט געוואָרן די ערשטע קונסט־שול, וואָס איז געשטאַנען אונטערן פאַטראָנאַט פון דער קראָקעווער אַקאַדעמיע.

דער גלאַנץ־פּעריאָד פון פינטשעוו האָט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן אין יאָר 1727. אין דעם יאָר איז געשטאָרבן יוזעף וולאַדיסלאַוו, דער לעצטער יורש פון דער ברייט־פאַרצווייגטער מישקאָווסקי־דינאַסטיע, און די פינטשעווער אָרדינאַציע איז אַריבער צו דער משפּחה פון גראַף וויעלאָפּאָלסקי. זיי האָבן איבערגענומען נישט בלויז דאָס גרויסע פאַרמעגן פון די מישקאָווסקיס, נאָר אויך אַלע זייערע קעניגלעכע פּריווילעגיעס, ווי אויך זייער טיטל־ און יחוס־נאָמען „מאַרקגראַף פון גאָנזאַג״, וועלכן זיגמונט מישקאָווסקי האָט זיך דערוואָרבן זייענדיק אין איטאַליע (דערפאַר האָט מען אים טאַקע גערופן „דער איטאַליענער״).

ביזן 17־טן יאָרהונדערט האָט פינטשעוו געהערט צו קליין־פּוילן און איז געוואָרן אַ טייל פון קראָקעווער־צויזמערער וואָיעוואָדשאַפט.

ווען פּוילן איז אין די יאָרן 1772, 1793 און 1795 צעטיילט געוואָרן אין דריי טיילן צווישן פּרייסן, עסטרייך און רוסלאַנד, איז פינטשעוו אַריבערגעגאַנגען צו

עסטרייך, שפּעטער צוריק צום אַזוי־גערופענעם פּוילישן „קאָנגרעס־קעניגרייך״ און לסוף צו רוסלאַנד.

אונטערן דרוק פון רוסלאַנד, איז אין יאָר 1775 אַוועקגעזעצט געוואָרן אויפן פּוילישן טראָן סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי, אגב — דער לעצטער קעניג פון פּוילן. ער האָט צוגעטיילט די וויעלאָפּאָלסקיס ברייטערע רעכט און אויך אַרויסגעגעבן אַ פּריווילעגיע אויסצובריייטערן אין פּינטשעוו די יאַרידן.

אין יאָר 1807 איז פּינטשעוו צוגעטיילט געוואָרן צום געשאַפענעם „וואַרשעווער פירשטנטום״ („Księstwo Warszawskie״), איבער וועלכן עס האָט געהערשט דער זאַקסישער קעניג פרידריך אויגוסט.

נאָך דער מפּלה פון נאַפּאָלעאָנען, וועלכער האָט, בעת זיין „מאַרש אויף רוס־לאַנד״, צונויפגעשטיקעוועט דאָס „וואַרשעווער פירשטנטום״, איז פּוילן ווידער צעריסן געוואָרן. לויטן שלום־אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אין יאָר 1815, אויפן קאָנגרעס אין ווין, איז פּינטשעוו שוין צום לעצטן מאָל אַריבער צו רוסלאַנד, בלייבנדיק איינגעשלאָסן אין דער צאַרישער אימפּעריע ביז דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914).

דער צאַר אַלעקסאַנדער דער ערשטער, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט איבער רוסלאַנד, האָט פון דעם, אויפן ווינער קאָנגרעס, אים צוגעטיילטן טייל פון פּוילן געשאַפן דאָס אַזוי גערופענע קעניגרייך פּוילן, אָדער ווי מען האָט עס גערופן „קאָנגרעס־פּוילן״ („קאָנגרעסוווקע״), לויט דעם נאָמען פון קאָנגרעס אין ווין.

חוץ דעם שטח, וואָס האָט אַרומגענומען די פריערדיקע טעריטאָריע פון „וואַרשעווער פירשטנטום״, זענען צו קאָנגרעס־פּוילן צוגעקומען טעריטאָריעס פון אַ טייל פון מערב־גאַליציע און פון קראָקעווער ראַיאָן. די נייע פּוילישע מדינה איז אַזוי אַרום באַשטאַנען פון פיר ראַיאָנען: לובלינער, קראָקעווער, ראַדאָמער און שעדלעצער.

פּינטשעוו האָט דעמלט געהערט צום סטאָפּניצער פּאָוויאַט און ראַדאָמער וואָיעוואָדשאַפט.

אין דער צייט פונעם פיר־יאָריקן סיים (1788—1792) איז דער פינאַנציעלער מצב פון פּינטשעוו געוואָרן ממש קאַטאַסטראָפאַל. די גאַנצע שולד האָט מען, ווי דער שטייגער איז אין אַזעלכע פאַלן, אַרויפגעוואָרפן אויף די יידן אין פּינטשעוו. די כראָניקעס פון יענער צייט שרייבן וועגן דעם, אַז אין שטאָט האָבן אויפגעהערט צו קומען פרעמדע סוחרים, צוליב „די ענגע און שלעכט־געבויטע יידישע הייזער, וואָס זענען געוואָרן אַ קוואַל פון שמוץ און אָרעמקייט״ און אַז „בעת די רעגן־וועטערס איז צוליב די טיפע בלאָטעס שווער דאָרט דורכצוגיין״.

אין יאָר 1846 איז אין פינטשעוו פאָרגעקומען אַ גרויסע שׂריפה, וואָס האָט פאַרשאַפט דער שטאָט שווערע שאָדנס.

אין יאָר 1880 האָט די מאַרקגרעפין וויעלאָפּאָלסקאַ פאַנאַדערגענומען דעם זעלטענעם שלאָס אויפן באַרג און אָנשטאָט אים אַוועקגעשטעלט, אין אונטערשטן טייל פון שטאָט, אַ נייעם פּאַלאַץ.

✶

אָנהויבנדיק פונעם 16־טן יאָרהונדערט האָט זיך אין פינטשעוו גענומען אַנטוויקלען די אינדוסטריע פון שטיינהאַקעריי און קאַלך־גרובנס, — דאָס האָט מיטגעהאָלפן דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט; מיט דער צייט איז פינטשעוו געוואָרן אַ צענטער פון האַנדל און פון דער בוי־אינדוסטריע — איינע פון די וויכטיקסטע אין פוילן. דעמלט איז, צווישן אַנדערן, אויך געשאַפן געוואָרן דער באַרימטער וואַרשטאַט פון שניצעריי און אַרכיטעקטאָנישער קונסט פון סאַנטאַ גוצצי. אין דעם דאָזיקן קונסט־וואַרשטאַט האָבן געאַרבעט באַרימטע מאָלער־קינסטלער, שניצערס און גאָלדשמידן.

אין 19־טן יאָרהונדערט איז אין פינטשעוו אַנטשטאַנען אַ גרויסע ביינוול־אינדוסטריע. עס איז דאָרט אין יענער צייט געווען אַ גרויסע פאַבריק פון שטאָפן און פון וואָלענע אויסאַרבעטונגען, ווי אויך אַן עסיק־פאַבריק.

פון די זעענסווערדיקייטן אין פינטשעוו איז כדאי צו דערמאָנען די קירך מיט די גאָטישע פראַגמענטן פון 15־טן יאָרהונדערט, דעם אַמאָליקן קלויסטער פון די פּאַולינער (פראַגמענטן פון 15־טן און 17־טן יאָרהונדערט), די קירך פון די רעפאָרמאַטאָרן (17־טער יאָרהונדערט), די קאַפּליצע און דער וואַרשטאַט פון סאַנטאַ גוצצי, פראַגמענטן פונעם שלאָס פון 15־טן און פון 18־טן יאָרהונדערט, פון גאָרטן־שלאָס־טורעם (סוף 17־טער יאָרהונדערט), דער באַראָק־פּאַרק און דאָס הויז פון מיראָוו (פון 16־טן און 17־טן יאָרהונדערט), חורבות פון הייזער, אָנהויבנדיק פון 16־טן יאָרהונדערט, און קודם כל — די זעלטענע רענעסאַנס־שיל, וועגן וועלכער מיר שרייבן באַזונדער.

לויט דער ציילונג האָט פינטשעוו פאַרמאָגט אין 18־טן און 19־טן יאָרהונדערט אַן אַלגעמיינע באַפעלקערונג מיט פאָלגנדיקער צאָל נפשות:

יאָר	נפשות
1787	3105
1827	4238
1857	4213
1862	4669
1879	6193
1897	8199

נאָך דער אַנטשטייונג פון דער אומאָפּהענגיקער פּוילישער מלוכה, אין יאָר 1918, איז פּינטשעוו געוואָרן אַ פּאָוויאַטאָווע שטאָט, ווי אַ טייל פון דער קעלצער וואָיעוואָדשאַפט. דער פּינטשעווער פּאָוויאַט האָט אַרומגענומען 569 קוואַדראַט קילאָמעטער. פּינטשעוו האָט געהאַט אַ שטאָטישע גימנאַזיע, אַ פּרויען־מאָנאַסטיר און אַ קלויסטער. לויט דער ציילונג פון יאָר 1921 האָט די שטאָט פּינטשעוו געהאַט אַ באַפעלקערונג פון 7749 נפשות. דער גאַנצער פּאָוויאַט — 120 טויזנט איינוווינער.

בעתן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז פּינטשעוו אָקופּירט געוואָרן דורך היטלערס אַרמיי דעם 5־טן סעפּטעמבער 1939. דעם 7־טן סעפּטעמבער ביינאַכט, האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן די שטאָט.

אין יאָר 1944 איז פּינטשעוו באַפרייט געוואָרן פון דער דייטשישער אָקופּאַציע.

די יידן אין פּינטשעוו

כאָטש עס פעלן די אַרכיוויאַלע באַזע און דאָקומענטאַרישע עדי־ראיה, כדי צו סומירן דעם געשיכטלעכן גאַנג פון די יידן אין פּינטשעוו, קאָן מען, אויפן סמך פון די פאַראַנענע פּנקסים, פון אָפּגעראַטעוועטע דאָקומענטן און סימנים פון איבער־געבליבענע אַלטערטימלעכקייטן, קומען צום אויספיר, אַז פּינטשעוו געהערט צו די גאָר אַלטע יידישע קהילות אין פּוילן.

די ערשטע יידן זענען געקומען קיין פּוילן אין מיטלאַלטער דורך צוויי וועגן: פון דער מזרח־זייט — פון אוקראַינע (קיעוו און אַנדערע שטעט), און פון דער מערב־זייט, — פון דייטשלאַנד און בעמען. ביים סוף פון דרייצנטן יאָרהונדערט האָט זיך די מזרח־אימיגראַציע אָפּגעשטעלט און עס האָט זיך אָנגעהויבן די מערבדיקע מאַסן־אימיגראַציע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַן ערך זעקס הונדערט יאָר. די דאָזיקע אימיגראַציע קאָן מען איינטיילן אין דריי עפּאָכעס: א) פון די פריסטע צייטן אָן ביז די קרייץ־צוגן; ב) אין דער צייט פון די קרייץ־צוגן; און ג) נאָך די

קרייך־צוגן — אַ מאַסן־אימיגראַציע איז אָנגעגאַנגען ביז צום אַכצנטן יאָרהונדערט, ווען מען האָט פאַרטריבן די יידן פון ווין.

די לעצטע אימיגראַציע־עפּאָכע איז געווען די שטאַרקסטע, וואָרעם זי האָט איבערגעפלאַנצט קיין פוילן גאַנצע יידישע קהילות. עס איז אָנצונעמען, אַז די ערשטע יידן אין פינטשעוו שטאַמען פון דער מערב־אימיגראַציע, פון די טשעכישע, מערישע און בעמישע געביטן, וואָס זענען געלעגן אַמנאָענטסטן צו פינטשעוו.

די ערשטע ידיעות וועגן די יידן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין פינטשעוו, וועגן דער השפעה וואָס זיי האָבן געהאַט אויף דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט, וועגן זייערע רעכטלעכע, רעליגיעזע און ווירטשאַפטלעכע תנאים, וואָס האָבן באַווירקט דעם פינטשעווער קהל ביז צום איבערגאַנג צו אַן אייגענעם לעבנס־נוסח און לעבנס־שטייגער, שטאַמען ערשט פון 16־טן יאָרהונדערט.

בעת די פאַרשידענע גלגולים, אַלערליי פורעניות, שׂריפות און אויפטרייס־לונגען, זענען כמעט אַלע קהילהשע דאָקומענטן און ספרים פאַרניכטעט געוואָרן. די געציילטע מאַטעריאַלן, וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט, און געהערן צו די עלטסטע, שטאַמען פון זעכצנטן יאָרהונדערט.

צווישן די פאַרבליבענע אַלטערטימלעכקייטן פון דער קהילה פינטשעוו פאַרדינט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט אַן אַלטער סידור, וואָס איז באַשטאַנען פון 31 זייטלעך, אין פאָרם פון 4° און איז געשריבן געוואָרן מיט דער האַנט, אויף פאַרמעט. אויף דעם דאָזיקן סידור געפינט זיך, אויף דער 29־טער זייט, די דאַטע כ״ד טבת ה׳שע״ד, ד.ה. — חודש יאַנואַר 1614. ס׳איז געווען אָנגעגעבן, אַז דעם סידור האָט געשריבן אליהו בן שמואל גרונם. עס זענען אויך געפונען געוואָרן באַשריבענע צוגאָב־בלעטלעך פון שפּעטערדיקע יאָרן, ווי, למשל, פון יאָר 1636 און 1637, ווי אויך פונעם יאָר 1648. אין די דאָזיקע צוגאָב־שריפטן ווערט דערציילט וועגן די קדושים וואָס זענען אומגעקומען צוליב פאַלשע בלבולים אין לענטשיץ (1636), אין קראָקע (1637), און אין אַנדערע קהילות, און אויך וועגן די מאַסן־קרבנות פון יידן אין די פערציקער און פופציקער יאָרן פון 17־טן יאָרהונדערט.

דער סידור איז פאַרענדיקט געוואָרן דורך אַ סופר סת״ם. די צוגעשריבענע בלעטלעך זענען אַריינגענייט געוואָרן אין דעם אָפּגעפונענעם סידור.

דאָך איז דאָס זעכצנטע און די ערשטע העלפט פונעם 17־טן יאָרהונדערט געווען פאַרעכנט צו די גליקלעכסטע תקופות אין דער געשיכטע פון פוילן און אירע יידן, און ממילא אויך פאַר די יידן פון פינטשעוו. דאָס איז געווען אַ צייט פון אויפבלי און רענעסאַנס, אַ צייט פון ליבעראַלע פּאָליטישע רעפאָרמען. דער הומאַניזם האָט אויפגעוועקט דעם גייסט פון טאָלעראַנץ און ליבע צו מענטשן,

אָן אונטערשיד פון רעליגיע. עס איז אַביסל אָפּגעטעמפּט געוואָרן דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם, וואָס איז דורך דער קאַטוילישער קירך איינגעפּלאַנצט געוואָרן במשך פון לאַנגע דורות.

דער קעניג קאַזשימיעזש יאַגעלאָנסקי איז פּאַקטיש געווען דער ערשטער צווישן די פּוילישע הערשער, וואָס האָבן באַגרענעצט די מאַכט און השפּעה פונעם קלער און פון די פּריצים. דער הומאַניזם האָט זיך אָבער אַנגענומען בלויז אין די קרייזן פון דער העכערער געזעלשאַפט. אויפן פאָן פון דעם דאָזיקן גראַנגל צווישן דער אונטערגייענדיקער מיטלאַלטערלעכער תקופה און דעם אויפגייענדיקן רענעסאַנס, האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען די פּאָקטישע געשיכטע פונעם פּוילישן יידנטום.

די נייע הומאַניסטישע אידייעס, וואָס זענען אַריינגעדרונגען קיין פּוילן, האָבן אויך באַווירקט די סביבה פונעם פּוילישן יידנטום, בפרט פון די יידן אין קליין־פּוילן, צו וועלכן פּינטשעוו האָט געהערט. די דאָזיקע אידייעס האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך די טשעכישע יידן, וועלכע פלעגן קומען קיין פּוילן, און זענען געשטאַנען אין ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע באַציאונגען מיט די פּוילישע יידן.

די דאָזיקע צייט איז געווען די תקופה פון דער אַנטוויקלונג פונעם אינערלעכן לעבן פון דער כנסת־ישׂראל אין פּוילן. ווי דער בולטסטער אויסדרוק פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג דאַרף פאַרצייכנט ווערן דער „ועד ארבע ארצות" — די העכסטע אינסטאַנץ פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין פּוילן, וואָס איז אַנטשטאַנען אין דער צווייטער העלפט פונעם 16־טן יאָרהונדערט.

אין יענער תקופה פלעגט אָפט פּאָרקומען אַן אויסטויש פון רבנים צווישן טשעכיע און פּוילן. איינע פון די אינטערעסאַנטסטע געשטאַלטן וואָס האָבן פאַרבונדן די פאָרגעשריטענע יידישע קרייזן אין טשעכיע מיט די יידן אין פּוילן, אין אָנהויב פון 15־טן יאָרהונדערט, איז געווען דער גרויסער געלערנטער און פרייגייסט, דער פּיאָנער פון הומאַניסטישן געדאַנק ביי די יידן אין טשעכיע און פּוילן — ר' יום טוב ליפּמאַן, פון מילהויזן. ער האָט געשטאַמט פון טשעכיע און איז געווען אַ מיטגליד פון הויכן בית־דין, צוזאַמען מיטן רבי אביגדור קאַראָ און דעם רב מנחם בן יעקב שלום.

קיין פּוילן איז יום־טוב ליפּמאַן געקומען בעת די הוסיסטישע געשעענישן און האָט געלעבט אין קראָקע, אין אָנהויב פון 15־טן יאָרהונדערט. ער איז געשטאַנען אויף דער זייט פון דעם ראַדיקאַלן הוסיסטישן פליגל און האָט זיך באַטייליקט אין די דיסקוסיעס קעגן די קאַטוילישע און מעסיק־הוסיסטישע אידעאָלאָגן.

צו קליין־פּוילן האָט פּינטשעוו געהערט ביזן סוף פונעם 16־טן יאָרהונדערט און איז געווען אָנגעשלאָסן צום קראָקעווער־צויזמערער ראַיאָן. שפּעטער — צום

צויזמערער פּאָוויאַט. האָט טאַקע פון אָנהויב צויזמער געשפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָל אינעם יידישן לעבן, אָבער מיט דער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצורוקן אויפן פאָדערגרונט יישובים, פון די אַנדערע זעקס ראַיאָנען פון קליין־פּוילן, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען די שטאָט פּינטשעוו. יעדער יישוב, וואָס האָט געהערט צו די זעקס ראַיאָנען, האָט געשטרעבט צו באַהערשן די איבעריקע יידישע קהילות, איינצוברעכן די אויבערהערשאַפט פון קראָקע און אַליין איבערצונעמען די אָנפירערשאַפט איבערן גאַנצן קליין־פּוילישן יידנטום.

דער מאַרקגראַף זיגמונט מישקאָווסקי, וואָס האָט זיך באַצויגן צו די פּינטשעווער יידן גאַנץ ליבעראַל, האָט ביים קעניג יוזעף וולאַדיסלאַוו דעם פערטן אויסגעפועלט פאַר זיי אַ פּריווילעגיע (דעם 13־טן מאַי 1636), וואָס האָט דערלויבט דער דאָרטיקער יידישער קהילה צו רעסטאַווירן די פּינטשעווער שיל און אַוועקשטעלן נעבן איר אַ נייע שיל — אַ הילצערנעם בנין. די קעניגלעכע פּריווילעגיע איז געשריבן געוואָרן אויף פּאַרמעט און האָט אויף זיך דעם סטעמפּל (דעם הערב) פונעם מאַרק־גראַף מישקאָווסקי. פון דעם קאָן מען אַרויסדרינגען, אַז די פּינטשעווער יידישע קהילה איז שוין געווען אַזוי גרויס, אַז די אַלטע געמויערטע רענעסאַנס־שיל האָט מער נישט געקאָנט אַריינעמען אַלע יידן, וועלכע האָבן געוווינט אין פּינטשעוו, און מען איז געווען געצוווּנגען אויפצושטעלן נאָך אַ צוגאָב־שיל. די שיל אין פּינטשעוו איז נישט בלויז געווען אַ בית־תפילה, נאָר אויך אַן אכסניה של תורה.

וועגן דער אַלטערטימלעכקייט פון דער יידישער קהילה אין פּינטשעוו זאָגט עדות דער נישט־באַשטרייטבאַרער פאַקט, וואָס אין דער שיל האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַרום הונדערט ספר־תורהס, וואָס זענען, צוליב זייער אַלטקייט, געווען אַזוי צעפאַלן, אַז מען האָט זיי שוין מער נישט געקאָנט באַנוצן. אַזוי ווי אַ ספר־תורה, געשריבן אויף פּאַרמעט, קאָן באַנוצט ווערן אין משך פון אַ סך יאָרן, מוז מען קומען צו דער מסקנא, אַז עס האָט געמוזט דויערן נישט איין יאָרהונדערט צונויפצוזאַמלען אַזוי פיל פּסולע ספר־תורהס.

בעת דער שוועדישער אינוואַזיע אויף פּוילן (1656), ווען יידן האָבן דאָרטן געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות מצד דער פּוילישער אַרמיי, בפרט פון דעם שׂונא ישראל גענעראַל סטעפאַן טשאַרנעצקי, האָט די פּינטשעווער יידישע קהילה כמעט גאָרנישט געליטן.

טשאַרנעצקי האָט געהעצט די פּוילישע אַרמיי און די ציוויל־באַפעלקערונג קעגן די יידן. ער האָט דעם גאַנצן צאָרן פון פּוילנס מפּלה אויסגעלאָזט אויף די יידן, באַשולדיקנדיק זיי אין פאַראַט, אין שפּיאָנאַזש, אין אָנהאַלטן געהיימע באַציאונגען מיט די שוועדן. ער איז זיך באַגאַנגען מיט די יידן אכזריותדיק. אים צו הילף

איז געקומען דער טשענסטאָכאָווער גלח און שׂונא־ישׂראל קאָרדעצקי. פון דעם שוועדישן צד האָבן די יידן אויך געהאַט אויסצושטיין צרות, אָבער אין נישט קיין גרעסערער מאָס, ווי די פּאָלאַקן גופא.

גענעראַל טשאַרנעצקי איז, נאָכן חורבן וואָס ער האָט מיט דער הילף פון גלח קאָרדעצקי אָנגעמאַכט אין גרויס־פּוילן, דערגאַנגען ביז קראָקע, פון וואַנען ער איז אַוועק קיין פּשעמישל, מיעלעץ און טאַרנאָוו, ווו ער האָט אויסגעשאָכטן כמעט אַלע יידן. פון דאָרט איז ער מיט זיין אַרמיי אַוועק קיין אַפּט, פון וואַנען די יידן איז געלונגען צו אַנטלויפן קיין פּינטשעוו. דערנאָך איז טשאַרנעצקי אַוועק קיין וואָידיסלאַוו, אָבער די יידן פון וואָידיסלאַוו האָבן אויך באַוויזן צו אַנטלויפן קיין פּינטשעוו. דאַן האָט זיך טשאַרנעצקי פאַרנומען מיט זיין אַרמיי אויף פּינטשעוו, כדי זיך דאָרט אָפּצורעכענען מיט דער פּינטשעווער יידישער קהילה און מיט אַלע יידן, וועלכע האָבן זיך דאָרט געראַטעוועט. אָבער דער אייגנטימער פון פּינטשעוו, מאַרקגראַף מישקאָווסקי, האָט גענומען אונטער זיין שוץ אַלע יידן פון פּינטשעוו, צוזאַמען מיט די אָנגעלאָפענע יידישע פּליטים פון די פּאָגראָמירטע שטעט און שטעטלעך; מישקאָווסקי האָט אין פּינטשעוו נישט דערלאָזט צו קיין שחיטה. טשאַרנעצקי איז געווען געצוווּנגען זיך צוריקצוקערן פון פּינטשעוו און זיך געלאָזט אויף ראַקאָוו. צום גליק האָבן אויך די ראַקאָווער יידן באַוויזן צו אַנטלויפן קיין פּינטשעוו. אַזוי אַרום האָבן זיך אין פּינטשעוו אָנגעזאַמלט ביי טויזנט יידישע פּליטים, וועלכע האָבן זיך דאָרט געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

דאָס איז געווען אַ צייט נישט בלויז פון זאָאָלאָגישער יידן־שׂנאה, פון גזירות, נגישות און שחיטות, נאָר אויך פון עפנטלעכע אינקוויזיציע־אַקטן, לויטן מוסטער פון שפּאַנישן טאָרקוועמאַדאָ. אין 17־טן און אין 18־טן יאָרהונדערט האָבן זיך געהאַלטן אין איין מערן די עלילת־דם־פּראָצעסן. מען האָט די יידישע קהילות געצוווּנגען צו פאַרפאַסן אַן „אל מלא רחמים״, אין וועלכן מען האָט געדאַרפט איבערגעבן דעם פאַרלויף פונעם אינקוויזיציע־משפּט. פון די דאָזיקע „אל מלא רחמימס״ האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן גרויסן עלילת־דם־פּראָצעס אין צויזמער, וואָס האָט זיך געצויגן גאַנצע 12 יאָר (פון תנ״ח ביז ת״ע, 1698—1710) און אין רעזולטאַט זענען דאָרט פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט אַכט יידן.

אפילו נאָך אין תקי״ט (יאָר 1759) האָט מען אין שכנותדיקן סטאָפּניץ, צוליב אַ בלוט־בלבול אָפּגעהאַקט די קעפּ ביי פיר יידן.

ביי די קריסטן איז אין יענער צייט געווען אַ מאַסן־פּסיכאָז פון יידן־שׂנאה, וואָס האָט געבראַכט עלילת־דם־פּראָצעסן.

אין פּינטשעווער שיל האָט מען ביי יעדער הזכרת־נשמות געמאַכט אַ גאַנץ

באַזונדערן „אל מלא רחמים״ פאַר דער נשמה פון דעם יידישן כירורג מרדכי בן מאיר, וואָס איז אָנגעקלאָגט געוואָרן דורך אַ גלח, אַז ער האָט אים אָפּגעצאַפּט צופיל בלוט, כדי עס צו באַנוצן „פאַר ריטועלע צוועקן״. פון דעם פינטשעווער „אל מלא רחמים״ איז געדרונגען, אַז דער כירורג, וועלכן מען האָט אין שצ״ו (1636) פאַרמשפּט צום טויט אין אַ בלוט־פּראָצעס אין לובלין, האָט געהאַט אַ שייכות מיט פינטשעוו, אָדער אַליין געשטאַמט פון פינטשעוו.

כאָטש דער פּויפּסט קלעמענס דער דרייצנטער האָט באַפוילן זיינע פאַרטרעטערס אין פוילן צו באַקעמפן די פאַלשע באַשולדיקונגען קעגן יידן, האָט עס גאָרנישט געהאָלפן. אויך דער קעניג אויגוסט דער דריטער האָט אין תקכ״ג (1763) באַשטעטיקט די פאַראָרדענונגען פון די פריערדיקע מושלים, מען זאָל שיצן די יידן פון די בלוט־בלבולים, אָבער מען האָט זיך אויך מיט דעם נישט גערעכנט. די גלחים האָבן אַזוי דערצויגן דאָס פוילישע פאָלק, אַזוי געהעצט קעגן יידן, אַז אַלע קלאַסן, אָנהויבנדיק פון די געבילדעטע און ענדיקנדיק מיט די צוריקגעשטאַנענע מאַסן־מענטשן, האָבן געגלויבט אין עלילת־דם בלבולים קעגן יידן.

די אָנזעעוודיקע ראָל, וואָס די קהילה פינטשעוו האָט געשפּילט אין אַלגעמיינעם יידישן לעבן אין פוילן, די חשיבות פון דער קהילה, וואָס האָט זיך אַזוי פּראָמינענט אויסגעשיילט אין 16־טן און אין 17־טן יאָרהונדערט, ווי אַ טראַדיציאָנעלע פרומע שטאָט מיט אַ בולטער רעליגיעזער טראַדיציע, איז אין אַ גרויסער מאָס פאַרבונדן מיט דער זעלטענער און אפשר איינציקאַרטיקער שיל, וואָס איז געשטאַנען אין שטאָט. עס איז דעריבער כדאי זיך ברייטער אָפּצושטעלן אויף דער דאָזיקער שיל.

אין שמ״ט (יאָר 1589) האָבן זיך די פאָרשטייערס פון קאַטוילישן קלער באַקלאָגט אין סינאָד, וואָס איז דעמלט פאָרגעקומען אין גנעזן, אַז די יידן האָבן אין די פוילישע שטעט זיך אויפגעבויט נייע שטיינערנע שילן, וואָס זענען גרעסער און שענער פון די קאַטוילישע קירכעס. דער סינאָד האָט דעריבער געבעטן דעם קעניג ער זאָל ווידער אַרויסגעבן אַ באַפעל און שטרענג פאַרבאָטן „די יידישע כופרים צו בויען אַזעלכע מאָנומענטאַלע שיל־בנינים, נאָר באַשיידענע און פשוטע״.

דאָס האָבן די גלחים אויפגעהויבן דעם טומל אַרום די שילן, צוליב דעם אויפבוי פון די צוויי פּרעכטיקע בתי־כנסת אין קעלצער געגנט: אין פינטשעוו און אין שידלאָוו.

די איינציקאַרטיקע פינטשעווער שיל, אין רענעסאַנס־סטיל, איז אויפגעבויט געוואָרן אין די אַכציקער יאָרן פון 16־טן יאָרהונדערט אין דער פאָרשטאָט פון מיראָוו. די שיל האָט געהערט צו די שענסטע — אויב זי איז נישט געווען טאַקע די סאַמע שענסטע שיל אין פוילן. דורך אַ פּריווילעגיע וואָס די אָרטיקע יידן

האָבן באַקומען פון מאַרקגראַף יוזעף וולאַדיסלאַוו מישקאָווסקי אין שצ״ו (13־טער מאַי 1636) איז די שיל דעמלט רעסטאַווירט געוואָרן. דאָס באַווייזט אַז די שיל איז שוין געשטאַנען דאָרט לאַנגע יאָרן פריער, וואָס עס פאַלט טאַקע צונויף מיט דער צייט פון דעם גלחים־פּראָטעסט. דער מאַרקגראַף מישקאָווסקי האָט אויך דערלויבט אַוועקצושטעלן נעבן דער אַלטער געמויערטער שיל אַ נייעם בית־תפילה, אָבער שוין אין אַ הילצערנעם בנין.

דער צוויי־שטאָקיקער בנין פון דער געמויערטער פינטשעווער שיל האָט געהאַט אַ גרויסע ענלעכקייט צו דער שיל אין שידלאָוו. בײדע זענען זיי געוואָרן געבויט אין דער פאָרם פון קליינע, אָבער גענוג שטאַרקע פעסטונגען.

די אינווייניקסטע איינריכטונגען פון דער שיל זענען, ווייזט אויס, פאַרשענערט געוואָרן אין פאַרשידענע צייט־אָפּשניטן.

לויט פּראָפ. שישקאָ־באָהוש איז דער ארון־קודש, ווי אויך די אָרנאַמענטן אויפן סופיט פון דער פינטשעווער שיל, געווען פון אָריענטאַלישן כאַראַקטער און די מאָטיוון פון מיטאָלאָגישע חיות, וואָס האָבן סימבאָליזירט די 12 חדשים פון יאָר, זענען געווען די ווערק פונעם גרויסן קינסטלער יהודה לייב, וועלכער האָט געלעבט און געשאַפן ביים סוף פונעם 17־טן יאָרהונדערט. מען קאָן אַלזאָ אָנעמען, אַז די דאָזיקע קינסטלערישע שאַפונגען זענען דורכגעפירט געוואָרן לאַנגע יאָרן נאָכן אויפבוי פון דער שיל.

איבערן ארון־הקודש האָט געהאַנגען אַ גרויסע קרוין, אויסגעהאַקט פון שטיין, וואָס איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן פון צוויי לייבן — אויך אויסגעהאַקטע אין שטיין. אויף דער כסא של אליהו (אליהו־שטול) זענען געווען אויסגעקריצט די נעמען פון די מנדבים, מיט אַן איבערשריפט „זה כסא של אליהו הנביא זכור לטוב״. די שטול האָט אויך געדינט דורכצופירן אויף איר ברית־מילה׳ס.

פון די תשמישי קדושה אין דער פינטשעווער שיל האָט פאַרדינט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דער קינסטלעריש־אויסגעפּאַרטיקטער נר־תמיד, וואָס איז געווען אין דער פאָרם פון אַ הענגלייכטער מיט צען רערן, פאַרענדיקט מיט פּרעציז־באַצירטע אייל־שאָלן, וואָס האָבן געדינט ווי יאָרצייט־ליכט פאַר אָרטיקע אבלים.

אַלע חפצים אין דער שיל זענען באַשטאַנען פון האַנט־אויסאַרבעטונגען פון נישט קיין דורכשניטלעכע קינסטלערס. צו דער דאָזיקער קאָלעקציע האָבן געהערט זילבערנע כתרים (קרוינען), איבערגעצויגן מיט ריין גאָלד, זעלטענע קידוש־בעכערס און בשׂמים־ביקסלעך, קופּער־שטיכן, יד׳ן (טייטלען) צו ספר־תורה, אַ גרויסע צאָל פּרוכתן, מענטעלעך, באַצירט מיט פאַנטאַסטישע חיות, אויסגעהאַפטן מיט גאָלד און זילבער.

אויף דער אָריגינעלער, שווערער פּאָדער־טיר פון דער שיל האָט זיך געפונען אַ גרויסע קופּערנע אַנטאַבע (הענטל), אויף וועלכער עס איז געווען אויסגעקריצט אַ קאָפּ פון עפּעס אַ פאַנטאַסטישער חיה. פאַרן אַריינגאַנג, אין פּאָליש, איז געהאָנגען אַ כיור, אויסגעהאַקט פון שטיין, אין וועלכן מתפללים האָבן געוואַשן זייערע הענט.

אויף דער גאַנצער ברייט פון דער הינטערשטער וואַנט האָבן זיך געפונען פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך פון עזרת־נשים.

די ווענט פונעם גרויסן פּאָליש זענען געווען באַמאָלן מיט קצורים פון פאַר־שידענע תפילות, אונטער וועלכע עס האָבן זיך געפונען די דאַטעס: תנ״ו (1696) און תק״ל (1770). משמעות אַז דאָס זענען געווען די יאָרן, ווען די שיל איז געוואָרן רעמאָנטירט. פון דער זייט אין פּאָליש, אין אַ ווינקל, האָט זיך געפונען די „קונע״ פון דער קהילה.

די ווערטפולע צירונג־זאַכן, שניץ־אַרבעטן און האָלץ־גראַווירונגען, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער שיל, דער ברייטער פאַרנעם און גלאַנץ פון אַלעמען אין דאָזיקן מקום־קדוש, באַווייזן, אַז פינטשעוו איז אויך געווען אַ גאָר רייכע קהילה, ווייל קיין אָרעמע קהילות האָבן זיך נישט געקאָנט דערלויבן אויף אַזאַ פּראַכט.

בעת דער ממשלה פונעם לעצטן פּוילישן קעניג, סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַ־טאָווסקי (1764—1795), ד.ה. פון תקכ״ד ביז תקנ״ה, ביז צו דער גרינדונג פונעם „וואַרשעווער פירשטנטום״ (תקס״ז), האָבן די יידן אין פינטשעוו, אַדאַנק די באַקומענע פּריווילעגיעס, ווידער אויפגעלעבט. אָבער נישט אויף לאַנג.

די נייע פּוילישע מדינה, דאָס „וואַרשעווער פירשטנטום״, האָט אויף נאַפּאָלע־אָנס באַפעל איינגעפירט אין לאַנד דעם פראַנצויזישן קאָדעקס, דעם אַזוי גערופענעם „נאַפּאָלעאָן־קאָדעקס״, וואָס האָט צוגעזאָגט גלייכע רעכט אַלע אירע בירגערס, אָן אונטערשיד פון זייער רעליגיע. ווען עס איז אָבער געקומען דורכצופירן אין לעבן דאָס נייע געזעץ לגבי יידן, האָבן די פּוילישע מושלים בשום אופן נישט געוואָלט דערצו דערלאָזן און זיי האָבן געזוכט אַלערליי וועגן, ווי אַזוי דאָס געזעץ אָפּצושלעפּן. די יידן האָבן אָנגעהויבן אַ קאַמף פאַר זייערע רעכט, אַ קאַמף קעגן דער דיסקרי־מינאַציע, וואָס האָט זיך געצויגן אַזוי לאַנג ווי עס האָט עקזיסטירט דאָס „וואַר־שעווער פירשטנטום״ (פון תקס״ז — 1807, ביז תקע״ג — 1813).

דער יידישער ראַטגעבער פון דער רעגירונג, משה יאַנקעלעוויטש, האָט אַפילו אַרויסגעלאָזט אַ געדרוקטן פּראָיעקט ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די לאַגע פון יידן, וואָס האָבן געוווינט אין „וואַרשעווער פירשטנטום״. ער האָט זיך פאַרופן אויפן פראַנצויזישן דעקרעט וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן אין פראַנקרייך. גראָד אין דער זעלביקער צייט איז אין פראַנקרייך פאָרגעקומען אַן ענדערונג, ווען

נאַפּאָלעאָן האָט צוריקגעצויגן דעם דעקרעט פאַר די יידן וואָס האָבן געוווינט אין עלזאַס־לאָטרינגען, מכלומרשט צוליב זייער פראָ־דייטשישער איינשטעלונג. די דאָזיקע ענדערונג האָבן אויסגענוצט די פּאָליאַקן, כדי אויך דורכצופירן באַגרע־נעצונגען לגבי זייערע יידישע מיטבירגערס פון „פּירשטנטום״, פאַר זייערע מכלומר־שטע סימפּאַטיעס צו רוסלאַנד.

ווען פּינטשעוו איז, אין תקע״ה (1815), אָנגעשלאָסן געוואָרן צו קאָנגרעס־פּוילן און עס זענען דאָרט איינגעפירט געוואָרן די רוסישע געזעצן, האָבן די יידן געהאַט אויסצושטיין נייע צרות. פאַרשטייט זיך, אַז די יידן פון פּינטשעוו זענען נישט געווען קיין אויסנאַם — צאַר אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט איינגעפירט פאַר יידן איין באַגרענעצונג נאָך דער אַנדערער.

אין תקע״ו (1816) האָט דער שׂונא־ישׂראל נאָוואָסילצעוו אָפּגעשאַפט אַ ריי פּריווילעגיעס, וואָס די יידן האָבן געהאַט פון פריער; אין תק״פ (1820) האָט מען פאַרווערט די יידן צו האַלטן קריסטלעכע דינסטן און משרתים; אין תקצ״ד (1834) איז אַרויס אַ געזעץ, אַז אויך יידן מוזן דינען אין דער אַרמיי; אין תרי״א (1851) האָט מען פאַרווערט יידישע פרויען אָפּצוראַזירן זיך די האָר פון קאָפּ (ווי ס׳האָבן זייט דורות זיך געפירט פרומע יידישע טעכטער אין טאָג פון דער חתונה, כדי צו טראָגן אַ שייטל); אין תרי״ב ((1852) איז באַשטימט געוואָרן צו נעמען אין דער רוסישער אַרמיי יידן; פון יעדע טויזנט יידן — צו צען רעקרוטן. די לעצטע צוויי געזעצן האָבן אין פּינטשעוו אַרויסגערופן אַן אומבאַשרייבלעכע מהומה. מען האָט געשיקט שתדלנים, מען האָט אונטערגעקויפט וועמען מען האָט געדאַרפט, אָבער נישט אַלע מאָל איז געלונגען אָפּצושרייען די נייע גזירות (אין תקצ״ד האָט מען זיך נאָך געקאָנט אויסקויפן פון דינען אין דער אַרמיי).

אין יאָר תר״ו (1846) האָבן די יידן פון פּינטשעוו שטאַרק געליטן פון דער גרויסער שׂריפה, וואָס איז דאָרט אויסגעבראָכן, און די קהילה האָט געמוזט אָנקומען נאָך הילף פון דרויסן.

בעת די אויפשטאַנדן אין פּוילן (אין תקצ״א — 1831, און תרכ״ג — 1863) האָט אויסגעזען אַז ס׳איז ענדלעך געקומען אַ נייע תקופה פאַר די יידן. יידן האָבן אָנטיילגענומען אין די אויפשטאַנדן האַנט־ביי־האַנט מיט די פּאָלאַקן. די פאַר־ברידערונג האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. נאָך די נישט־געלונגענע אויפשטאַנדן האָט — פון איין זייט — אויפסניי אָנגעהויבן צו בושעווען דער אַנטיסעמיטיזם, און פון דער אַנדערער זייט האָבן זיך אויף יידישע קעפּ אָנגעהויבן שיטן רעפּרעסיעס מצד דער רוסישער מאַכט. דאָס 19־טע יאָרהונדערט איז אַזוי־אַרום געווען פאַר יידן אין גאַנץ רוסלאַנד זייער אַ שווערס, — פּאָליטיש, וואָס האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט

אויפן מאַטעריעלן לעבן. די דאָזיקע לאַגע האָט, פאַרשטייט זיך, אויך אַרומגענומען די פינטשעווער קהילה.

אויך דאָס 20־סטע יאָרהונדערט האָט זיך אין צאַרישן רוסלאַנד אָנגעהויבן אונטערן צייכן פון אַנטי־יידישע געזעצן. ווען מען האָט באַשלאָסן איינצופירן אין קאָנגרעס־פוילן שטאָטישע זעלבפאַרוואַלטונגען, האָט די צאַרישע מאַכט קודם־כל אין זינען געהאַט, ווי אַזוי צו דיסקרימינירן די יידישע באַפעלקערונג. דערצו האָבן נישט ווייניק מיטגעווירקט די פוילישע פאַרשטייערס. ווען דער ענין האָט געדאַרפט ענדגילטיק באַשטעטיקט ווערן אין דער רוסישער דומע, איז דער פאַרשטייער פון דער פוילישער „קאָלאָ״, דער גוט־באַקאַנטער גראַבסקי, אַרויסגעטראָטן, דעם 18־טן נאָוועמבער 1910 (תר״ע), מיט אַ פּראָיעקט, אַז אין די שטעט מיט אַ קלענערער באַפעלקערונג פון 5000 איינוווינער, זאָלן אויסגעוויילט ווערן אין דער שטאָטישער זעלבפאַרוואַלטונג 12 מיטגלידער, און אין די שטעט מיט אַ באַפעלקערונג פון 5 ביז 10 טויזנט איינוווינער — 20 מיטגלידער. דאָס האָט אין די גרעסערע שטעט קודם כל אָנגערירט די יידן. מיט דעם פאָרשלאָג האָט דער פוילישער פאַרשטייער געהאַט אין זינען צו באַגרענעצן די יידישע רעכט. זיין געזעץ־פּראָיעקט איז געווען אַזוי אויסגערעכנט, אַז אין די גרעסערע שטעט זאָלן יידן האָבן וואָס ווייניקער שטימען. אין די קלענערע שטעט, דאַקעגן, ווי למשל, אין פינטשעוו, וווּ עס איז געווען אַ יידישע מערהייט, וועלן די יידן סיי־ווי נישט קאָנען שפּילן קיין דעציר־דירנדיקע ראָל, ווייל זיי קענען נישט קיין פויליש, אַזוי אַז די פוילישע מאַכטהאָבער וועלן קאָנען קומען צום וואָרט און דורכפירן אַלע זייערע געזעצגעבונגען, וואָס זענען לרוב נישט אין איינקלאַנג מיט די יידישע אינטערעסן.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז אין פינטשעוו, וווּ ס׳איז געווען אַ גרעסערע יידישע באַפעלקערונג און וווּ יידן האָבן אַלע מאָל געהאַט אַן איבערוויגנדיקע מערהייט, האָט געקאָנט עקזיסטירן אַזאַ מצב, אַז עס זאָל קיינמאָל נישט אויס־געוויילט ווערן אַ יידישער בירגערמייסטער. די יידן אין פינטשעוו איז קוים געלונגען צו קריגן דעם אַמט פון וויצע־בירגערמייסטער.

די יידישע באַפעלקערונג אין ציפערן

די ערשטע ציילונג פון יידן אין פינטשעוו איז פאָרגעקומען אין יאָר 1550, ווען עס איז איינגעפירט געוואָרן פאַר זיי דער ספּעציעלער „יידישער קאָפּ־שטייער״. פון דער דאָזיקער ציילונג איז אָבער נישט געבליבן קיין זכר. פון דעמלט אָן איז קיין נייע ציילונג נישט פאָרגעקומען ביזן יאָר 1764, ווען מען האָט געציילט די

יידישע באַפעלקערונג און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין פינטשעוו האָבן דעמלט געלעבט 2862 יידן. לובלין האָט אין יענער צייט פאַרמאָגט אַ יידישע באַפעלקערונג פון 2799 נפשות, און וואַרשע — 1365 יידן. אַזוי אַרום האָט פינטשעוו פאַרנומען דאָס זיבעטע אָרט פון אַלע יידישע קהילות אין פוילן. די גרעסטע צאָל יידן האָט דעמלט געלעבט אין בראָד : 6877.

לויט די פאַרבליבענע דאָקומענטן פון די פוילישע אַרכיוון, וואָס האָבן אויסגעמיטן פאַרניכטונג, און אויך אויפן סמך פון פאַרשידענע אַנדערע סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן וועגן דער יידישער באַפעלקערונג אין פינטשעוו, אין פאַרגלייך מיט דער קריסטלעכער, קאָן מען ברענגען דעם פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל :

יאָר	צאָל יידן	צאָל קריסטן
1787	1897	1208
1827	2924	1314
1857	2883	1330
1879	3950	2243
1897	5176	3023
1914	6061	4916
*1921	4324	3425

אין די יאָרן צווישן 1923 ביז 1926 זענען אויף 1000 יידן געבוירן געוואָרן דורכשניטלעך יערלעך 26.8 ; אין דער זעלביקער צייט זענען אויף 1000 יידן געשטאָרבן 8.6.

ווי עס איז צו זען פון דער טאַבעלע, האָבן די יידן אין פינטשעוו געהאַט אַ גרויסע איבערוואָג לגבי דער נישט־יידישער באַפעלקערונג.

אין 1764 זענען אין פינטשעוו געווען 153 הייזער, פון זיי האָבן 148 געהערט צו יידישע אייגנטימער. פון די 474 עקאָנאָמיש אַקטיווע ראשי־משפחות האָבן 187 געוווינט אין אייגענע הייזער. פינטשעוו האָט געהאַט גרעסערע הייזער ווי אין אַנדערע שטעט. אַפילו אין די קלענסטע הייזער האָבן געוווינט מער ווי צו צוויי משפחות. אין דורכשניט האָט אין אַ הויז געוווינט פון 6 ביז 15 נפשות. עס זענען געווען הייזער, אין וועלכע די צאָל נפשות איז דערגאַנגען ביז העכער 50.

---

* דעם 30טן סעפטעמבער 1921 איז פאַרגעקומען די ערשטע ציילונג אין זעלבשטענדיקן פוילן.

עס זענען אין פינטשעוו געווען צוויי הייזער (קאַמיעניצעס), וואָס האָבן געהערט צו „מיעשטשאַנעס" (נישט־יידן) און זענען געווען באַוווינט פון יידן. עס זענען אויך געווען 25 כאַלופעס, וואָס האָבן געהערט צו פריצים און גלחים. די דאָזיקע הייזער האָבן זיך כמעט אַלע געפונען הינטער דער שיל און אויף די מיראָווער געסלעך, לרוב אויפן מאַרק. דאָרט האָבן אויך געוווינט יידן.

אין גאַנצן פינטשעווער פאָוויאַט האָבן אין יאָר 1897 געוווינט 13,696 יידן; אין יאָר 1921 האָבן דאָרט געוווינט 14,639 יידן.

אין דזשיאַלאָשיץ — אין יאָר 1897 — 3526 יידן און 1080 קריסטן.

פון פינטשעווער פאָוויאַט קאָנען מיר נאָך אָנגעבן פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל:

שטאָט	יאָר	צאָל יידן	צאָל קריסטן
ווישליץ	1827	785	903
	1857	1370	563
	1921	1341	786
קאָשיץ	1827	24	570
	1857	28	552
	1897	366	683
	1921	678	797
אָפּאַטאָוויעץ	1827	37	553
	1857	34	432
	1897	102	548
	1921	166	596
סקאלמיעזש	1897	359	1258
קאָזשימיעזשאַ ווִיעלקאַ	1897	293	1895

יידישע גייסט־מענטשן און רעליגיעזע מנהיגים

שטיצנדיק זיך אויף די געפונענע דאָקומענטן זעט מען, אַז אויך אין דער גייסטיקער וועלט האָט פינטשעוו פאַרנומען אַ גאַר בכבודיקן אָרט. מען קאָן זיך משער זיין, אַז עס זענען געווען נאָך מער גייסט־מענטשן און מנהיגים, וואָס דער

יידישער יישוב אין פינטשעוו האָט אַרויסגעגעבן. ליידער האָבן מיר אָבער וועגן זיי נישט געפונען קיין גענוגנדיקע פרטים, מען זאָל זייערע נעמען קאָנען פאַרעפנטלעכן.

אָבער אַפילו פון די נעמען וואָס מיר ברענגען ווייטער, איז גענוג זיך צו שאַפן אַ גאַנץ היבש בילד וועגן דער השפּעה וואָס די אויסגערעכנטע האָבן געהאַט אויפן אַלגעמיינעם יידישן לעבן אין פוילן — און אַפילו אויסער די גרענעצן פון לאַנד — ביז צו דער צווייטער העלפט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט.

מיר ברענגען דאָ, ווי ווייט עס איז מעגלעך, די נעמען פון די גייסט־מענטשן און רעליגיעזע מנהיגים, לויט אַ כראָנאָלאָגישן סדר.

אין פּנקס פון ועד ארבע ארצות פון ת״צ (1730) ווערט איבערגעגעבן, אַז אין שנת תנ״ג (1693) איז יעקב בן שמואל אליעזר מפינטשעוו געווען דער שתדלן פונעם גאַנצן קראָקעווער ראַיאָן, און אַז אין שנת תפ״ב (1722) איז ער דעלעגירט געוואָרן צום גרויסן יאַריד אין ברעסלע און האָט זיך אין אים באַטייליקט אויך ווי דער פאָרשטייער פונעם ועד.

צו זיין אַ שתדלן אין יענע צייטן האָט מען געמוזט קענען גוט, קודם־כל, די לאַנד־שפּראַך און זיין באַהאַוונט אין די פּאָליטישע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע ענינים. שתדלנות האָט אין 17־טן און אין 18־טן יאָרהונדערט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אינעם לעבן פון די דעמלטיקע יידישע קהילות.

אינעם זעלביקן פּנקס געפינען מיר אַ״יך די קאָפּיע פ ן אַ דאָקומענט, וואָס טראָגט אויף זיך די דאַטע פונעם 5־טן יאַנואַר 1693 (תנ״ג), אין וועלכן עס ווערן אויסגע־רעכנט די נעמען פון פיר יידן־עלטסטע פון די פיר פּראָווינצן (ארבע ארצות). צווישן די דערמאָנטע געפינט זיך אויך יעקב בן שמואל אליעזר (Jacob Lazarowitz) וואָס איז, אַפּנים, געווען אויך דער דעמלטיקער ראש־הקהל פון פינטשעוו. (היות דאָרט האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ געחתמעטן האַנדלס־אָפּמאַך, ברענגען מיר דעם תוכן אינעם אָפּטייל „האַנדל און מלאכה״).

וועגן אַ צווייטן וויכטיקן ייד פון פינטשעוו, יעקב אברהם, וואָס איז געווען דער „האָף־יודע״ אין קעניגלעכן הויף אין ווין, שרייבן מיר בפרטות אין קאַפּיטל „האַנדל און מלאכה״.

מיר וועלן איצט איבערגיין צום רעליגיעזן סעקטאָר, וועמענס פאָרשטייער האָבן פאַרטראָטן דעם יישוב אין ועד ארבע ארצות און אָפּטמאָל — אויף דעם גאַנצן יידישן יישוב פון פוילן. די נעמען וואָס מיר ברענגען ווייטער זענען אַרויסגענומען פון די פאַרבליבענע בלעטלעך פונעם פּנקס פון ועד ארבע ארצות. די דאָזיקע בלעטלעך — סך הכל דריי — זענען געפונען געוואָרן אין דובנע, וואָלין; פון דאָרט זענען זיי אַריבערגעגאַנגען אין רשות פון פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו.

יעדער איינער פון די ווייטער דערמאָנטע רבנים, דיינים און שמשים האָט זיך אויף זיין אייגענעם שטייגער אויסגעצייכנט נישט נאָר ווי אַ פאַרטרעטער פון זיין ראַיאָן, נאָר אויך געהאַט אונטער זיך אַ געוויסן גייסטיקן באַגאַזש.

יהונתן אייבעשיץ (בן נתן נטע) פון פינטשעוו, געווען ראש־ישיבה אין פראָג, רב אין מעץ און לסוף הויפט־רב פון די דריי קהילות: אַלטאָנאַ, האַמבורג, וואַנדסבעק. ער איז געווען דער מחבר פון פירושים צו רבנישע קאָדעקסן — „כרתי ופלתי״ און „אורים ותומים״, אויך פון — „יערות דבש״ (אַ זאַמלונג דרשות).

הרב משה יצחק יהודה לייב בן נפתלי מפינטשוב — תל״א (1671) און תל״ג (1673).

ר׳ יעקב שמש פון פינטשעוו — תל״ג (1673), פאָרשטייער אין ועד ארבע ארצות.

ר׳ שמעון וואָלף — ת״ס (1700), פאָרשטייער צום ועד, — אַ גרויסער געלערנ־טער, מחבר פון אַ פירוש צו תלמוד ירושלמי און אויף „עין יעקב״.

ר׳ יעקיל דיין פון פינטשעוו, ת״ס (1700) געוואָרן רב אין כמעלניק.

ר׳ בנימין זאב וואָלף בן שבתי פון פינטשעוו, פאָרשטייער צום ועד ארבע הארצות, איז געווען דער מחבר פון „מסגרת השלחן״, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין בערלין, אין תע״ג (1713).

הרב הגאון יהודה לייב בן חנוך הענא פרעגער (הענעכאָוויטש) פון פינטשעוו, איז געווען רב ראשי, „המנהיג ראש המדינה״, אין תכ״ד (1664), תל״ג (1673) און תל״ח (1675).

ר׳ מאיר ליפשיץ, שמש פון דער שיל אין פינטשעוו, איז אין תע״ח (1718) געווען דער פאָרשטייער צום ועד ארבע ארצות.

ר׳ אליעזר בן יהודה פון פינטשעוו איז געווען ראש אב־בית־דין פון ארבע ארצות, אין תפ״ג (1723).

הרב נפתלי הערץ בן לייב צינץ, אב בית־דין פון פינטשעוו אין תפ״ה (1725).

הרב יוסף בן יהודה ליב שידלב איז געווען אב־בית־דין פון פינטשעוו, ת״ק (1740).

הרב ישראל בן שאול פון פינטשעוו איז געווען צווישן די, וועלכע האָבן אין תקי״ד (1754) אונטערגעשריבן דעם אויפרוף קעגן אָפּשוואַכן דעם דת ביי די יידן אין דייטשלאַנד, אין שייכות מיט דער בראָשור וואָס זיי האָבן אַרויסגעלאָזט א״נ „גחלי אש״.

ר׳ משה, דער זון פון רב אין פינטשעוו, איז אין תפ״ד (1724) געוואָרן רב פון ריישע.

די דאָזיקע נעמען ווערן אויך אָפּט דערמאָנט אין בריוו, מודעות און דאָקומענטן

פון און צום ועד ארבע ארצות, וואָס זענען שפּעטער אָפּקאָפּירט געוואָרן און מען האָט זיי אַריינגענומען אין די פּנקסים פון קהילות פון אַנדערע פּוילישע שטעט. די מאַנוסקריפּטן זענען אָפּגעהיטן געוואָרן אין פאַרשידענע אַרכיוון אין פּוילן און שלעזיע.

*

אין אָנהייב פון 18־טן יאָרהונדערט האָט פּינטשעוו אַרויסגעגעבן אַ געלערנטן, וועלכער האָט געהערט צו די גרעסטע געלערנטע צווישן יידן און נישט־יידן. זיין נאָמען איז געווען אליהו, אָדער ווי מען האָט אים גערופן אין דער קריסטלעכער וועלט: עליאַש פון פּינטשעוו.

אליהו איז געבוירן געוואָרן אין אַ צייט ווען די יידן אין אייראָפּע זענען געווען רעכטלאָז סיי פּאָליטיש, סיי סאָציאַל־געזעלשאַפטלעך; אין אַ צייט ווען זיי זענען נישט געווען זיכער מיט זייער עקזיסטענץ, מיט חיי־שעה. דאָך האָט אין יענער שווערער פאַר יידן תקופה, דאָס יידישע פּוילן אַרויסגעגעבן אַזעלכע געשטאַלטן ווי אליהו פון פּינטשעוו און אַנדערע, וועגן וועלכע מיר שרייבן ווייטער. די דאָזיקע פּוילישע יידן האָבן געשטעלט זייער לעבן אין דינסט פון דער מענטשלעכער וויסנשאַפט און פאַרשאַפט כבוד דעם יידישן נאָמען.

אליהו איז געקומען אויף דער וועלט אין פּינטשעוו אין אָנהייב פון 18־טן יאָרהונדערט, ביי זייער אָרעמע עלטערן. ער האָט געלערנט אין דער פּינטשעווער תלמוד־תורה, וווּ ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שאַרפן מוח. עס האָט זיך מיט אים פאַראינטערעסירט אַ רייכער פּינטשעווער בעל־הבית, וועלכער האָט אים די גאַנצע צייט געשטיצט און שפּעטער אויך סובסידירט זיין ווייטערדיקע בילדונג.

אליהו האָט באַשלאָסן צו ווידמען זיך דער מעדיצינישער קונסט. ער האָט געענדיקט מעדיצין. ווי אַ דאָקטאָר איז ער געווען שטאַרק געשעצט און באַליבט אין פּינטשעוו און אין דער אומגעבונג. אין דער זעלביקער צייט האָט זיך אליהו געווידמעט אויך דער מאַטעמאַטישער וויסנשאַפט. ער האָט אַפילו אַרויסגעגעבן אייניקע ווערק אויף דער דאָזיקער טעמע, וואָס האָבן אים פאַרשאַפט גרויס אָנזען און אָנערקענונג. איינס פון זיינע ווערק אויפן געביט פון מאַטעמאַטיק איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער באַרימטער דרוקעריי פון זשולקעוו. קורץ פאַר זיין טויט איז דערשינען אין בערלין זיינס אַ בוך פאַר שולן, א״נ „געזעצן פון געאָמעטריע״.

אליהו (עליאַש) איז געשטאָרבן אין תק״כ (1760) און איז נקבר געוואָרן אויפן פּינטשעווער בית־עולם.

אַ דיפּלאָמירטער דאָקטער — אויך באַרימט געווען מחוץ די גרענעצן פון פינטשעוו — איז געווען אין תקמ״ג (1783) ליפּמאַן פעליקס פון פינטשעוו, און שפּעטער מאַרעק פעליקס.

די מעדיצין אין פּוילן איז אין 18־טן יאָרהונדערט געשטאַנען אויף אַ זייער נידעריקן ניוואָ. פּוילן איז געווען אויף דעם געביט, ווי עס גיט איבער יאַן קאָ־לאָנטאַי — דער גרויסער רעפאָרמאַטאָר אין דער צווייטער העלפט פונעם 18־טן יאָרהונדערט — אַ מקום מקלט פון כלערליי שאַרלאַטאַנעס, עמי־הארצים וכדומה. יעדער פּאַליאַק, וואָס האָט געהאַט פּראָטעקציע, האָט געקאָנט ווערן אַ דאָקטער און זיך באַזעצן אין שטעט און שטעטלעך און דאָרט היילן קראַנקע, עפּענען אַן אַפּטייק און צוגרייטן רפואות.

אין יענע צייטן איז די צאָל יידישע דאָקטוירים אין פּוילן געווען אַ מינימאַלע. די שטערונגען, וואָס יידן האָבן געהאַטביים שטודירן מעדיצין אין אויסלאַנד, זענען נישט געווען קיין קלענערע ווי אין פּוילן. סיי די מאַכט, סיי די קריסטלעכע דאָקטוירים האָבן געמאַכט אַזעלכע שוועריקייטן פאַר די יידישע דאָקטוירים, אַז דאָס האָט שטאַרק באַשווערט יידן צו שטודירן מעדיצין — בפרט אין פּוילן. צוליב דעם איז די איבערוויגנדיקע מערהייט יידן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט מעדיצי־נישער פּראַקטיק, געוואָרן פעלדשערס. די פעלדשערס האָט מען אַמאָל אויך גערופן דאָקטוירים. די צאָל דיפּלאָמירטע יידישע דאָקטוירים איז דעריבער געווען אַ מינימאַלע.

אין אוניווערסיטעט אין פּאַדואַ (איטאַליע) האָבן אין משך פון הונדערט יאָר (פון 1517 ביז 1619) געענדיקט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט אַן ערך אַכציק יידן, וואָס האָבן באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר. אין אויסלאַנד האָבן אָבער געקאָנט שטודירן בלויז אויסדערוויילטע, וואָס האָבן דערצו געהאַט די נויטיקע געלט־מיטלען.

דער קעניג וולאַדיסלאַוו יאַגעלאָ האָט די יידישע דאָקטוירים באַנוצט ווי זיינס אַ געצייג ביים אויפמאָנען די מלוכה־שטייערן. כדי צו פאַרלייכטערן זיין אויפגאַבע, האָט דער קעניג צוגעשיקט בריוו צו אַלע יידישע קהילות און געפאָדערט, אַז „די דאָקטוירים פון משהס גלויבן״ זאָלן געבן האַרבע שטראָפן די יידן וואָס שלעפּן אָפּ מיט צאָלן שטייערן, און אַפילו זיי אַריינלייגן אין חרם. ביז עס האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן דער ועד ארבע ארצות האָבן די דאָזיקע פונקציעס געמוזט אויספירן די יידישע דאָקטוירים.

די קירך האָט שטרענג פאַרווערט זיך צו באַנוצן מיט יידישע דאָקטוירים און אַפילו דער מעדיצינישער פאַקולטעט ביי דעם ווינער אוניווערסיטעט האָט אין יאָר שע״א (1611) געשריבן: „די יידן זענען דורך זייערע (יידישע) געזעצן

מחויב אומצובערענגען דורך זייערע פאַלשע מעדיצינען, יעדן צענטן קריסט״.

אין אָנהייב פון 17־טן יאָרהונדערט האָט דער פּוילישער דאָקטאָר אָלעשקאָווסקי באַשולדיקט די יידישע דאָקטוירים אין סיסטעמאַטישן פאַרסמען די פּאָלאַקן.

אין דער פּריווילעגיע, וואָס יידן האָבן באַקומען אין 17־טן יאָרהונדערט זאָגט זיך בפירוש, אַז יידן מעגן פּראַקטיצירן מעדיצין „בלויז ביי אייגענע״.

די סאַמע פריסטע ידיעות וועגן דער עקזיסטענץ פון יידישע דאָקטוירים אין פּוילן דערגייען פון דער צווייטער העלפט פונעם 15־טן יאָרהונדערט. דער דאָזיקער צווייג פון וויסנשאַפט האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט אין פּוילן דער עיקר אַדאַנק דער אימיגראַציע פון מערב און גלייכצייטיק אַריינגעבראַכט אַ העכערע קולטור־מדרגה אויך אין די יידישע קהילות בכלל. די יידישע דאָקטוירים האָבן אויך פאַרנומען וויכטיקע אַמטן אין דעם דעמלטיקן געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן.

אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט ביז צו דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט האָט פּינטשעוו אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי דיפּלאָמירטע דאָקטוירים. מיר האָבן ליידער נישט די פולע רשימה פון זיי.

חוץ די פריער דערמאָנטע אליהו (עליאש), ליפּמאַן פעליקס און מאַרעק פעליקס, זענען געווען באַקאַנט אין פּינטשעוו און אין פּינטשעווער פּאָוויאַט, דאָקטאָר שאַנצער און זיין זון בערנאַרד שאַנצער, וועלכער האָט געענדיקט די גימנאַזיע אין פּיעטרקאָוו, איז שפּעטער געווען אַ באַקאַנטער דאָקטאָר. אַלט זייענדיק צוויי־און־צוואַנציק יאָר האָט ער זיך פאַרשריבן, אין 1859 (תרי״ט), אין דער מעדיציניש־כירורגישער אַקאַדעמיע אין וואַרשע און ער האָט זי געענדיקט ווי אַ מעדיקער אין יאָר 1867 (תרכ״ז). די אַקאַדעמיע איז געגרינדעט געוואָרן מיט צען יאָר פריער, אין יאָר 1857 (תרי״ז), און פון די 413 צוהערערס, וואָס האָבן ביז דעמלט געענדיקט די אַקאַדעמיע, זענען געווען סך־הכל 27 יידן.

מאַוריצי ספּיראָ פון פּינטשעוו און הערש געלדבלום פון דאָרף לאַבענדזש, פּינטשעווער פּאָוויאַט, האָבן געענדיקט די מעדיצינישע אַקאַדעמיע אין לערן־יאָר 1865/6 (תרכ״ה—תרכ״ו). פון די 118 צוהערערס, וואָס האָבן דעמלט געקריגן די דיפּלאָמען, זענען געווען בלויז זיבן יידן, צווישן זיי ספּיראָ און געלדבלום.

מען דאַרף נאָך צוגעבן צו דער רשימה דעם כירורג מרדכי בן מאיר, וואָס איז דורכן קרוין־טריבונאַל פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, צוליב דעם מכלומרשטן אָפּצאַפּן קריסטלעך בלוט (מיר שרייבן וועגן דעם פאַל אויף אַן אַנדער אָרט).

דער דערפאָלג פון יידישע דאָקטוירים, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסע מעדיצינישע פּראַקטיק, האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע קנאה ביי די קריסטלעכע דאָקטוירים אין פּוילן און די יידישע מעדיקער זענען כסדר אויסגעשטעלט געווען אויף

שיקאַנעס, דראַונגען און מסירות מצד זייערע קריסטלעכע קאָלעגן. אין יאָר 1710 (ת״ע) האָט מען אייניקע יידישע דאָקטוירים געשטעלט פאַר אַ משפט אין קרוין־טריבונאַל, ווייל זיי האָבן נישט געטראָגן די געוויינלעכע יידישע טראַכט, נאָר געווען געקליידעט אין אַ דאָקטערישער פעלערינע, וואָס איז געווען באַשטימט בלויז פאַר די פּאָלאַקן.

אין 16־טן יאָרהונדערט האָבן די אַפּטייקן אין פּוילן געהערט צו די שטאָטישע דאָקטוירים, אָדער, ווי מען האָט זיי גערופן, „פיזיקערס״. כדי צו קאָנען עפענען אַן אַפּטייק האָט מען געדאַרפט באַקומען אַ דערלויבעניש דורך אַ ספּעציעלער פּרי־ווילעגיע פונעם קעניג. דאָרט ווו עס האָט געהערשט דער פּריץ, ווי למשל, אין פּינטשעוו, האָט מען די דערלויבעניש געדאַרפט אַרויסבאַקומען פון אים. די אַפּטייקן זענען דאַן, אָבער, געווען נישט דאָס וואָס היינט: אין אַפּטייק האָט מען פאַרקויפט נישט בלויז מעדיקאַמענטן, נאָר אויך צוקער, אייל, רייז, פעפער, זייף, מאַנדלען, ראָזשינקעס, וויינען און אַפילו ביר.

די יידישע קהילות האָבן אויך געהאַט אייגענע קליינע אַפּטייקלעך, ווי עס איז געווען דער פאַל אין פּינטשעוו. די אַפּטייק איז געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון קהילה־דאָקטאָר.

די פּינטשעווער קהילה

די קהילה אין פּינטשעוו איז אין משך פון דורות געווען איינע פון די מיוחס־דיקסטע אין פּוילן, נישט בלויז צוליב איר זעלטענער שיל, וואָס האָט געשמט איבערן גאַנצן לאַנד, נאָר, קודם־כל, צוליב דעם וואָס זי האָט באַוויזן צו אָרגאַניזירן דאָס יידישע לעבן אויף אַ מוסטערהאַפטן אופן.

דער יידישער יישוב אין פּינטשעוו האָט געבליט, כסדר געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט. די פּינטשעווער יידן האָבן זיך שטענדיק געגרויסט מיט דעם, וואָס זייער שטאָט געהערט צו די בעסט־אָרגאַניזירטע צווישן אַלע קהילות, און — קודם כל — ווייל זי האָט געהערט צו די געציילטע גרויסע יידישע קהילות אין לאַנד, וואָס האָבן געהאַט אַ רעכט צו שיקן זייערע פאָרשטייערס צו די זיצונגען פון ועד ארבע ארצות, וועלכע זענען אין משך פון יאָרן אויך אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פּינטשעוו גופא.

דער גייסטיקער קוואַל פון דעם אייגנאַרטיקן יידישן לעבן אין פּינטשעוו איז געווען די תורה. דאָס אינערלעכע יידישע לעבן איז דאָרט געווען אין גאַנצן איינ־געשלאָסן אין די גרענעצן פון דער אמונה, וואָס האָט דאָמינירט אין די מנהגים,

אַפילו אין דער קליידונג, שפּראַך און גאַנצן לעבנסשטייגער; דאָס ייִדישע לעבן האָט דעריבער געהאַט אַ גאַנץ באַזונדערן קאָלאָריט.

דער גייסטיקער אויטאָריטאַטיווער מנהיג פון דער קהילה איז געווען דער רבֿ, דער מרא דאתרא. דער רבֿ האָט געהאַנדלט זעלבשטענדיק אין אַלע רעליגיעזע ענינים. די קהילה האָט אויסגעאַרבעט דעם פּראָגראַם פאַר די חדרים, תּלמוד־תּורהס און ישיבות. מען האָט געלערנט פון אַכט ביז 12 שעה אַ טאָג. אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָט די קהילה געשענקט די תּלמוד־תּורהס און ישיבה, וווּ די אָרעמע קינדער האָבן געלערנט אויפן חשבון פון די רייכע. אַלע קינדער פון דריי ביז דרייצן יאָר האָבן געמוזט לערנען אין חדר.

מיט די איבעריקע ענינים פון ייִדישן לעבן אין שטאָט האָבן אָנגעפירט די מיטגלידער פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג — די פּרנסים, אָדער די ראשים (עלטסטע). זיי זענען געווען פאַראַנטוואָרטלעך אויך פאַרן קעניג פון דער מדינה און פאַר זיין פאַרטרעטער — דעם וואָיעוואָדע און אָפּגעהיטן די שטייער־אָפּצאָלן, וואָס זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די ייִדן.

דער „ראש״ און די פּרנסים זענען אויסגעקליבן געוואָרן אויף איין יאָר צייט. די וואַלן זענען תּמיד פאָרגעקומען חול־המועד פּסח, לויט אַ צוויי־פאַכיקן סיסטעם: פון צווישן די מתפּללים פון שיל האָט מען דורך אַ גורל באַשטימט עטלעכע בוררים, וועלכע האָבן שפּעטער, נאָך דער פייערלעכער שבֿועה וואָס זיי האָבן אָפּגעגעבן, אויסגעוויילט די מיטגלידער פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג. די דאָזיקע פאָרשטייערס האָבן פון זייער זייט, ווידער, אויסגעקליבן דעם ראש־הקהל און טובֿי־העיר; נאָך זיי זענען אין דער הי׳עראַרכיע געגאַנגען דער דיין און די גבאים. אויך זיי האָבן געמוזט אין שיל, אין קעגנוואַרט פון גאַנצן יישובֿ, אָפּגעבן אַ שבֿועה פון געטריי־שאַפט צום קעניג און צו זיין פאַרטרעטער, דעם וואָיעוואָדע. די פּרנסים האָבן אויך אָפּגעהיטן דאָס פּינקטלעכע אויפמאָנען פונעם שטייער־אָפּצאָל פאַר דער קהילה.

אין „פּנקס קהל פּינצ׳וב״ (דף רי״ג — ז׳ 213), לייענען מיר, אַז די קהילה האָט געקראָגן אָנווייזונגען פונעם ועד ארבע ארצות, ווי אַזוי אָפּצושאַצן די שטייער־צאָלער. די באַגרינדונג צו דעם געפינט מען אין דער הסכּמה, וואָס קהל־פּינטשעוו האָט געגעבן און ווו עס ווערט געזאָגט: „היינט, דעם צווייטן טאָג פון חודש אלול תל״ד (1674) האָבן אַלע באַשלאָסן איינצופירן אַ נייעם שטייער־אָפּצאָל לטובֿת דער קהילה. פון היינט אָן, ראש חודש אלול תל״ד ביז פּסח תל״ה, און פון ראש חודש אייר תל״ד, וועלן טאַקסאַטאָרס, וועלכע מען וועט אויסקלייבן דורך אַ גורל, לויטן קהילה־רעגולאַמין, זיין פאַרפליכטעט „פון דעמלט אָן און פון פריער״

צוזשטעלן דער קהילה אַ סכום נישט ווייניקער פון פינף גאָלדשטיק, און זיי וועלן נישט האָבן דאָס רעכט צו מאַכן וועלכע עס איז פשרות, לויטן רעגולאַמין פון ועד ארבע ארצות, נאָר דווקא זיך האַלטן ביי דער סומע, וואָס זיי האָבן אָנגעגעבן אונטער אַ שבועה, אָבער אין סך־הכל נישט ווייניקער ווי די ווערט פון דעם פעסט־געשטעלטן סכום פונעם קאָפּ־שטייער. ווער עס וועט שווערן אויף דער סומע וואָס ער האָט געהאָט אין ר״ח אייר תל״ד לפ״ק — וועט לויט דעם פעסטגעשטעלט ווערן וויפל ער וועט דאַרפן איינצאָלן״.

*

אין 14־טן יאָרהונדערט האָבן זיך די יידן אין פוילן געקליידט ווי פוילישע שליאַכטשיצעס, אָבער שוין אין 15־טן יאָרהונדערט — ווי מיעשטשאַנעס. אין דער צייט ווען די פּאָלאַקן האָבן געביטן זייער באַקליידונג (קאָנטוּשן) אויף אייראָפּעישע קליידער, איז יידן פאַרווערט געוואָרן צו טאָן דאָס זעלביקע, און זיי זענען געבליבן ביי דער אַלט־מיעשטשאַנסקער קליידונג. מיט דער צייט איז די קליידונג ביי יידן געוואָרן אַ טראַדיציע און דער לאַנגער כאַלאַט איז אָנגעגאַנגען ווי אַן עכט־יידישע הלבשה.

די יידן אין פינטשעוו, וואָס זענען געקומען פון טשעכיע און מערן, האָבן אין 16־טן און אין 17־טן יאָרהונדערט געטראָגן בעקעשעס און לאַנגע פעלצן, און פון פאָרנט — אַ טלית־קטן, מיט אַ לייב־צודעקל. אויפן קאָפּ — אַ קאַפּעלאַטש.

דאָס שיינדל פון יעדער משפחה איז געווען דער לומד תורה, דער עילוי, נאָך וועלכן די שענסטע משפחות האָבן זיך געיאָגט, כדי אים צו באַקומען פאַר אַן איידעם. דאָס לערנען תורה איז געווען ווי דער טאָג־טעגלעכער ביסן ברויט, אָן וועלכן ס׳לעבן האָט פאַר די יידן נישט געהאַט קיין טעם און קיין קיום. מסחר און מלאכה האָבן נאָר געדינט ווי אַ מיטל, וואָס דאַרף פירן צום צוועק: צו קאָנען לערנען תורה, וואָרעם פון תורה — גלויבן יידן — שעפּט מען אייביקייט; אַדאַנק תורה האָט מען געקאָנט ווערן אַ רב, אַ דיין. דאָס איז געווען אין אַלע יידישע קהילות, בפרט אין פינטשעוו, ווו עס האָט פולסירט אַזאַ טיכטיק גייסטיק און ווירטשאַפטלעך שטאַרק יידיש לעבן — דעריבער איז טאַקע פינטשעוו געוואָרן פול מיט תורה.

די יידישע קהילה האָט שטרענג אָפּגעהיטן די פּאַטריאַרכאַלע זיטן און די שטרענגע טהרת־המשפחה. אַלע משפחה־ענינים און סכסוכים זענען רעגולירט געוואָרן דורך די רעליגיעזע געבאָטן און דינים — אָנהייבנדיק פון געבוירן, דורך אַלע שמחות, ווי בר־מצווה, חתונה, און ענדיקנדיק, עד מאה ועשרים, מיטן שטאַרבן.

דער רעליגיעזער ריטואַל האָט דעצידירט אין יעדן וויכטיקן מאָמענט אינעם משפּחה־לעבן און אין דעם קהילה־לעבן.

די יידישע שטוב האָט געהאַט איר איינגעפּירטן טראַדיציאָנעלן שטייגער־נוסח מיט אַ ספּעציעלער בני־בית־היעראַרכיע און אייגנטימלעכן יידישלעכן רייץ. דער אַלטער יידישער לעבנסשטייגער האָט זיך סומך געווען אויף טהרת־המשפּחה. דער מאַן איז געווען די עטרת הבית (די קרוין פון הויז) און די פרוי האָט געלעבט אין שאָטן פון מאַן.

ביים סוף פונעם 16־טן יאָרהונדערט איז אויך אין דעם פּרט פאָרגעקומען אַ גאַנצע רעוואָלוציע.

קהל־פּינטשעוו האָט אין יענער צייט אַראָפּגעבראַכט אין שטאָט אַריין דעם באַרימטן מגיד ר׳ יעקב בן יצחק. ער האָט אין דער פּינטשעווער שיל געהאַלטן האַרציקע און מיטרייסנדיקע דרשות, וואָס האָבן אויף די יידן געמאַכט אַ גרויסן רושם און ממש אויפגעטרייסלט די פּינטשעווער ווייבער.

דער וואַנדערנדיקער מגיד — ווי מען האָט אים גערופן — איז געווען דער מחבר פון אַ ריי ספרים אויף לשון קודש און אויף עברי־טייטש. זיין עיקר־רום האָט אָבער יעקב בן יצחק זיך דערוואָרבן ווי דער מחבר פון „צאינה וראינה״, וואָס איז שנעל געוואָרן דער באַליבטסטער און פּאָפּולערסטער ספר אין יענער צייט. אין זיינע דרשות האָט זיך דער מגיד באַנוצט מיט באַאַרבעטונגען פון מדרשים און אגדות, וואָס ער האָט שפּעטער אַריינגעפלאָכטן אין „צאינה וראינה״. דער דערפאָלג פון זיין „צאינה וראינה״, ספּעציעל ביי די פרויען, איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט אין פּינטשעוו אויספאַרקויפט אַלע ספרים, וואָס ער האָט מיט זיך געהאַט. דער דאָזיקער ספר האָט שטאַרק באַווירקט און באַהערשט דאָס געמיט פון דער יידישער פרוי, וועמענס וועגווייזער און לערער ער איז געוואָרן.

דער ייד אין מיטלאַלטער האָט זיך געפונען אין אַן אויסטערלישער לאַגע, וואָס האָט דערפירט ביי אים צו אַ פּסיכישער געשפּאַלטנקייט. ער האָט געמוזט פירן אַ טאָפּלט לעבן: לגבי דעם פריץ און מיעשטשאַנין האָט ער געמוזט זיין נאָכגיביק, הכנעהדיק און אָפט זיך געמוזט לאָזן מבזה זיין; פון דער אַנדערער זייט האָט ער אין דער קהילה, אין דער שיל, צי ביי זיך אין דער היים, אויפגעהאַלטן שטאָלץ זיין מענטשלעכן פּרצוף.

אַלע קאָנפליקטן צווישן יידן ביי אַ משא־ומתן, פלעגט מען דערליידיקן לויט דער יידישער יורידיקציע, ד.ה. מען האָט געמשפּט לויטן געזעץ פון תורה און גמרא. דער שולחן־ערוך איז געווען דער רעגולאַטאָר אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן.

אַ ביז גאָר וויכטיקע דערשיינונג פון דער אַמאָליקער יידישער אויטאָנאָמיע

איז געווען די טעטיקייט פון קהל אויפן געביט פון סאָציאַלער פאַרזאָרגונג און אויפן געזעלשאַפטלעך־מעדיצינישן סעקטאָר.

מיט דער סאָציאַלער פאַרזאָרגונג האָבן זיך פאַרנומען ספּעציעלע גבאים. מען האָט עס גערופן „צדקה גדולה״. צו די אויפגאַבעס פון די גבאים האָבן געהערט אַלע ענינים וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט דער שיל, וואָס איז דעמלט געווען דער צענטער פונעם גאַנצן יידישן לעבן אין פינטשעוו. ווען דאָס קהלישע לעבן איז זיך צעוואָקסן, האָבן די גבאים פון דער „צדקה גדולה״ באַגרענעצט זייער טעטיקייט בלויז צו דער ווילטעטיקייט־אַרבעט. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט אָרעמע לייט, אורחים, שוץ פאַר יתומים, אָרעמע כלות, פאַרזאָרגונג פאַר קראַנקע, ווי אויך מיט דער חברה קדישא.

ביי דער קהילה איז געווען אַ שטענדיקער דאָקטאָר, וואָס האָט גענאָסן פון ספּעציעלע פּריווילעגיעס. ער איז, צווישן אַנדערן, באַפרייט געוואָרן פון אַלע שטייער־אָפּצאָלן, אַפילו פון צאָלן דעם גרויסן שחיטה־שטייער, וועלכן יעדער ייד איז מחויב געווען צו צאָלן דעם קהל. דער דאָקטאָר האָט געהאַט די אויפזיכט איבערן הקדש, ווו עס האָט דעם דאָקטאָר געהאָלפן דער פעלדשער, וועלכער איז אויך געווען אויסגעהאַלטן דורך קהל. אין הקדש, וואָס האָט הויפּטזעכלעך געדינט ווי אַ שפּיטאָל, האָבן אויך גענעכטיקט אָרעמע אורחים, היימלאָזע יידן א.אַ.וו.

די קהילה האָט אויסגעהאַלטן און געצאָלט שׂכירות דעם רב, דיין, דאָקטאָר, פעלדשער, שתדלן, פּרנס, גבאי, שמש, נאמן (וועלכער איז אויך געווען קהילה־סעקרעטאַר), מגיד, שוחט, דרשן, חזן, מלמד, בעלפער, שומרים א.אַ.

אין דער תקופה פון „ועד ארבע ארצות״ איז אין פינטשעוו בדרך כלל געווען: 1 רב, 1 דיין, 1 דרשן, 1 מגיד, 7 שמשים, 3 שוחטים, 3 חזנים, 16 מלמדים, 2 הקדש־מענער, 2 שומרים, 17 בעלפערס, 1 בעדער.

איינער פון די הויפּט־שמשים איז גלייכצייטיק געווען, אין רוב פאַלן, דער נאמן.

אין מיטלאַלטער האָבן די יידן אין פּוילן אַ לענגערע צייט געלעבט זיכערער און פרייער, ווי אין די אַנדערע לענדער, און זיי האָבן אויף די זעלביקע יסודות, אויף וועלכע זיי האָבן געשאַפן זייער קהילה, אויפגעבויט אַ העכערן גאָרן: דעם „ועד המדינה״ און דעם „ועד ארבע ארצות״. דער „ועד ארבע ארצות״, ווי מען האָט אים גערופן אויף העברעיש, איז געווען אַ מין יידישער פּאַרלאַמענט, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע יידישע קהילות פון פּוילן און ליטע. דער ועד ארבע ארצות האָט געהאַט גאָר גרויסע קאָמפּעטענצן. דאָס איז געווען די אָנערקענטע העכסטע רעפּרעזענטאַנץ פון פּוילישן — און אַ צייט לאַנג אויך פון ליטווישן — יידנטום, ווי אויך — מורי צדק דד׳ ארצות — טריבונאַל, וואָס האָט עקזיסטירט קנאַפּע

צוויי־הונדערט יאָר — פון ש״מ ביז תקכ״ד (1580—1764) און — איינע פון די געבענטשטע היסטאָרישע מסקנות פון דער דאָזיקער צייט — פון דער רענעסאַנס־תקופה.

די פאַרזאַמלונגען פון ועד ארבע ארצות זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געזעצגעבנדיקע און אַדמיניסטראַטיווע אינסטאַנצן, און פלעגן אויסאַרבעטן פאַר־שידענע תקנות, אַכטונג געבן אויף דער אָרדענונג פון די וואַלן אין די קהילות, באַשטימען די גרענעצן פון רבנישער קאָמפּעטענץ, נאָרמירן דאָס רעכט פון דרוקן ביכער, א.אַ.וו.

פון אָנהויב האָבן די צוזאַמענפאָרן פון די רבנים און פאָרשטייערס פון די קהילות נישט געהאַט קיין באַשטימטן נאָמען. מען האָט זיי גערופן לויט דער צאָל געקומענע געגנט־פאָרשטייערס, ווי, למשל, צוזאַמענפאָר פון דריי, פון פיר און אַ מאָל — פון פינף ראַיאָנען. שפּעטער אָבער, ווען דער ראַיאָן פון ליטע האָט זיך אין שפ״ג (1623) אָפּגעטיילט פון פוילישן קהל־פאַרבאַנד, האָבן די איבעריקע פיר ראַיאָנען פון פוילן אָנגעהויבן צו שיקן רעגולער זייערע פאָרשטייערס צו די זיצונגען, און די אינסטיטוציע האָט באַקומען דעם שטענדיקן נאָמען „ועד ארבע ארצות״.

אינעם ועד האָבן זיך באַטייליקט אַלע הויפּט־רבנים פון פוילן און צו איין דעלעגאַט פון דער צאָל ראשי־המדינה (עלטסטע) פון די גרעסטע יידישע קהילות, צווישן וועלכע עס האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אויך פינטשעוו.

די פאָרשטייערס פלעגן זיך צונויפפאָרן איין מאָל, אָדער צוויי מאָל אין יאָר, אין די שטעט, אין וועלכע עס פלעגן דעמלט פאָרקומען די הויפּט־יאַרידן. אויף די צוזאַמענפאָרן פון „ועד״ פלעגן באַהאַנדלט ווערן אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע פראַגן און אויך פּאָליטיש־עקאָנאָמישע ענינים. וואָס ערגער עס איז געווען די עקאָנאָמישע לאַגע ביי יידן, אַלץ מער אַרבעט האָט געהאַט דער ועד; ער האָט געדאַרפט רעגולירן די אינערלעכע אָרדענונג צווישן יידן, סיי באַשטימען די באַציאונג צו דער רעגירונג און צו די סיימען. ביי די ועדים פלעגן זיך געפינען שתדלנים, וועלכע זענען געפאָרן קיין וואַרשע צו די זיצונגען פון סיים, און אָפטמאָל אינטערווענירט אַפילו דירעקט ביים קעניג, כדי צו פאַרטיידיקן פאַרשידענע יידישע אינטערעסן. אַזוי אַרום האָבן זיי אָפט באַשיצט גאַנצע קהילות פון די דראָענדיקע סכנות.

מיר געפינען אין פנקס פון ועד ארבע ארצות (ז׳ XX/XXI) אַ קאָפּיע פון אַ פאַרפליכטונג וואָס דער ועד האָט אונטערגעשריבן דעם 3־טן יאַנואַר 1666 (תכ״ו), בעת אַ זיצונג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין יאַראָסלאַוו. לויט דעם דאָזיקן דאָקומענט האָבן די פיר עלטסטע פון יידישע קהילות, צווישן וועלכע

עס איז אויך געווען דער ראש־הקהילה פון פינטשעוו, יהודה לייב הענעכאָוויטש, זיך פאַרפליכטעט איינצוצאָלן דעם ה׳ קאַזשימיעזש קאָוואַלקאָווסקי — דעם פינאַנץ־סעקרעטאַר פונעם קעניג יאַן קאַזשימיעזש — אַ גרעסערע סומע אויסקויף־געלט.

די דאָזיקע סומע האָבן די יידן געדאַרפט באַצאָלן פאַר אָפּהיטן זייער לעבן און זייער פאַרמעגן מצד די פּוילישע סאָלדאַטן, פון וועלכע דער קעניג האָט זיי מכלומרשט אויסגעקויפט. עס האָט זיך געהאַנדלט, ווי מיר זעען, וועגן אַ גאַנץ היבשער סומע (26 טויזנט פּוילישע זלאָטעס אין גאָלד). דאָס געלט האָט דורך דעם ועד געדאַרפט איינגעצאָלט ווערן אין ראַטעס. די דאַטעס פון די ערשטע פיר ראַטעס זענען געווען באַשטימט:

דעם 12־טן מאַי	1667 — 3250	פּוילישע	זלאָטעס
12 〃	1668 — 3250	〃	〃
12 〃	1669 — 3250	〃	〃
12 〃	1670 — 1250	〃	〃

אין דער אויסגעשטעלטער פאַרפליכטונג ווערט געזאָגט, אַז אויב דאָס געלט וועט נישט ווערן איינגעצאָלט דעם קעניגלעכן פינאַנץ־סעקרעטאַר, ה׳ קאָוואַל־קאָווסקי, אָדער דעם באַזיצער פון דעם אונטערגעשריבענעם דאָקומענט, אין דער באַשטימטער צייט און אין דעם אָנגעוויזענעם אָרט, וועט „דערלויבט ווערן צו באַרויבן, צו פאַנגען און צו אַרעסטירן אַלע יידן, וואָס וועלן זיך געפינען אויף די יאַרידן, יאָרמאַרקן, וועגן און אויך אין זייערע היימען. עס וועט אויך דערלויבט ווערן אַוועקצונעמען פון זיי זייערע סחורות און הייזער, פאַרמאַכן זייערע שילן און דאָס אַלץ איבערגעבן צו די קריסטלעכע באַלעבאַטים, וואָס וועלן האַלטן דאָס פאַרמעגן אַזוי לאַנג, ביז דאָס געלט וועט ווערן איינגעצאָלט״.

כאָטש דער ועד ארבע ארצות האָט זיך נישט צו־שטאַרק גערעכנט מיט די אינטערעסן פון די פּראָסטע פאָלקס־מאַסן, האָט ער אָבער שוין בלויז מיט דעם געהאַט אַ גרויסן פאַרדינסט, וואָס ער האָט געהאַלטן פעסט אין זיינע הענט די אינערלעכע דיסציפּלין און נישט דערלאָזט, אַז אין די צייטן פון מהומות און אומגליקן זאָל זיך די יידישע חברותאדיקייט צעפאַלן. דער גייסטיקער האָריזאָנט פונעם ועד און זיין השפעה זענען געווען זייער גרויס.

דער הויפּט־ועד (די צענטראַלע) האָט פון אָנהייב אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען אין קראָקע. אין 17־טן יאָרהונדערט האָט קראָקע, ווי אַ צענטער, פאַרלוירן די העגעמאָניע אינעם ראַיאָן קראָקע—צויזמער און זי האָט זיך צוריקגעצויגן פונעם ועד. די קהילה קראָקע איז, פּונקט ווי פּויזן, געוואָרן אַ באַזונדערע אַדמיניסטראַ־טיווע איינהייט און האָט געשיקט צו די זיצונגען פון ועד ארבע ארצות אירע אייגענע

שליחים. בלויז דער אב בית־דין פון קראָקע איז ווייטער געבליבן דער הויפּט־רב פון אַ טייל ראַיאָן. פון דעם אַנדערן טייל איז געוואָרן דער אב בית־דין דער רב פון פינטשעוו אָדער פון וואָדיסלאַוו. די זיצונגען פון ועד ארבע ארצות זענען שפּעטער פאַרגעקומען אין אַנדערע שטעט, צווישן וועלכע עס איז אָפט געווען אויך פינטשעוו.

ווען אין יאָר תר״ג (1673) האָט די קהילה אין פינטשעוו באַשלאָסן אַרויס־צוגעבן אין דרוק אַ ספר מיט דרשות פון ר׳ שמואל זנוויל, א״נ „דברי שמואל — דרשים על התורה מאת ר׳ שמואל זנוויל בר חנוך מלובלין״, האָט דער דאָזיקער באַשלוס פון דער פינטשעווער קהילה געמוזט באַשטעטיקט ווערן פון ועד ארבע ארצות, וואָס האָט דעמלט אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען טאַקע אין פינטשעוו גופא.

אויף אַ זיצונג פון ועד ארבע ארצות, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאַראָסלאַוו אין יאָר תע״ז (1717) איז אויסגעגליכן געוואָרן דער סכסוך פון די ראַיאָנען קראָקע—צויזמער און עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַריבערצופירן דעם סעקרעטאַריאַט פון ועד ארבע ארצות און אַלע חשבונות צו דער קהילה פון פינטשעוו.

אין תע״ח (1718) האָט דער ועד ארבע ארצות אָנגענומען אַ באַשלוס אָפּצוגעבן כבוד דער קהילה פינטשעוו פאַר אירע טעטיקייטן און דאָס איז איר איבערגעגעבן געוואָרן אין אַ שריפטלעכער פאָרם.

ווי אָנגעזען און געאַכטעט עס איז בשעתו געווען דער ועד ארבע ארצות, לערנט אונדז דער היסטאָריקער פון יענער צייט, ר׳ נטע האַנטאָווער, וועלכער פאַרגלייכט אים מיטן פאַרצייטיקן סנהדרין, שרייבנדיק: „די זיצונגען פון די פּרנסים פון די פיר ראַיאָנען האָבן דערמאָנט דעם סנהדרין, וואָס איז געזעסן אין לשכת הגזית פון בית־המקדש״.

עס איז כדאי צו ברענגען דעם קול־קורא, מיט וועלכן דער ועד ארבע ארצות האָט זיך נאָך אין תל״ד (1676) געווענדעט צו די קהילות אין לאַנד: „שווער האָבן מיר געזינדיקט פאַר גאָט. די מהומה וואַקסט פון טאָג צו טאָג. עס ווערט אַלץ שווערער דאָס לעבן. אונדזער פאָלק האָט נישט קיין ווערט צווישן אַלע אַנדערע אומות. עס איז נאָר אַ וווּנדער ווי אַזוי מיר עקזיסטירן נאָך, נישט געקוקט אויף אַלע אומגליקן. דאָס איינציקע וואָס אונדז איז געבליבן צו טאָן איז — פאַראייניקן זיך אין איין גאַנצקייט אין גייסט פון שטרענגער אחדות מיט גאָטס געבאָטן און מיט די געבאָטן פון אונדזערע צדיקים און מנהיגים״.

ווער ווייסט, צי די יידן אין פוילן וואָלטן פון די אַלע אומגליקן אַרויס פאַרהעלטנישמעסיק גאַנץ אַלס עדה, ווען נישט זייער אינערלעכע דיסציפּלין און שטאַרקע אָרגאַניזאַציע. זייענדיק תמיד אויסגעשטעלט אויף די געפאַרן פון שונאים,

האָבן די יידן אין פוילן פאַרשטאַנען, אַז קודם כל מוזן זיי זיין אייניק, כדי מיט געמיינזאַמע כוחות צו קעמפן קעגן די אויסערלעכע שונאים.

אין תקכ״ד (1764) האָט די פוילישע רעגירונג באַשלאָסן אויפצולייזן דעם ועד ארבע ארצות, ווייל ער איז שוין פאַר איר מער נישט געווען נויטיק. אַזוי אַרום איז די צענטראַלע אינסטיטוציע פון די יידן אין פוילן און דער בולטער אויסדרוק פון זייער אויטאָנאָמיע, וואָס האָט געשפילט אַזאַ גרויסע און וויכטיקע ראָל אין דער פאַרפעסטיקונג פון דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ פון די יידן אין פוילן, בטל געוואָרן. דאָס איז געשען אַכט יאָר פאַר דער ערשטער צעטיילונג פון פוילן.

האַנדל, מלאכה און אינדוסטריע

אין מיטלאַלטער איז מלאכה געווען ענג פאַרבונדן מיט מסחר. דער בעל־מלאכה פלעגט מערסטנס אַליין פאַרקויפן זיינע אייגענע אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן. דער פּלאַץ פון מסחר און פון ווערקשטאַט איז כמעט תמיד געווען צוזאַמען, אויף דעם זעלביקן אָרט.

ביי די יידן אין פוילן האָט זיך מלאכה אַנטוויקלט גאַנץ פרי, — מסתמא דערפאַר, ווייל לויט דעם יידישן דין האָבן יידן אַ טייל אַרבעטן נישט געטאָרט לאָזן אויספירן דורך נישט־יידן. צוליב די דינים וועגן שעטנז האָט דער ייד נישט געטאָרט אָנטאָן קיין מלבוש, אויפגענייט דורך אַ נישט־ייד. מען האָט אויך נישט געטאָרט עסן קיין פלייש, געקויפט ביי אַ נישט־יידישן קצב. דערפאַר טאַקע זענען די ערשטע בעל־מלאכהס ביי די יידן אין פוילן געווען שניידערס און קצבים.

מיט דער צייט האָבן די קריסטלעכע צעכן, וואָס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער קירך, און נישט אויפגענומען קיין יידישע בעל־מלאכהס, אָנגעהויבן צו פילן די קאָנקורענץ פון יידישן בעל־מלאכה, און עס איז, צוליב דעם, געקומען צו שאַרפע קאָנפליקטן. די צעכן האָבן געשטרעבט צו פאַרקלענערן און צו באַגרענעצן די האַנדלס־ און מלאכה־רעכט פון זייערע יידישע קאָנקורענטן און זיי האָבן צו דעם קאַמף צוגעגעבן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. צום שוץ פון די פוילישע צעכן אין זייער קאַמף מיט די יידן, איז געקומען די קאַטוילישע קירך, און דער דאָזיקער קאַמף האָט, פּונקט ווי דער קאַמף וועגן האַנדלס־רעכט פון יידישע סוחרים, זיך געצויגן אַן ערך צוויי הונדערט יאָר.

ביז דעם 17־טן יאָרהונדערט זענען נישטאָ קיין פרטים וועגן יידישן האַנדל און מלאכה אין פינטשעוו. עס זענען וועגן דעם נישט פאַרבליבן קיין שום מאַטעריאַלן. בעת דער צוועלף־יאָריקער מלחמה אין פוילן, פון ת״ח ביז ת״כ (1648—1660)

איז פאַרניכטעט געוואָרן כמעט דאָס גאַנצע יידישע פאַרמעגן. אויך דער יידישער מסחר מיט אויסלאַנד האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעשטעלט. דער אינעווייניקסטער הורט־האַנדל, און אפילו דער קליינער דעטאַל־האַנדל איז דאָרט אַנגעגאַנגען אין אַ גאַנץ קליינעם פאַרנעם. האָבן זיך יידן גענומען צו אַנדערע פרנסות : צו קרעטשמעס און אכסניהס.

צו די גאַנץ קליינע אויסנאַמען, וואָס די קאַטאַסטראָפאַלע ווירטשאַפטלעכע לאַגע האָט די יידן נישט אַנגערירט, איז געווען די שטאָט פינטשעוו.

אין יאָר תכ״ח (1668) האָבן זיך אויף די לייפּציגער יאַרידן שוין באַוויזן די ערשטע זעקס יידן פון פוילן. נאָך די יידישע סוחרים פון פּראָג, האַמבורג און האַלבערשטאָט, איז עס געווען אַ גאַנץ אַנגעזעענע פאַרשטייערשאַפט, נעמענדיק אין אַכט, אַז אַרום און אַרום זענען אַהין אַנגעקומען 40 האַנדלס־פאַרשטייערס. אויף די דאָזיקע יאַרידן האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אויך אַ האַנדלס־פאַרשטייער פון די יידן אין פינטשעוו. דער האַנדל פון פעלץ און רויכווערק־עקספּאָרט, צו וועלכן די יידן פון פינטשעוו האָבן געהאַט אַ גרויסן שייכות, איז געלעגן אויסשליסלעך אין יידישע הענט.

צווישן קליין־פוילן און רוסלאַנד איז נאָך דעמלט נישט געווען קיין שום האַנדלס־אויסטויש.

אין די יאַרידן וואָס זענען פאַרגעקומען אין לייפּציג אין די יאָרן תמ״א (1681) ביז תנ״ט (1699) האָבן זיך שוין באַטייליקט 8 יידישע האַנדלס־פאַרשטייערס פון פינטשעוו. דאָס איז, נאָך קראָקע, געווען די גרעסטע יידישע האַנדלס־רעפּרע־זענטאַנץ פון גאַנץ פוילן. אַזעלכע שטעט ווי וואַרשע, גראָדנע און ווילנע האָבן געהאַט סך־הכל צו איין יידישן האַנדלס־פאַרשטייער.

אין אירע זכרונות, געשריבן אין יאָר תמ״ט (1689), זאָגט גליקל פון האַמעלן, אַז די פּוילישע יידן האָבן אין די האַנדלס־באַציאונגען מיט די דייטשישע יידן געשפּילט אַ ביז גאָר וויכטיקע ראָל. ממילא איז דער שבח צוגעטיילט געוואָרן אויך דער יידישער האַנדלס־פאַרשטייערשאַפט פון פינטשעוו.

עס איז כדאי אָנצוווייזן אויפן פאַקט, אַז ווען די פּוילישע יידן האָבן אין יאָר תנ״ח (1698) געהאָלפן רעאַליזירן די ברייט־פאַרמאָסטענע האַנדלס־פּלענער מיט עסטרייך, האָט אַ דעצידירנדיקע ראָל אין דעם געשפּילט דער ייד יעקב בן אברהם, וואָס האָט געשטאַמט פון פינטשעוו. ער איז געווען דער „האָף־יודע״ פון קעניגלעכן הויף אין ווין.

יעקב בן אברהם פון פינטשעוו איז אין תנ״א (1691) געווען דער איינציקער פאַרשטייער און מעקלער פון דער גרויסער יידישער קאַפּיטאַליסטן־גרופּע ביים

קעניגלעכן הויף אין ווין. חוץ דעם האָט ער צוגעשטעלט לעדער־אויסאַרבעטונגען קיין מערן. אגב איז דעמלט אָנגעגאַנגען אַ גרויסער האַנדל צווישן די טשעכישע יידן מיט די יידישע סוחרים פון פינטשעוו און גראָדנע.

דער האַנדל איז, ווי געזאָגט, געלעגן כמעט אויסשליסלעך אין יידישע הענט. די סוחרים זענען אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד און אויף יאַרידן, איינגעהאַנדלט די סחורות וואָס זענען אָנגעקומען פון אויסלאַנד, ווי אויך איינגעקויפט רוי־שטאָפן, וואָס האָבן געדינט פאַרן עקספּאָרט. לרוב האָט זיך דער גרויס־האַנדל קאָנצענ־טרירט אויף די יאַרידן פון לובלין, יאַראָסלאַוו, בעלזשעץ, ריטשעוואָל און פינטשעוו. דאָס זענען, אגב, געווען די שטעט אין וועלכע עס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן די אסיפות פון ועד ארבע ארצות, וועגן וועלכע מיר שרייבן באַזונדער.

אין פינטשעוו איז זיך דער ועד ארבע ארצות צונויפגעקומען אין די יאָרן תל״ג, תל״ד און תמ״א (1673, 1674 און 1681). פינטשעוו האָט דעמלט פאַרנומען איינס פון די ערשטע ערטער אין יידישן לעבן און האָט געהערט צו די גרעסטע יידישע האַנדלס־צענטערס אין פוילן. דאָס וואָס אין פינטשעוו פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן גרויסע יאַרידן, האָט אַהין געבראַכט סוחרים פון לאַנד און פון אויסלאַנד און דאָס האָט דערפירט צו אַ גרויסן אויפבלי און גרויסע פאַרדינסט־מעגלעכקייטן פון די פינטשעווער יידן.

אין 18־טן יאָרהונדערט האָט דער אָנטייל פון יידן אין אויסלענדישן האַנדל געהאַלטן אין איין וואַקסן. די צאָל יידישע סוחרים, וועלכע זענען געפאָרן אויף די לייפּציגער יאַרידן, איז שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרן, אין דער צייט ווען דער אָנטייל פון די קריסטלעכע סוחרים פון פוילן אויף די דאָזיקע יאַרידן איז געבליבן שטיין אויף דעם זעלביקן אָרט וואָס פריער. דאָס קאָן מען זען פון די וויטערדיקע ציפערן:

אין יאָר תקכ״ו (1766) זענען אָנגעקומען קיין לייפּציג סוחרים פון פוילן — 182 יידן און 60 פּאָליאַקן; אין יאָר תקנ״ו (1796) — 791 יידן און 60 פּאָליאַקן.

אין 18־טן יאָרהונדערט האָבן זיך יידן אָנגעהויבן באַטייליקן אין די וועלט־יאַרידן פון דאַנציג און ברעסלע. און גלייך זענען אַהין געפאָרן אויך סוחרים פון פינטשעוו.

דער פינטשעווער יידישער ישוב איז דאַן געוואָרן דער צענטער פון האַנדל אין דעם גאַנצן צויזמערער ראַיאָן.

אויך אויפן ביכער־מאַרק האָבן יידן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל. אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט איז איינגעפירט געוואָרן אין פוילן אַ שטעמפּל־אָפּצאָל (שטייער) אויף יידישע און העברעישע ספרים און קאַלענדאַרן.

דאָס געזעץ פון פּאַפּיר־אָפּצאָל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין תקל״ה (1775). די ספרים וואָס מען האָט געבראַכט פון אויסלאַנד, און אויך די ספרים געדרוקטע אין לאַנד, האָט מען געמוזט צושטעלן אין די צאָל־קאַמערן, ווו מען האָט באַשטימט דעם געהעריקן אָפּצאָל און צוגעלייגט אַ שטעמפּל אויפן שער־בלאַט. פאַר נישט אָפּהיטן דאָס געזעץ האָט געדראָט אַ האַרבע שטראָף. די אָנפּירערשאַפט מיט דעם אָפּצאָל פון ספרים און קאַלענדאַר־שטעמפּל האָט מען איבערגעגעבן אַ יידישן אַרענדאַר.

פון די פאַרבליבענע רעכענונגען פון די דאָזיקע ספרים־שטייערן, ווערן מיר געוויר, אַז צו די גרעסטע איינקויפערס פון יידישע ספרים, וואָס האָבן איבער־געשטיגן די צאָל הונדערט, האָט אין תק״נ (1790) געהערט דער ביכער־סוחר פון פינטשעוו, משה בערקאָוויטש. ער האָט איינגעקויפט אין נייהאָף (נעבן וואַרשע), ווו עס האָט זיך דעמלט געפונען די גרעסטע דרוקעריי אין פוילן, 124 ספרים און זיי אָפּגעשטעמפּלט אין דער דאָרטיקער צאָל־קאַמער.

אָבער נישט שטענדיק איז דאָס יידישע לעבן אין פינטשעוו געווען זיכער און זיך פריי אַנטוויקלט. אויך פינטשעוו האָט דורכגעמאַכט שווערע צייטן. דאָס גאַנצע לאַנד האָט איבערגעלעבט אַן אַלגעמיינע פּאָליטישע ירידה. די גאָלדענע תקופה האָט זיך געענדיקט אין סוף פון 18־טן יאָרהונדערט. יידן האָט מען ווירט־שאַפטלעך גענומען אונטערדריקן, און דאָס האָט זיך גלייך אָפּגערופן אויפן גייסטיקן לעבן. דורך דער פאַרמיטלונג פון דער קהילה האָט מען אויף זיי אַרויפגעלייגט וואָס אַ מאָל אַלץ גרעסערע שטייערן. מען האָט ביי די יידן צוגענומען די ביז־דעמלטיקע פרנסות; מען האָט זיי איבערגעלאָזט בלויז די פאַכט פון שענקען און פון מילכוואַרג. און נישט בלויז דעם האַנדל האָט מען געשטערט, מען האָט אָנגעהויבן צו באַגרענעצן אויך די מלאכה. מען האָט באַטראַכט דעם ייד נישט ווי אַ בירגער פון לאַנד, נאָר ווי אַ שטייער־צאָלער. צו דעם האָט אַ סך גורם געווען די אַנטיסע־מיטישע און יידן פיינטלעכע פּראָפּאַגאַנדע פון די גלחים, וואָס האָבן געשטרעבט צו באַרויבן די יידן פון זייער מענטשלעכער ווערדע און רעכט. די גלחים האָבן געהעצט די פוילישע סוחרים און בעל־מלאכהס, וועלכע זענען געווען פּריווילעגירט און באַפרייט פון די ספּעציעלע שטייערן, וואָס יידן האָבן געמוזט צאָלן. צוליב דער אָנזעעוודיקער ראָל, וואָס די יידן אין פוילן האָבן געשפּילט אין דער עקאָנאָמיע פון לאַנד, איז די העצע לייכטער געווען און האָט געשטאַרקט די אומצופרידנקייט פון די פוילישע סוחרים און ממילא בייגעטראָגן צו דער אַלגעמיינער פאַרגרעסערונג פונעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט אָנגענומען גאָר שאַרפע פאָרמען אין 19־טן יאָרהונדערט.

מען מוז מודה זיין, אַז ווען עס האָט געבושעוועט דער אַנטיסעמיטיזם אין פוילן, האָבן זיך צווישן די פּאָליאַקן געפונען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן ווי געהעריק אָפּגעשאַצט דעם וויכטיקןביישטייער פון די יידן צום פוילישן האַנדל. דער באַ־קאַנטער פוילישער עקאָנאָמיסט באָגוסלאַוו פּראַווודזשיצקי האָט אין תרל״ה (1875) פאַרעפנטלעכט אין דער וואַרשעווער „האַנדלס־צייטונג״ ("Gazeta Handlowa") אַ שטודיע א״ג „אונדזערע יידן אין האַנדל און אינדוסטריע פון לאַנד״. דער מחבר פון דער שטודיע פאַרטיידיקט שטאַרק די יידן, לויבט זייער איניציאַטיוו, ענערגיע און פּראָדוקטיוויקייט, וואָס ברענגט גרויס נוצן דעם לאַנד. פּראַווודזשיצקי מוסרט די פּסעוודאָ־עקאָנאָמיסטן פאַר זייער אַנטיסעמיטישער איינשטעלונג לגבי יידן און זייערע אויספירונגען, אַז יידן זענען „פּאַראַזיטן, ליידיקגייערס און שווינדלערס״. ער ברענגט אַרויס, אַז שווינדל, פעלשונג און שקרנות זענען נישט קיין יידישע דערפינדונג, נייערט אַ באַשטאַנדטייל פון דער אַלגעמיינער מענטשלעכער נאַטור אָפּצווייכן פון וועג פון צניעות און אמת. די דאָזיקע אייגנשאַפטן — זאָגט פּראַוו־דזשיצקי — דאַרף מען צושרייבן נישט בלויז יידן, נאָר אַלע ראַסן און אומות, אָן אויסנאָם.

נישט געקוקט אויף די שטערונגען, פאַרפאָלגונגען פון דער קירכלעכער מאַכט, נישט געקוקט אויף דער גרויסער פוילישער קאָנקורענץ, האָבן די יידן נאָך אין 16־טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן אַרויסצווייזן אויף דעם דאָזיקן געביט אַ סך איני־ציאַטיוו. זיי זענען געווען די פּיאָנערן פון דער אינדוסטריע און האַנדל און פון אַלע אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען אין פוילן. חוץ טעכנישער גרויסער באַהאַוונטקייט, האָבן זיך דערצו געפאָדערט אויך באַדייטנדיקע קאַפּיטאַל־אינ־וועסטיציעס, וואָס נאָר די יידן זענען דעמלט אומשטאַנד געווען צוצושטעלן.

אין אַ טייל אינדוסטריע־צווייגן האָבן יידן, אַ לענגערע צייט, פאַרנומען אַ דאָמינירנדיקע ראָל, — און דאָס גראָד אין דער תקופה פון אויפבלי פון די קריסטלעכע צעכן.

די יידן אין פּינטשעוו האָבן אַדאַנק זייערע פעאיקייטן, דינאַמיזם און אַרבעט־זאַמקייט פאַרבונדן פוילן מיט דער ברייטער וועלט. זיי האָבן אין פּינטשעוו גע־גרינדעט די בוי־אינדוסטריע, געשאַפן און אַנטוויקלט דעם האַנדל. ביי דער זייט פונעם יידישן סוחר זענען געווען די יידישע בעל־מלאכהס און קרעמערס, וואָס האָבן פאַרזאָרגט די קריסטלעכע באַפעלקערונג מיט מלבושים, שיך און אַלע אַנדערע זאַכן. די יידן אין פּינטשעוו האָבן געגייט די פעלצן פאַר די אַרומיקע פּריצים. בדרך כלל האָבן די יידן אין פּינטשעוו זיך געפילט זיכערער, ווי אין די אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון פוילן. דער פּאָלאַק האָט ביי דעם ייד זיך

געלערנט האַנדלען. אין משך פון הונדערטער יאָרן האָבן זיך די יידן באַוויזן דורכצושלאָגן דורכן בראַנד פון שׂנאה, וואָס האָט געהערשט ביים פּוילישן קלער און מיעשטשאַנעס. אין 19־טן יאָרהונדערט איז פּינטשעוו געווען דער צענטער פון דער אינדוסטריע פון בוי־מאַטעריאַלן: שטיינהאַקעריי און קאַלך־אויסאַרבעטונגען, ווי אויך ציגל. אַ גרויסע שטיינהאַקעריי — איינע פון די בעסטע אין פּוילן — איז געווען אין פּינטשעוו. עס איז דאָרט אויך געווען אַ פאַבריק פון שטאָף, וואָס האָט געהערט צו דעם ייד ראָזענבערג, געווען אויך אַ פאַבריק פון ביינוול־אויסאַרבעטונג און אַ גרויסע פאַרבעריי, וואָס האָט געהערט צום ייד באָרענשטיין. פּינטשעוו האָט פאַרמאָגט אַ פאַבריק פון עסיק, ווי אויך אַנדערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען — און אַלע האָבן געהערט צו יידן.

צווישן די ערשטע יידישע איינוואַנדערער, וואָס זענען אָנגעקומען פון די מערב־לענדער קיין פּוילן, זענען געווען זייער ווייניק האַנטווערקער. די איינגעוואַנדערטע יידן זענען לרוב געווען סוחרים, להיפוך צו די איינגעוואַנדערטע יידן פון די מזרח־לענדער, וואָס זענען לרוב געווען לאַנד־אַרבעטער. זיי האָבן זיך ערשט אין פּוילן איבערגעשטעלט און זיך גענומען צו אַנדערע באַשעפטיקונגען. אויך די געקומענע פון מערב האָבן דעם מסחר פאַרבונדן מיט מלאכהס, ווי, למשל, שניי־דעריי, קירזשנעריי, אָדער געוואָרן קצבים, היטלמאַכערס, איינבינדערס, זייגער־מאַכערס, טאָקערס, גאָלדשמידן, א.אַ.וו.

די יידישע האַנטווערקערס אין פּינטשעוו האָבן שפּעטער אָנגעהויבן צו דאָמינירן אויף די אַלע געביטן. כמעט אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך פאַרנומען מיט האַנטווערקעריי. דאָס האַנטווערקעריי האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון דער שטאָט, אַז עס איז געווען דער מקור פון פּרנסה פאַר כמעט אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג אין פּינטשעוו. עס איז דער־גאַנגען אַזוי ווייט, אַז די קריסטלעכע האַנטווערקער און בעל־מלאכהס פון פּינטשעוו האָבן, אין 18־טן יאָרהונדערט, שוין אָנגעהויבן צו פאָדערן איינצופירן פאַר די יידן אַ באַגרענעצונג, דעם אַזוי גערופענעם Numerus Clausus. אויף דעם וועג האָט מען צו ביסלעך אָנגעהויבן אַרויסצושטויסן די יידן פון די דורך זיי פאַרנומענע פּאָזיציעס.

פון סוף 19־טן יאָרהונדערט ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין תרע״ד (1914), איז דער גרעסטער אָפּזאַץ־מאַרק פאַר די אויסאַרבעטונגען פון פּוילן געווען רוסלאַנד. דער פּינטשעווער יידישער הורט־סוחר, אינדוסטריעלער און בעל־מלאכה האָט באַוויזן צו פאַרשפּרייטן זיינע סחורות און אויסאַרבעטונגען איבער דעם גאַנצן שטח פון גרויס־רוסלאַנד. ער איז אַריינגעדרונגען אין זיינע

ווייטסטע ווינקעלעך. אַפילו דעמלט ווען דער דייטשישער קאָנקורענט האָט אָנגע־הויבן זיין האנדלס־אינוואַזיע אויף רוסלאַנד און געוווּנען דעם דאָרטיקן גרויסן מאַרק, האָט ער, באין ברירה, אויך געמוזט אָנקומען צום יידישן פאַרמיטלער.

צוליב דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914—1918) האָט דער פינטשעווער סוחר און אינדוסטריעלער פאַרלוירן נישט נאָר די פאַרבינדונג מיט רוסלאַנד, נאָר אויך זיינע קאַפּיטאַלן. די מלחמה־ווירטשאַפט פונעם עסטרייכישן אָקופּאַנט, וואָס האָט באַזעצט פינטשעוו, די כסדרדיקע רעקוויזיציעס און סחורה־קאָנפיסקאַציעס, האָבן צוגעהאָלפן צו דער ירידה פונעם יידישן האַנדל און אינדוסטריע אין פינטשעוו.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, מיט דער אַנטשטייונג פונעם זעלבשטענדיקן פּוילן (אין יאָר 1918), איז געקומען צו דער סטאַגנאַציע פונעם יידישן האַנדל און אינדוסטריע. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע אינפלאַציע. די אומדער־טרעגלעכע הויכע שטייערן, וואָס די פּוילישע מאַכט האָט אַרויפגעלייגט ספּעציעל אויף די יידישע בירגער, און די וואָס אַ מאָל קלענערע סטאַביליזירטע פאַר־דינסטן, — דאָס האָט צוזאַמען דערפירט צו אַ פאַרקלענערונג פון דער קויף־קראַפט ביי די ברייטע יידישע שיכטן. די אַלץ וואַקסנדיקע קאָנקורענץ פון די פּוילישע סוחרים און קליינהענדלער, וואָס זענען אַרויס מיט דער אַנטיסעמיטישער לאָזונג: "Swój do swego", — האָט געמיינט פשוט: „קויף נישט ביי קיין יידן״, האָט ביסלעכווייז אַרויסגעריסן דעם האַנדל פון יידישע הענט און געדראָט ממש אַן אונטערגאַנג פון יידישן האַנדל־קלאַס. צוליב דעם אַלעמען איז די לאַגע פונעם יידישן אַרבעטער און בעל־מלאכה געוואָרן אַ קאַטאַסטראָפאַלע. דערצו איז צוגע־קומען אַ נייע פּלאָג: די אַנטיסעמיטישע מיטגלידער פון די שטייער־קאָמיסיעס האָבן די גאַנצע לאַסט פון שטייערן אַרויפגעוואָרפן אויף די יידישע פּלייצעס. דאָס איז צום בולטסטן געקומען צום אויסדרוק בעת דער הערשאַפט פון וולאַדיסלאַוו גראַבסקי. דער דאָזיקער אַזוי גערופענער „גראַבסקי־פּעריאָד״ האָט רואינירט דעם גאַנצן יידישן מיטלשטאַנד, וואָס איז געווען געצוווּנגען צו צאָלן דרייערליי שטייערן: אומזאַץ־שטייער, איינקונפט־שטייער און פאַרמעגן־שטייער, נישט רע־כענענדיק די לאָקאַלע שטייערן, די קהילה־שטייערן און נאָך און נאָך אַנדערע שטייערן, וואָס דער ייד האָט געמוזט צאָלן.

דער שטייער־סיסטעם האָט אין משך פון די יאָרן פונעם זעלבשטענדיקן פּוילן אויסגעזעצאַפּט דעם גאַנצן באַוועגלעכן קאַפּיטאַל פונעם יידישן הענדלער און אינ־דוסטריעלער; דאָס האָט זיך צום שטאַרקסטן געלאָזט פילן בעת דעם „סאַנאַציע־רעזשים״, אין די דרייסיקער יאָרן.

אין די צוואַנציקער יאָרן איז אין זעלבשטענדיקן פּוילן געשאַפן געוואָרן אין

פינטשעוו אַ יידישע באַנק, אָדער, ווי מען האָט זי גערופן, אַ שפּאָר־קאַסע. די דאָזיקע באַנק פלעגט סובסידירט ווערן דורך דעם פאַרבאַנד פון קאָאָפּעראַטיוו־בענק, וואָס איז פינאַנסירט געוואָרן דורכן „דזשאָינט״. אין פינטשעוו האָט אויך עקזיסטירט אַ גמילות חסד־קאַסע, וואָס האָט אויסגעבאָרגט געלט אָן פּראָצענט די נויטבאַדערפטיקע קליינהענדלערס און בעל־מלאכהס.

די שנעלע מלוכהשע אינדוסטריאַליזירונג פונעם גאַנצן ראַיאָן האָט אַרויס־געשטויסן קודם כל די יידן פון די שטיינהאַקערייען און די קליינע פאַבריקן. עס זענען פאַרבליבן אין פינטשעוו די שטיינהאַקעריי וואָס האָט געהערט צום יידן קאַטשקע, אַ פּאָר געציילטע גרויסע סוחרים און אַ קליינע צאָל קליינהענדלער און בעל־מלאכהס. אַזוי אַרום האָבן די פינטשעווער יידן פאַרלוירן זייערע ווירט־שאַפטלעכע פּאָזיציעס וואָס זיי האָבן זיך דערוואָרבן אין משך פון דורות.

✶

לסוף וועלן מיר ברענגען אייניקע פּרטים וועגן דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פון די יידן אין פינטשעוו, לויט דער ציילונג וואָס איז פאָרגעקומען אין תקכ״ד—תקכ״ה (1764/5).

פון די 474 ראשי־משפחות, וואָס האָבן דעמלט געוווינט אין פינטשעוו, האָבן 39.7% געהאַט באַרופן, 12% זענען באַשטאַנען פון פרייע פּראָפעסיעס. פון די פרייע פּראָפעסיעס האָבן, לויט זייער סאָציאַלער לאַגע, רבנים פאַרנומען דעם אויבנאָן. די הויפּט־צווייגן פון פּרנסות האָבן אויסגעזען אַזוי:

188 ראשי משפחות מיט אָנגעגעבענע באַרופן — 40%;

286 ראשי־משפחות אָן פאַרצייכנטע באַרופן — 60%.

די פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור:

אך לא תמיד חיו היהודים בפינצ׳ב חיי שלווה ובטחון והתפתחו תוך חירות. גם על פינצ׳ב עברו זמנים קשים. כל הארץ עמדה אז בסימן של ירידה מדינית. תקופת הזהב נגמרה בסוף המאה ה־18. החל לחץ כלכלי על היהודים והדבר השפיע גם על חיי הרוח. באמצעות הקהילה הוטלו עליהם מסים שהלכו וגדלו. כן קיפחו את פרנסותיהם ולא השאירו בידם אלא חכירת בתי מזיגה וחלבנות. ולא המסחר בלבד הוצא מידי היהודים, אלא הוטלו הגבלות גם על המלאכות שעסקו בהם. לא את האזרח ראו ביהודי אלא את משלם המסים. גרמה הרבה לכך התעמולה האנטישמית של הכמרים, שאדיר חפצם היה להשפיל את כבודם של היהודים ולשלול את זכויותיהם האזרחיות.

הכמרים שיסו ביהודים את הסוחרים והאומנים הפולניים, שממילא היו בעלי זכויות־יתר ומשוחררים מהמסים המיוחדים שהוטלו על היהודים. המשקל הרב שהיה ליהודי פולין בכלכלת הארץ, הֵקל אף הוא על ההסתה נגדם והגביר את מורת־רוחם של הסוחרים הפולניים. וכך הלכה והעמיקה השנאה הכללית ליהודים כפי שנתגלתה בצורותיה החריפות במאה ה־19.

יש להודות, שכאשר השתוללה האנטישמיות בפולין, נמצאו בין הפולנים גם כאלה, שידעו להעריך כיאות את תרומתם הנכבדה של היהודים לסחר הפולני. הכלכלן הפולני הידוע בוֹגוּסלאַב פּראַוודז׳יצקי פירסם בשנת תרל״ה (1875) בעתון הכלכלי הוואַרשאי Gazeta Handlowa מחקר על הנושא: „היהודים שלנו במסחר ובתעשיה של הארץ״, ובו הוא מסנגר רבות על היהודים, משבח את יוזמתם, מרצם ופריון העבודה שלהם, שתועלתם רבה לארץ כולה. פּראַוודז׳יצקי מטיף מוסר לאותם כלכלנים־כביכול על עמדתם האנטישמית ועל מסקנותיהם שהיהודים הם „פּאַראַ־זיטים, בטלנים ונוכלים״. הוא קובע, כי נוכלות, רמאות ושקרנות אינן המצאה יהודית אלא חלק מן הטבע האנושי הנוטה לסור מדרך היושר והאמת. תכונות

אלה — כותב פראַוודז׳יצקי — אפשר למצוא אצל כל הגזעים וכל האומות, בלי יוצא מן הכלל.

על אף הפרעות, הרדיפות מצד השלטון הכנסייתי וההתחרות החזקה של הפולנים, החלו היהודים עוד במאה ה־16 להוכיח את יוזמתם הגדולה. הם היו חלוצי התעשיה והמסחר וכל המפעלים הקאַפיטליסטיים האחרים בפולין. מלבד ההתמחות הטכנית, נדרשו לכך גם השקעות־הון ניכרות, ורק היהודים יכלו לשאת בהן.

בחלק מענפי התעשיה עמדו היהודים בראש משך זמן רב ודוקא בתקופת התפתחותם של הצאָכים הנוצריים.

יהודי פינצ׳ב יצרו קשרים בין פולין לעולם הרחב, תודות לכשרונותיהם, הדינאַמיות שלהם וחריצותם. בפינצ׳ב יסדו את תעשיית הבנייה וכן יצרו ופיתחו את המסחר. ליד הסוחר היהודי היו בעלי המלאכה וחנוונים יהודים, שסיפקו לאוכלוסיה הנוצרית מלבושים, נעליים וכל תצרוכת אחרת. יהודי פינצ׳ב תפרו את מעילי הפרווה בשביל בעלי האחוזה שבסביבה. בכלל ראו עצמם יהודי פינצ׳ב בטוחים יותר מאשר ערים ועיירות אחרות בפולין. הפולני למד מן היהודי את המסחר. משך מאות בשנים הצליחו היהודים לעֲבור דרך להבות השנאה של הכמורה והעירוניים ולהתגבר עליהן. במאה ה־19 היתה פינצ׳ב מרכז התעשיה של חומרי בנין: מחצבה ומשרפת סיד ולבנים. מחצבה גדולה — מן הטובות ביותר שבפולין — היתה בפינצ׳ב. כן היה שם ביח״ר לאריגים, של היהודי רוזנברג, וכן ביח״ר לעיבודי צמר ולצביעה, של היהודי בורנשטין. בפינצ׳ב היה גם ביח״ר לחומץ וכן בתי חרושת אחרים, וכולם היו שייכים ליהודים.

בין המהגרים הראשונים, שבאו מארצות המערב לפולין, היו מעט מאד אומנים. על הרוב היו אלה סוחרים, ולעומתם, המהגרים מארצות המזרח היו על הרוב עובדי אדמה. רק בפולין הם שינו את משלח־ידם והחלו לעסוק במקצועות אחרים. גם אלה שבאו מן המערב איחדו מסחר עם מלאכה, למשל חייטות, פרוונות, או שנעשו קצבים, כובענים, כורכים, שענים, חרטים, צורפים וכד׳.

לאחר מכן החלו בעלי המלאכה היהודים בפינצ׳ב להתקדם ולעמוד בראש כל המקצועות האלה. כמעט מחציתה של האוכלוסיה היהודית בפינצ׳ב עסקה במלאכת כפיים. הדברים הגיעו לידי כך, שכבר במאה ה־18 דרשו האומנים ובעלי המלאכה הנוצריים להגביל את עבודתם המקצועית של היהודים, ולהנהיג לגביהם מה שקרוי „נומרוס קלאוזוס״. בדרך זו החלו אט־אט לדחוק את רגלי היהודים מהעמדות שרכשו לעצמם. מסופה של המאה ה־19 ועד לפרוץ מלחמת העולם הראשונה בשנת תרע״ד (1914) שימשה רוסיה כארץ־היבוא הראשונה במעלה לכל התוצרת הפולנית. הסיטונאים, החרשתנים ובעלי המלאכה היהודים מפינצ׳ב הצליחו להפיץ סחורותיהם

ותוצרתם בכל שטחה של רוסיה הגדולה. הם חדרו לפינות הנידחות ביותר. ואפילו כאשר המתחרה הגרמני החל בפלישתו המסחרית לתוך רוסיה והצליח לרכוש את שווקיה, הרי גם הוא היה זקוק, באין ברירה, למתווך היהודי.

בשל מלחמת העולם הראשונה (1914—1918) איבד הסוחר והחרשתן מפינצ׳ב לא רק את קשריו המסחריים עם רוסיה אלא גם את רכושו. המדיניות הכלכלית של הפולש האוסטרי, שכבש גם את פינצ׳ב, ההפקעות התמידיות וההחרמות של סחורות, תרמו גם הן את חלקן לירידה של המסחר והתעשיה בפינצ׳ב.

לאחר מלחמת העולם הראשונה, עם קום מדינת פולין העצמאית (בשנת 1918) היו המסחר והתעשיה היהודיים במצב של קפאון. לאחר כך באה האינפלאַציה הגדולה. המסים הגדולים הבלתי־נסבלים, שממשלת פולין הטילה במיוחד על אזרחיה היהודים, והרווחים היציבים שהלכו ופחתו בתמידות — הביאו לידי הקטנת כושר הקניה של השכבות הרחבות שבאוכלוסייה היהודית. ההתחרות שגדלה בתמידות מצד הסוחרים והחנוונים הפולניים, שהשתמשו בסיסמות אנטישמיות, הוציאה אט אט את המסחר מידי היהודים ונשקפה סכנת כלייה ממש למעמד הסוחרים היהודים בכללו. כתוצאה מכך גם מצבו של הפועל ובעל המלאכה היהודי נעשה קשה מנשוא. לכל אלה נוספה עוד צרה חדשה: האנטישמיים שבוועדות־השומה הטילו את מלוא כבדו של עול המסים על שכם משלמי המס היהודיים. לידי ביטוי בולט ביותר בא הדבר בזמן שלטון וולאדיסלאַב גראַבסקי. בתקופה זו, הידועה כ„תקופת גראַבסקי״, נהרס לחלוטין המעמד הבינוני היהודי, שהיה נאלץ לשלם שלושה מיני מסים: מס־מחזור, מס־הכנסה ומס־רכוש, מלבד מסי העירייה ומסי הקהילה ומסים ממסים שונים שהוטלו עליו.

משך שנות קיומה העצמאי של מדינת פולין הצליחה שיטת המסים הזאת להציא מידי הסוחר והחרשתן היהודי את כל הרכוש הנייד שהיה ברשותו. במיוחד הומחש הדבר בעת „משטר הסאַנאַציה״, בשנות השלושים.

בשנות העשרים נוסד בפינצ׳ב בנק יהודי, או כפי שקראו לו: קופת חסכון. הבנק קיבל סובסידיות מן הארגון הכללי של הבנקים, שמומן מכספי ה„ג׳וינט״. כן פעלה בפינצ׳ב קופת גמילות־חסד, שנתנה הלוואות בלי רבית לחנוונים ובעלי מלאכה נצרכים.

עם הביצוע המהיר של המדיניות האֶטאטיסטית והעברת מפעלי התעשייה שבמחוז כולו לידי הממשלה, נושלו קודם כל יהודי פינצ׳ב מן המחצבות ומבתי החרושת הקטנים. בפינצ׳ב נשארו רק — המחצבה שהיתה שייכת ליהודי בשם קאַצ׳קה, כמה סוחרים גדולים ומספר קטן של חנוונים ובעלי מלאכה. וכך איבדו יהודי פינצ׳ב את עמדותיהם הכלכליות, שרכשו אותן משך דורות.

✶

לבסוף נביא כמה פרטים על המיבנה הסוציאלי־כלכלי של יהודי פינצ׳ב, על יסוד המיפקד שהתקיים בשנת תקכ״ה (1764/5).

מתוך 474 ראשי משפחות שגרו אז בפינצ׳ב, היו 39.7% בעלי מקצוע. 12% היו בעלי מקצועות חפשיים, ביניהם תפסו הרבנים, לפי מצבם החברתי, מקום בראש. ענפי הפרנסה העיקריים נסתכמו כך:

188 ראשי משפחה במקצועות מוגדרים — 40%.

286 ראשי משפחה בלי מקצוע — 60%.

המיבנה המקצועי:

1 רב, 1 דיין, 16 מלמדים, 2 רופאים, 16 חוכרים, 10 יֵינים, 7 סוחרים, 4 חנוונים, 1 מתווך, 35 חייטים, 20 כובענים, 5 פרוונים, 3 רוקמים, 4 תכשיטנים, 3 צורפים, 10 קצבים, 7 אופים, 1 סבונאי, 1 עושה נרות, 1 זַפָּת, 7 שמשים, 3 חזנים, 2 בדחנים, 3 מנגנים, 1 שדכן, 2 אנשי־הֶקדש, 20 אנשי חברא־קדישא, 6 בורסים, 2 אַכָּפים, 3 כורכים, 1 זגג, 1 שומר לילה, 2 סַפרים, 1 חובש, 1 מנקר, 1 בַלן, 10 מייצרי יי״ש, 1 רצען, 1 גלף, 1 קונדיטור, 1 שתדלן, 3 שוחטים, 17 ראשי דוכנא, 4 תופרי גרביים, 15 קבצנים. שאר היהודים התפרנסו מעסקי־אויר.

עם השמשים נמנו גם סגניהם וכן ה„מקישים בדלתות״ (לעורר להשכמה לביה״כ וכד׳). (מספרים אלה — לפי פרופ׳ רפאל מאָלר).

מספר הנפשות (בגיל שלמעלה משנה) — 2.049; יונקים — 130. ס״ה 2.179. מספר היהודים בכפרים הסמוכים לפינצ׳ב היה אז 507 (בגיל שלמעלה משנה).

ראוי להעיר, שמכל הפלך היה בפינצ׳ב המספר הגדול ביותר של חוכרים ומוזגים (ביחד 16), חייטים, כורכים, צורפים, קצבים, בדחנים, חזנים ושמשים, וכן בורסים — היחידים בכל הפלך.

כאמידים יותר שבין בעלי המלאכה נחשבו הקצבים והאופים. העשירים ביותר היו הרבנים וראשי הקהל.

סמוכים על שולחנם של 474 ראשי משפחה שהזכרנו לעיל, היו 130 משרתים, משרתות, עוזרים לבעלי־מלאכה ושוליות, כלומר 27.4%.

מבין 16 המלמדים של פינצ׳ב, לימדו 7 בלי עוזרים (ריש דוכנא); 2 מלמדים העסיקו כל אחד עוזר אחד; 6 — העסיקו 2 עוזרים כל אחד; והיה מלמד אחד שהעסיק 3 עוזרים.

החברא־קדישא בפינצ׳ב, שמנתה שלושים איש והתקיימה, כפי הנראה, מאות שנים, פוזרה בשנת תקפ״ב (1822) על־ידי ראש העירייה.

סופה של פינצ׳ב היהודית

תולדותיו של הישוב היהודי בפינצ׳ב נמשכו הרבה מאות שנים. יהודי המקום, שתרמו כה רבות לשגשוגה ולפיתוחה של העיר ואף הרבה מחוצה לה, נחשבו כל הזמן כגוף זר, ובמקרה הטוב ביותר התייחסו אליהם בסובלנות. בשביל יהודי פינצ׳ב היו רק תקופות קצרות שבהן הם נהנו מיחס ליבראלי.

כל ממשלה, שלעתים כה קרובות באה אחרת במקומה, תרמה את חלקה והוסיפה משלה לאותה שקיעה — נכון יותר לומר לאותה גסיסה — של חיים יהודיים מאורגנים להפליא שהיו בפינצ׳ב.

התושבים הלא־יהודים של פינצ׳ב התייחסו תמיד לשכניהם היהודים כלאזרחים ממדרגה שניה, שמעמדם נחות. והדבר השתקף בכל שטחי החיים ובא לידי ביטוי הן במועצת העיריה, בעיריה, בבית המשפט, בגימנסיה העירונית, שהיתה קיימת בפינצ׳ב, והן — ובמידה גדושה יותר — במסחר ובחרושת, ענפים שבהם היהודים היו החלוצים וסוללי הדרך.

היו זמנים שהיהודים מצאו להם בעת צרה סניגורים טובים — בעלי האחוזות והאצולה. אולם במשך הזמן עברה ההכרעה לצד שכנגד — הכמורה והעירוניים, שעשו הכל כדי לדכא את היהודים ולהטיח בפניהם בכל הזדמנות את שנאתם ולעגם.

רק זמן קצר בלבד יכלו יהודי פינצ׳ב לנשום באווירה חופשית יותר, היה זה בעת מלחמת העולם הראשונה, כאשר העיר נכבשה על־ידי הצבא האוסטרי־הונגרי (1915—1918). אז שוב יכלו היהודים להתהלך בקומה זקופה ובראש מורם. ושוב נהנו מאוטונומיה מסויימת, מבחינה חברתית ותרבותית.

כן נתרחבו אז הקשרים עם מרכזים יהודיים אחרים באמצעות הקו החדש של מסילת הברזל, שהכובשים האוסטרים פתחו מיינדז׳יב לפינצ׳ב. עד אז התנהלה התחבורה באוטובוסים בלבד, שנסעו מקיילץ לביסק דרך פינצ׳ב.

באותו זמן נראתה התעוררות רבה בשטח הפוליטי־חברתי. בפינצ׳ב נוסדו אז כמה מפלגות וחברות פוליטיות, ביניהן: צעירי ציון, ציונים כלליים, פועלי ציון ימין (המפלגה הציונית הראשונה, „התחיה״, הוקמה כבר בשנת 1905). כן נוסדה ספרייה יהודית, וזמן קצר אחר כך — גם חוג דראמטי ועוד.

התפתחות זו נמשכה עד שפולין נעשתה שוב עצמאית (1918). בבת־אחת השתנה מצב־הרוח לרעה. היהודים חיו בפחד תמידי, בשל הבשורות הרעות שהחלו להגיע מערים אחרות. שוב חזרו ונשנו הפרעות ביהודים. פרעות התחוללו, בין היתר, גם בעיר הפלך קיילץ, הרחוקה בס״ה 40 ק״מ מפינצ׳ב. פוגרום ממש פרץ שם, היו

יהודים הרוגים ופצועים, וזאת — באותו יום שמדינת פולין חגגה את שחרורה ועצמאותה, ה־11 בנובמבר 1918.

בשנות העשרים נוספו שתי מפלגות חדשות, לאלה שהיו קיימות בפינצ׳ב — המפלגה הרביזיוניסטית (בית״ר) והמפלגה הקומוניסטית.

בשנת 1930 פרצה שריפה גדולה בפינצ׳ב, והיהודים סבלו בה רבות.

✶

בליל ה־5 בספטמבר 1939 כבשו הרוצחים הגרמנים את פינצ׳ב. ב־7 בספטמבר הבעירו כמעט את כל העיר, בייחוד את הרובעים היהודיים. בשריפה זו שהבעירו הנאצים נספו כ־100 יהודים. כן נשרפו אז, בין היתר, בית־הכנסת החדש והגג של בית־הכנסת הישן, שנבנה בתקופת הרנסאַנס.

בזמן הכיבוש הנאַצי היה גורלם של יהודי פינצ׳ב כגורלם של כל היהודים בכל הערים והעיירות של פולין.

כאשר נשתחררה פינצ׳ב, ב־15 ביאַנואר 1945, היתה זו עיר בלי יהודים.

שווערע לאַגע אין פינטשעוו
אין אָנהויב יאָרהונדערט

אין „ייווא״־אַרכיוו אין ניו־יאָרק זענען פאַראַן פיר בריוו, געשריבן פון פינטשעוו קיין ניו־יאָרק אין די יאָרן 1906, 1907 און 1908. דאָס זענען פיר בריוו געשריבן אין יידיש, פון וועלכע די „ייווא״־פאַרוואַלטער האָבן אונדז מיט געפעליקייט איבערגעשיקט פאָטאָגראַפישע קאָפּיעס.

די דאָזיקע בריוו זענען אַלע געשריבן דורך אַלטע קראַנקע עלטערן צו זייערע קינדער אין די פאַרייניקטע שטאַטן, זיי זאָלן זיי שיקן הילף, זיי נישט פאַרגעסן אויף די עלטערע יאָרן. אין בריוו פון 1906 רעדט זיך וועגן אַ געוועזענער שריפה אין פינטשעוו, בעת וועלכער עס איז אָפּגעברענט געוואָרן אויך דאָס הויז פונעם בריוו־שרייבער און ער מיט זיין פרוי ווינען אין שרעקלעכע באַדינגונגען. פון די בריוו ווערן מיר געוווירר, אַז אין פינטשעוו איז נישט געווען קיין שום אינסטיטוציע פאַר סאָציאַלער הילף. דער אַלטער קראַנקער טאַטע שרייבט צום זון, אַז ער ווייסט דאָך, אַז ס׳איז נישטאָ פון קיינעם וואָס צו דערוואַרטן.

די בריוו שטעלן בכלל פאָר די לאַגע אין פּינטשעוו אין יענער צייט ווי אַ שווערע. דער יקרות איז אַ גרויסער. מען פאַרדינט ווייניק. לויט די מיטיילונגען וועגן קרובים, זעט מען, אַז פיל יוגנטלעכע פאַרלאָזן דאָס שטעטל און פאָרן איבער אין גרעסערע שטעט.

איין פּאָטער שרייבט, אַז ער ליגט שוין אַ שווער־קראַנקער דריי יאָר אין בעט. די פרוי, אַליין אויך אַ קראַנקע, מוז רופן מענטשן פון גאַס, זיי זאָלן אים איבערלייגן אין בעט. ער דאַרף, שרייבט ער, כאָטש 4 רובל אַ וואָך אויף צו לעבן און ער האָט בלויז 1 רובל...

אין איין בריוו ווערט געבעטן דער זון צו שיקן פאַר אַ מומען אַ דערלויבעניש צו באַנוצן די „שטאָט" אין דער ווייבערישער שיל...

די בריוו זענען, לויטן כתב־יד, געשריבן דורך פּראָפעסיאָנעלע בריוו־שרייבער און נישט דורך די עלטערן גופא. דריי בריוו, געשריבן נישט צו די זעלבע מענטשן, זענען געשריבן מיט דער זעלבער האַנטשריפט.

שלמה שיינער (תל־אביב)

די אַלטע שיל און די אַלטע מקווה


איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם אויסערגעוויינלעכן איינדרוק וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט די אַלטע פּינטשעווער שיל, ווען כ׳האָב זי געזען צום ערשטן מאָל. איך בין געבליבן שטיין דערשטוינט אין ערפורכט. קאָן זיין, אַז די יידן, וועלכע זענען געבוירן געוואָרן אין פּינטשעוו און זענען געוווינט געווען מיט דער שיל פון זייער פריסטער קינדהייט אָן, האָבן נישט באַמערקט אַזוי איר שיינקייט, מאָנומענטאַלקייט און אַלטערטימלעכע פּראַכט, ווי איינער וואָס דערקענט די שיל שוין אַלס דערוואַקסענער, נאָכן האָבן געזען צענדליקער אַנדערע בתי־כנסת. אַלע יאָרן וואָס איך בין געווען אַן איינוווינער פון פּינטשעוו, פלעג איך נישט מיד ווערן צו באַוווּנדערן אונדזער שיל.

די אַלטע שיל איז געווען פאַרעכנט אָפיציעל אַלס אַן אַלטערטימלעכקייט־דענקמאָל. אויב עס איז עפּעס וואָס צעבראָכן געוואָרן, אָדער אָפּגענוצט און מען האָט עס געדאַרפט פאַריכטן, האָט מען געמוזט אַראָפּברענגען בעלי־מלאכהס פון

קראָקע, מיט די פּלענער פון דער שיל און נאָר זיי האָבן געהאַט רעכט דורכצופירן די אַרבעטן, לויט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון קולטור־מיניסטעריום, וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט איבער די אַלטערטימלעכקייטן.

דער משמש פון רב, יהושע קאַשטאַנסקי, איז אויך געווען שמש אין דער גרויסער שיל. ער האָט געהאַט אַ גרויסן פּנקס, ווו עס זענען געווען פאַרשריבן וויכטיקע געשעענישן אין דער געשיכטע פון דער שיל. וואָלטן מיר היינט געהאַט דעם דאָזיקן פּנקס, וואָלטן מיר פון אים זיכער געקאָנט שטודירן די געשיכטע פון די יידן אין אונדזער שטעטל. צום באַדויערן איז אויך דער פּנקס פאַרשוווּנדן, מסתמא פאַרברענט געוואָרן, צוזאַמען מיט דער שיל און צוזאַמען מיטן משמש און דער גאַנצער קהילה יידן.


עס דערמאָנט זיך מיר אַ באַזוך פון באַרימטן יידישן היסטאָריקער פּראָפ. מאיר באלאבאן אין פּינטשעוו, אין יאָר 1938. באַלאַבאַן האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער שיל און איך האָב געהאַט דעם כבוד אים צו באַגלייטן בעת זיין באַזוך אין דער שיל. קאַטשאַנסקי האָט דעמלט אויסגעזוכט, אין אַלטן פּנקס, אַן אַקט, אַן אָפיציעלער דאָקומענט, לויט וועלכן דער פּוילישער קעניג קאַזשימיעזש וויעלקי („דער גרויסער") האָט געשענקט דער יידישער קהילה אין פּינטשעוו דעם פּלאַץ, אויף וועלכן די שיל איז אויסגעבויט געוואָרן. דער דאָזיקער אַקט האָט געשטאַמט



בית הכנסת הישן — די פּינטשעווער אַלטע שיל

פון מיטן 14־טן יאָרהונדערט. איך האָב אָבער געהאַט באַמערקט אויף לינקס פון ארון קודש די אויפשריפט פון דער דאַטע „פרט שבת״, וואָס דאָס איז פריער, ווי דער אַקט איז געגעבן געוואָרן דורכן דערמאָנטן פוילישן קעניג. פּראָפעסאָר באַלאַבאַן האָט מיר דעמלט געזאָגט, אַז עס איז מעגלעך די שיל זאָל האָבן אויפ־געבויט געוואָרן נאָך פריער, נאָר דעם פּלאַץ האָט דעמלט דער מלך אָפיציעל געשענקט דער יידישער קהילה.

אָבער נישט בלויז די שיל איז געווען ביי אונדז אין שטאָט אַן אַלטערטימלעכע. אויפן שיל־הויף האָט זיך, ווי אַלע געדענקען, געפונען אַ מקווה. אויך די דאָזיקע יידישע מקווה טהרה איז אַלט געווען עטלעכע הונדערט יאָר. זי איז געווען געבויט טיף אין דער ערד, מען האָט געדאַרפט אַראָפּגיין אין איר אפשר הונדערט טרעפּ. דאָס איז געווען די איינציקע יידישע מקווה אין פינטשעוו. אין יאָר 1938



דער פינטשעווער סטאַראָסטע באַזוכט די פינטשעווער שול.

ער ווערט באַגלייט דורך מענדל הייטלער און דורכן פינטשעווער רב ר׳ שבתאי ראַפּאָפּאָרט הי״ד. אויך מאַסן יידן באַגלייטן דעם גאַסט.

האָט די פוילישע מאַכט געשלאָסן די מקווה, „צוליב סאַניטאַרע טעמים״. דאָס איז געווען אויך איינער פון די וועגן צו דריקן און אונטערדריקן די יידישע באַפעל־קערונג, ווען עס האָט זיך גענומען כסדר פאַרשטאַרקן דער אַנטי־יידישער קורס פון דער פוילישער רעגירונג קעגן דער יידישער באַפעלקערונג — מען האָט געזוכט היגיענע אין יידישע אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס. אונדזער מקווה איז געפאַלן אַ קרבן פון דאָזיקן אַנטיסעמיטישן קורס אין פוילן. ווי עס זאָל נישט זיין — דאָס שליסן די מקווה האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפרעגונג און צערו־דערונג ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין פינטשעוו. די נאָענטסטע יידישע מקווה האָט זיך געפונען אין בוסקאָ, און מען האָט געמוזט פאָרן אַהין, אויב מען האָט געוואָלט מקיים זיין די יידישע דינים.

ווען די מקווה איז געשלאָסן געוואָרן האָט מיך גערופן דער רב ראַפּאַפּאָרט און מיר געזאָגט: „דו מוזט עפּעס טאָן קעגן דער גזירה!״ דער רב האָט געוווּסט, אַז איך בין באַקאַנט מיטן סטאַראָסטע, מיטן פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָוויאַטאָוון דאָק־טאָר און מיטן רעפערענט פאַר סאַניטאַרע ענינים פונעם פּאָוויאַט. איך האָב גלייך פאַרגעלייגט דעם רב, אַז די קהילה זאָל זיך אונטערנעמען צו בויען אַ נייע מקווה, ווייל דאָס איינפירן סאַניטאַרע איינריכטונגען אין דער אַלטער, וועט קאָסטן טייע־רער און איך האָב געצווייפלט, צי דאָס איז מעגלעך בכלל דורכצופירן לויט די פאָדערונגען פון דער סאַניטאַרער מאַכט.

טראָץ דעם, וואָס דער רב האָט מיר דאָס נישט צוגעזאָגט גלייך אויפן פלאַץ, האָב איך באַשלאָסן אין סטאַראָסטווע צו בעטן צוריק עפענען די אַלטע מקווה, ביז די קהילה וועט אויפבויען אַ נייע מאָדערנע, לויט אַלע פאָדערונגען פון דער היגיענע. מיר האָבן פאָרמירט אַ דעלעגאַציע אין באַשטאַנד פון: רב, יידישן דאָקטאָר, סעקרעטאַר פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג און איך. עס האָט אונדז אויפגענומען דער רעפערענט פאַר די ענינים און איך האָב אים, אין נאָמען פון דער גאַנצער דעלעגאַציע דערקלערט, אַז די קהילה וועט בויען אַ מאָדערנע מקווה, אָבער ביז יענע וועט פאַרטיק ווערן, זאָל צוריק געעפנט ווערן די אַלטע. דער רעפערענט האָט געענטפערט, אַז ער גייט איין, אָבער ער מאַכט מיך פאַראַנט־וואָרטלעך, אַז די נייע מקווה וועט טאָקע געבויט ווערן, „ווייל דיר גלויב איך״. און אין רעזולטאַט פון אונדזער צוזאָג, איז טאָקע די מקווה צוריק געעפנט געוואָרן.

עס זענען אַדורך אַ פּאָר חדשים און דער ענין האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, די קהילה האָט אַפילו נישט געמאַכט קיין פּלאַן פון אַ נייער מקווה. נעמענדיק אין אַכט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס איך האָב בנוגע דעם גענומען אויף זיך פאַר דער מאַכט, בין איך אַוועק צום רב מיט דער פאָדערונג מען זאָל אָנהויבן

בויען. דער רב האָט מיך אָנגעקוקט אַ לאַנגע ווײַלע, זײַן פּנים איז געוואָרן זייער ערנסט און פאַרטראַכט און דאַן האָט ער מיר געענטפערט:

„די מקווה שטייט שוין אויפן שיל־הויף פון דור־דורות, מסתמא אַזוי לאַנג ווי פּוילן עקזיסטירט. אַזויפיל דורות ייִדן, כשרע ייִדישע דורות האָבן זיך מיט איר באַנוצט — ווילסטו, אַז איך זאָל זי פאַרשיטן?!... ניין, איך קאָן נישט נעמען אויף זיך אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט!"

מען האָט אין דער אַלטער מקווה געמאַכט געוויסע סאַניטאַרע איינריכטונגען און די גזירה זי צו שליסן איז אָפּגעשטופּט געוואָרן. איך ווייס נישט ווי לאַנג עס וואָלט זיך איינגעגעבן אָפּצולייגן דאָס אויספירן די פאָדערונג פון דער מאַכט, אָבער באַלד איז אויסגעבראָכן די מלחמה אין 1939 און ווער האָט שוין דעמלט געקלערט וועגן אַ מקווה?

אין צוזאַמענהאַנג מיט די זכרונות פון ר' שלמה שיינער וועגן דער אַלטער מקווה פון פינטשעוו, ברענגען מיר אַ פאָטאָגראַפיע פון אַן אויפרוף, וועלכער געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייוו"א) אין ניו־יאָרק. דער אויפרוף איז אַרויסגעגעבן דורכן „קאָמיטעט פון טהרת בנות ישראל אין פינטשעוו" און דראָט מיט „אַ שרעקלעכע און גרויסע שטראָף" פאַר נישט מקיים זײַן די מצוות־מקווה. דער דאָזיקער אויפרוף איז זייער כאַראַקטעריסטיש און מיר גיבן דאָ אויך זײַן פולן טעקסט (ענדערנדיק בלויז די אָרטאָגראַפיע):

„ב"ה. לעצטע התראה! מיר אַפּעלירן צו אײַך, צו אײַער נשמה און מיר וואָרענען אײַך, פושעי ישראל, וואָס פירט נישט קיין טהרת המשפחה, איצט צום לעצטן מאָל אידער מיר שטעלן אײַך צום שאַנד־סלופּ, אויב אין משך פון 4 וואָכן איר וועט נישט אויפהערן מטמא צו זײַן די שטאָט און ווייטער ברענגען ממזרים בישראל און עובר זײַן די מיאוסע עבירה, פאַר וועלכער עס קומט כרת ר"ל (ווען איר זאָלט וויסן די באַדייטונג פון כרת, וואָלט אײַך אַ שוידער אַרומגעכאַפּט אין אַלע אברים). אַלזאָ זייט וויסן! אַז מיר וועלן פאַרעפנטלעכן אײַערע נעמען אין בית המדרש און אײַערע קינדער וועלן באַצייכנט ווערן אַלס פּסולים, קיין שום ייד וועט זיך מיט אײַך נישט משדך זײַן, אַ באַזונדער אָרט אויפן בית החיים וועלן מיר באַשטימען פאַר אײַך הינטערן פּלויט, ד. ה. אַז איר מיט אײַערע קינדער וועט זײַן אָפּגעזונדערט פון אַלע ייִדן אויף אייביק, באַדענקט אײַך! וואָס פאַר אַ שרעקלעכע און גרויסע שטראָף שוועבט איבער אײַערע קעפּ. מיט דער התראה נעמען מיר אַראָפּ די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אײַערע זינד, בכדי די שטאָט זאָל חלילה

נישט געשטראָפט ווערן צוליב אייך. באַדענקט אייך! איידער די שרעקלעכע עקזעקוציע ווערט אויסגעפירט האָט דאָך רחמנות אויף אייערע יידישן נשמות״. אונטערגעשריבן: „דער קאָמיטעט פון טהרת בנות ישראל אין פינטשעוו״. צום סוף קומט צו אַ „באַמערקונג: די מקווה איז היינט זויבער און היגיעניש״. קיין דאַטע

ב״ה

לעצטע התראה!

מיר אַפעלירען צי אייך, צי אייער נשמה און מיר וואַרנען אייך פושעי-ישראל וואס פיהרט נישט קיין טהרת המשפחה, יעצט צום לעצטען מאהל איידער מיר שטעלען אייך צום שאנד-סלופּ, אויב אין משך פין 4 וואכען איהר וועט נישט אויפהערען מטמא צי זיין די שטאדט און ווייטער ברענגען ממזרים בישראל און עובר זיין די מיאוסע עבירה, פאר וועלכער עס קימט כרת ר״ל (ווען איהר זאלט וויסען די בעדייטונג פין כרת וואלט אייך א שוידער ארום-געכאפט אין אלע אברים).

אלזא! זייט וויסען! אַז מיר וועלען פערעפענטליכען אייערע נ׳נמען אין בית המדרש און אייערע קינדער וועלען בעצייכענט ווערען אלס פסולים, קיין שום יוד וועט זיך מיט אייך נישט משדך זיין, אַ בעזונדער אָרט אויפן בית החיים וועלען מיר בעשטימען פיר אייך אינטערין פלאָט,

ד. ה. אז איהר מיט אייערע קינדער וועט זיין אָבגעזונדערט פון אלע יודען אויף אייביג, בעדענקט אייך! וואָס פאַר אַ שרעקליכע און גרויסע שטראָף שוועבט איבער אייערע קעפּ.

מיט דער התראה נעמען מיר אַראָפּ דיא פעראנטווארטליכקייט פיר אייערע זינד, בכדי דיא שטאדט זאָל חלילה נישט געשטראָפט ווערען צוליב אייך.

בעדענקט אייך! איידער דיא שרעקליכע עקזעקוציע ווערט אויסגעפירט האַט דאָך רחמנות אויף אייערע יידישע נשמות.

דער קאָמיטעט
פון טהרת בנות ישראל אין פינטשעוו

בעמערקונג: די מקווה איז היינט זויבער און היגיעניש.

איז אויפן אויפרוף נישטאָ, אָבער די באַמערקונג באַווייזט אפשר, אַז ער איז געדרוקט געוואָרן שוין נאָך דער געשעעניש, וועגן וועלכער עס דערציילט ר׳ שלמה שיינער, ווען עס זענען אין דער מקווה איינגעפירט געוואָרן געוויסע סאַניטאַרע איינריכטונגען.

מיר ברענגען דאָ אויך אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ לעגיטימאַציע פאַר אַריינטריט אין דער מקווה, גילטיק אויף צוויי יאָר (1935 און 1936).

פינטשוב יודישע קהלה פערוואלטונג אין פינטשוב	ZARZĄD GMINY WYZNANIOWEJ ŻYDOWSKIEJ w PIŃCZOWIE.
לעגיטימאציע נר.	LEGITYMACJA Nr
פאר/איינגאנג אין מקוה	na wstęp do MYKWY
פאר ה.	dla P. ....
אין פינטשוב	zam. w Pińczowie
גאס.............נומער............	ul. ....Nr............
יושב ראש:	Przewodniczący:
מזכיר:	Sekretarz:

ביידע פאָטאָקאָפּיעס זענען אונדז העפלעך איבערגעשיקט געוואָרן דורך דער ייוו״א־ביבליאָטעק אין ניו־יאָרק.

ליפּמאַן יאַקובאָוויטש (ניו־יאָרק)

רעוואָלוציאָנערע אַרבעט אין 1905

איך שטאַם פון פּינטשעוו. מיין טאַטע איז געווען לייבל־אליהו יאָסין. איך האָב פאַרלאָזט מיין געבוירן־שטאָט אין יאָר 1906 און לעב שוין מער ווי זעכציק יאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אָבער מיין גאַנץ וויסן און קענטעניש האָב איך געבראַכט פון די פּינטשעווער חדרים און לערער.

איך האָב געלערנט אין אַ סך חדרים. מיין ערשטער מלמד איז געווען מענדל האעז; דער צווייטער — יאַנקל מלמד; דער דריטער — ירחמיאל; דער פערטער — זעליג; דער פינפטער — איטשע קאַצקער. שרייבן יידיש האָב איך געלערנט ביי חיים־שמחהן, און כאָטש ער האָט מער געשפּילט אויפן פידל, ווי געלערנט שרייבן — האָב איך זיך דאָך ביי אים עפּעס אויסגעלערנט, וואָס איז ביי מיר פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג. די אַלע אויסגערעכנטע מלמדים זענען געווען גאַנץ באַגרענעצטע, אָן פּעדאַגאָגישער בילדונג, אָבער דאָך האָבן זיי אין מיר, ווי אין דורות אַנדערע יידישע קינדער אין שטעטל, פאַרפלאַנצט יידישקייט און יסודות פון יידישן וויסן, וואָס פירן מיך איבערן גאַנצן לעבן.

*

בעת די ברויזנדיקע יאָרן 1904—1905 בין איך שוין געווען אַ באַוווסטזיניקער בחור און די דעמלטיקע געשעענישן זענען מיר פאַרבליבן טיף איינגעקריצט אין זכרון.

נאָך דער צאַרישער מפּלה אין דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, זענען אין גאַנץ רוסלאַנד פאָרגעקומען שטרייקן און מאַניפעסטאַציעס קעגן צאַריזם. דאָס פאָלק האָט אומעטום געפאָדערט פרייהייט און דעמאָקראַטיע און סאָציאַלע פאַרבעסע־רונגען. די באַוועגונג האָט אויך אַרומגעכאַפּט פּינטשעוו, ווו עס זענען פאָרגעקומען מאַניפעסטאַציעס. די אָנפירער זענען געווען פּינטשעווער יונגעלייט, וועלכע האָבן געלערנט אין קיעלצער גימנאַזיע, אָדער שטודירט אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט. איינער פון די אָנפירער פון דער באַוועגונג איז געווען דעם פּוילישן בעקערס זון, און דער צווייטער — טאָטאַרקעוויטש, אַ זון פונעם שטאָטישן קאָמאָרניק.

איך האָב שוין דעמלט געאַרבעט אַלס לערניינגל אין דער דרוקעריי פון יצחק ראַפּאַפּאָרט.

די רעוואָלוציאָנערע פירער אין פּינטשעוו האָבן גערופן די אַרבעטער פון דער דרוקעריי אויף אַ געהיימער פאַרזאַמלונג און פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן אָפּדרוקן רעוואָלוציאָנערע לידער אויף צו פאַרשפּרייטן אין שטאָט. צוזאַמען מיט מיר זענען דאָן געווען אויף דער געהיימער זיצונג מיינע צוויי אַרבעט־חברים סאַנדעל טענענבוים און לייזער בראַמע. איך פּערזענלעך בין מיטגעריסן געוואָרן מיט די רעוואָלוציאָנערע אידייען און אויך מיינע צוויי חברים פון דער דרוקעריי זענען צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג. מיר האָבן זיך פאַרפּליכטעט אָפּצודרוקן דאָס, וואָס מען האָט פון אונדז פאַרלאַנגט.

מיר האָבן די אַרבעט געמאַכט, ווען דער באַלעבאָס איז אַוועק אין גערער שטיבל דאַוונען מנחה־מעריב. די באַלעבאָסטע פלעגט דאַן שטיין אין זייער גע־

וועלבל מיט שרייב־מאַטעריאַלן און מיר זענען געבליבן אַליין אין דער דרוקעריי. בעת אונדזער געהיימער אַרבעט זענען אין דרויסן געשטאַנען סטודענטן פון דער באַוועגונג און געהיט צי דער באַלעבאָס קומט נישט אָן און זיי האָבן אונדז גלייך מודיע געווען, ווען זיי האָבן אים דערזען פון ווייטן, אָדער צי עס דערנענטערט זיך נישט עפּעס אַ פאַרדעכטיקער צו דער דרוקעריי. אַזוי האָבן מיר אָפּגעדרוקט עטלעכע הונדערט עקזעמפּלאַרן פון רעוואָלוציאָנערע לידער און אויפרופן, וועלכע די פירער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָבן פאַרשפּרייט צווישן די איינ־ווינער פון פינטשעוו.

די געדרוקטע בלעטלעך זענען אויך אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער רוסישער זשאַנדאַרמעריע און געהיים־פּאָליציי. זיי האָבן דערקענט, אַז זיי זענען געווען פריש געדרוקט און פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געמאַכט געוואָרן אין פינטשעוו גופא. מען האָט גערופן דעם באַלעבאָס אונדזערן אין דער פּאָליציי, אים געפאָרשט, געפרעגט, אָבער גאָרנישט געוווּר געוואָרן ביי אים, ער האָט קאַטעגאָריש געלייקנט, אַז דאָס זאָל זיין געדרוקט ביי אים אין דרוקעריי — ער האָט דאָך טאַקע וועגן גאָרנישט געוווּסט. מען האָט אויך דורכגעפירט אַ רעוויזיע אין דער דרוקעריי, אָבער גאָרנישט געפונען, קיין שום פאַרדעכטיקס, אָדער איבערבלייב פון דעם געדרוקטן, ווייל מיר האָבן אַלץ פאַרניכטעט און נישט געלאָזט קיין שום סימן. מען האָט דעריבער קיינעם פון דער דרוקעריי נישט צוגעצויגן צו פאַראַנטוואָרט־לעכקייט און מיר זענען אָפּגעקומען מיט בלויזער שרעק.

אין דער זעלבער צייט איז פאָרגעקומען אַ רוישיקער ענין מיט די יידישע פּריזיוווניקעס.

ווען אַ יידישער בחור פלעגט ביים פּריזיוו צוגענומען ווערן אין מיליטער, האָט מען אים גלייך פון דער קאָמיסיע נישט אַהיימגעלאָזט, נאָר פאַרהאַלטן אין אַ פאַרמאַכט הויז, געהיט דורך סאָלדאַטן, און פון דאָרט אָפּגעשיקט אין דער גובערניע־שטאָט קיעלץ, גלייך איינצושווערן אַלס סאָלדאַט און איינגלידערן אין דער אַרמיי.

אין יענער צייט, ווען ס׳זענען פאָרגעקומען די רעוואָלוציאָנערע מאַניפעסטאַ־ציעס, האָט מען אויפן פּריזיוו צוגענומען אַלס סאָלדאַט הערש־וואָלפן, דעם זון פון יאַנקל (טענער) פיינשטיין. מען האָט אים אויך גלייך פאַרהאַלטן, כדי אָפּצושיקן, צוזאַמען מיט אַ גאַנצער פאַרטיע רעקרוטן, קיין קיעלץ. דעמלט איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ דעמאָנסטראַציע, אָנגעפירט דורך הערש־וואָלפס כלה, שרהלע מאַשלאַש, וואָס האָט מאַרשירט צום הויז, וווּ די יידישע רעקרוטן זענען געווען פאַרשפּאַרט. די מאַסע מאַניפעסטאַנטן איז געווען אַ גרויסע און שטורעמדיקע. די סאָלדאַטן,

וועלכע האָבן געהיטן די רעקרוטן, האָבן, דערזעענדיק דעם דראָענדיקן המון, זיך דערשראָקן און אַנטלאָפן. די דעמאָנסטראַנטן האָבן דאַן אויפגעבראָכן די טירן פונעם אַרעסט־הויז און באַפרייט אַלע יידישע רעקרוטן, וועלכע זענען דאָרט געווען פאַרשפּאַרט.

פון דעמלט אָן האָט מען טאַקע מער נישט פאַרהאַלטן די צוגענומענע רעקרוטן גלייך נאָכן דורכגיין די פריזיוו־קאָמיסיע, נאָר זיי געשיקט מעלדונגען, ווען זיי דאַרפן זיך צושטעלן אין קיעלץ צו זייער מיליטער־דינסט.

*

דערמאָנט זיך מיר שטענדיק די ווונדערבאַרע נאַטור־שיינקייט פון אונדזער שטעטל, ווי מיר, יונגוואַרג, ייִנגלעך און מיידלעך, פלעגן שבת נאָכמיטאָג קלעטערן אויף די בערג, געניסן פון דער שיינקייט, פון דער פרישער באַרג־לופט און צאַפּלען דאָרט מיט די ערשטע ליבע־געפילן.

און אין די אויערן קלינגען מיר שטענדיק צוויי פאַרשידענע קולות פון מיין שטעטל פינטשעוו.

פרייטיק פאַרנאַכט, פלעגט זיך איבער די גאַסן טראָגן די הויכע שטימע פון נפתלי (פאַרך), וועלכער פלעגט רופן: „יידן, פאַרמאַכט די געוועלבער, דער הייליקער שבת קומט אָן... מען דאַרף ליכט־צינדן!..." און איבערן שטעטל איז אָנגעקומען די שבתדיקע רו, מיט דער נשמה־יתירהדיקייט, יום־טוב און פרייד אויף אַ גאַנצן מעת־לעת.

דאָס צווייטע קול זענען די קלעפּ פון לייב דעם באָגרעבער. יעדן פאַרטאָג פלעגט ער געבן דריי קלעפּ אין די יידישע לאָדנס — געוועקט צו עבודת־הבורא, צו גיין דאַווענען. האָט מען אין אַלע יידישע הייזער געוואַרט אויף לייבס באַגינענדיקע קלעפּ אין די לאָדנס, ווייל ווען ער האָט, חלילה, נישט געקלאַפּט, איז עס געווען אַ סימן, אַז עמעצער איז געשטאָרבן אין שטעטל און אַ טרויער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די יידישע הייזער...

איצט ווייס איך, פון ווייטן, אַז די באַגינען־קלעפּ פון באָגרעבער אין די לאָדנס האָבן זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט אין פינטשעוו, ווייל אַלע־אַלע יידן זענען אומגעבראַכט געוואָרן און נישטאָ דאָרט מער ווּעמען צו וועקן צו עבודת־הבורא.

טרויער איך נאָך מיין שטעטל, כאָטש שוין העכער זעכציק יאָר ווי איך האָב עס פאַרלאָזן.

ר׳ יהונתן אֵיבשיץ

רואים אנו לנכון להקדיש עמודים אלה לר׳ יהונתן איבשיץ, אחד האישים המפורסמים בהיסטוריה היהודית, שנולד בפינצ׳ב וימי ילדותו עברו עליו בעיר זו.

איבשיץ, ר׳ יהונתן בן נתן נטע (בין 1690—1695, פינצ׳ב — 1764, אלטונה), תלמודי ומקובל. עילוי מימי־נעוריו. למד בפולניה, במוֹרַביה ובפראג. אחר טלטולים שונים התיישב ב־1715 בפראג והיה שם „תופש ישיבה" ודרשן מפורסם. ב־1741 נבחר לרב במץ וב־1750 זכה לרבנות של „שלוש הקהילות" אלטונה, האמבורג וואנדסבק (אה״ו). גם במץ ובאלטונה העמיד תלמידים הרבה והירבה לדרוש, אבל מעמדו באה״ו נתערער כשפרצה מחדש המחלוקת בדבר חשד של שבתאות, שליווה את איבשיץ כל ימיו. המחלוקת היכתה גלים בכל הקהילות מהולאנד ועד פולניה.



ר׳ יהונתן איבשיץ

מתנגדו העיקרי היה ר׳ יעקב אֶמדין, אף הוא תלמודי מפורסם ומתחרה לו כמועמד לרבנות בג׳ הקהילות. המחלוקת נתפתחה לשערוריה ציבורית גדולה, ונחלקו בה רבני הדור: רוב רבני גרמניה היו נגד איבשיץ, ואילו רוב רבני פולניה ומוֹרַביה הגנו עליו. נסיון־התיווך של ר׳ יחזקאל לנדא, רבה של פראג, לא הועיל. גם רוב בני קהילתו צידדו בזכותו וקיבלו את התנצלותו כלפי האשמות יריביו. שני הצדדים פנו גם אל שלטונות האמבורג ואל ממשלת דניה, שמלכה התערב לטובתו וציווה לערוך בחירות חדשות, שבהן שוב נבחר איבשיץ לרב. אבל הפולמוס הספרותי לא פסק ואף גרם לכמה מלומדים נוצריים, שישתתפו בו. קצתם חשבו את איבשיץ לנוצרי נסתר והגנו עליו. בשנת 1760 נתחדש הריב מפני שנתגלו יסודות שבתאיים בין תלמידי ישיבת איבשיץ ולאחר שבנו הצעיר וולף הופיע כנביא שבתאי, וישיבת איבשיץ נתבטלה.

ר׳ יהונתן איבשיץ נחשב לא רק לאחד מן הדרשנים הגדולים שבדורו, אלא

לאחד מגאוני־התורה המופלגים בחריפותם. בין בעלי הפילפול עוררה דרכו המיוחדת בלימוד התלהבות מרובה. ספריו „כרתי ופלתי״ על יורה־דעה (תקכ״ג), „אורים ותומים״ על חושן־משפט (תקל״ה—תקל״ז) ו„בני אהובה״ על הרמב״ם (תקע״ט) נחשבו לספרי־מופת בספרות הפילפול. גם ספרי הדרוש שלו מצאו חובבים הרבה: „יערות דבש״ (תקל״ט—תקמ״ב), „תפארת יהונתן״ (תקע״ט) ו„אהבת יהונתן״ (תקכ״ו). ספריו קיימו את פירסומו בדורות שלאחריו. מכיוון שלא נדפסו בחייו (מלבד הספר „כרתי ופלתי״), ברור, שהשפעתו המרובה בדורו באה מכוח תורתו שבעל־פה ואישיותו, שסופרים הרבה מספרים בשבחן. גם מספריו בקבלה נדפס רק ספר אחד: „שם עולם״ (תרנ״א), ובדורו נחשב איבשיץ (וחשב את עצמו) למקובל גדול.

על הערכת אישיותו הבולטת נחלקו הדעות עד היום והצדדים מתפלמסים בחריפות מיוחדת במינה. המרירות המרובה מסביב לוויכוחים על שאלת זיקתו הנסתרת לכת השבתאית באה דווקא מתוך הכרת גדולתו בתורה. קשה היה להאמין שהוא, מי שבעצמו חתם על החרם נגד השבתאים (תפ״ה), נמנה עמהם בסתר. החשד עליו נתעורר פעמיים: בשנת תפ״ד, עם גילוי הספר „ואבוא היום אל העין״, שהשבתאים וכמה מתלמידיו ייחסוהו לאיבשיץ, והוא ספר שבתאי מובהק (נשתמר בכתב־יד), ולפיכך גם אחר חתימתו על החרם נגד הכת השבתאית לא שקע החשד וגרם, שלא נבחר לרב בפראג; ובתקי״א, שאז גדלה המחלוקת ביותר מפני שפתחו קמיעות, שנתן ר׳ יהונתן במץ ואלטונה, ור׳ יעקב אמדין פיענחם ומצא בהם נוסחות שבתאיות מובהקות („שפת אמת״, תקי״ב). איבשיץ הכחיש, שיש בקמיעות המשך־דברים בעל משמעות הגיונית וטען, שאינם אלא שמות סתם („לוחות עדות״, תקט״ו), ואף מסר פירוש לשניים מקמיעותיו על־פי שיטתו. על פירושים אלה שוב יצאו עוררים וטענו, שקמיעותיו מתפרשים דוקא מתוך אותו ספר „ואבוא היום אל העין״.

בוויכוח ההיסטורי המדעי הובעו שלוש דעות על יחסו של איבשיץ אל השבתאות: 1) לא היה שבתאי מעולם, ולשוא תלו בו חשד זה (צינז, מורטימר כהן, קלמפרר); 2) היה שבתאי בימי נעוריו, אבל פנה עורף לכת בזמן החרם של תפ״ה (ברנהרד בר, שאול פינחס רבינוביץ); 3) היה שבתאי בסתר מימי לימודיו בפרוסניץ ובפראג ועד סוף ימיו (גרץ, דוד כהנא, שלום, פרלמוטר).

פירוש דעותיו הקבליות תלוי אף הוא בהחלטה על יחסו אל השבתאות. יש שחשבו את ספרו „שם עולם״, שעוסק בבירור עיוני של תורת האלוהות, לספר שתורת־הקבלה שבו מתאמת למסורת המקובלת (מיזס), יש חושבים אותו לספר בעל כיוון שבתאי מובהק בתפיסת האלוהות שבו (פרלמוטר), ויש החושבים אותו למזוייף או מיוחס בטעות לאיבשיץ (מרגליות). חקירות חדשות גילו קירבה מרובה בין „שם עולם״ ובין הספר השבתאי „ואבוא היום אל העין״. **ג. ש.** („האנציקלופדיה העברית״)

ד״ר י. צינבערג

ר׳ יונתן אײבעשיץ

רבי יונתן* בן נתן־נטע אײבעשיץ איז געבוירן אין אַ חשובער רבנישער פֿאַמיליע, וואָס פֿירט איר שלשלת היוחסין פֿון נתן שאַפּיראָ דעם בעל „מגלה עמוקות״. נאָך אין די קינדערשע יאָרן האָט יונתן אײבעשיץ שוין געשמט אַלס „עילוי״; אַלס קלײן ייִנגל איז ער שוין געזעסן אין זײַן פֿאָטערס ישיבה צוזאַמען מיט די דערוואַקסענע בחורים און זיי געמאַכט שטוינען מיט זײַן בקיאות און חריפות. ווען יונתן איז אַלט געוואָרן 11 יאָר איז זײַן פֿאַמיליע אַריבערגעפֿאָרן קיין אײבעשיץ, ווײַל די אָרטיקע קהילה האָט זײַן פֿאָטער אויסגעקליבן פֿאַר אַ רב. דער פֿאָטער איז אָבער אין אַ יאָר אַרום געשטאָרבן און די אײבעשיצער קהילה האָט אַוועקגעשיקט דעם 12־יאָריקן יתום קיין פּראָסניץ (מערן) לערנען אין דער ישיבה פֿון דעם בעל „פּנים מאירות״, מאיר אײזנשטאָט. ער איז אָבער לאַנג נישט פֿאַרבליבן אין דער דאָזיקער ישיבה און האָט דערנאָך געלערנט אין די ישיבות פֿון האָלישאַוו און ווין. אַדאַנק זײַנע גאונישע פֿעיִקייטן האָט אײבעשיץ שוין אין די יונגע יאָרן זיך קונה־שם געווען מיט זײַן אויסערגעוויינלעך חריפותדיקן שׂכל און געוואַלטיקער בקיאות אין תלמוד און קבלה. צו 18 יאָר איז ער שוין געווען אב־בית־דין און צו 24 יאָר איז ער געשטאַנען בראש פֿון דער באַרימטער פּראָגער ישיבה. צום יונגן ראש־ישיבה האָבן זיך פֿון די ווײַטסטע מדינות געצויגן הונדערטער תלמידים. צום אָנפֿאַנג פֿון די 50־ער יאָרן (1750) האָט די צאָל פֿון אײבעשיצס תלמידים דערגרייכט ביז 20 טויזנט. יעדער ישיבה־בחור האָט געחלומט צו האָבן די זכיה צו לערנען תורה ביי דעם גאונישן ראש־ישיבה, וואָס פֿאַרענט־פֿערט אָזוי לײַכט און מיט אַזאַ וווּנדערבאַרער חריפות די האַרבסטע סוגיות פֿון תלמוד. דערצו איז נאָך אײבעשיץ געווען אַ „פּה מפיק מרגליות״ און געשמט אַלס גלענצנדיקער רעדנער. ער האָט געגאָלטן אַלס דער גדול הדור, אַלס דער גרעסטער גאון פֿון זײַן צײַט. דער גרויסער שם האָט אָבער נישט באַפֿרידיקט דעם פּראָגער ראש־ישיבה, נישט באַפֿרידיקט האָט אים אויך די חכמת־התלמוד,

* אין ייִדיש האָבן מיר אומעטום געשריבן יונתן, ווי עס שרײַבט ד״ר צינבערג, און נישט יהונתן.

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז געווען איר אומפּאַרגלייכלעכער מייסטער. זיין חריפותדיקער שׂכל האָט פון דער יוגנט אָן געשטרעבט צום אַלזייטיקן וויסן.

דער „שולחן ערוך״ האָט ביי אים געגאָלטן אַלס דער העכסטער און אומבאַגרענעצטער אויטאָריטעט; ער איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז די בעלי „שולחן ערוך״ האָבן געשאַפן דאָס דאָזיקע זאַמלווערק דורך רוח הקודש, און דערפאַר איז יעדער מחויב צו דערפילן אַלץ, „וואָס שטייט דאָרט געשריבן״. „עס טאָר — לערנט אייבעשיץ — אונדז אַפילו נישט קומען אויף דער מחשבה מבטל צו מאַכן אַ וועלכן ס׳איז פעסטגעשטעלטן מנהג״.

אייבעשיץ שטרייכט מיט גדלות אונטער, אַז ער איז אַ ידען אין חכמת הפילוסופיה און אויך אין חכמות הטבע. די דאָזיקע ידיעות האָט ער געשעפּט אויס די העברעישע מיטלאַלטערלעכע קוועלן.

גרינטלעך און אַלזייטיק האָט אייבעשיץ דורכשטודירט די יידישע מיטלאַלטערלעכע רעליגיעזע דענקער און זייערע מפרשים. נישט ביי זיי האָט ער אָבער געפונען אַ באַפרידיקנדיקן ענטפער אויף די גרונט־פּראָבלעמען, וואָס זענען געשטאַנען אין מיטלפונקט פון זיין וועלטבאַנעם, נאָר ביי די מיסטיקער און בעלי־הקבלה. נאָך גאָר אין די יונגע יאָרן, האָט אים מיט דער „חכמת האמת״ באַקאַנט זיין פאָטער, וואָס איז אַליין געווען אַ הייסער מקובל.

בכדי גענויער אויפצוקלערן געוויסע פּרטים, פאַרפירט ער אַ חליפת מכתבים מיט די סאַבאַטיאַנער פּראסניץ, חסיד און קאַמענקער. די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ האָט געוואָרפן אַ געוויסן חשד אויף אייבעשיצן, און ווען די רבנים, וואָס האָבן געקעמפט קעגן דער שבתי־צביאישער אַפּיקורסות, האָבן אין 1725 אַריינגעוואָרפן אין חרם די נאָרוואָס דערמאָנטע שבתי־צביניקעס, האָבן אייניקע פון די קנאישע קעמפער בדעה געהאַט צוזאַמען מיט די דריי מחרים זיין אויך דעם פּראַגער רב. צו גרויס איז שוין אָבער דעמלט געווען אייבעשיצס אויטאָריטעט, האָבן די קנאים נישט געוואַגט צו אויספירן דעם דאָזיקן ריזיקאַלישן שריט; דאָך האָט אייבעשיץ געפונען פאַר נויטיק אַליין אויך אויסרופן צו „כל נדרי״, בראש פון נאָך אייניקע רבנים און די פּראַגער טובי העיר, דעם גרויסן חרם קעגן די אַלע, וואָס געהערן צו דער שבתי־צבי־סעקטע.

אייבעשיצס תלמיד, שמעון בוכהאַלטער, האָט אויף דער עלטער צונויפגעזאַמלט אַלע פון זיין רבין באַקומענע בריוו און נאָטיצן, וואָס באַהאַנדלען פילאָזאָפישע און רעליגיעז־מיסטישע פּראָבלעמען, זיי אָפּגעשריבן, ווי בוכהאַלטער פאַרזיכערט, „וואָרט ביי וואָרט און אות ביי אות״ און געמאַכט פון זיי אַ גאַנצן חיבור, „שם עולם״. דער גאַנצער בריוולעכער מאַטעריאַל, וואָס איז געשריבן אין דיאַלאָגן־

פאַרם צווישן אַ רבין און זיין תלמיד, דרייט זיך פאַקטיש אַרום די צוויי אַלטע גרונט־פּראָבלעמען: ווי אַזוי האָט דאָס אַבסאָלוטע און אומענדלעכע באַשאַפן דאָס מאַטעריעלע און באַגרענעצטע, און ווי איז צו פאַרענטפערן דעם באַגריף פון „הכל צפוי״ — גאָט איז אַלוויסנד, מיט דער לערע פון בחירה חפשית און שכר ועונש. לאַנג און מיט גרויס עקשנות האָט אײבעשיצס חריפותדיקער מוח געאַרבעט איבער די דאָזיקע צוויי פּראָבלעמען.

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, מיט וואָס פאַר אַ יראת הכבוד אײבעשיץ האָט זיך פאַרהאַלטן צו די אָנגענומענע אויטאָריטעטן. ער קאָן זיך אויך גאָרנישט פאָרשטעלן עס זאָל זיך ווער איינשטעלן „לחלוק על ספר יצירה״. און דאָך באַווייזט ער אַ ממש באַוווּנדערונג־ווערטן מוט צו שעפּן פון פרעמדע קוועלן און נעמען צוהילף ביי זיין מיזאַמען זוכן און פאָרשן נאָכן אמת אויך די חכמי אומות העולם, די נישט־יידישע פילאָזאָפן און דענקער. „כי מה שיש ביד הפילוסופים לאמת אני מקרב — אַלץ וואָס ביי די פילאָזאָפן איז אמת און ריכטיק, דאָס נעם איך פון זיי איבער״ — חזרט אײבעשיץ מערערע מאָל איבער. ער פאַרהאַלט זיך מיטן גרעסטן הדרת הכבוד צום אויטאָריטעט פונעם רמב״ם נישט נאָר ווי צום גרויסן פּוסק, דעם אומפאַרגלייכלעכן באַשעפער פונעם „משנה תורה״, נאָר ווי צום אומ־דערמידלעכן אמת־זוכער, צום גאונישן באַשעפער פונעם „מורה נבוכים״.

(„די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן״, באַנד ה׳)

*

צו די הויפּט־ווערק פון ר׳ יונתן אײבעשיץ געהערן: „כרתי ופלתי״, „אורים ותומים״, „בני אהובה״, „יערות דבש״, „תפארת יהונתן״, „אהבת יהונתן״, „שם עולם״. די מערסטע ספרים פון דאָזיקן גרויסן גאון זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן שוין נאָך זיין טויט און האָבן דאַן נאָך פאַרגרעסערט זיין באַרימטקייט.

הרב יהודה ליב הכהן מימון

רבי יהונתן איבשיץ בעיר־מולדתו פינצ׳ב

(מתוך הספר „שרי המאה״, חלק ראשון)

רבי יהונתן איבשיץ, זה הגאון החריף והעצום, שלפי המסורת היה מתיצב לפני מלכים, שרים והגמונים ומקפחם בתשובותיו המחודדות — קובע לו מקום מיוחד בתוך החכמים־הפקחים החריפים ביותר שבין גדולי ישראל במאות האחרונות. רבי

יהונתן אייבשיץ קשר כתר־זיו להרבנות בפראג, ועד הדור האחרון היה „הרב הפראגי״ סמל הגדולה ומרום משאת־הנפש גם להמונים הרחבים שבתוך היהדות העולמית — — —

רבי יהונתן איבשיץ, שהיה רב בפראג ובאלטונה־המבורג, נולד בפולניה בעיר פינצ׳ב. אביו היה הגאון המקובל רבי נתן־נטע מקראקא, שהיה אחרי־כן רב בעיר איבשיץ אשר במדינת מעהרין ועל שם העיר הזאת, מקום רבנותו של אביו ומנוחתו־כבוד, נקרא אחרי כן רבי יהונתן ובניו אחריו בשם המשפחה: איבשיץ.

בהיותו עוד רך בשנים, התפלאו יודעיו ומכיריו על שכלו המהיר והבהיר וכולם נבאו, כי עתיד הפעוט הזה להיות אחד מגדולי ישראל וחכמיו.

„נפש בריאה בגוף בריא״ — כך היה רבי יהונתן מתחילת ברייתו. מילדותו הצטיין בבריות־גופא ואנפא נהירא, וכל רואהו הודה כי פניו מפיקות חכמה ופקחות ומצחו — מצח גאוני. ואולם מלבד כשרונותיו העילויים, שהיה מחונן בהם „מבטן ומלידה״, היה מצוין גם בהתמדתו. גם כשהיה טליא, כבן שבע, כמעט „שלא פסק פומיה מגירסא״. בלכתו ברחובות העיר, בדרך מן ה„חדר״ לבית אביו, הלוך ושוב, היו שפתותיו מרחשות בעל־פה, מה שלמד בבית רבו או מפי אביו. פעם־אחת, באשמורת־הבוקר, כשהלך ל„חדר״ שקוע במחשבותיו, נתקל, ב„גוי״ אחד, אכזר ובליעל. ראה הגוי ילד יהודי לפניו, התנפל עליו והתחיל להכותו. בראשונה נדהם הקטן ופרץ בבכי, אבל אחרי רגעים אחדים התאושש. נצנצה מחשבה במוחו: „עֵשׂו״ כזה — מותר לרמות. מישמש בכיסו והוציא שתי־הפרוטות שנתנה לו אמו הרבנית לקנות לו ארוחת־הבוקר, מסרן לגוי, ואמר לו: „בבקשה קח נא מידי את מנחתי הדלה, זהו כל רכושי. היום — יום מיוחד מכל ימים. גוי המכה יהודי ביום זה, נוהג היהודי המוכה לתת לגוי המכה את כל הכסף שיש לו בכיסו״. תמה הגוי על „מנהג של שטות״ זה, התחיל מגרד בערפו, חייך מתחת לשפמו. לקח ממנו שתי הפרוטות — ועֵשׂו הלך לדרכו. בדרך התחיל הגוי מהרהר בלבו: חבל שנטפלתי אל יהודון זה הקטן והמסכן. צריך אני היום להפגש עם יהודי עשיר אחד ולתת לו „מנה אחת אפים״ — ואבוא על שכרי כדבעי... ובהיותו הולך כך תפוש בהרהוריו — והנה ראש הקהילה היהודית בפינצ׳ב לקראתו, איש נשוא־פנים ואחד מן האמידים שבעיר. לא רצה הגוי להחמיץ את השעה, התנפל על ראש הקהילה, והתחיל להכותו. לקול צעקתו, נאספו ובאו אנשים, הבהילו את השוטרים, והללו תפשו את הגוי וחבשוהו בבית־האסורים. בשעת החקירה והדרישה, סח הגוי „לפי תומו״, כי ילד יהודי ראה אותו והגיד לו, כי כך הוא „מנהג ישראל״ ביום ההוא: גוי המכה יהודי — מקבל פרס. חקרה המשטרה ומצאה את הילד יהונתן בן הרב־דמתא, והביאוהו למשטרה ושאלוהו:

— מה עשה לך הגוי, שרמית אותו ?

סח להם כל אותו המאורע וסיים :

— לא יכולתי לדון עם מי שתקיף ממני. החלטתי לרמותו, ובטוח הייתי כי הוא כבר ישתדל לחפש אחרי יהודי עשיר ולהכותו, ויבוא על שכרו משלם . . .

ומאז הוכר הילד יהונתן כ נ ע ר ־פקח, ובפקחותו החל להתפרסם גם בין הגוים.

ועת צרה היתה בימים ההם ליהודי פינצ׳ב. נוצרי, מתושבי העיר, העליל עלילת־גנבה על אחד מיהודי המקום — ועל כל עדת ישראל יצא הקצף.

ומעשה שהיה כך היה :

יהודי רוכל, מחזיק חנות של בשמים, ישב בשכנות עם נוצרי, שהיה „שותפו של עמלק״ — טבח, בעל חנות של בשר. שתי החנויות היו סמוכות זו לזו, ורק מחיצת־קרשים דקה מן הדקה, הפסיקה ביניהן. פעם־אחת, לפנות־ערב, אחרי יום של „פדיון״ מוצלח, ישב לו היהודי בחנותו וספר ומנה „פדיונו״, מטבעות זהב, כסף ונחושת, והוא לא ידע ולא ראה כי שתי עינים, עיני־הצפעוני של הטבח, מביטות מתוך קנאה מבין סדקי מחיצת־הקרשים, ורואות כל מטבע ומטבע, אשר היהודי רשם בפנקסו ושם לפקדון בארונו. למחרת העליל הטבח על שכנו הרוכל־היהודי, כי גנב ממנו את כספו ושם בכליו. הוא מסר גם סימני המטבעות, וגם עדי־שקר העמיד לאַמת את העלילה. לשוא הצטדק היהודי וטען, כי כספו הוא. הוא הובא בפלילים, בתור ג נ ב , ולפי חוקי המדינה בימים ההם היה צפוי לו עונש קשה של מאסר ועבודת־פרך לשנים רבות. שונאי ישראל השתמשו, כמובן, בעלילה זו להפיץ שנאה ומשטמה בין הנוצרים כלפי יהודי פינצ׳ב ולהסיתם לפרעות.

הרב ר׳ נתן־נטע, רבה של פינצ׳ב (אביו של ר׳ יהונתן), קרא פעמים אחדות לאסיפה את ראשי־הקהל כדי להתיעץ ולבקש דרכים איך לברר ולגלות את כל השקר שבעלילה זו. גם בפי ילדי ה„חדר״, שבתוכם למד יהונתן בן הרב, היה מקרה מעציב זה לשיחה, ופעם־אחת המציאו להם המצאה זו : סדרו ביניהם מעין „מחזה״ : אחד מהם היה לרוכל, השני התחפש ל„גוי״ והיה לטבח, ושניהם באו להגיש את עצומותיהם לפני בית־המשפט. ולשופט מינו את יהונתן בן הרב. שמע „השופט״ את טענותיו של „הטבח־המעליל״ ואת דברי־ההצטדקות של „הרוכל־הנאשם״, ואחרי ישוב־הדעת הוציא את משפטו לאמר :

— את הכסף הנמצא ישימו במים רותחים, והיה אם יצוף שומן על־פני המים מלמעלה, וידענו כי כספו של הטבח הוא, אשר ידיו מלוכלכות בשומן, מן הבשר אשר באטליזו, ואם לא — נדע כי שקר טען הטבח, והיהודי בעל חנות הבשמים נקי . . .

אחד מראשי הקהל, שעמד מרחוק וראה ב„מחזה״ ושמע את „פסק־הדין״, הלך וסיפר את הדברים האלה לראש השופטים בפינצ׳ב. „פסק־הדין״ שהוציא הנער

העברי מצא חן בעיני השופט מטעם הממשלה, ויצו לעשות כעצת „השופט" היהודי, והנה נודע הדבר, כי אך שקר ענה הטבח. היהודי־הרוכל יצא לחפשי, הטבח־הנוצרי נשא את עוונו, וליהודים בפינצ׳ב היתה הרווחה.

כך הציל הרב ר׳ יהונתן איבשיץ, עוד בימי ילדותו, נפש אדם־מישראל מעלילת־שקר ומעונש מאסר־קשה, וגם את עדת־ישראל בעיר מולדתו מילט בחכמתו.

ועדת־ישראל בעיר פינצ׳ב היתה בימים ההם אחת מן הקהילות החשובות ביותר בפולניה, עיר מלאה חכמים וסופרים, סוחרים ואנשי־מעשה, יודעי־תורה ולומדים מופלגים, והיה להם היום למסחר ולמשא־ומתן, והלילה — לתורה ולתלמוד. בכל ערב וערב מימות החול, כאשר תם המסחר ברחובות־קריה והחנויות נסגרו — היו כמעט כולם מתאספים לבית־המדרש, ושם, מסביב לשלחנות ארוכים וספרים פתוחים, היו יושבים או עומדים זקנים ובחורים יחדו, כולם למודי ה׳, עוסקים בתורה ומתווכחים ומתנגחים בהלכה, זה שואל וזה משיב, זה מותיב וזה מפרק, והמאור שבתורה משמח ומענג את לבם ומשכיח את דאגותיהם החילוניות המטרידות אותם יום־יום.

ופעם בערב אחד, נכנסו בעלי תריסין שבפינצ׳ב לבית־המדרש והתחילו לדבר על־אודות דרשתו של תודוס איש רומי (פסחים נג, ב): „מה ראו חנניה, מישאל ועזריה, שמסרו עצמם על קדושת־השם לכבשן האש? נשאו קל־וחומר בעצמם מצפרדעים ומה צפרדעים שאינן מצווין על קדושת־השם, כתוב בהם (שמות ז, כח): ועלו ובאו בביתך ובחדר משכבך ועל מטתך ובבית עבדיך ובעמך ובתנוריך ובמשארותיך, אימתי משארות מצויות אצל תנור? הוי אומר: בשעה שהתנור חם! אנו שמצווין על קדושת־השם, על־אחת־כמה־וכמה". אחד מחכמי העיר עמד ושאל: והלא קל־וחומר זה, הוא קל־וחומר מופרך מתחלתו, כי הלא נאמר למשה מפי הגבורה: ועלו ובאו. הצפרדעים נצטוו, איפוא, מפי המקום לעלות ולבוא, ואיך אמרו חכמינו על הצפרדעים „שאינן מצווין על קדוש־השם"? תלמידי־החכמים שבאותו מעמד התחילו להתפלפל בשאלה זו, והנה יהונתן הקטן שעמד מן הצד, ואזנו קלטה את כל השקלא וטריא שבין הלומדים בדבר מאמר זה, — קפץ וקרא:

— אמנם כן, הצפרדעים בכלל, בודאי נצטוו לעלות ולבוא מי בבית מי בחדר־המשכב ועל המיטה, ומי בתנור ובמשארות. והרי היתה כל אחת מן הצפר־דעים יכולה לומר לחברתה: לכי את והכנסי לתוך התנור החם, ואני אבוא אל הבית, לתוך חדר המשכב ועל המיטה, אבל כל אחת מהן, למרות מה שאליה בפרט לא היתה מכוונת הפקודה להכנס לתוך האש, חפצה לקדש שם־שמים ועלתה ובאה דוקא לתוך התנור הבוער, כדי למסור את עצמה על קדוש השם, והרי ה„קל־וחומר" עולה יפה ומדויק כל צרכו...

התפלאו השומעים לשמוע תשובה־כהלכה זו, שיצאה מפי ילד־נער, צעיר לימים, והוא אז כבן שמונה שנים, ועמדו ונשקוהו על ראשו, וכולם הודו ואמרו כי היה יהיה הנער הזה אחד מגדולי האומה וחכמיה.

געראַטעוועט פינטשעוו פון אַ בלבול

(לויט „שרי המאה״ פון הרב יהודה לייב הכהן מיימון)

ווען ר׳ יונתן אייבעשיץ איז נאָך געווען אַ קליין ייִנגל און געלערנט אין חדר, זענען איינמאָל די יידן אין פינטשעוו געווען אין אַ גרויסער צרה: אַ קריסט, אַן איינוווינער פון שטאָט, האָט אויסגעקלערט אַ בילבול, אַז אַ דאָרטיקער ייד האָט אים באַגנבעט — און די גאַנצע יידישע קהילה האָט זיך געפונען אין אַ געפאַר.

די מעשׂה האָט זיך פאַרלאָפן אויפן פאָלגנדיקן אופן:

אַ יידישער הענדלער האָט געהאַט אַ בשׂמים־געשעפט בשכנות מיט אַ געשעפט פון אַ קריסטלעכן פלייש־הענדלער. ביידע געוועלבער זענען געווען איינס נעבן צווייטן און בלויז אַ דין הילצערן ווענטל האָט זיי אָפּגעשיידט צווישן זיך. איינמאָל, פאַרנאַכט, נאָך אַ טאָג פון גוטן „פדיון״, איז דער ייד געזעסן אין זיין געוועלב און געציילט דאָס געלט, וואָס איז אין דעם טאָג אַריינגעפאַלן צו אים אין קאַסע — גאָלדענע, זילבערנע און קופּערנע מטבעות. דער ייד האָט נישט באַמערקט און נישט געוווסט, אַז צוויי אויגן, שלאַנגען־אויגן פון זיין שכן, דעם קריסטלעכן פלייש־הענדלער, קוקן מיט קנאה דורך אַ לעכל צווישן די ברעטער פון ווענטל, וואָס טיילט אָפּ ביידע געוועלבער. דער קריסטלעכע שכן האָט געזען יעדע מטבע, וואָס דער ייד האָט פאַרשריבן אין זיין פּנקס און פאַרמאַכט אין זיין קאַסע. אויף מאָרגן האָט דער קריסט אָנגעקלאָגט דעם יידישן שכן, אַז ער האָט אים באַגנבעט, צוגענומען זיין געלט און פאַרמאַכט ביי זיך אין שאַפע. ער האָט אָנגעגעבן סימנים פון די מטבעות, זייער צאָל און אַפילו צוגעשטעלט פאַלשע עדות.

דער ייד איז אַרעסטירט געוואָרן און אָנגעקלאָגט געוואָרן אין גניבה. לויט די דעמלטיקע געזעצן האָט דעם ייד געדראָט אַ גרויסע שטראָף פון פיל יאָרן תפיסה און קאַטאָרגע־אַרבעט.

די שׂונאי־ישׂראל אין שטעטל האָבן אויסגענוצט דעם בילבול און גענומען פאַרשפּרייטן האַס און פאַלשע באַשולדיקונגען קעגן אַלע יידן אין פינטשעוו און גערופן צו פּאָגראָמען. די לאַגע אין שטאָט איז געוואָרן אַ זייער אָנגעשטרענגטע.

דער רב פון פינטשעוו, רבי נתן־נטע, דער פאָטער פון רבי יונתן אייבעשיץ,

האָט געזוכט מיטלען צו באַפרייען דעם יידישן סוחר פון פאַלשן בילבול און דערמיט באַזייטיקן די פּאָגראָם־העצע פון דער שטאָט. דער רב האָט גערופן אַסיפות פון די בעלי־בתים, זיך געעצהט מיט די ראשי־הקהל, וואָס צו טאָן, ווי אַזוי אויפצודעקן דעם שקר.

אויך די חדר־יינגלעך האָבן זיך פאַרנומען מיטן דאָזיקן ענין. אויך אין חדר, ווו עס האָט געלערנט דעם רבס קליינער זון, יונתן, האָבן די יינגלעך וועגן דעם גערעדט. איינמאָל האָבן די יינגלעך זיך „געשפּילט אינעם בילבול". איינער פון זיי איז געווען דער באַשולדיקטער יידישער סוחר, אַ צווייט יינגל האָט זיך פאַרשטעלט פאַרן גוי, וואָס האָט אויסגעטראַכט דעם שקר־בילבול. דעם קליינעם יונתן, דעם בן־הרב, האָבן די יינגלעך באַשטימט אַלס שופט, וואָס דאַרף משפטן דעם ייד. דער „ריכטער" האָט אויסגעהערט די טענות פונעם קריסטלעכן קצב און דערנאָך פונעם ייד, וואָס האָט געלייקנט און זיך פאַרטיידיקט. נאָך אַ ישוב־הדעת האָט דער קליינער יונתן געפּסקנט:

— זאָל מען דאָס געפונענע געלט אַריינלייגן אין קאָכעדיקן וואַסער. אויב עס וועט אויפן וואַסער אַרויפשווימען פעטס, וועט זיין אַ סימן, אַז דאָס געלט געהער צום קריסט, דעם פליישהענדלער, ווייל זיינע הענט זענען דאָך שטענדיק פעט פונעם פלייש וואָס אין זיין יאַטקע; אויב אָבער עס וועט נישט זיין קיין פעטס אויפן וואַסער, איז אַ סימן, אַז דאָס געלט געהער צום יידישן בשׂמים־הענדלער, וועלכער האָט ריינע, נישט קיין פעטע, הענט... אַזוי אַרום קאָן מען אויפווייזן, אַז דער בילבול איז אַ שקר...

איינער פון די פינטשעווער ראשי־קהל איז פונקט געשטאַנען נישט ווייט, זיך צוגעקוקט צו דער שפּיל פון די יינגלעך און געהערט דעם „פּסק־דין" פון בן־הרב; דאָס איז אים געפעלן און ער האָט עס דערציילט דעם העכסטן ריכטער פון פינטשעוו. דער „פּסק־דין" פון יידישן יינגל איז געפעלן דעם ריכטער און ער האָט באַאיינפלוסט דאָס געריכט, עס זאָל אַרויסטראָגן אַן ענלעכן פּסק־דין. און כך היה. די מטבעות אין קאָכיקן וואַסער האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט אַרויפגעבראַכט קיין פעטס און מען האָט זיך איבערצייגט, אַז דער קריסטלעכער קצב האָט געמאַכט אַ שקר־בילבול. דער ייד איז באַפרייט געוואָרן, דער קריסט איז פאַרמשפּט געוואָרן פאַרן פאַלשן בילבול און די יידן אין פינטשעוו האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט.

און הרב מיימון גיט צו:

„אַזוי האָט ר׳ יהונתן אייבעשיץ, נאָך אין זיין קינדהייט, געראַטעוועט אַ יידישן מענטש פון אַ שקר־בילבול און פון אַ שווערער תפיסה־שטראָף, און אויך די ישׂראל־עדה אין זיין געבוירן־שטאָט האָט ער געראַטעוועט מיט זיין **חכמה**".

רבני פינצ׳ב
פינטשעווער רבנים

יואל יעקובוביץ׳־אשכנזי (פתח־תקוה)

רבני פינצ׳ב לדורותיהם

מר יואל יעקובוביץ׳־אשכנזי, נצר לאחת המשפחות המפוארות ביהדות פולין במאות האחרונות, עוסק בכתיבת תולדות רבני פולין בדרך מקורית משלו. מחקריו מבוססים במיוחד על הספרות הענפה של שאלות ותשובות שהוא בקי בה ביותר, כשבתוך השקלא וטריא ההלכתי בשאלות איסור והיתר, דיני ממונות ואישות, מוארים צדדיהם השונים של חיי הקהילות בפולין במאות האחרונות על גדוליהן, מנהיגיהן ורבניהן.

תודתנו נתונה למחבר על הקטעים שהואיל להעתיק בשבילנו מתוך ספרו המקיף אשר אתו בכתובים.

ה מ ע ר כ ת

א. ר׳ מנחם מנדל מרגליות

הרב הראשון הנזכר בספרות זו של שאלות ותשובות כרבה של פינצ׳ב הוא ר׳ מנחם מנדל מרגליות ב״ר יואל ווייביש (פייוויש). נקרא גם ר׳ מ נ ח ם מ נ ד ל ש ט א נ ג ן. כיהן ברבנות פינצ׳ב לערך בשנות שע״ה—שצ״ה (1615—1635). היה תלמידו של ר׳ יואל סירקיש (בעל המחבר „בית חדש״, פירוש על ארבעת ה„טורים״, והידוע בשם הב״ח). בספר „שאלות ותשובות גאוני בתראי״ (שנת ההוצאה תקכ״ד), מצויה שאלה אחת, שאלה כ״ט, בה פונה הרב מפינצ׳ב, ר׳ מנחם מרגליות הנ״ל, לרבו ר׳ יואל סירקיש בלשון זו:

יתכן, כי האוויר המצויין, האקלים הנוח תמיד באותה עיירה שבין ההרים ובין הנהר נידאַ, משכה אליה יהודים כבר מזמנים עתיקים ביותר. לפי הפתגם הידוע, „כבר עלה השחר בפינצ׳ב״, ואמנם הוא האיר שם מוקדם, וכבר בשחרה של ההיסטוריה היהודית בפולין פיכו בפינצ׳ב חיים יהודיים. בית־הכנסת העתיק, אשר בקירותיו המוצקים נראה מבחוץ כמבצר, לא רק אגדות שאמיתן בספק ניטוו סביבו, אלא הוא גם ייצג היסטוריה עשירה של חיים יהודיים. לפי המסורת, נבנה בית־הכנסת העתיק בזמנו של המלך הפולני אוהד היהודים, המלך קאַז׳ימיאֶז׳ השלישי („הגדול״, 1333—1370). אשתו היהודיה, אסתר, בנתה, לפי מסורת זו,

שלושה בתי־כנסת זהים בממדיהם, ואחד משלושת בתי־כנסת אלה היה בית־הכנסת העתיק בפינצ׳ב.

על כיסא הרבנות בפולין ישבו שנים רבות רבנים, ששלשלת היוחסין שלהם נמשכה עד לש״ך (ר׳ שבתי כהן, שפ״ב — תכ״ג/1621—1663, מפורסם בחיבוריו ל„שולחן ערוך״) והוא גם מזכיר את פינצ׳ב בספריו. לרבני פינצ׳ב תמיד התייחסה האוכלוסייה היהודית ביראת כבוד.

פינצ׳ב היתה עיר אדוקה. היו בה „שטיבלך״ רבים של חסידים: של חסידי גור, אלכסנדר, חינטשין, פילוב, קוזמיר ואחרים. בין אלה תפסו חסידי גור מקום בראש בכל העניינים הקהילתיים והדתיים.

מלבד בית־הכנסת העתיק היה גם בית־הכנסת החדש וכן בתי־מדרש שבהם התפללו היהודים הפשוטים ובעלי המלאכה. כל בתי־הכנסת היו מלאי מתפללים בבוקר ובערב גם בימות החול, ועל אחת כמה וכמה בשבתות ובחגים. בזמני הלכו כל היהודים, אפילו אלה שלא היו אדוקים ביותר, להתפלל שחרית וערבית בבית־הכנסת, בבית־מדרש או ב„שטיבל״ חסידי. בכל ה„שטיבלך״ וכן בבית־המדרש הגדול ישבו תמיד בחורים ולמדו תורה כל היום כולו. קול התורה היה בוקע בכל העיר, ביום ובלילה. כן נשמע תמיד קול התורה מגרונם של תינוקות של בית רבן, קטנים וגדולים יותר, שבמאותיהם למדו בחדרים הרבים. וכך חושלה בעיירה רוחו של ישראל סבא וגדלו בה למדנים גדולים ויהודים גאים.

בשנים שלפני מלחמת העולם הראשונה נתרכזו החיים הציבוריים של היהודים בבתי המדרש וב„שטיבלך״. כאן התווכחו ושקלו וטרו והחליטו בכל ענייני הקהילה — על היחסים שבין אדם לחברו, ועל היחסים שבין הקהילה היהודית לבין השכנים הנוצרים ובינה לבין רשויות השלטון החילוני.

בכל חג ומועד נהגו להתאסף אצל יהודי אמיד, לשתות כוס יין ולקנח בחתיכת עוגה ואגוזים — ותוך כך לחזור בנעימה על הניגונים החסידיים החדשים, שאחד החסידים הביא מחצרו של הרבי מגור או של רבי אחר. את הניגונים שרו בדביקות, וכל הצרות והדאגות של ימות החול היו כלא היו.

גם הרביים לא הדירו רגליהם מפינצ׳ב והתארחו בה לעתים קרובות. כאשר רבי בא לעיירה, אָצו כולם להסב אל „שולחנו״. חגיגיות מיוחדת הורגשה בעיירה כאשר התארח בה הרבי המפורסם מטריסק, ר׳ נחומצ׳ה, שהיה גם ידוע כבעל קול עָרֵב. כאשר הוא התפלל בבית־המדרש הגדול, אפילו בסתם יום שני או חמישי, נתמלא בית־המדרש במאות מקשיבי לקחו. היה אומר את „והוא רחום״ במתיקות ובניגוניו הביא את המתפללים לידי התעלות הנפש.

עם זאת אני נזכר גם בפחדים שהטילו עלי, בהיותי ילד. הפחידו ילדים קטנים

ונאמר להם כי שדים ורוחות רעות מתרוצצים ברחובות בלילה... במיוחד שיננו לנו שאסור לעבור את סימטת בית־הכנסת מאוחר בלילה. אז מתאספים בבית־הכנסת כל נשמות המתים, ומי שעבר ליד בית־הכנסת ושומע שהמתים קוראים אותו לעלות לתורה — מוכרח להיכנס לבית־הכנסת, ואם לא ייכנס אחת דתו למות... וכי למי מהילדים — ולא הילדים בלבד — התחשק להתעסק עם מתים ועם נשמותיהם ?... ואכן עקפו בלילות את סימטת בית־הכנסת ונמנעו מלעבור לידה... אך כמובן אמונה תפלה זו לא הפריעה להתפלל וללמוד במקום הקדוש.

אברהם אליעזר פשנדזה (בני־ברק)

„ארץ ישראל הקטנה"

מעט ניתן להוסיף למה שכבר נכתב על־ידי אנשי פינצ׳ב, האוצרים בתוכם את זכר עברה ואת דמויות אישיה, את רטט חייה ושאָר־רוחה. עד לכליונה של אותה אֵם קהילות היהודים בפולין הקונגרסאית — פינצ׳ב.

נולדתי בפינצ׳ב שנה אחת לפני פרוץ מלחמת העולם הראשונה לאבי ר׳ ישכר דב זצ״ל, בן ר׳ יוחנן זצ״ל, בן ר׳ אלכסנדר זישא זצ״ל — כולם ילידי פינצ׳ב. מסורת היתה במשפחתנו, שהקהילה היהודית בעיר זו היא בין העתיקות ביותר שבמדינת פולין, ובה גם התקיימו רבים מן המושבים של ועד ארבע ארצות, אשר לפניו הובאו כל הבעיות שנגעו לכלל הציבור היהודי לבירור ולהחלטה, והחלטותיו נקבעו כחוק בל יעבור. ובגלל החשיבות הגדולה שהיתה לעיר זו היא נקראה בפי תושביה היהודים בשם „ארץ ישראל הקטנה".

אין בכוונתי לכתוב כאן את תולדותיה של פינצ׳ב היהודית, כי אינני בר־סמכא לכך, אולם רוצה אני לתאר מקצת מן המקצת ממה שנחרת בזכרוני מילדותי.

פינצ׳ב היתה עיר של תלמידי חכמים, רבנים, אדמו״רים, אנשי מעשה וגומלי חסדים. במיוחד הצטיינה ברבניה הגדולים, שהיו משלשלת הש״ך זצ״ל, דור אחר דור, עד הרב האחרון, הרב הקדוש והטהור, הרה״ג והצדיק ר׳ שבתי הכהן רפפורט זצ״ל הי״ד, אשר נהרג על קידוש השם עם משפחתו הדגולה והאצילה במחנה זאלצבורג שבאוסטריה. על דרכו האחרונה של הרב זצ״ל ומשפחתו שמעתי מפי

הסופר מר הלל זיידמן, המתגורר בארצות־הברית. הוא היה יחד אתם במחנה זאלצבורג וניצל בדרך נס.

זכיתי להסתופף בצלו של הרב הקדוש הנ״ל ולשמוע דברי תורה מפיו הקדוש ולהבין במקצת את גדלותו בתורה, ביראת שמים ובאהבת ישראל. לצערי, אין כשרונותי מספיקים להעלות בכתב את קווי דמותו ולתאר את אישיותו הדגולה וגדלותו בתורה ובמידות טובות. זכתה פינצ׳ב ורב גדול זה כיהן בה ובהנהגתו הנבונה האציל מאישיותו ומזיו קלסתר פניו על תושביה היקרים, בעלי תריסין ובעלי מידות נעלות, לומדים מובהקים וסוחרים גדולים ובינונים, אשר תמיד השכימו לפתחו לבקש תורה מפיו ולשאול לעצותיו בכל הנוגע להנהגת העיר.

בענייני הוראה היו לו לעזר שני דיינים גאונים. האחד, הרה״ג ר׳ אייז׳י ונדרסמן זצ״ל, שהיה חריף ועוקר־הרים. והשני הרה״ג ר׳ וולביש קנאבל זצ״ל, סיני ובקי בכל מכמני התורה.

אצל שני הגאונים הללו זכיתי להיבחן עוד כשהייתי לומד בתלמוד־תורה בפינצ׳ב, וביותר אחר־כך, כשחזרתי הביתה לחגים מן הישיבה בווארשה שבה למדתי. היתה זו בשבילי הזדמנות טובה לשוחח עמהם וביחוד להבחן אצלם במילי דאורייתא ולעמוד על התקדמותי בלימוד התורה.

בנוסף לבית־הדין של הרבנים הנ״ל היו בפינצ׳ב שני שוחטים, מומחים גדולים ולומדים מובהקים — ר׳ שמחה קופמן זצ״ל ור׳ וולף לובלסקי זצ״ל. ביתם היה פתוח לרווחה לכל דיכפין, ותענוג היה לשמוע מהם אפילו שיחת חולין. בהיותי צעיר לימים לא הרהבתי עוז להיכנס עמהם בשיחה, עמדתי איפוא מן הצד והקשבתי לדבריהם בהנאה רבה. היה זה בשבילי עונג מיוחד לשמוע כיצד אנשים אלה שבגיל עמידה משוחחים ומתווכחים ביניהם בדברי תורה, וגדולה היתה שמחתי אם אחד מבעלי תריסין אלה קרא אותי ושאלני מה למדתי במשך השבוע, ומה גם אם הצלחתי לענות לו כהלכה. היה זה הישג שיכולתי להתפאר בו גם לפני אמי עליה השלום, הצדקת והמיוחסת בת הרה״ח אלכסנדר יוסף זצ״ל וינטרויב.

סבי זה היה מחשובי חסידי ראדזין ולמדן מובהק בנגלה ובנסתר ואני עוד זכיתי להכירו ולהסתופף בצלו ולהתבונן במידותיו הטובות והנעלות וגם ללמוד ממנו מקצת מן המקצת. גם אמי עה״ש היתה בעלת מידות טובות והקדישה כל עמלה ועבודתה למען תזכה לבן תלמיד־חכם וירא שמים. ואם נתבשרה אמי שאמנם בנה יודע פרקו וגם שוקד על לימודיו — היה זה אושרה הגדול ביותר, רב יתר מכל עשירות שבעולם. אוסיף, שאני הייתי בן יחיד, והיה זה נסיון גדול להיפרד מן הבית ולנסוע לווארשה ללמוד בישיבה, מרחק של 400 ק״מ. גדול היה סבלם של ההורים שלא יכלו לראות את בנם אלא פעם בחצי שנה, כשבאתי הביתה לחג

הפסח ולימים נוראים וסוכות, וגם אני סבלתי מאד, כי בישיבות אז לא היו פנימיות עם סידורים מודרניים וכל תלמיד היה צריך לדאוג בעצמו לצרכיו, הן ללינה הן לאוכל, אולם קיימנו „הווי גולה למקום תורה", ואיך שהוא הסתדרנו יפה, ביחוד תודות ליסוד ושורש האמונה ואהבת התורה שניטעו בלבנו.

עם גמר לימודי בישיבה חזרתי לעירי פינצ׳ב ונכנסתי בעול הפרנסה, השתתפתי בניהול העסק של הורי עד פרוץ מלחמת השואה האיומה והנוראה.

יהודה ספרא (לייבל ראַדאַל)

„אין פינטשעוו טאָגט שוין"

דאָס ווערטל „אין פינטשעוו טאָגט שוין" איז געווען באַקאַנט ביי די יידן אין גאַנץ פוילן. געווען פאַרשידענע השערות, פון וואַנען עס שטאַמט דאָס דאָזיקע פאָלקס־ווערטל. מיין קוזין, וועלכער האָט געהייסן פונקט ווי איך, לייבל ראָדאַל, איז געווען רעדאַקטאָר פון דער „קיעלצער־ראַדאָמער צייטונג" (ער איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ), האָט אויך געשריבן וועגן דאָזיקן ווערטל אין דער דערמאָנטער צייטונג. אָט וואָס ער האָט געשריבן:

„פאַרוואָס זאָגט מען אין פינטשעוו טאָגט שוין? ווייל מיר זאָגן אין ,המבדיל׳ ,בנשף בערב יום׳, — אַז עס איז נאָך טאָג, איז שוין נאַכט... און אַז עס ווערט פריִער נאַכט, ווערט פריִער טאָג... און ,בנשף׳ קאָן מען לייענען — ,פינצ׳ב׳... אָט פאַרוואָס מען זאָגט — אין פינטשעוו טאָגט שוין...".


אַ צווייטע מיינונג איז געווען אַזאַ:

אין כעלם האָט מען איינמאָל אין שבועות נישט געהאַט קיין ליכט. און ווייל יום־טוב טאָר מען דאָך נישט אָנצינדן סתם קיין פייער, איז מען געזעסן אין דער פינצטער... האָט קהל באַשלאָסן צו שיקן שבועות ביינאַכט צוויי מענטשן קיין פינטשעוו, זיי זאָלן ברענגען פון דאָרט ליכט. ווען די שליחים זענען אָנגעקומען קיין פינטשעוו, האָט שוין געטאָגט. זענען זיי צוריקגעגאַנגען קיין כעלם, אָן ליכט, און געזאָגט, אַז „אין פינטשעוו טאָגט שוין..." פון דעם זאָל זיך האָבן פאַרשפרייט דאָס ווערטל.

נאָך אַ ווערסיע, וואָס איז געווען זייער פאַרשפרייט אין פינטשעוו:

פינטשעוו איז געווען באַקאַנט מיט זיין גוטן ווייסן קעז. אַזוי ווי די דעכער פון די פינטשעווער הייזער זענען געווען נידעריקע, פלעגן די קעז־פאַבריקאַנטן אַרויפלייגן די קעזן אויף די דעכער צו טריקענען. איינמאָל האָבן זיי אַרויפגעלייגט די קעזן אויף די דעכער ביינאַכט. ווען אַנדערע פינטשעווער בעלי־בתים זענען אויפגעשטאַנען פאַרטאָג צו „השכמה", האָבן זיי געזען ווי די דעכער לייכטן אין ווייסקייט... דער ווייסער קעז האָט אַזש ליכטיק געמאַכט אין די גאַסן און זיי האָבן פאַרווונדערט אויסגערופן:

— אין פינטשעוו טאָגט שוין!...



קבוצה של „השומר הצעיר" — אַ גרופּע יוגנט פון „השומר הצעיר" אין פינטשעוו.

פון רעכטס, זיצן: פּאָטעשמאַן יהושע, ראָזענבערג אייזיק, מאַן, ראַקאָווסקי, ווייץ שמערל; שטייען: גרויס מאיר, דזשאַבע שלמה, וואָלפשטאַדט, אייזיקאָוויטש, פרידריך שמואל.

בין שתי מלחמות־העולם
צווישן ביידע וועלט־מלחמות

לייבל בעלפער (קאַנאַדע)

אַ מגיפה אין שטעטל

אין בין געבוירן אין פינטשעוו דעם 30.12.1896. די קינדער־יאָרן זענען פאַרלאָפן אויפן אופן, ווי דאָס איז באַקאַנט יעדן ייד פון פוילן, ווי אין אַלע שטעטלעך.



לייבל בעלפער

מיין ערשטער מלמד איז געווען ר׳ נחום, ביי וועלכן איך האָב געלערנט צוויי יאָר. ווייטערדיקע צוויי יאָר — ביי ר׳ יאַנקל מלמד. דאַן — צוויי יאָר ביים מלמד ר׳ זלמן־לייבוש. דערנאָך האָב איך געלערנט ביים „גרויסן מלמד״, ר׳ חיים שמואל־מענדל...

נאָך מיינע חדר־יאָרן, געדענק איך, האָבן זיך אין שטעטל פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן „בני־ציון״־פאַריינען. עס האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן און אַנטוויקלען אויך אין אונדזער געגענט די ציוניסטישע באַוועגונג.

איך געדענק צום בעסטן דעם פאַריין לינת־הצדק, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין פינטשעוו און איך האָב אין אים אָנטיילגענומען. דער ציל פון אַזאַ פאַריין איז באַקאַנט: נעכטיקן ביי קראַנקע און אויך העלפן אָרעמע קראַנקע, מיט וואָס מען האָט נאָר געקאָנט. דער דאָזיקער פאַריין האָט אַרויסגעוויזן זיין נויטווענדיקייט און וויכטיקייט, ווען עס איז אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע אין שטעטל.

אָנגעפירט מיטן פאַריין לינת־הצדק האָבן דעמלט: זונדל טענענבוים, יהושע מייזיל, לייבל גאָלד, איטשע־מאיר עדעליסט, מרדכי סולעוויטש.

פיל מענטשן זענען דאַן געשטאָרבן אין דער מגיפה.

די מיטגלידער פונעם פאַריין האָבן געאַרבעט מיט גרויס מסירת־נפש, כדי צו ראַטעווען די קראַנקע.

איך דערמאָן זיך צוויי חברים פון פאַריין, וועלכע זענען געפאַלן ווי קרבנות פון אונדזער אַרבעט, זיך אָנגעשטעקט מיט דער קראַנקייט און געשטאָרבן.

דער ערשטער איז געווען זלמן־יצחק, אַן איינציקער זון ביי זיינע עלטערן. זיין מוטער איז געווען אַזוי צעבראָכן פונעם אומגליק, אַז זי איז קיינמאָל מער נישט געקומען צו־זיך. מען האָט אים קובר געווען ביינאַכט, צוזאַמען מיט אַנדערע יידן, קרבנות פון דער עפּידעמיע אין זעלבן טאָג.

דער צווייטער קרבן איז געווען זעליג, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער צוקערניע פון ישראל טענענבוים. איך דערמאָן זיך, ווי איך האָב אים באַזוכט אין שפּיטאָל און ער האָט מיך שוין נישט דערקענט.

קיין פאַרהיטונגס־מיטלען זענען נישט געווען און אונדזער אַלעמענס לעבן איז געווען באַדראָט. מיר האָבן זיך פאַרנומען מיט די קראַנקע, נישט וועלנדיק זיי לאָזן צונעמען אין שפּיטאָל אַריין, ווייל אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז אין שפּיטאָל פאַרסמט מען די קראַנקע, כדי זיי זאָלן נישט אָנשטעקן אַנדערע...

מיר האָבן זיך איינמאָל דערוווּסט, אַז די פרוי לאה „פון דער בודקע״, ווי מען האָט זי גערופן (ווייל זי האָט געהאַט אַנטקעגן מאַגיסטראַט אַ בודקע צו פאַר־קויפן זיסוואַרג), איז קראַנק צוזאַמען מיט אירע צוויי קינדער. איר מאַן, יאַנקל זייד, איז געווען אין אַמעריקע. מיר האָבן זי אויסבאַהאַלטן, נישט געמאָלדן די דאָקטוירים, איר אַליין געגעבן הילף און זי מיט די קינדער זענען געזונט געוואָרן. דאָס זעלבע האָט זיך פאַרלאָפן מיט יצחק גאָרסקע, וועלכער איז געווען זייער שווער קראַנק און מיר האָבן אים געראַטעוועט.

אויך מיין שוועסטער, פייגל, איז קראַנק געוואָרן. מיר האָבן זי אויסבאַהאַלטן אין שטוב און מיין פאַמיליע האָט זיך אַליין מיט איר מטפל געווען. עמעצער האָט אָבער געמאָלדן וועגן דעם דער מאַכט און מען האָט אונדז מודיע געווען, אַז מען וועט קומען זי נעמען אין שפּיטאָל אַריין. ביי אונדז אין הויף איז געווען אַ האָלץ־סקלאַד, האָבן מיר זי קראַנקערהייט אַריינגעטראָגן אַהין און זי באַהאַלטן צווישן די ברעטער. מען איז טאַקע געקומען זי זוכן, כדי צו נעמען אין שפּיטאָל אַריין, אָבער נישט געפינענדיק זי אין דער וווינונג, האָט מען מער נישט געזוכט. איך ווייס נישט, ווי עס וואָלט געווען אין שפּיטאָל, אָבער אין דער היים איז מיין שוועסטער געזונט געוואָרן.

אברהם אספיס (חיפה)

פינצ׳ב היהודית

קהילת פינצ׳ב, בפלך קאֶלץ, היתה אחת הקהילות הוותיקות ביותר בפולניה הקונגרסאית, ואף ייחסו לה היסטוריה של קרוב לאלף שנה. מוקפת היא הרים מצד מערב, ואילו במזרחה זורם הנהר נידאַ, המושך מימיו אל הוויסלה. הישובים הכפריים העוטרים אותה מסביב היוו את ה„הינטרלאנד״ אשר שי־מש מקור פרנסה לאוכלוסיה היהודית. פינצ׳ב היתה עיר מחוז, היינו מקום מושבו של שר המחוז ומשרדי השלטון המחוזי. מפורסמת היתה בגדולי התורה שבה, רבנים ידועי־שם וחסידים. גאוותם של יהודי פינצ׳ב היתה על בית־הכנסת המפואר והמוֹנוּ־מנטאלי, שמעטים כמוהו הוק־מו בפולין. לא יהודים בלבד אלא גם נוצרים רבים הרבו לבקר בו והביעו את הת־פעלותם מן הארכיטקטורה המרשימה של הבניין, שגובהו הגיע לעשרים מטרים. בית־כנסת זה השרה חרדת קודש והתרוממות־נפש על באי שעריו. ובנוסף לו היו בפינצ׳ב גם בתי־תפילה רבים, וביניהם בית־הכנסת החדש, בית־מדרש והרבה „מניינים״ ו„שטיבלך״ משושלות חסידיות שונות.



שפּאַצירנדיק אויף אַ פּינטשעווער גאַס — פון לינקס צו רעכטס: אברהם אספיס, יהודית ראַפּאַפּאָרט, לייבל ראַפּאַפּאָרט, זיסיה ראָזענבערג.

רבני פינצ׳ב התייחסו על משפחת הש״ך (ר׳ שבתי כהן, גאון ופוסק תלמודי מפורסם במאה ה־17, שאגדות רבות התהלכו בעם על הינצלו בגזרות חמיילניצקי של שנות ת״ח ות״ט) ומשושלת זו שימשו בקודש וישבו על כיסא הרבנות בעירנו עד לחורבנה של העיר בידי הקלגסים הנאציים. רבים מאלה שנשארו אתנו בחיים



ר׳ דב יששכר קארמיול ורעייתו
(דודו ודודתו של אברהם אספיס והוריה של רעייתו)

זוכרים עוד את הרב הישיש ר׳ שבתי הכהן רפפורט ז״ל, שנפטר בשנות העשרים. היה בעל הדרת פנים, רב־השפעה ומעורר כבוד גם אצל השלטונות הנוצריים. אחריו נבחר כרב העיר בן־אחיו, ששמו גם כן היה ר׳ שבתי הכהן רפפורט (לפני כן היה רבה של העיר ווצ׳יסלאב). אף הוא היה תלמיד־חכם גדול, נואם מצויין ובעל השכלה כללית, וכך לא נותקה השלשלת דורות רבים. (ר׳ מאמר מפורט על רבני פינצ׳ב בעמ׳ 113—123).


הקהילה היהודית היתה המוסד המרכזי היחיד שייצגה את האוכלוסיה היהודית כולה והיתה מוכרת בתור הנציגות היחידה גם על־ידי השלטונות. סביב הקהילה התרכזו כל החיים הציבוריים והחברתיים, ובראשה עמדו בעלי־בתים חשובים, „פני העיר". זוכר אני את המשפחות הייטלר, פליקס, שיינפלד, מינץ, פיינשטאדט.

אוכלוסיית העיירה מנתה כעשרת אלפים נפש, וברובה היתה יהודית. מעטים מבין יהודיה היו בעלי אמצעים, ואלה כבר נחשבו לעשירים כביכול. ואילו רובם עניים היו והתפרנסו בדוחק. חיו חיי צנע והסתפקו במועט וקיוו לזמנים טובים יותר. מסורת אבותיהם היתה בידיהם, והדרך הישרה דרכם. האמינו בגאולת ישראל ושהגואל בוא יבוא ויגאל גם אותם מן הגלות המנוונת ומחיי השעבוד והדיכוי. לנסים קיוו, כי בדרך הטבע לא נראה שום סיכוי להטבת תנאי חייהם בגלות פולין, וביחוד

בערים הקטנות. אנשים תמימים וישרים היו, לא התאוננו על מר גורלם והסתפקו במועט. כל בקשתם — שיניחו להם ולא יגזלו מהם את פת לחמם הדל ואת האפשרות של קיום מינימלי. אף תנאי מגוריהם קשים היו. גרו בצפיפות ובדוחק והדירות עברו בירושה מדור לדור. גם כשגדלה המשפחה — העתיקו רק לעתים רחוקות את דירותיהם.

בימי מלחמת העולם הראשונה

בפרוץ מלחמת העולם הראשונה באוגוסט 1914, עברה העיירה שלנו פינצ׳ב זעזוע רב כתוצאה מכיבוש העיר על־ידי הצבא האוסטרי־הונגרי והעברת השלטון



משה אספים ורעייתו חיה אספים;
נכדיהם זלמן אספים (באמצע) וברוך אספים


לידיו. הממשל האוסטרי היה ידידותי ליהודים והיחס ההוגן והליברלי כלפינו התבלט על כל צעד, כך שהאוכלוסיה היהודית לא הצטערה כלל על נסיגתו של השלטון הרוסי, אשר עזב את העיר יחד עם הגדוד הרוסי שחנה בה. אמנם כעבור חודשים מספר חזר הצבא הרוסי וכבש את האיזור מחדש, ולא מעט סבלו היהודים מחילופים אלה, משום שתוך כדי נסיגתם שדדו הרוסים מכל הבא ליד. אך לאחר ששה חודשים שוב נהדפו הרוסים על־ידי הצבא הגרמני, ובערב יום כיפורים שנת 1915 התמוטטה כל החזית לאורך הויסלה, והרוסים הובסו ועזבו את פולין לצמיתות. שוב הוקם ממשל צבאי אוסטרי ששלט באיזור עד להקמת המדינה הפולנית ב־1917/1918. פלישתו של הצבא האוסטרי לעיר בראשית המלחמה מנע משלטונות רוסיה לגייס את המילואים לצבא הרוסי, ואילו הצבא האוסטרי אף הוא נבצר ממנו לגייס את צעירי העיר, מכיון שלא היו אזרחים אוסטרים. הואיל וכך, נשאר הנוער הבוגר מחוץ למסגרת הצבאית, על אף המלחמה העקובה מדם שנמשכה כארבע שנים.

בדרך כלל היו צעירי העיירות הקטנות שבסביבתנו יוצאים אותן עם התבגרותם ומחפשים להם תעסוקה בערים הגדולות לודז׳ וורשה, מחוסר אפשרות למצוא עבודה במקום־מגוריהם הקבוע. כתוצאה ממצב־דברים זה התרוקנו העיירות מנוער בגיל ההתבגרות. צעירים אלה נהגו לערוך ביקורים אצל משפחותיהם בחגים בלבד. אולם בשל מצב המלחמה, הקושי להשיג צרכי אוכל והחמרת אפשרויות הקיום בערים הגדולות — נאלצו הצעירים לנטוש זמנית את מקומות־עבודתם ולחזור לעיירה, כשהם סמוכים על שולחן הוריהם. נוכחותו של נוער זה באותם הזמנים בפינצ׳ב השפיעה רוב טובה על החיים החברתיים והציבוריים בעיר. באין להם עיסוק, נפנו להתארגנות ציבורית — וכך נוסדה האגודה לעזרה סוציאלית „לינת הצדק״, כי קיום מפלגות פוליטיות בזמן השלטון הצבאי היה אסור בהחלט. בראש אגודה זו עמדו החברים: יהושע מיזלס, נתנאל טננבוים, זאב גרינפלד, מאיר אבללה, לייב גולד, הירש־מאיר אדליסט, שידלובסקי ואחרים. תחת שם זה, ובהנהגתם הנמרצת של כמה צעירים, פותחה עבודה סוציאלית בקנה־מידה רחב וכן אורגנו פעולות חינוכיות ותרבותיות רבות היקף. משך מספר שנים של פעילות מבורכת, השפיעה אגודת „לינת הצדק״ על כל מהלך חייה של האוכלוסיה היהודית בעיר ועוררה קנאה אצל הגויים השכנים.


פעילות מיוחדת ראויה לשבח היא העזרה הגדולה שאורגנה באותם הימים למען חולי טיפוס, מחלה שפשטה אז כמגפה והפילה חללים רבים. החברים עשו לילות כימים בעבודתם ללא ליאות להגיש עזרה לחולים ולמשפחות שנפגעו. כן אורגן כוח־הגנה לשם שמירה על היהודים שבעיירה מפגיעות הטירונים הנוצריים, שבעת התייצבותם לצבא נהגו להתנפל על יהודים בודדים ועל רוכלים בשוק.

הצעירים המעטים שהיו מאורגנים בכוח זה גילו מסירות נפש רבה בהגנתם על יהודים ועל רכושם, התייצבו באומץ מול הפורעים שעלו עליהם במספרם, והפליאו בהם את מכותיהם עד שברחו לכל עבר. גילויי גבורה אלה הם חוליה בשרשרת הארוכה של הגנה עצמית מימי הפרעות שברוסיה הצארית ועד לאגודת „השומר" בארץ־ישראל.

למעשה היתה אגודת „לינת הצדק" אותו גרעין בריא שממנו צמחה ההסתדרות הציונית בפינצ׳ב, שנוסדה ברשיון הממשל הצבאי — כאשר הרעיון הציוני החל להכות גלים ולהקיף שכבות רחבות של היהדות הפולנית לשמע הבשורות המרנינות בדבר הצהרת בלפור ואישורה על־ידי חבר הלאומים. הקהילה היהודית בפינצ׳ב, שנתרוששה בזמן המלחמה ולא העֵזה לזקוף את קומתה — לפתע רוח אחרת היתה בה. בבית־הכנסת העירוני התאספו בהמוניהם אנשים ונשים מכל הגילים לבושי חג לתפילות הודייה חגיגית. הרעיון והשאיפה לשיבת ציון הפיחה ביהודים תקוות גדולות והלהיבה אותם לפעולות מוגברות למען האידיאל הציוני. באופן ספונטני נרשמו אנשים והתנדבו לפתוח בצעדה לנמלי יציאה ולעלות ארצה. וכאשר הופיעו



שני חברים בפינצ׳ב
מימין — מרדכי־ברוך רינדהורן; משמאל — זאב ראובן אספיס; הילדה היא של אספיס.



שלושה חברים בפינצ׳ב
מימין לשמאל: מנחם ראַפפורט; אברהם אספיס; שמואל יעקב איזנברג.

שליחי קרן הגאולה בעיר כדי להעביר מגבית למען ישוב ארץ־ישראל, היתה היענות כללית ונלהבת. האנשים הפצירו במתרימים שיקבלו מהם את תרומותיהם, אם בכסף ואם בתכשיטים שפרקו מעצמם. פותחה פעילות ציונית מקיפה, שריכזה סביבה את מרבית האוכלוסיה היהודית שבפינצ׳ב וביחוד הצעירים שבה. צמחו מפלגות ציוניות לכל גוניהן, והן התחרו ביניהן בכל המפעלים שנעשו למען הגבֵּר איסוף כספים לקרנות הציוניות.

עם קום מדינת פולין

בתום מלחמת העולם הראשונה וייסודה של מדינת פולין העצמאית הוכרו היהודים בחוקה הפולנית כאזרחים שווי זכויות, הזכאים לייצוג הולם במוסדות המחוקקים והמבצעים של המדינה. ההסתדרות הציונית, שראתה מחובתה לארגן תאים לאומיים בכל אתר, להשתתף בבחירות ולקבל ייצוג מירבי בסיים (הפרלמנט), בעיריה ובקהילה היהודית, הביאה גם פעילות רבה לפינצ׳ב ובמרוצת הזמן נוסדו בעיר כל המפלגות הציוניות — המזרחי וצעירי המזרחי, התאחדות פועלי ציון, השומר הצעיר ובית״ר. כולם נרתמו לעבודה משותפת לגיוס אמצעים להסתדרות הציונית ולקרנותיה — הקרן הקיימת וקרן היסוד. אף ארגון בעלי המלאכה שבעיר העמיד עצמו לרשות הפעולה הציונית, ופרט לקומץ קטן של אנשי אגודת ישראל היתה העיר כולה ציונית במלוא מובן המלה. עובדה זו באה גם לידי ביטוי בבחירות למוסדות השלטוניים, הארציים והעירוניים.

בהשתתפות כל פלגי ההסתדרות הציונית הוקמה ועדה עירונית, שעסקה בפעולה מתמדת למען הקרן הקיימת והצליחה מאד בהתרמה ובאיסוף כספים מכל חלקי הציבור, וכן הוקמו ועדות מיוחדות לתפקידים אחרים. כולם עבדו במסירות ובמרץ שלא על מנת לקבל פרס. כן נוסדו בנק קואופרטיבי יהודי לעזרת יהודים מעוטי יכולת, וקופת גמילות חסדים בהשתתפות הג׳וינט, שבראשה הועמד העסקן מר אבא קינרוס.

לפי הכרתם הציונית של אנשי העיר, ניתן היה לקוות שעם הזמן יעלו מרבית האנשים הצעירים לארץ־ישראל — אך לא כן היה. אמנם החלו אנשים לעלות גם מפינצ׳ב, אך אלה בודדים היו. רבים מבעלי המשפחות נאלצו לוותר על שאיפת חייהם ולהישאר בגלות, כי בעניותם לא ראו לפניהם סיכוי לעלות עם כל המשפחה, ורק צעירים מצאו עוז בנפשם לעזוב את העיר ואת המשפחה ולעלות ארצה. לצערנו היו אלה מתי מעט, ויחסית היתה עליה מעטה מפינצ׳ב לעומת ערים אחרות בפולין. ואף על פי כן, כאשר פרצה מלחמת־העולם השניה נמצאו כבר בארץ עשרות משפחות מעירנו, צעירות ברובן, שהיו בקשר הדוק עם קרוביהן שנשארו בפינצ׳ב

והשתעשעו בתקוה שגם אלה יגיעו לארץ במשך הזמן. למרבה הצער היו גם מקרים של ירידה, וכמה משפחות עזבו את הארץ וחזרו לפינצ׳ב לפני ימי השואה.

על אף הצרות של יום יום וההשפלות המתמידות שסבלו היהודים מהשלטונות ומהאזרחים הפולנים גם יחד, לא העלו על דעתם כי שואה איומה כזאת מתקרבת לקיבוץ היהודי בפולין. ואכן באו הפורענויות על עירנו מיד עם תחילת הפלישה של צבאות היטלר, ימח שמו. כבר בראשית צעדיו של הצבא הגרמני על אדמת פולין ניתנה פקודה לשרוף את העיר, ואמנם הרובע היהודי נשרף מיד בפצצות תבערה, ולא מעט קרבנות יהודיים נפלו כבר בימים הראשונים של המלחמה. הנשארים בחיים התענו בסבל לא יתואר ובתנאי קיום קשים מנשוא עד לגירושם מפינצ׳ב והעברתם למחנות המוות ולכבשני האש. מעטים בלבד הצליחו להינצל ואחדים אף הבריחו את הגבול והגיעו לארץ בעצם ימי המלחמה.

פינצ׳ב היהודית, שהיתה אחת הקהילות הוותיקות בפולין, אינה קיימת עוד. אבן על אבן לא נשאר ממנה. לא שריד ולא זכר ליהודים בה. אפילו בתי הקברות העתיקים של פינצ׳ב, ובהם קברות של צדיקים וגאונים מדורות עברו — הכל נהרס ונותץ ביד אכזרית ואין מנחם.



ליבה שפיגל, אחותו של דב־יששכר קאַרמיוֹל



פרידה אספיס,
בת ר׳ ברל קרמיול (קאַרמיאָל)

ישראל קאַנער

די ערשטע סליחות־נאַכט אין יאָר 1914

מיט פופציק יאָר צוריק, נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, בין איך צוריקגעקומען פון לאָדזש קיין פינטשעוו. כאָטש ס׳איז זינט דעמאָלט אַוועק אַ גאַנצער האַלבער יאָרהונדערט, די מערסטע מענטשן, וועלכע איך האָב דאַן געטראָפן, זענען מער נישטאָ, ווי ס׳איז נישטאָ מער דאָס גאַנצע שטעטלשע לעבן, שטייט מיר יענע צייט שטענדיק פאַר די אויגן — כ׳האָב אויפסניי דערזען אונדזער שטעטל, אין אַ שווערן, דעצידירנדיקן מאָמענט.



ישראל קאַנער

מיר האָבן געוווינט אין מאַרק. אַרום־און־אַרום אונדזערע שכנים: ר׳ מענדל פייטלער, ר׳ דוד שטיקאָווסקי; דער גאָלדשמיד דוד וואַלאַך, מרדכי־ישעיה קאָזלאָווסקי; מיין בעל־הבית יונה טשימצענעס; און דאַן — אלתר גרושקיעוויטש, לייבקע טשייקאָווסקי, לייבל גאָלד און אַזויפיל אַנדערע...

אָט איז די באַנק, וואָס האָט זיך געפונען ביי ירחמיאל רובענעק. פּרעזעס איז געווען יצחק ראַפּאַפּאָרט, בוכהאַלטער — יצחק גורסקי; אין דער פאַר־וואַלטונג געדענק איך — משה קאַטשקע, אבאלע קינרוס.

איך האָב געטראָפן די מלמדים, ביי וועלכע איך האָב געלערנט און זיי האָבן מיך דערצויגן אויף זייער אַלטן שטייגער. ירחמיאל מלמד, אַ קפדן, אַ ביסל בייז שטענדיק, מיט אַ קליין שטעקעלע אין האַנט, וואָס האָט אַרויסגערופן פחד ביי די יונגע תלמידים... און איטשע קיטשקער, מיט מרים־רבקה דער רביצין, זיינע זין מאיר, אליעזר, ירחמיאל און טאָכטער שׂרה.

*

עס זענען געווען די אלול־טעג, פול מיט פחדימדיקער שטימונג פאַר קליין און גרויס. דער שופר פון די סליחות־טעג האָט אָנגעפולט מיט אומעט און טרויער אַלע הערצער און די שטאָט איז פאַרזונקען אין נאָכדענקען און דערוואַרטונג... דאָס אַלץ איז באַזונדערס געקומען צום אויסדרוק אין דער ערשטער סליחות־נאַכט. נאָך האַלבער נאַכט האָט שוין אָפּגעקלונגען ווי אַן עכאָ איבערן גאַנצן שטעטל דאָס האַמער־קלאַפּן פונעם שמש ר׳ יהושע קאַטשיינסקי, וועלכער איז געגאַנגען פון גאַס צו גאַס, פון שטוב צו שטוב, אונטערזינגענדיק פאַרשידענע נגונים און קלאַפּנדיק מיט זיין האַמער אין טיר און טויער. גלייך האָבן זיך פון אַלע הייף גענומען שאַרן איינגעהילטע געשטאַלטן אויף דער האַרבסטיק־קאַלטער גאַס אַרויס, צולייכטנדיק זיך, ווער מיט אַ לאַמטערן, ווער מיט אַ פשוט ליכטל אין האַנט. מיט שנעלע טריט האָבן די נאָך האַלב־פאַרשלאָפענע געשטאַלטן געאיילט אין די בתי־תפילה, די פשוטע פאָלקס־מענטשן — אין שיל און אין בית־מדרש אַריין, די חסידים — אין זייערע פאַרשידענע שטיבלעך. איך בין מיט מיין זיידן געגאַנגען צו יענע סליחות אין בית־מדרש אַריין. ער איז שנעל אָנגעפולט געוואָרן מיט מענטשן. ס׳איז געוואָרן וואַרעם. אַ גערעדעריי האָט איבערפולט דעם חלל.

אַ פלוצלינגער קלאַפ אויפן באַלעמער האָט מיט איינמאָל איינגעשטילט און איבערגעריסן אַלע געשפרעכן. אַלע זעצן זיך שנעל אויס אויף זייערע פלעצער. צום עמוד איז צוגעגאַנגען ר׳ אליהו שמש, וועלכער האָט זייט יאָרן געהאַט אַ חזקה צו זאָגן די ערשטע סליחות. ער האָט אָנגעהויבן מיט קדיש מיטן טראַדיציאָנעלן ניגון, וועלכן מען הערט טאָג־טעגלעך, אָבער די דאָזיקע נאַכט האָט ער געקלונגען אַנדערש ווי נאָרמאַל, געמאַכט אַ טיפערן, שטאַרקערן איינדרוק... מען האָט „געזאָגט" אַלץ התלהבותדיקער, דער ברען איז געוואַקסן און אויך — דאָס זיפצעניש... ווען מען איז צוגעקומען צום „שמע קולנו" און געעפנט דעם ארון־הקודש, האָט זיך דאָס זיפצן פאַרוואַנדלט אין אַ יאָמער. די ווייבער אין עזרת־נשים זענען אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, וואָס האָט דערגרייכט דעם העכסטן עקסטאַז, בעת דער חזן האָט מיט אַ צעבראָכענער שטימען גענומען זאָגן „אל תשליכנו לעת זקנה...". דעמלט האָבן שוין אויך די מענער נישט געקאָנט אָפּהאַלטן זייערע טרערן, וועלכע האָבן זיך געקייקלט אויף די געלע בלעטער פון די אָפענע סליחות...

איך האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן צו מיין זיידן. איך בין געבליבן פאַרגאַפט

און דערשראָקן... דער זיידע, דער סימבאָל פון שטאַנדהאַפטיקייט און שטאַרקייט, האָט געוויינט ווי אַ קליין קינד... דער זיידע ?... איך האָב זיך נישט געקאָנט מער איינהאַלטן און זיך קראַמפּהאַפּט צעכליפּעט, מיין געוויין האָט זיך אויסגעמישט מיטן געוויין פון דער גאַנצער עדה...

✶

געווען וואָס צו וויינען און קלאָגן ביי דער פינטשעווער יידישער עדה שוין דעמלט, נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. און די טרערן האָבן זיך געגאָסן, בלויז מיט קליינע, קורצע איבערייסן, פינף־און־צוואַנציק יאָר, ביז דער גרעסטער צורר האָט די ליכטיקע פאַרטרערטע אויגן פון אָט־דער הייליקער עדה פאַרמאַכט אויף שטענדיק.

מאיר אבעללא (טאָראָנטאָ)

דאָס יידישע פינטשעוו
בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה

ווענן וועלכער עפּאָכע מען זאָל נישט דערציילן, אָדער שרייבן, פון פינטשעוו, מוז מען פאַר אַלעמען דערמאָנען די נאַטירלעכע שיינקייט פונעם שטעטל, וואָס האָט באַצויבערט יעדן און שטענדיק, — זינט פינטשעוו איז געגרינדעט געוואָרן. ווער קאָן דען פאַרגעסן דעם אַריינפאָר קיין פינטשעוו? מען איז אָנגעקומען צווישן הויכע בערג, צופוסנס פון וועלכע ס׳איז געלעגן די שטאָט און זיך געצויגן ביזן טייך נידאַ, ווו אויף דער צווייטער זייט האָבן זיך געגרינט געדיכטע וועלדער. די לופט איז געווען אַ שמעקנדיק־געזונטע, שאַרפע און לויטערע, מיט ריחות פון בערג און וועלדער.

האָט פון קדמונים דאָ געלעבט אַ יידישער ישוב, איינער פון די עלטסטע אין פוילן, און דער ישוב האָט זיך נאָך מיט אַ טויזנט יאָר צוריק אויפגעבויט אַ מקום־קדוש, אַ בית־תפילה מיט דיקע פעסטונג־מויערן; האָט די אַלטע שיל מסתם נישט איינמאָל אין פאַרלויף פון דורות געראַטעוועט די יידישע עדה. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה נאָך האָבן די שראַפּנעלן פון די קעמפנדיקע



מאיר אַבעללאַ, מחבר פון דאָזיקן אַרטיקל



אליעזר, אַ ברודער פון מאיר אַבעללאַ

אַרמייען נישט געקאָנט דורכלעכערן אירע ווענט. בלויז די מאָדערנע טויט־און צעשטער־מאַשינען פון היטלערן האָבן בייגעקומען אָט־די הייליקע מויערן.

איך דערמאָן זיך דאָס לעבן אין יידישן פינטשעוו ערב און בעת דער ער־שטער וועלט־מלחמה. ווער ווייסט זייט וויפל דורות דאָס האָט זיך אַזוי אומגע־ענדערט געצויגן!... דאָס לעבן איז געווען טיפיש־יידיש און פאַנאַטיש. די מאַמעס האָבן געשראָקן די קינדער מיט שדים, מכשפות און נישט־גוטע, וואָס דרייען זיך, רחמנא לצלן, אַרום ביינאַכט אויף די גאַסן... האָבן טאַקע די קינדער מורא געהאַט אַרויסצוגיין אַליין אין גאַס אַריין נאָך זון־אונטערגאַנג.

די יידישע באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון אַן ערך 15 הונדערט משפחות, וואָס זענען מערסטנס געווען האַנטווערקער און קליינע סוחרים, קוים געהאַט פּרנסה און טיילווייז געלעבט אין נויט; בלויז עטלעכע אויסנאַמען זענען געווען גבירים — גרויסע סוחרים און פאַבריקאַנטן.

ווען עס איז אין יאָר 1914 אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, האָט זיך די עסטרייכיש־אונגאַרישע אַרמיי שנעל דערנענטערט צו פינטשעוו. די צאַרישע רוסישע אַרמיי האָט געמוזט עוואַקואירן די שטאָט. אַ טאָג פאַרן פאַרלאָזן פינ־טשעוו, האָבן די רוסישע קאָזאַקן גענומען ראַבירן די יידישע געשעפטן און פּאָגראָמירן די יידישע הייזער. זיי האָבן דאָן אויסגעטראַכט אַ בלוט־בלבול אויף

די יידן, אַז זיי האָבן געשאָסן אויף די רוסישע סאָלדאַטן. די קאָזאַקן האָבן דאַן געכאַפּט 36 יידן, מענער און פרויען און זיך געגרייט זיי צו דערשיסן אויפן סמך פונעם בלבול. אין שטעטל איז אויסגעבראָכן אַ פּאַניק. אָבער ס׳איז געשען אַ נס: דער פּאָסט־מייסטער, אַן עכטער רוס און אָנגעזעענער טוער, האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די יידן, עדות־געזאָגט, אַז זיי זענען לאָיאַלע בירגער און פאַרזיכערט, אַז זיי האָבן נישט געשאָסן צו די רוסן. ער האָט געפּועלט און די צום־טויט־פאַרמשפּטע יידן זענען באַפרייט געוואָרן.

אין יאָר 1915, ווען פּינטשעוו איז שוין לאַנג געווען אָקופּירט דורך דער עסטרייכישער אַרמיי, איז אין שטאָט אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע, וועלכע האָט פאַרשניטן אַ סך לעבנס. די קראַנקייט האָט געבושעוועט כמעט אין יעדן הויז. עס איז דרינגנד נויטווענדיק געווען אַ ספּעציעלע הילף און אויפזיכט. דעמלט איז דורך אַ גרופּע יונגעלייט, ווי לייבל גאָלד, וואָווע גרינפעלד, יהושע מייזעלס און דער שרייבער פון די שורות, געגרינדעט געוואָרן דער פאַריין „לינת הצדק״, מיטן ציל צו געבן די טיפוס־קראַנקע די מעגלעכסטע נויטיקע הילף. צו יעדן קראַנקן זענען געשיקט געוואָרן צוויי מענטשן צו נעכטיקן ביי אים און אים צו באַדינען. כאָטש ס׳איז געווען אַ סכנה פון אָנשטעקן זיך מיט דער שרעקלעכער קראַנקייט, האָט די יידישע יוגנט אַרויסגעוויזן אַ געוואַלטיקע מסירת־נפש און מקיים געווען די יידישע און מענטשלעכע פליכט פון ביקור חולים.

אין יענער צייט איז אויך געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער ציוניסטישער פאַריין מיטן נאָמען „בני ציון״, אין וועלכן עס האָט זיך אָנגעשלאָסן די אינ־טעליגענטע יידישע יוגנט פון שטעטל. דערביי זענען, נאַטירלעך, געווען גרויסע שטערונגען מצד די חסידישע קרייזן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז די „ציוניסטישע אַפּיקורסים״ זאָלן ווערן אַ כוח אין שטאָט און „אַראָפּפירן די יוגנט פון גלייכן וועג״. עס זענען פאָרגעקומען קריגערייען, קאַמפן, אָבער די אָרגאַ־ניזאַציע איז געוואַקסן אויפן אָנגעזעענסטן אופן. עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אינטערעסאַנטע אָוונטן, אויף וועלכע ס׳זענען געהאַלטן געוואָרן לעקציעס און רעפעראַטן אויף באַלערנדיקע און אויפקלערערישע טעמעס. אַלס פּרעלעגענטן זענען איינגעלאַדן געוואָרן באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן פון וואַרשע, ווי יצחק גרינ־בוים, ד״ר יהושע גאָטליב, אַדוו. האַרטגלאַס, ב. יאושזאָן, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און באַאיינפלוסט דעם גרעסטן טייל פון יידישן ישוב. עס זענען אויך אויסגענוצט געוואָרן די לאָקאַלע כוחות, ווי ד״ר פעליקס, נתנאל טענענבוים און אלימלך פּאוכעל, וועלכע האָבן מיט זייער יידישן און אַלגעמיינעם וויסן און זייער רעדנער־טאַלאַנט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק.

מיר זענען געווען זייער אַקטיוו ביים זאַמלען פאַרן קרן קימת לישראל, געקלעפּט קק״ל־מאַרקעס אויף די בריוו, געשיקט צו אַלע חתונות און אַנדערע שׂמחות זאַמלען געלט פאַר דעם יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד. און די קרן־קימת־אַרבעט איז טאַקע געוואָרן זייער באַליבט אין שטאָט און זייער ברייטע קרייזן האָבן זיך אין איר באַטייליקט.

עס איז דאַן אויך געגרינדעט געוואָרן אַ יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק, מיט אַ גרויסן אויסוואַל פון העברעיִשע, יידישע און פוילישע ביכער, פון די בעסטע ליטעראַרישע שאַפונגען. די ביבליאָטעק איז געווען אָפן דריי מאָל אין דער וואָך און שטענדיק צוגעצויגן אַ גרויסן עולם לייענער, וואָס האָט געטוישט ביכער און אויפן אָרט דיסקוטירט וועגן זיי, געטיילט זיך מיט די איינדרוקן און מיינונגען וועגן די געלייענטע ווערק. דער שרייבער פון די שורות האָט געהאַט דעם כבוד צו זיין ביבליאָטעקאַר, מיט צוהעלפער, ווי מאַניע קאַטשקע ע״ה, פייגל טענענבוים, און חוה עדעליסט אַלס סעקרעטאַרין.

ביי דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַן „אַמאַטאָרן־גרופּע״, צו שפּילן טעאַטער. עס זענען אויפגעפירט געוואָרן באַקאַנטע



הנהלת ספריית־העם בפינצ׳ב, שנוסדה בשנת 1915

די פאַרוואַלטונג פון דער פינטשעווער פאָלקס־ביבליאָטעק — געגרינדעט געוואָרן אין 1915

פון לינקס צו רעכטס, זיצנדיק: חוה עדעליסט, מעקס אַבעללאַ, יהושע מייזעלס, לייבל גאָלד, רבקה קאָרטשינסקי; שטייענדיק, פון לינקס: מרים וואַרגאָן, זלמן שידלאָווסקי, דער שליח פון דער ביבליאָטעק (פאָטאָגראַפירט אין תר״פ, 1920).

פיעסן. ביי יעדער אויפפירונג איז דאָס טעאַטער געווען איבערפולט און צוליב דעם גרויסן דערפאָלג האָט מען געמוזט אַ פיעסע שפילן עטלעכע מאָל.

די ביבליאָטעק האָט געהאַט אַ גרויסע צאָל לייענער און זי האָט פיל מיט־געהאָלפן צו דעם, אַז אין שטאָט זאָל אויסוואַקסן אַן אינטעליגענטע יוגנט, וועלכע האָט שפּעטער געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין אַלע יידישע טעטיקייטן.

ווען עס איז דערשינען די באַלפור־דעקלאַראַציע, אין יאָר 1917, האָבן די ציוניסטן אין פינטשעוו זיך געגרייט צו פייערן די געשעעניש מיט אַ מאַסן־פאַר־זאַמלונג אין גרויסן שטאָטישן בית־המדרש. די חסידישע קרייזן פון די „שלומי אמוני ישראל" האָבן זיך קעגנגעשטעלט דער דאָזיקער פייערונג און געוואָלט צו איר נישט דערלאָזן; זיי האָבן זיך דערביי דערלויבט אויף אַזאַ מין פעלשונג: אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, אַז די פאַרזאַמלונג טאָר נישט פאָרקומען און אונטער־געשריבן אונטערן אויפרוף דעם מרא דאתרא הרב ר׳ שבתי הכהן ראַפּאַפּאָרט ז״ל. אַ דעלעגאַציע פון די ציוניסטן איז דאַן אַוועק צום רב און אים געפרעגט, צי ער האָט טאַקע געגעבן זיין הסכמה צום איסור. דער רב האָט קאַטעגאָריש געלייקנט און די פעלשונג איז גלייך באַוווּסט געוואָרן אין גאַנצן שטעטל. די פאַרזאַמלונג איז דורכגעפירט געוואָרן מיט גרויס פייערלעכקייט, ביי אַ גרויסער צאָל אָנוועזנדיקע און צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון יידישן פינטשעוו האָט די בלוי־ווייסע פאָן מיטן מגן־דוד געפלאַטערט אין גרויסן בית־המדרש.

ביים „בני־ציון"־פאַריין איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ שיל צום דאַוונען. שליח־ציבור איז געווען אַ חזן פון בודאַפּעשט, וועלכער האָט געדינט אין עסט־רייכישן מיליטער, וואָס האָט אָקופּירט פינטשעוו. זיין האַרציק דאַוונען האָט זייער שטאַרק אויסגענומען. די נדרים אין דער דאָזיקער שיל זענען געגאַנגען פאַרן קרן־קיימת און פאַר דער פאָלקס־ביבליאָטעק.

*

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט און ס׳איז אַנטשטאַנען דאָס אומאָפּהענ־גיקע פוילן, אין יאָר 1918, האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן פאַר די יידן אין פינטשעוו נייע צרות. עס זענען געקומען די כוליגאַנישע האַלערטשיקעס, געשניטן בערד ביי די יידן, וועלכע האָבן געטראָגן בערד און פיאות, און געשלאָגן די יעניקע, וועלכע האָבן קיין בערד נישט געהאַט. די לאַגע איז געוואָרן אַלץ שווערער. אויך די מאַטעריעלע לאַגע פון די יידן איז געוואָרן קריטיש. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די עמיגראַציע פון דער יידישער יוגנט פון פינטשעוו. גרויסע טיילן פון דער יוגנט האבן פארלאזט די שטאט. פיל זענען אוועק זוכן א צוקונפט איז די גרט־

סערע שטעט און ווער ס׳האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט האָט אויסגעוואַנדערט אין די פאַרייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, און אַנדערע אַמעריקאַנער לענדער. שפּעטער, גלייך ווי דאָס איז מעגלעך געווען, זענען פיל עולה געווען קיין ארץ־ישׂראל און מיטגעהאָלפן מיט זייער בלוט און שוויס צום אויפבוי פון דער יידישער מדינה.

ש. א. אבעללא (טאָראָנטאָ)

געזעלשאַפטלעכע אויפלעבונג בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה

אין אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט פּינטשעוו דורכגעלעבט זייער שווערע צייטן. דאָס רוסישע מיליטער איז געשטאַנען אויף די בערג, אין איין זייט שטאָט, און די דייטשן מיט די עסטרייכער — אויף יענער זייט טייך, אין דער צווייטער זייט פון דער שטאָט. פּינטשעוו איז געווען אין דער מיטן, צווישן ביידע קעמפנדיקע אַרמייען, בין הפטיש והסדן. פאַר די איינוווינער פון שטאָט איז די לאַגע געווען אַ טראַגישע. די פיינטלעכע אַרמייען האָבן זיך קעגנזייטיק באַשאָסן איבער דער שטאָט מיט גרויסע האַרמאַטן. האַרמאַטן־קוילן, שראַפּנעלן, זענען געפאַלן אויף די גאַסן פון פּינטשעוו; זיי האָבן, טאַקע נישט במזיד, „פאַרבלאָנדזשעט״ אין שטאָט אַריין פון ביידע זייטן, געהרגעט אומשולדיקע מענטשן און פאַרורזאַכט גרויסע שאָדנס. עס זענען דאַן געפאַלן פיל



פּאָרזיצער פון דער פּינטשעווער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, לייבל גאָלד (אין 1916)

קרבנות פון דער ציווילער יידישער באַפעלקערונג. דער דאָזיקער מצב האָט אָנגעהאַלטן אַן ערך פון זיבן חדשים, ביז די רוסן זענען אַנטלאָפן און די דייטש־עסטריי־

כישע אַרמיי האָט אָקופּירט פּיטשעוו אַרום שבועות אין יאָר תרע״ה. די אָקופּאַציע־אַרמייען האָבן מאַרשירט ווייטער, פאַרנומען גאַנץ פּוילן און אין לאַנד איז אַנטשטאַנען אַ גאַנץ נייע סיטואַציע.

מען האָט זיך דערפילט פרייער, ווי אונטער דער צאַרישער הערשאַפט.

אין פּינטשעוו האָבן זיך דאַן צום ערשטן מאָל דערהערט די קלאַנגען פון „התקוה״.

צווישן די עסטרייכישע זעלנער, וואָס זענען געשטאַנען אין פּינטשעוו, איז געווען אַ צאָל אינטעליגענטע יידישע בחורים פון ווין, פּרעשבורג, בודאַפּעשט און אַנדערע שטעט. די דאָזיקע יידישע סאָלדאַטן האָבן זיך באַקענט מיט די אָרטיקע בחורים און זיי האָבן צוזאַמען געשאַפן אַ ציוניסטישן פאַריין, ווו מען האָט אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען, געהאַלטן רעדעס וועגן ארץ־ישראל און געזונגען די „התקוה״, וואָס מען האָט ביז דעמלט אין פּינטשעוו נישט געהערט און דאָס האָט טאַקע דערוועקט האָפענונג און נייעם גלויבן אין די יידישע הערצער.

אין פּינטשעוו איז דאַן אויך געווען אַ לענגערע צייט דער באַקאַנטער יידישער היסטאָריקער, הרב פּראָפעסאָר ד״ר מאיר באַלאַבאַן הי״ד, וועלכער איז געווען דער הויפּט־ראַבינער פון דער עסטרייכישער אַרמיי. פּראָפ. באַלאַבאַן האָט זיך באַפריינדעט מיטן מרא דאתרא הרב ראַפּאַפּאָרט ז״ל, געווען קומען אין די אָרטאָדאָקסישע קרייזן, זיך אינטערעסירן מיטן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין שטאָט, פּירנדיק גלייכצייטיק אַ היסטאָרישע פאָרש־אַרבעט אין די קהילה־אַרכיוון. פּראָפעסאָר באַלאַבאַן איז שוין דעמלט געווען אַ באַקאַנטער מזרחי־טוער אין ווין, האָט ער אויסגענוצט זיין אויפהאַלט אין פּינטשעוו און משפיע געווען אויף עטלעכע אינטעליגענטע אַלעקסאַנדרער חסידים, זיי זאָלן גרינדן אין שטעטל אַ מזרחי־פאַריין און העלפן דעם רעליגיעזן ארץ־ישראל־בוי.

צווישן די גרינדער פון ציוניסטישן פאַריין זענען געווען: דער עלטערער ברודער פונעם שרייבער פון די שורות, מאיר אבעללא, וועלכער געפינט זיך אין טאָראָנטאָ; לייבל גאָלד הי״ד, לייבל וויינבערג ע״ה, ד״ר פעליקס, ענגעל, גורסקי, צוקער, משה קאַטשקי, פיינער און אַנדערע. אויך אין דאָזיקן ציוניסטישן פאַריין האָט פּראָפ. באַלאַבאַן געהאַלטן אַ ריי פאָרלעזונגען און געוועקט צו יידיש־נאַציאָנאַלער און קולטור־טעטיקייט. די זעלבע גרופּע האָט דאַן טאַקע געגרינדעט די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק, דעם „לינת הצדק״, ווי אויך אָרטיקע קאָמיטעטן פון קרן־קיימת לישראל און קרן היסוד. מען האָט אַראָפּגעבראַכט פון וואַרשע רעדנער און דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין פּינטשעוו האָט אויפגעלעבט.



הוועד של „קרן־היסוד" בפינצ׳ב — ועד פון „קרן־היסוד" אין פינטשעוו

פון רעכטס צו לינקס, זיצן אין דער ערשטער ריי: יצחק קאַלב, יששכר, לייבל וויינבערג, הרב דינס, ברוך גרינפעלד, נטע ווישליצקי, משה קאַצקע, ישראל־מאיר ערליכמאַן; צווייטע ריי, שטייענדיק: שלמה זשעלאַני, מענדל קשאַרסעס, וואָלף זאַגוויסקי, מרדכי־לייב בלומענפעלד, שמעון ווייץ, לייביש פאַסטערנאַק, לייב גאָלד, ישראל קאַהאַן; דריטע ריי: א. פריד, אברהם אספיס, דוד־איסר וואַקסמאַן, מ. סאַלנע, י. גוטמאַן, פאַסטערנאַק

*

אין פינטשעוו איז געווען אַן אַלטער מנהג צו מאַכן מאַסנהאַפטע הקפות הושענא רבה ביינאַכט אין דער אַלטער שיל. עס האָבן זיך דאָרט געפונען הונדערטער פסולע ספר־תורהס און פרומע יוגנטלעכע פלעגן זיך צוזאַמענקומען אין חול־המועד גולל זיין די אַלטע ספרים, כדי די שטיבלעך און מנינים זאָלן זיי קאָנען אויסבאָרגן אויף שׂמחת־תורה צו די הקפות, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט גענוג אייגענע ספר־תורהס.


אין גערער שטיבל איז אין יענער צייט געגרינדעט געוואָרן די „אגודת שלומי אמוני ישׂראל". עס האָבן זיך אָבער געפונען אַ פּאָר רעוואָלוציאָנערן צווישן די יונגע חסידים און זיי האָבן אין יאָר תרע"ט געגרינדעט די „צעירי מזרחי" אין פינטשעוו. צווישן די גרינדער איז אויך געווען דער שרייבער פון די שורות. אין „צעירי מזרחי" האָבן זיך אָנגעשלאָסן יונגעלייט פון אַלעקסאַנדרער שטיבל און אַפילו עט־לעכע פונעם גערער. מיר האָבן געגרינדעט אַן אייגענעם מנין צום דאַווענען און דאַן באַשלאָסן איבערצונעמען די אָנפירונג מיט די פאָלקס־הקפות אין דער אַלטער שיל. מיר האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין אַן אמתן יום־טוב. צווישן די הקפות האָט מען געהאַלטן רעדעס מעניני דיומא, געזונגען ארץ־ישׂראל־לידער און אַלע זענען געווען באַגייסטערט.

דעמלט טאַקע האָט דאָס יידישע לעבן אין פינטשעוו באַקומען אַן אַנדער פנים. עס איז איינגעטראָטן אַן אמתע געזעלשאַפטלעכע אויפלעבונג. די יוגנט האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין קהילה־לעבן און נאָכגעצויגן מיט איר באַגייסטערונג דעם על־טערן דור. ווען ס׳איז אָנטשטאַנען דאָס אומאָפּהענגיקע פוילן — זענען פאָרגעקומען לעבהאַפטע, און אַפילו שטורמישע וואַל־קאַמפּאַניעס צו דער יידישער גמינע, אַלע פאַרטייען און גרופּירונגען האָבן געוואָלט האָבן אייגענע דאָזאָרעס. די יידן האָבן זיך לעבהאַפט באַטייליקט אין די וואַלן צום שטאָט־ראַט. גאָר לעבעדיק איז געווען פאַר די וואַלן צום פּוילישן סיים. עס זענען דאַן געקומען פאַרטיי־פירער פון וואַרשע, קאַנדידאַטן צום פאַרלאַמענט. איך געדענק דעם איינדרוק, וואָס עס האָבן געמאַכט אין פינטשעוו די אַרויסטריטן פון אַזעלכע פערזענלעכקייטן, ווי יצחק גרינבוים, ד"ר יצחק שיפּער, ד"ר יהושע גאָטליב, אַדוואָקאַט האַרטגלאַס, יוסף העפטמאַן און אַנדערע. יעדער באַזוך פון אַזאַ רעדנער האָט אַרויסגערופן באַגייסטערונג אין שטעטל, סיי ביי זיינע אָנהענגער, סיי ביי זיינע קעגנער און די אַרויסטריטן פלעגן צוציִען אַ גרויסן עולם.

*

צווישן יידישן ישוב אין פינטשעוו זענען אויך געווען גרויסע רייכע סוחרים. אָבער די מערהייט איז באַשטאַנען פון קליינע, נישט־רייכע און אַמאָל גאַנץ אָרעמע

משפחה פון שלמה־דוד מינץ, לאַנג־יאָריקער פּרעזעס פון דער יידישער קהילה אין פינטשעוו



שלמה־דוד מינץ,
געוועזן אויך ראַטמאַן פון שטאָט־ראַט



שלמה־ברוך גרינפעלד —
איידעם פון שלמה־דוד מינץ




עזריאל גרינפעלד —
אייניקל פון שלמה־דוד מינץ



חיים גרינפעלד —
אייניקל פון שלמה־דוד מינץ

סוחרים, קרעמער; בעל־מלאכהס, וועלכע האָבן געמוזט שווער אַרבעטן אויף זייער חיונה; דאָרפס־גייער, וועלכע האָבן אין די דערפער איינגעקויפט פאַרשידענע זאַכן און שפייז־פּראָדוקטן, תבואה און דאָס געבראַכט אין שטאָט אַריין צום פאַרקויפן. די אַלע אָרעמע שיכטן האָבן זיך געניטיקט באַלד נאָך דער מלחמה אין הילף, אין הלוואות, כדי צו קאָנען פירן זייערע געשעפטן און וואַרשטאַטן. דאַן איז מיט דער הילף פון אַמעריקאַנער „דזשאָינט" געגרינדעט געוואָרן אין פינטשעוו, ווי אין אַ סך אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, אַ יידישע קאָאָפּעראַטיווע באַנק. דער „דזשאָינט" האָט אַריינגעלייגט אַ גרעסערע סומע געלט און ס׳איז געוויילט געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט אָנצופירן מיט דער באַנק. מען האָט געגעבן הלוואות אויף לאַנגע טערמינען, צוריקצוצאָלן אין קליינע ראַטעס און דער־מיט שטאַרק געהאָלפן דער אָרעמער באַפעלקערונג פון אַלע שיכטן. אין די ענינים פון דער דאָזיקער באַנק פלעגט אָפט קומען קיין פינטשעוו דער באַקאַנטער שרייבער און רייזנדער, ד״ר חיים שאָשקעס, וועלכער איז געווען הויפּט־אינספּעקטאָר פון די יידישע קאָאָפּעראַטיווע בענק אין פּוילן. זיינע באַזוכן פלעגן אויך אויסגענוצט ווערן פאַר רעפעראַטן און שמועסן מעניני דיומא אין געזעלשאַפטלעכע לאָקאַלן.



צבי־זאב רובינעק
מחותן פון ראש־הקהילה שלמה־דוד מינץ



אַ גרופּע חברים אין פינטשעוו.
פון רעכטס צו לינקס: מיכאל איצקאָוויטש, חיים הערשבערג, סענדער זילבערשטיין, שלמה זיידנער, הערשל מיאַדאָוניק, ראָטענבערג, הערצקע מלכה־פּייוולס.

עטלעכע יאָר שפּעטער זענען אָנגעקומען די קריזיס־יאָרן און די עקאָנאָמישע פאַרפאָלגונגען קעגן יידן, און פינטשעווער יידן האָבן גענומען זוכן אַ מקום־מקלט אין לענדער מעבר לים. אַ סך מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט קרובים אין די פאַרייניקטע שטאַטן, האָבן עמיגרירט אַהין. אויך קיין קאַנאַדע איז געקומען אַ גרע־סערע צאָל יידישע משפחות פון פינטשעוו. אַ צאָל יוגנטלעכע האָבן עולה געווען קיין ארץ־ישראל. אָבער דאָס איז, אין אַלגעמיין, געווען אַ קליינע מינדערהייט; די מערהייט יידן איז פאַרבליבן אינעם שטעטל און מסתמא געהאָפט אויף בעסערע צייטן און זיכער געחלומט צו קאָנען עמיגרירן, אָדער גאָר זוכה זיין צו קאָנען עולה־זיין אין לאַנד פון די אבות. צו אונדזער ווייטיק זענען זייערע חלומות נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן — עס איז געקומען דער גרויסער חורבן, ווען דער נאַצי־שער צורר האָט אַ סוף געמאַכט צו זייער לעבן און אונטערגעבראַכט אונדזער אַלטע קהילה אין פינטשעוו.

מרדכי שוואַרץ (תל־אביב)

לעבן און צרות פון יידישע האַנטווערקער אין פינטשעוו (1924—1939)

צוריקקומענדיק פון מיליטער־דינסט אין דער פוילישער אַרמיי אין יאָר 1924, בין איך געוואָרן אַ זעלבשטענדיקער מייסטער אין מיין פאַך — שטעפּערײ. נאָך פון די יונגע יאָרן, ווען כ׳בין אין אויסלאַנד געווען אַן אַרבעטער, האָב איך געקענט די באַדייטונג פון פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע, איך האָב זיך דעריבער גלייך געוואָנדן צום האַנטווערקער־פאַריין אין פינטשעוו, מיך אויפצונעמען אַלס מיט־גליד, און איך בין טאַקע באַלד אָנגענומען געוואָרן, אַ דאַנק דער רעקאָמענדאַציע פון מיין חבר אבאלע חונה.

אין האַנטווערקער־פאַריין איז דעמלט געווען אָנפירער און פאָרזיצער מענדל באַטיסט. דער אַלטער באַטיסט האָט אָפּגעגעבן פון זיין דירה איין צימער, וואָס האָט געדינט אַלס לאָקאַל פון פאַריין און ווו די מיטגלידער, ווי אויך אַנדערע יידן, האָבן שבת געדאַוונט בציבור. נאָכן דאַוונען האָט מען, פאַרשטייט זיך, געמאַכט

אַ לחיים און געשמועסט מעניני דיומא, און דאָס האָט געהאָלפֿן דערנענטערן חבריש די מיטגלידער.

אומגעפּער אין 1925 האָט דער צענטראַלער יידישער האַנטווערקער־פאַרבאַנד אין וואַרשע גענומען, אין צירקולאַרן צו די באַזונדערע פאַריינען, מונטערן די יידישע האַנטווערקער, אַז זיי זאָלן זיך פעסטער אָרגאַניזירן, ווייל „עס רוקן זיך אָן שווערע כמאַרעס״ איבער די קעפּ פון די יידישע האַנטווערקער אין פּוילן. מיר, אין פינטשעוו, האָבן נישט געוווּסט אין וואָס עס באַשטייען די „שווערע כמאַרעס״. שפּעטער האָבן מיר באַקומען אַ צירקולאַר פון וואַרשע, אַז מיר זאָלן זיך באַמיִען, אַז יעדער יידישער האַנטווערקער זאָל אויסקויפן אַ פּאַטענט, וואָס איז אַ באַשטע־טיקונג, אַז ער פירט אַ זעלבשטענדיקן וואַרשטאַט. איך בין שוין דעמלט געווען טעטיק אין דער אָנפירונג פון פינטשעווער האַנטווערקער־פאַריין. מיר האָבן פאַר־שטאַנען, אַז די אָנווייזונג דאַרף וואָס ברייטער דורכגעפירט ווערן, ווייל דאָס איז לטובת יעדן האַנטווערקער און וועט אים שפּעטער שטאַרק צונוץ קומען, כאָטש מיר האָבן נאָך נישט געוווּסט גענוי צו וואָס. אָבער מיר האָבן דערביי געהאַט אַ שווערע אַרבעט. דער פּאַטענט האָט טאַקע נישט פיל געקאָסט, אָבער דער, וואָס האָט געהאַט אַ פּאַטענט האָט געמוזט צאָלן איינקונפט־שטייער און דאָס איז געווען אַ שווערער עול פאַרן, מערסטנטייל אָרעמען, יידישן האַנטווערקער. מיר האָבן פאַר דעם געמוזט אין פינטשעוו פירן אַ שווערן קאַמף; מיר האָבן געפירט אַן אויפ־קלערונג צווישן די חברים און די נויטבאַדערפטיקע אויסגעבאָרגט געלט אויפן פּאַטענט און אַ גרויסער טייל פון די פינטשעווער האַנטווערקער האָט טאַקע אין דער צייט אַרויסגענומען פּאַטענטן.

אין 1927 איז שוין דורכן פּוילישן סיים באַטראַכט געוואָרן די צעכן־גזירה, וועלכע איז שאַרף באַקעמפט געוואָרן דורך די יידישע האַנטווערקער־פירער און דורך די יידישע דעפּוטאַטן אין סיים, ווייל דאָס איז געווען אַ גנזעץ געווענדט דירעקט און הויפּטזאַכלעך קעגן די יידישע בעלי־מלאכהס. אַ האַנטווערקער, וואָס קאָן געהערן צום „צעך״, האָט געמוזט באַזיצן אַ דיפּלאָם, וועלכן מ׳האָט געקאָנט באַקומען האָבנדיק געענדיקט מינימום אַן אָפיציעלע פאָלקס־שול, און נישט גע־הערנדיק צום „צעך״ האָט מען נישט געטאָרט פירן קיין זעלבשטענדיקן וואַרשטאַט, נישט האַלטן קיין געזעלן און נישט קיין לערן־ייִנגל. און וועלכער יידישער בעל־מלאכה אין פינטשעוו האָט אין יענע יאָרן געהאַט געענדיקט אַ פאָלקס־שול? די זעלבע לאַגע איז געווען אין יעדער שטאָט און שטעטל און דער מיין פון דער צעכן־גזירה איז טאַקע געווען צוצונעמען מאַסנהאַפט ביי די יידישע האַנטווערקער זייער אַרבעטס־מעגלעכקייט און זייער ברויט. דאָס געזעץ איז, ווי באַקאַנט, באַ־



פינטשעווער האַנטווערקער, דעם 25־טן דעצעמבער 1931

עס האָט דאַן פאַרלאָזט די אָנפירונג פון פאַרבאַנד מענדל באַטיסט און עס האָט איבערגענומען דעם פאַרזיץ מרדכי שוואַרץ. פון רעכטס, אין דער ערשטער ריי, זיצן: יאָסל בראַמע, וואָלף זאַגווינסקי, גרשון מאַן, מענדל באַטיסט, מרדכי שוואַרץ, משה ווייספעלד, לייביש פאַסטערנאַק; צווייטע ריי: שמואל סטאָלאַזש, פייוויש בעלפער, יחזקאל בזשיסקע, וואָלף ראַקאָווסקי; דריטע ריי, שטייענדיק: איטשע קאָלב, הערשל ראַטענבערג, גאָדל קירשענבוים, לייב אָקס, מרדכי פייגענבוים, ישראל פייגענבוים, פאַטעשמאַן, שמעון ווייץ, אַבעלע כוינע; פערטע ריי: ישעיהו, לייזער אַבא קירשענבוים, נטע בזשיסקע, מאַניע מלינאַרסקע, ראַטענבערג, יואל לאַפקע, לייזער מענטליק.

שטעטיקט געוואָרן דורכן פוילישן פּאַרלאַמענט. דאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי וויכטיק ס׳איז געווען אונדזער פּאַטענטן־אַקציע מיט 2—3 יאָר פריִער — די יידישע דעפּוטאַטן האָבן אויסגעקעמפט די אויסבעסערונג, אַז וועלכער האַנטווערקער עס האָט שוין געהאַט אין די יאָרן 1928/27 אַ פּאַטענט, וועט האָבן פּאַרלייכטערונגען ביים אָנגענומען ווערן אין די צעכן.

מיר האָבן אָנגעהויבן אין פּינטשעוו אָרגאַניזירן די צעכן. מיר האָבן געהערט צו דער וואָיעוואָדשאַפט פון קיעלץ, ווו ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן די „איזבאַ זשעמיעשלניטשאַ וואָיעוואָדזטוואַ קיעלעצקיעגאָ״. פּינטשעוו, אַלס פּאָוויאַט־שטאָט, האָט געהאַט רעכט צו דעלעגירן אין דער דאָזיקער קרייז־„איזבאַ״ 4 דעלעגאַטן, אַלס פאָרשטייער פון אַלע צעכן אין שטאָט. די 4 דעלעגאַטן זענען געווען: משה ווייספעלד, אבאלע חונה, איטשע קאַלב און מרדכי שוואַרץ, דער שרייבער פון די שורות. באַלד אויף דער ערשטער קאָנפערענץ אין קיעלץ זענען מיר געוויר געוואָרן וועגן פרישע צרות: יעדער האַנטווערקער, וואָס האָט געוואָלט האַלטן אַ געזעלן, האָט געמוזט פון זיין פּאָוויאַט באַקומען אַ „האַנטווערקער־קאַרטע״ („קאַרטאַ זשעמיעשלניטשאַ״). אַזאַ קאַרטע האָט ווידער געקאָנט באַקומען נאָר דער יעניקער, וועלכער האָט אין 1928/27 געהאַט אַ פּאַטענט.



אַ גרופּע פּינטשעווער יידישע זעלנער אין דער פּוילישער אַרמיי, אין 1924, אין ראַוונע.

פון רעכטס צו לינקס, זיצן: מרדכי שוואַרץ, אליהו קלאַרמאַן, מילער; שטייען: אומבאַקאַנטער, ראַדזינסקי טוביה, באָדע פון בוסקאָ־זדרוי

מיר האָבן אין פּינטשעוו גלייך אָנגעהויבן אַן ענערגישע אַקציע, כדי צו באַזאָרגן אַלע האַנטווערקער מיט אַ „קאַרטאַ זשעמיעשלניטשאַ״. דאָ זענען אין פּינטשעוו, — ווי מסתם אין אַנדערע ערטער, — פאָרגעקומען אינערלעכע רייסערייען צווישן די האַנטווערקער. עס האָבן זיך געמאָלדן אויך פיל יונגע האַנטווערקער, נאָך געציילטע יאָרן זעלבשטענדיקער אַרבעט, וועלכע האָבן געוואָלט באַקומען די „קאַרטעס״ און אַריינטרעטן אין די צעכן. פיל עלטערע חברים זענען געווען קעגן צולאָזן די יונגע. מיר, די יינגערע אין דער פאַרוואַלטונג פון האַנטווערקער־פאַריין, האָבן אָבער באַוויזן אויפצוקלערן און אַריבערציִען אויף אונדזער זייט די מערהייט, וואָס האָט באַשלאָסן צו טאָן אַלץ, כדי אַלע אָן אויסנאַם האַנט־

ווערקער, וואָס ווענדן זיך צו אונדז, זאָלן באַקומען די נויטיקע קאַרטעס. און אונדזער אַקציע איז טאַקע געקרוינט געוואָרן מיט אַ פולשטענדיקן דערפאָלג — אַלע האָבן באַקומען די קאַרטעס. אָבער מיט דעם איז נישט געווען געענדיקט אונדזער פיין־וועג. פּלוצלינג האָט מען אונדז אַרויסגערופן קיין קיעלץ און גע־מאָלדן, אַז אויסער באַזיצן די האַנטווערקער־קאַרטע, מוז יעדער האַנטווערקער אַרויסבאַקומען אַ דיפּלאָם דורך באַלייגן אַן עקזאַמען. אָן אַ דיפּלאָם וועט מען נישט טאָרן האַלטן קיין געזעלן, נישט קיין לערן־יינגל און אַפילו נישט אַרויסהענגען קיין שילד, נייערט אַרבעטן בלויז איינער אַליין. און וואָס פאַר אַן עקזאַמען האָט מען דאָס געדאַרפט דורכמאַכן? אויסער פאַכמענישע קענטענישן, טעאָרעטישע און פּראַקטישע, האָט מען געדאַרפט עקזאַמינירט ווערן אין פּוילישער געשיכטע און מדינה־וויסן, קענען די נעמען פון פּרעזידענט, פון אַלע מיניסטאָרן, מלוכה־אינ־סטיטוציעס א.ד.גל. די עקזאַמיניר־קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון 8 פאָרשטייער פון דער „איזבאַ זשעמיעשלניטשאַ" — 2 יידן און 6 פּאָליאַקן — און אַלס פאָרזיצער דער רעפערענט פון דער „איזבאַ", אויך, פאַרשטייט זיך, אַ פּאָליאַק. עס האָבן נישט געהאָלפן די טענות אויפן אָרט, ביי דער רעגירונג אין וואַרשע און אין סיים, אַז ס׳איז אומדערהערט מען זאָל פאָדערן פון מענטשן נאָך לאַנגע יאָרן, אָפט אַפילו דריי און פיר צענדליק יאָר, אַרבעט אין זייער פאַך, זאָלן דאַרפן באַלייגן עקזאַמענס. מיר האָבן אַלע געוווּסט, אַז עס גייט נאָר אין פאַרביטערן דאָס לעבן און צונעמען די פּרנסה ביי יידישע בעלי־מלאכהס.

אויך מיר, יידישע האַנטווערקער אין פינטשעוו, האָבן געמוזט דורכגיין די געפאָדערטע עקזאַמענס. אין דער עקזאַמיניר־קאָמיסיע זענען געווען די צוויי יידישע האַנטווערקער פון קיעלץ יידל גוטמאַן און לאקס. די געשרייען האָבן עטוואָס געהאָלפן, מען האָט ביי די עקזאַמענס אַ ביסל „פאַרקוקט", אַ ביסל „פאַרהערט" און די מערהייט האַנטווערקער האָט ווי ס׳איז באַקומען דיפּלאָמען.

אין מיטן פון דאָזיקן קאַמף פאַר אונדזער רעכט און פּרנסה איז אין פינטשעוו פאָרגעקומען אַ מיאוסער פּרווו צו שפּאַלטן די האַנטווערקער־באַוועגונג.

דער האַנטווערקער־פאַריין איז ביי די וואַלן און ביי יעדער פּאָליטישער אַקציע געגאַנגען מיט די ציוניסטן, און די מערהייט מיטגלידער אונדזערע זענען טאַקע געווען ציוניסטיש געשטימט. דאָס איז נישט געפעלן דער פּוילישער מאַכט און זי האָט אונדז אָפט געפּרוווט געווינען צו נעמען שטעלונג פאַר די אָפיציעלע רעגירונגס־ליסטעס בעת וואַלן און נישט פאַרן ציוניסטישן בלאָק. די דאָזיקע פּרוּוון האָבן אָבער נישט געהאַט ביי אונדז קיין דערפאָלג.

אין פינטשעוו איז געווען אַ דרוקעריי־אייגנטימער יצחק ראַפּאַפּאָרט, אַן אָנגעהעריקער צו „אגודת ישׂראל״ און אַ „מה־יפית״ניק לגבי דער פוילישער מאַכט. אַליין איז ער קיין דרוקער־פאַכמאַן נישט געווען, נאָר באַשעפטיקט אַרבעטער־פאַכלייט. ער פלעגט באַקומען אַלע דרוק־אַרבעטן פון די רעגירונגס־אַמטן און פון דער מוניציפּאַליטעט. דער דאָזיקער ייד איז אויסגענוצט געוואָרן, כדי צו פרווון שפּאַלטן אונדזער באַוועגונג. אַ שיינעם טאָג דערוווסט מען זיך אין שטעטל, אַז יצחק ראַפּאַפּאָרט גרינדעט אַ „רעליגיעזן האַנטווערקער־פאַרבאַנד״. איבער נאַכט איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט מיט ראַפּאַפּאָרטן אַלס פּרעזעס. ווי־אַזוי ? — האָט מען זיך געוווּנדערט — ער איז דאָך גאָר קיין האַנטווערקער נישט... אָבער ער האָט געהאַט באַלד אַ „קאַרטאַ זשימיעשלניטשאַ״ מיט אַלע נויטיקע דאָקומענטן, כאָטש ער איז קיינמאָל קיין פאַכמאַן נישט געווען... ער האָט דערקלערט, אַז ער שאַפט „רעליגיעזע צעכן״ פון יעדן פאַך. מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז אַ פרווו, אין פאַרשטענדיקונג מיט די מאַכט־אָרגאַנען, צו שפּאַלטן אונדזער באַוועגונג און אָפּצושוואַכן אונדזער קאַמף, ווי אויך צו קלאַפּן דעם ציוניסטישן בלאָק, פאַר וועלכן מיר זענען געווען אַ גרויסער אָנשפּאַר אין פינטשעוו. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרביטערטער קאַמף קעגן דאָזיקן פרווו. די פינטשעווער מאַכט, וועלכע איז, פאַרשטייט זיך, געווען אויפן צד פון די „רעליגיעזע״, האָט אונדז גענומען שיקאַנירן. מיר האָבן געפאָדערט אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון די פינטשעווער האַנטווערקער, גערופן דורך אונדזער פאַריין און דורך ראַפּאַפּאָרטן, וועלכע זאָלן איבערצייגן און דעצידירן מיט וועמען די האַנטווערקער־מאַסן גייען. מיר האָבן אויסגעפועלט אַזאַ פאַרזאַמלונג דורך דער צענטראַלע אין וואַרשע, וועלכע האָט דעלעגירט אַ פאָרשטייער און ס׳איז אויך געקומען אַן אָפיציעלער מאַכט־פאַרשטייער פון דער וואָיעווודשאַפט אין קיעלץ, ווי אויך דער רעפערענט פון פינטשעווער סטאַראָסטווע מיטן נאָמען שער. מיר האָבן גערופן די פאַרזאַמלונג אין גרויסן זאַל פון „באַנק קופּיעצקי״. ער איז געווען פול־געפּאַקט און פיל מענטשן זענען געבליבן אין דרויסן, נישט האָבנדיק קיין פּלאַץ אין זאַל. אויף דער פאַרזאַמלונג פון די „רעליגיעזע צעכן״ איז געקומען קוים אַ מנין מענטשן. דאָס האָט געצוווּנגען די מאַכט צו אָנערקענען אונדזער פאַריין אַלס אָפיציעלן פאָרשטייער פון די פינטשעווער האַנטווערקער. ראַפּאַפּאָרט האָט ווייטער געפירט זיין „האַנטווערקער־קרעמל״, אָבער אַרויסגעוויזן אַ געווויסע טעטיקייט נאָר בעת וואַלן. אונדזער פאַריין, דאַקעגן, האָט אויסער דער פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט, אָנטיילגענומען אין אַלע ציוניסטישע און נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אַרבעטן, געהאַט זיינע פאָרשטייער אין אַלע קאָמיטעטן און אינסטיטוציעס.



ועד ארגון בעלי־המלאכה — דער קאָמיטעט פון יידישן האנטווערקער־פאַרבאַנד אין פינטשעוו

פון רעכטס צו לינקס, זיצן: לאַפקע יואל, אַבעל חנא, זאַינסקי וואָלף, קאַלב איטשע, שוואַרץ מרדכי, ווייספעלד משה, פאַסטערנאַק לייביש, אַקס לייב, ווייספעלד שלמה, זיידמאַן — פאָטאָגראַפירט צום אָפּפאָר פון מרדכי שוואַרץ קיין א״י.

ביי דעם פינטשעווער האַנטווערקער־פאַריין האָט עקזיסטירט אַ גמילת־חסד־קאַסע. די פאַרוואַלטונג פון פאַריין האָט אויך אָנגעפירט מיט דער קאַסע. די דאָזיקע קאַסע האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין עקאָנאָמישן לעבן פון די פינטשעווער האַנטווערקער און אויך פון אַנדערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. געהייסן האָט עס, אַז בלויז האַנטווערקער קאָנען געניסן פון דער קאַסע און באַקומען הלוואות, פאַקטיש אָבער האָבן פינטשעווער קליינהענדלער אַרויסגענומען מער הלוואות פון דער קאַסע, ווי אונדזערע מיטגלידער. די הלוואות פון 200 און מער זלאָטעס, אָן פּראָצענט, אָפּצוצאָלן אין קליינע ראַטעס, האָבן זייער אָפט אַרויסגעהאָלפן די קליינע סוחרים אין שטעטל, און, פאַרשטענדלעך, אויך נויטבאַדערפטיקע בעלי־מלאכהס. מיר האָבן אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט, יעדע שׂמחה, אויף צו זאַמלען פאַר אונדזער גמילת־חסד־קאַסע, איינגעאָרדנט פאַר איר ספּעציעלע „בלימל־טעג״ — אַלע שיכטן האָבן אונדז אין דעם געהאָלפן, ווייל מען האָט געוווּסט, אַז אַ הלוואה ביי אונדז קאָן באַקומען יעדער, צי ער איז יאָ אָדער נישט קיין מיטגליד אין פאַריין. דערביי האָבן מיר געהאַט אַ גרויסע שטיצע פון „האַיאַס״ אין וואַרשע, וועלכער האָט אונדז געבאָרגט גרויסע סומעס געלט — 1000 זלאָטעס אויף יעדע 100, וואָס מיר האָבן געשאַפן. די קאַסע האָט געאַרבעט אָן שום הוצאות — אַלע אויסגאַבן האָט געדעקט דער פאַריין און דער סעקרעטאַר פון פאַריין האָט אויך געפירט דעם סעקרעטאַריאַט פון דער ליי־קאַסע.

*

אין יאָר 1935 האָב איך פאַרלאָזט פינטשעוו און עולה געווען מיט מיין פאַמיליע קיין ארץ־ישׂראל. אויף מיין אָרט אין דער פאַרוואַלטונג פון האַנט־ווערקער־פאַריין איז געוויילט געוואָרן יואל לאָפּקע. ביזן אויסברוך פון דער מלחמה בין איך געשטאַנען אין אַ ענגן שריפטלעכן קאָנטאַקט מיט מיינע חברים אין דער אָנפירונג פון פינטשעווער האַנטווערקער־פאַריין. די אַרבעט אויף אַלע געביטן, פון פּראָפעסיאָנעלן און יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז ווייטער אָנגעגאַנגען, זיך צעוואַקסן און כסדר אַנטוויקלט. דער בלוטיקער צורר, דער נאַציזם, וואָס האָט אומגעבראַכט דאָס פּוילישע יידנטום, האָט פאַרטיליקט אונדזער קהילה און אַ סוף געמאַכט צו אונדזערע האַנטווערקער צוזאַמען מיט זייער פאַריין. און דאָס וועלן מיר קיינמאָל נישט מוחל זיין, פּונקט ווי מיר וועלן נישט פאַרגעסן אונדזערע נאָענטע און טייערע, די קדושים וטהורים.

דינה פּאָוואָנזקער־אייזיקאָוויטש (רמת־גן)

די יאָרן פון 1914 ביז 1939

איך בין געבוירן אין פינטשעוו ביי גאַנץ פאַרמעגלעכע עלטערן. מיין פאָטער האָט געהייסן דוד אייזיקאָוויטש, מיין מוטער — חנה. מיין טאַטע איז געווען סוחר פון בהמות און ליפעראַנט פון פלייש פאַרן פוילישן מיליטער, בשותפות מיט נתן ראָזענבערג.



דינה פּאָוואָנזקער־אייזיקאָוויטש

פון מיינע גאָר יונגע יאָרן געדענק איך דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. איך דערמאָן זיך די צייט ווען עס איז פאָרגעקומען דער קאַמף צווישן די רוסן און דער דייטש־עסטרייכישער אַרמיי. אונדזער שטאָט האָט זיך געפונען אין אַ סטראַטעגישן פּונקט, ווייל פון איין זייט זענען געווען בערג און פון דער צווייטער זייט שטאָט איז געפלאָסן דער טייך נידאַ. די רוסן האָבן אַוועקגעשטעלט זייער אַרמיי אין אָקאָפּעס אויף די בערג און די עסטרייכיש־דייטשע אַרמיי האָט זיך פאַרגראָבן אין אָקאָפּעס אויף דער צווייטער זייט טייך און דאָס שטעטל איז געווען אינמיטן. די שיסערייען זענען פאָרגעקומען איבער דער שטאָט. יעדן טאָג זענען טאַקע אין שטעטל געפאַלן קרבנות. עס זענען פאָרגעקומען שווערע קאַמפן צווישן ביידע אַרמייען. יעדן טאָג, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די שיסעריי, זענען מיר אַראָפּ אין קעלער זיך אויסבאַהאַלטן. אָבער ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער ענדגילטיקער אָנגריף אויף דער

שטאָט, האָט מען אונדז עוואַקואירט אין די נאָענטע שטעטלעך. אונדז, דאָס הייסט מיין מוטער מיט די פיר קינדער, האָט מען אַוועקגעפירט קיין סטאָפּניץ. מיין פאָטער איז געבליבן אין דער היים, ווייל ער איז געווען פלייש־ליפעראַנט פאַר דער רוסישער אַרמיי און ער האָט, צוזאַמען מיט זיין שותף נתן ראָזענבערג, צוגעשטעלט פלייש דער אַרמיי אויך אין דער צייט פון די קאַמפן.

נאָך אַ פּאָר וואָכן האָבן מיר זיך אומגעקערט קיין פינטשעוו. די עסטרייכער האָבן שוין געהאַט פאַרנומען און באַזעצט אונדזער געגנט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייַ לעבן. יידן האָבן געקאָנט פריי האַנדלען, אַ סך זענען אַפילו דאָן רייך געוואָרן.


דוד אייזיקאָוויטש מיט זיין אייניקל אביגדור נאַוואַרסקי, זון פון דינה


דאָבע אייזיקאָוויטש, באָבע פון דינה פאַוואַנזקער


פון יענער צייט געדענק איך אַ טראַגישע איבערלעבונג, וואָס האָט געמאַכט אַ שרעקלעכן רושם אויף אַלע יידן. אין יאָר 1915 האָבן די עסטרייכער אַרעס־טירט אונדזער שכן סענדער פיינער, מיט זיינע צוויי זין, מענדל און גימפּל (וועלכער לעבט איצט אין אויסטראַליע) און זיי באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש לטובת רוסלאַנד. מען האָט זיי פאַרמשפּט צום טויט און געוואָלט הענגען אין פינטשעוו גופא. עס איז אונטערגענומען געוואָרן אַ גרויסע אַקציע און אינטערווענץ זיי צו ראַטעווען פון טויט. דער הויפּט־טעטיקער דערביי איז געווען אונדזער רב ז״ל; עס האָט אים דערביי אויך טיכטיק געהאָלפן דער שטאָטישער גלח. עס האָט זיך איינגעגעבן זיי אָפּצוראַטעווען און מען האָט זיי פאַרשיקט אין אַן אינטערניר־לאַגער

אין ווין. נאָך דער מלחמה זענען זיי באַפרייט געוואָרן און זיך צוריקגעקערט קיין פינטשעוו.

אין דער צייט פון דער עסטרייכישער אָקופּאַציע, האָב איך אָנגעהויבן צו גיין אין שול. עס איז דעמלט געגרינדעט געוואָרן די ערשטע פאָלקס־שול פאַר אַלע און אויך אָרעמע קינדער האָבן באַקומען אַ מעגלעכקייט צו לערנען. עס האָבן געלערנט צוזאַמען יידישע און קריסטלעכע קינדער.

קיין יידישע שול איז נאָך דעמלט אין פינטשעוו נישט געווען. יינגלעך האָבן געלערנט אין חדר און מיידלעך האָבן וויייניק געלערנט. מיין ערשטער לערער פון יידיש איז געווען „דער אוצר", אַזוי האָט מען אים גערופן. שפּעטער האָב איך געלערנט ביים לערער יעקב און מיין לעצטע יידישע לערערין איז געווען חנהלע פאַווכעל.

אין יענער צייט, בעת דער עסטרייכישער אָקופּאַציע, האָט די דערוואַקסענע יוגנט געגרינדעט אַ „לינת הצדק". דאָס איז געווען די ערשטע יידישע אָרגאַניזאַציע און האָט זיך געפונען אין הויז פון שפרה פיינער. די אָנפירער פון דער אָרגאַניזאַציע זענען געווען: הערש־מאיר עדעליסט, מרדכי סאָליוויטש, די ברידער פיינער, די ברידער גורסקי, שמעון וויינטרויב, זלמן־יצחק זילבערשטיין



החוג הדרמטי ליד „קרן־הקיימת" ב־1930 — דראַמאַטישער קרייז ביים קק"ל, פינטשעוו, 1930

זיצן אין דער ערשטער ריי, פון רעכטס צו לינקס: ראַבינאָוויטש, אייזיקאָוויטש דינה, בזשיסקע אברהם, שידלאָווסקי לאה, שלעדזשיק מרדכי־לייב, יאַסנע עלקע, קיפּקאָוויטש משה־פישל; שטייען: גורסקי שמואל, יאַסנע באַשע, גאָלד לייבל, קאַהאַן ישראל, ווייץ אַלטער, אייזיקאָוויטש פייגע וויטע, גורסקע יצחק, קויפמאַן איטשע־וואָלף, אספּיס אברהם.

(דעם גלעזערס). דער לעצטער איז געווען אַן איינציקער זון ביי זיינע עלטערן; ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט לייב און לעבן פאַר די אויפגאַבן פון „לינת הצדק" — טאָג און נאַכט איז ער געווען ביי די קראַנקע. אין שטאָט האָט דעמלט געהערשט אַ טיפוס־עפּידעמיע. אויך זלמן־יצחק האָט זיך אָנגעשטעקט מיט דער קראַנקייט און איז געשטאָרבן אין עלטער פון עטלעכע צוואַנציק יאָר. איך דערמאָן זיך די פּאַניק, וואָס דאָס האָט אַרויסגערופן אין שטאָט, די גאַנצע באַפעלקערונג האָט געטרויערט נאָך אים.

אין יאָר 1918, זייענדיק שוין אַ צען־יאָריק מיידל, ביז איך געגאַנגען אין שול. איין פרימאָרגן, ווען איך האָב געדאַרפט גיין אין שול אַריין, האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז די עסטרייכער זענען פאַרשווונדן — זיי האָבן ביינאַכט פאַרלאָזט די שטאָט. דאָס איז געווען נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון עסטרייך און דייטשלאַנד.

עס איז אַנטשטאַנען די אומאָפּהענגיקע פּוילישע מדינה. אין שטאָט איז אויסגעבראָכן אַ פּאַניק־שטימונג. מענטשן זענען געלאָפן אין די מיליטערישע קאַשאַרן און יעדער האָט גענומען, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט פון דעם, וואָס דאָס מיליטער האָט איבערגעלאָזט.

דער אַלטער פּאָליאַק, ליסאָווסקי, איז שפּעטער געריטן אין גאַס אויף אַ ווייס פערד. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ „ראָגאַטיווקע"־היטל און אין אַ וויי־סער „סוקמאַנע". נאָך אים זענען געריטן אַנדערע פּאָליאַקן איבער די גאַסן. די קאַפּעליע פון די פייערלעשער האָט געשפּילט דעם פּוילישן הימן „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ". פון דעמלט איז דעם אַלטן ליסאָווסקי געבליבן דער צו־נאָמען „דער קייסער".

דאָס לעבן פון די יידן אין אונדזער שטעטל איז געוואָרן שווער. עס זענען טאָקע געווען אייניקע פאַרמעגלעכע יידן, די מערהייט אָבער האָט געלעבט אין זייער שווערע באַדינגונגען. זיי האָבן זיך פאַרנומען, לרוב, מיט מלאכה און קליינעם האַנדל. אַ סך זענען געגאַנגען איבער די דערפער, מיט פאַרשידענע קלייניקייטן פאַר די פּויערים און האָבן פון דאָרט צוריקגעבראַכט אויף די פּליי־צעס פאַרשידענע פּראָדוקטן, וועלכע זיי האָבן פאַרקויפט אין שטאָט און פון דעם געצויגן שוואַכע פּרנסה.

איך בין געגאַנגען אין שול צוזאַמען מיט פּוילישע קינדער. די יידישע קינ־דער האָבן אַ סך געליטן אין שול. מיר האָבן גאַנץ אָפט געהערט פון די פּוילישע קינדער: „יידן קיין פּאַלעסטינע" און פאַרשידענע זידל־ווערטער און נישט איינ־מאָל אויך באַקומען קלעפּ. די לערער אונדזערע האָבן זיך צו אונדז נישט בעסער באַצויגן ווי די פּוילישע שילער. מיר האָבן געליטן, אָבער נישט איבערגעריסן

די לערע, ווייל קיין אַנדערע בילדונג־מעגלעכקייטן האָבן מיר אין פּינטשעוו נישט געהאַט.

איך בין נאָך געווען זייער יונג, ווען עס האָט זיך געגרינדעט די ערשטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אין הויז פון יונה בלומענפעלד (מיטן צונאָמען באַסאַק), אין מאַרק. צווישן די גרינדער געדענק איך: מייזעל, ברידער אַרעלעס, ברידער גודקיס, אברהם בזשעסקי, מענדל באַשיסטאַ, שמעון וויינטרויב, חיים זיעלאָנע, גימפּל פיינער, באַשע יאַסנע, פריידע קופּפער, חיה שילדאָווסקאַ, צינע האָראָוויץ, חוה יעדוואַב, מאַניע קאַטשקע (פרוי פון מאיר אַבעלאַ), פעלאַ ראָזענבערג און נאָך אַ סך אַנדערע, וועמענס נעמען איך געדענק נישט. דאָס גרינדן די ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציע האָט אַריינגעבראַכט אַ ניי לעבן אין שטאָט. די גרעסטע טייל יוגנט האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער אָרגאַניזאַציע, מען האָט אָנגעהויבן פירן אַ שטאַרקע טעטיקייט אויף פאַרשידענע געביטן. עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן יידישע אימפּרעזעס, מיטן אָנטייל פון מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע. מען האָט געזאַמלט געלט פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן. די בלוי־ווייסע פּושקעס פון



דראַמאַטישער קרייז אין פּינטשעוו, וואָס האָט געשפּילט „חינקע פּינקע"

פון רעכטס: ערשטע ריי — געצל פיינשטאַט, קופּערמאַן, חיה שידלאָווסקי, מאיר יאַזשוויץ, באַשע יאַסנע, אברהם שפּייזער, אברהמטשע בוכבינדער, שמואל גורסקי; צווייטע ריי — אליהו פיינשטיין, חיים קאָרנבערג, אַ קינד, ישראל מיאַדאָווניק, וואָלף לאַקס, לייבוש קוגל.

קק״ל האָבן זיך באַוויזן אין די יידישע שטיבער, עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן „בלימל־טעג״.

עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ העברעישע „תרבות״־שול, וועלכע האָט אָבער, לײַדער, לאַנג נישט עקזיסטירט, צוליב מאַטעריעלע סיבות.

ווען איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך זיך אויך אָנגעשלאָסן אין דער ציוניסטישער יוגנט און געוואָרן טעטיק אין די אָרגאַניזאַציעס. איך האָב מיט־געאַרבעט אין טעאַטראַלן אַמאַטאָרן־קרייז און אָנטיילגענומען ביים אויספירן אייניקע פיעסן. איך האָב אַ פּאָר יאָר מיטגעאַרבעט אין דער יידישער ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך געפונען ביי שמואל צוקער, אין מאַרק; עס האָבן דאָרט צוזאַמען מיט מיר מיטגעאַרבעט מיינע שול־חברטעס: ביילע פישעל, עטל ווייספעלד, חוה יעדוואַב, באַשע יאַסנע און אַנדערע.

מיט דער צייט האָבן זיך געגרינדעט נאָך אַנדערע אָרגאַניזאַציעס: לינקע פועלי־ציון, „השומר הצעיר״ און נאָך. עס איז כמעט נישט געווען קיין יידישער יוגנטלעכער און יוגנטלעכע מיידל, וואָס זאָל נישט געהערן צו וועלכער עס איז אָרגאַניזאַציע. די מערהייט פון אונדז איז געווען ציוניסטיש געשטימט, געגלויבט, אַז אונדזער צוקונפט איז אין ארץ־ישראל. די מערהייט עלטערן האָבן דאָס אָבער, צום באַדויערן, נישט פאַרשטאַנען; זיי האָבן אַליין נישט געוואָלט עולה זיין און אויך אונדז, די קינדער, אָפּגעהאַלטן, נישט געגעבן די מעגלעכקייטן צו פאַר־לאָזן דעם גלות.



אַ גרופּע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פינטשעוו אין 1921

פון רעכטס: אייזיקאָוויטש עלקע, יאַקובאָוויטש וויטע, יאַסנע באַשע, אייזיקאָוויטש ליבע, בזשעסקי כאַלע, בראַצלאַווסקי פייגל.

יאָרן זענען געלאָפן. צרות זענען פאַרגאַנגען און נייע צרות זענען געקומען. מיין מוטער איז יונג געשטאָרבן, אין 1924. מיר זענען געבליבן זעקס קינדער, קלענערע און גרעסערע. אונדזער יינגסט ברודערל איז ביי דער מאַמעס טויט אַלט געווען נישט מער ווי 10 חדשים. מיר האָבן געמוזט זייער שווער אַרבעטן, כדי אַליין צו פירן דאָס הויז. איך און מיין עלטערע שוועסטער, עלקע, זענען געווען די באַלעבאָסטעס. מיר האָבן אונדזערע קלענערע ברידער געשיקט אין חדר און אין שול. אָבער יעדע פרייע מינוט האָבן מיר אויסגענוצט אויף צו באַטייליקן זיך אין דער ציוניסטישער אַרבעט.

אין יאָר 1932 האָב איך חתונה געהאַט מיט מיין אויסדערוויילטן בחור און גענומען פירן אַ שיין גליקלעך פאַמיליע־לעבן. נאָך דער חתונה בין איך אַוועק פון פינטשעוו און געווינט אין טאַרנאָווסקיע גורי, אין שלעזיע. דאָרט זענען געבוירן געוואָרן מיינע צוויי קינדער, מיין זון אַביגדור און טאָכטער חנה. איך האָב געלעבט גליקלעך מיט מיין פאַמיליע, אָבער שטענדיק געבענקט קיין פינטשעוו, צו מיין פאָטער און שוועסטער־ברידער, צו אַלץ, מיט וועלכן איך בין אויפגעוואַקסן אין אונדזער שטעטל. איך פלעג דעריבער אָפט קומען קיין פינטשעוו — דאָרט איז געווען מיין גרעסטע פרייד און בעסטער אָפרו. נאָך מיין יעדן באַזוך פלעג מיך מיין פאָטער באַגלייטן מיט טרערן.

שנעל זענען אָבער אַוועק מיינע שיינע גוטע זיבן יאָר: פון 1932 ביז 1939, יאָרן פון בויען אַ פאַמיליע־לעבן, שאַפן זיך עקזיסטענץ און — גליק. דאָס גליק האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן — עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה.

מרדכי זית (זייף) (עין־חרוד, איחוד)

העיירה שלנו בזכרוני

את עיירת מולדתי פינצ׳ב עזבתי בשנת 1934. כמעט 5 שנים שהיתי בקיאֶלץ, בהכשרה ובעבודה פרטית, ובשנת 1939 — ממש בימים האחרונים שלפני פרוץ המלחמה בין גרמניה הנאצית לבין פולין — יצאתי לדרך בעליה הבלתי ליגאלית. הנסיעה באניה ארכה חמישה שבועות, ועד שהגעתי ארצה הספיקו הגרמנים לכבוש

את פולין כולה. מאותה שעה נותק כל קשר ביני לבין הורי, זלמן ומלכה זייף, אחי עקיבא ואחיותי בלומה ופיגה׳לי ועמהם כמאה קרובי משפחה הי״ד.

עברו אמנם למעלה משלושים שנה מאז יצאתי את עיירתי פינצ׳ב, אך זוכר אני היטב את נופה היפה, המנהגים המיוחדים שלה, נהרותיה ויערותיה, גני עצי הפרי והירק השופע, ההר טימלה שהקיף אותה מסביב והטיולים שנערכו עליו, בעיקר בשבתות. ילדים, צעירים וקשישים, בעלי מלאכה ואברכי משי — כולם איוו להם את ההר, מי למקום מנוחה ומרגוע, ומי למעשה קונדס ושובבות, ובכל הורגש חיים ותנועה.

זוכר אני את בתי הכנסת הרבים — „די אַלטע שיל״, „די נייע שיל״, בית־המדרש שבחצרו שרפו את החמץ של כל העיירה בערב פסח, ה„שטיבלך״ למיניהם — של חסידי קוצק ושל חסידי גור, ועדיין אני שומע את השירה והניגונים שלהם שקולם יצא למרחוק, ביחוד בחגים. צביון מיוחד היה ליום כיפורים בעיירה, אפילו הלא־דתיים חשו בו קדושה ואף הגויים כיבדו את היום הזה ובאו לבית־הכנסת לשמוע „כל נדרי״. כן הורגש במיוחד בעיירה החג שמחת תורה בשל המנהג המיוחד לזרוק תפוחי עץ בעד החלון של בית־הכנסת הישן. ליד בית־הכנסת הישן נהגו גם לערוך את החופות של העיירה בהשתתפות הכליזמרים.

מעמדות שונים היו בפינצ׳ב — נגידים (מעט), סוחרים, מתווכים וכמובן בעלי מלאכה שונים, חייטים, סנדלרים, עגלונים, קצבים, סַפרים ועוד ועוד וכל אחד עם ה„יחוס״ שלו ושמו המיוחד וכינויו, שקיבל בירושה מדור לדור.

פרק לחוד הם הארגונים הציבוריים השונים, וקודם כל הארגונים הציוניים — הציונים הכלליים, השומר הצעיר, בית״ר, פועלי ציון — פרייהייט, ארגוני הנוער השונים — כל זה עומד לפני עיני ולא ניתן לשכוח.

משה יעקב גאָטפריד (בראָנקס, ניו־יאָרק)

דאָס שטעטל פון מיין קינדהייט

איך בין געבוירן אין פינטשעוו און דאָרט געלעבט בלויז ביז דער עלטער פון זיבן יאָר, אַזוי, אַז איך האָב דאָרט דורכגעמאַכט נאָר די ערשטע קינדער־יאָרן מיינע. דאַן בין איך אַוועק פון שטעטל און מער דאָרט נישט געווען, אָבער

די בילדער און איבערלעבענישן פון די ווייטע פאַרנעפּלטע קינדער יאָרן, זענען מיר געבליבן טיף איינגעקריצט אין זכרון און איך טראָג זיי, צוזאַמען מיטן בילד פונעם שטעטל, אייביק מיט זיך, זיי שטייען מיר שטענדיק פאַר די אויגן.

מיין פאָטער, ר׳ שמואל בן ר׳ חיים גאָטפריד ז״ל, אַ בעקער, האָט געשטאַמט פון כענטשין. ער איז געשטאָרבן ווינטער 1927 (ח׳ אדר א׳). איך בין געוואָרן נעבן־צימערן, מיט צוויי אַריינגעגנג, פון מאַרק און פון הינטערשטן געסל. פאַרן אַ יתום אין עלטער פון 6 יאָר. מיין מוטער איז געבליבן אַליין מיט זיבן קינדער. זי האָט אין פינטשעוו נישט געקאָנט מפרנס זיין אַזאַ משפחה. אַ יאָר נאָכן טאַטנס טויט, האָט זי אַלץ פאַרקויפט און מיר האָבן זיך אַריבערגעצויגן קיין לאָדזש. — דאָרט בין איך אויפגעוואַקסן, אָבער מיינע בעסטע קינדער־דערינערונגען זענען פאַרבליבן פאַרבונדן מיט פינטשעוו.

מיר האָבן געהאַט די בעקעריי און געוווינט אויפן מאַרק, אין הויז פון דודל שוטה־מויטע, ווי מען האָט אים גערופן אין שטעטל. אונדזער בעקעריי האָט מען גערופן אויפן נאָמען פון מיין מוטער — ברכה די בעקערין, און נישט אויפן טאַטנס נאָמען, ווייל אין פינטשעוו איז געווען נאָך אַ יידישער בעקער מיטן נאָמען שמואל, ער האָט מסתם זיין בעקעריי געהאַט פון פריִער ווי מיין פאָטער און מ׳האָט זי גערופן „שמואלס בעקעריי״. אונדזער בעקעריי האָט געהאַט דריי נעבן־צימערן, מיט צוויי אַריינגענג, פון מאַרק און פון הינטערשטן געסל. פאַרן הינטערשטן אַריינגאַנג פלעגט שטענדיק ליגן צעהאַקט האָלץ, געשטאַפּלט, צום טריקענען. דאָס הינטערשטע געסל איז געווען נישט ברוקירט, און גלייך ווי עס פלעגט אָנהויבן רעגענען, זענען דאָרט געוואָרן בלאָטעס. אין די ימים־נוראים פלעגט שוין דאָס גאַנצע געסל זיין פאַרוואַנדלט אין איין גרויסן זומפּ. און יום־טוב איז מען געגאַנגען בלויז דורכן הינטערשטן אַריינגאַנג, נישט דורך דער בעקעריי פון מאַרק, — פלעגן טאַקע אונדזערע נייע יום־טובדיקע מלבושים גלייך ווערן פאַרשמוצט און פאַרבלאָטיקט, וואָס די מאַמע פלעגט זיך אַזוי נעמען צום האַרץ...

פאַר מיינע אויגן שטייט דער ברונעם אין מאַרק, אַנטקעגן אַריינגאַנג אין אונדזער בעקעריי. ווינטער און זומער האָט דאָרט אָן אויפהער געפּלאָסן וואַסער. אָבער ווינטער איז דער צוגאַנג פאַרפרוירן געוואָרן, געווען גליטשיק. אָבער שיין זענען דאַן געווען די דעכער, איינגעהילט אין ווייסן שניי, מיט אַראָפּהענגענדיקע אייז־סאָפּליעס. איך האָב אויף דעם אַלעמען געקוקט, מיט מורא אין קינדערשן הערצל, דורך די מיט פראָסט־בלומען פאַרשטעלטע פענצטער פון דער בעקעריי, ווו מיר איז געווען אַזוי וואַרעם...

דערמאָנט זיך די געשעעניש, וואָס פלעגט אַרויסשלעפּן די קינדער פון די וואַרעמע היימען, ווען ר׳ לייבעלע פלעגט גיין אין קאַלטן חודש כסלו צום טייך מקיים זיין זיין אַלטן נדר. קינדער זענען נאָכגעלאָפן און מיט פּחד צוגעקוקט פון ווייטן. ר׳ לייבעלע פלעגט אין מיטן טייך נידאַ אויפהאַקן אַ שטיק אייז, זיך אויסטאָן. אַריינגיין אין פראָסטיק־קאַלטן וואַסער און זיך אָפּטובלען. אַזאַ נדר האָט ער געמאַכט זייט יאָרן און אים פּינקטלעך מקיים געווען.

און אָט איז דאָס זעלבע טייכל ערב פּסח, ווען דאָס אייז האָט שוין געלאָזט — מיר זענען ווידער ביים ברעג, מיר קליינוואַרג העלפן טראָגן די כלים צום טייך, ווו מען טובלט זיי און מען כשרט אויף פּסח... און פּסח פלעגט מען שוין אָנהויבן אַרויפקלעטערן אויפן באַרג, כדי האַסטיק, פאַרסאָפּעט פון אים אַראָפּצולויפן...

אין די יום־טובים האָבן די קינדער אַ סך פאַרבראַכט אין שיל־הויף. מיר פלעגן מיט באַוואונדערונג און אויך קינדערשן פּחד, קוקן אויף די אַלטע מויערן פון בית־כנסת. איך פלעג ליב האָבן אַריינצוגיין אין שטיבל ביים אַריינגאַנג, ווו עס זענען געלעגן די אַלטע „שיימעס״ (שמות). צוזאַמען מיט נאָך חברים פלעג איך זוכן, נישטערן צווישן די פאַרגעלטע בלעטער פון צעריסענע גמרות, סידורים, מחזורים. וואָס פלעגן מיר זוכן, וואָס האָבן יידישע קינדער געוואָלט געפינען, צווישן די צעפרעסענע, פאַרשטויבטע בלעטער, וואָס זענען דאָרט ווער־ווייסט



כיכר־השוק בפינצ׳ב — פינטשעווער מארק־פלאַץ

וויפל יאָרן, צי דורות, געלעגן ?... מען האָט גענישטערט און קיינמאָל גאָרנישט געפונען... אָדער אפשר איז פון די אַלטע בלעטער יאָ עפּעס אַריין אין יונג־קינדערשן יידישן הערצל, וואָס האָט אים געשטאַרקט און פאַרבליבן אויף שטענדיק ?...

מיין בעסטער חבר אין די קינדער־יאָרן אין פּינטשעוו איז געווען קלמן גרושפּס הי״ד. דערמאָנט זיך די גאַנצע האַרציקע פאַמיליע, דבורה און מרים, חיים און קלמן גרושפּס. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם ווינטער־טאָג, מיטן טיפן שניי אויף די גאַסן, ווען ס׳איז פאָרגעקומען די לוויה פון מיין פאָטער ע״ה אויפן פּינטשעווער בית־עולם. איך בין אַלט געווען עפּעס מער ווי זעקס יאָר. האָב איך דען געקאָנט באַגרייפן אין פולן באַדייט, וואָס עס הייסט טויט ?... איך האָב געוויינט און געפילט, אַז אַ גרויסע ענדערונג איז פלוצלינג פאָרגעקומען אין אונדזער לעבן. דבורה האָט מיך דעמלט אָנגענומען פאַרן הענטל, אַרויפגעפירט אין זייער וווינונג און מיט כוח מיר געשטופּט עפּעס עסן אין מויל אַריין. איך האָב נישט געהאַט קיין הונגער און נישט געפילט דעם טעם פון עסן...

לעבנדיק אין לאָדזש, איז אונדזער משפחה געבליבן פאַרבונדן מיט פּינטשעוו. כמעט אַלע פּינטשעווער יידן, וועלכע זענען געקומען קיין לאָדזש, געשעפטלעך, צי אויף צו באַזעצן זיך, האָבן ראשית־כל אונדז באַזוכט. ווען כ׳בין אונטערגעוואַקסן, האָב איך זיך כסדר געטראָפן מיט פּינטשעווער אין דער גמילת־חסדים־קאַסע פון די פּינטשעווער לאַנדסלייט אין לאָדזש, אויף די גאַסן זאַכאָדניע און אָגראָדאָוואַ. יעדן זונטיק פלעגן זיך דאָרט צוזאַמענטרעפן די פּינטשעווער לאַנדסלייט, פאַרברענגען צוזאַמען אין זכרונות, אָפּנעמען גרוסן פון שטעטל און זיך אונטערהאַלטן ביז שפּעט אין אָוונט.

אַזוי האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, צונויפגעבונדן, אַמאָל, די פּינטשעווער לאַנדסלייט אין לאָדזש. אַזוי איז עס געווען איבעראַל, ווו דער גורל האָט נאָר פאַרטראָגן אונדזערע לאַנדסלייט, אין וואַרשע, און אַפילו אין ריזיקן ניו־יאָרק. מען טרעפט זיך, מען האַלט זיך צוזאַמען, מען טרייסט זיך קעגנזייטיק אין טעג פון ליידן און מען טיילט זיך מיט די פריידן.

יהושע הפטר

מקורות הפרנסה בפינצ׳ב שלפני השואה

העיר פינצ׳ב היתה מפגרת במקצת מבחינת מקורות הפרנסה, בעיקר משום שהיתה מרוחקת ממסילת הברזל ורכבת לא עברה דרכה. לפיכך לא יכלה פינצ׳ב להתפתח כעיר תעשייתית ואף חיי המסחר לא הגיעו בה להיקף גדול. היהודים ברובם התעסקו במסחר הזעיר. רבים הסתובבו בכל ימות החול בכפרים וקנו אצל הכפריים מצרכים שונים — עורות בלתי מעובדים, נוצות, שערות־חזיר וכדומה — ואת אלה מכרו לסוחרים גדולים יותר בקראקא או בווארשה. אף היו בעלי מלאכה בעיר. אלה עבדו מבוקר השכם עד מאוחר בערב עם הפסקה בין מנחה למעריב. אחרים התפרנסו מיום השוק, שהתקיים בפינצ׳ב פעם בשבוע ובו הביאו הכפריים למכירה מתוצרתם החקלאית. פרנסות אלו ודאי שלא היה בהן כדי לאפשר חיי רווחה ורוב יהודי פינצ׳ב חיו איפוא בדחקות.

לפי המושגים של העיר פינצ׳ב, נחשב סבי, משה יענקל הפטר, ליהודי אמיד. פרנסתו היתה על מעיים, שקנה מבית המטבחיים, ניקה אותם וייבשם ומכרם לבתי חרושת לנקניק. לשם כך החזיק בית־מלאכה פרימיטיבי בחצר. היה יהודי ירא־שמים, למדן שחונך על חיי תורה ואמונה. התרחק מהבלי העולם הזה וכל מעשיו לשם שמים. חי חיים צנועים עם סבתי רבקה׳לי, שאף היא היתה צדקת וישרה בכל דרכיה. התמסרו בעניין מיוחד לחינוך נכדיהם מבנם הרשל, זה אבי, כי כולנו גרנו יחד בבית אחד ובפרוזדור אחד. גם אבי חי חיים שקטים וצנועים ופרנסתו על חנות המכולת, שניהל יחד עם אמי שרה׳לי באותו בית שבו גרנו.

עם חדירת הרעיון הציוני לפינצ׳ב, הלך לאורו גם אבי ונעשה עסקן בתנועת „המזרחי״. היה בין מייסדי בית־הספר „יבנה״ לבנים, שחינך דור חלוצי־מסורתי לציון. גם אחי ישראל ואני למדנו בבית־ספר זה. אחי ישראל עבד עוד בפקידות בבנק אחרי שגמר חוק לימודיו, ואילו אני הוספתי ללמוד בבית־ספר זה עד לפרוץ המלחמה, כשגייסות היטלר ימ״ש הגיעו גם לפינצ׳ב והחריבו את הכל וגירשו את כל יהודיה לטרבלינקה.

פרידא הימלבלאו (קאָזע) (רמת־גן)

אונדזער יוגנט אין פינטשעוו

די פינטשעווער יידישע יוגנטלעכע האָבן געלערנט, פון איין זייט, אין חדר, און פון דער צווייטער זייט, אין דער פוילישער פאָלקס־שול. עס איז אין שטאָט אויך געווען אַ פוילישע גימנאַזיע, אַ מלוכהשע, אָבער עס האָבן דאָרט געלערנט זייער ווייניק יידן. איך דערמאָן מיר בלויז צוויי יידישע גימנאַזיסטן אין דער פינטשעווער מיטל־שול — וואָלף קינרוס און עדעליסט. ביי דעם גרעסטן טייל יידישע קינדער האָט זיך די וועלטלעכע בילדונג געענדיקט מיט דער מלוכהשער פאָלקס־שול.



פרידאַ הימלבלאַו

נאָכן ענדיקן די פאָלקס־שול זענען די יוגנטלעכע אַריינגעטראָטן אין די פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס, צום מערסטן אין די ציוניסטישע. אין פינטשעוו זענען געווען טעטיק אָרגאַניזאַציעס פון אַלע ריכטונגען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. נעבן זיי איז אויך געווען טעטיק אַן אומלעגאַלע קאָמוניסטישע באַוועגונג, וועלכע האָט צוגעצויגן פיל יידישע יוגנטלעכע.

אַלע כמעט אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַט אייגענע ביבליאָטעקן. עס איז אויך געווען טעטיק, ביי דער אָרגאַניזאַציע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, אַ דראַמאַטישער קרייז, אונטער דער אָנפירונג פון לייבל גאָלד.

אין די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָט די יוגנט באַקומען אַ נאַציאָנאַלע דערציאונג און זיך אויך גייסטיק אַנטוויקלט. די אָרגאַניזאַציעס פלעגן איינאָרדענען קעסטל־אָוונטן, אויף וועלכע עס זענען באַלויכטן און דיסקוטירט געוואָרן

די ברענענדיקסטע פּראָבלעמען, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדענונג אין יידישן און אַלגעמיינעם לעבן; פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע, און אויך קול־טור־ און ליטעראַטור־פראַגן. עס זענען פאָרגעקומען דיסקוסיעס וועגן פאַרשידענע ביכער, אויף ליטעראַרישע, וויסנשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס. גלייכ־צייטיק זענען אויך פאָרגעקומען טאַנץ־אָוונטן און אַנדערע פאַרוויילונגען.

נישט קוקנדיק, וואָס די יידישע יוגנט איז אין די אָרגאַניזאַציעס געקומען פון דער פּוילישער שול, ווו די לערן־ און אומגאַנג־שפּראַך איז געווען דורכאויס פּויליש, האָט מען אין די אָרגאַניזאַציעס גערעדט יידיש און די אומגאַנג־שפּראַך ביי דער יידישער יוגנט אין שטעטל, אין די היימען, ווי אויף דער גאַס, איז שטענדיק געווען יידיש.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פלעגן יאָר־יערלעך איינאָרדענען, כ׳ בתמוז, יאָרצייט־אַקאַדעמיעס נאָך הערצלען און ביאַליקן. עס פלעגן אַרויסטרעטן אָרטיקע רעדנער, אָדער איינגעלאַדענע פון אויסער דער שטאָט. עס גדעדנקט זיך מיר דאָס ליד, וואָס מען פלעגט זינגען אויף די אַקאַדעמיעס: „נישטאָ שוין, נישטאָ שוין הערצל (אָדער ביאַליק) מער / דער הימל, דער הימל האָט זיך איינגעהילט אין שוואַרצן, / און מען זעט אים שוין נישט מער, / מען זעט אים שוין נישט מער...״.

צווישן די אָנגעזעענע רעדנער פון וואַרשע דערמאָנט זיך מיר זרובבל, וועל־כער איז, אין די צוואַנציקער יאָרן, עטלעכע מאָל געווען אין פינטשעוו, ווי דער גאַסט פון זיין פּאַרטיי, די „לינקע פּועלי־ציון״. געקומען אים הערן אָבער זענען מענטשן פון אַלע שאַטירונגען און ער האָט געהאַט גרויס דערפאָלג, ביי דער יוגנט, ווי ביים עלטערן דור.

אַ גאָר גרויסן דערפאָלג פלעגט האָבן אין פינטשעוו דער מנהיג פון פּוילישן יידנטום, יצחק גרינבוים, וועלכער פלעגט קומען ספּעציעל פאַר די וואַלן צום סיים.

דאָס איז געווען די עפּאָכע צווישןביידע וועלט־מלחמות. אונדזער יוגנט אין פינטשעוו איז געווען אין דער מערהייט דורכגענומען מיט אַ נאַציאָנאַלן גייסט. זי האָט זיך איבערגענומען מיט דער ציוניסטישער אידייע און נישט בלויז גע־טרוימט וועגן אַ יידישער מדינה אין היסטאָרישן פּאַטערלאַנד, נאָר זיך טאַקע געריסן, געוואָלט עולה זיין קיין ארץ־ישׂראל. אָבער בלויז אַ קליינער טייל האָט דערצו זוכה געווען, ווייל די ענגלישע מאַנדאַט־מאַכט האָט אין דעם געשטערט. עס איז דער יידישער יוגנט בכלל געוואָרן אַלץ ענגער אין פינטשעוו, זי האָט געוואָלט מער, ווי פינטשעוו האָט איר געקאָנט געבן. ווען די טויערן פון ארץ־ישראל זענען געווען געשלאָסן, האָט מען זיך געריסן אין דער ווייטער, ברייטער וועלט אַריין. מעגלעך, אַז אין דעם איז געווען אַ געוויסער אינסטינקטיווער פאַר־

געפיל וועגן דער זיך־דערנענטערנדיקער קאַטאַסטראָפע. מען האָט געוואָלט אַוועק — אָבער בלויז אַ קלײנער טײל האָט באַוויזן דאָס דורכצופירן און אַזוי אַרום געראַטעוועט זיך פון דער קאַטאַסטראָפע. די נאַציאָנאַלע און גייסטיקע דער־ציאונג, וואָס אונדזער יוגנט האָט באַקומען אין די יידישע אָרגאַניזאַציעס, האָט זיך שפּעטער אָפּגעשפּיגלט אין איר קאַמף און ווידערשטאַנד קעגן די נאַצי־מערדער. די דאָזיקע דערציאונג אין פּינטשעוו, ווי אין אַנדערע שטעטלעך, האָט דערצויגן די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, די פּאַרטיזאַנער און קעמפער אין די לאַגערן, וואָס האָבן מיט שטאָלץ און גבורה פאַרטיידיקט דעם יידישן כבוד. און די, וואָס זענען לעבנגעבליבן פון די געטאָס און קאַצעטן, האָט מען שפּעטער גע־זען אָנקומען מיט שיפן צום פּאָרט פון חיפה און ביים אויסברוך פון דער באַפרײַ־אונגס־מלחמה פון ישׂראל, זענען הונדערטער פון זיי גלייך פון פּאָרט אַוועק אויפן פראָנט, ווו אַ סך פון זיי זענען העלדיש געפאַלן אין קאַמף, נישט זוכה־זייענדיק אַפילו צו זען דאָס אויסגעטרוימטע לאַנד.

די ערשטע בילדונג פאַר יידישע מיידלעך

יינגלעך האָבן באַקומען זייער ערשטע בילדונג אין די חדרים, אין וועלכע זיי האָבן געלערנט פון דער פריסטער יוגנט אָן. מיידלעך, אָבער, האָבן זייערע ערשטע קענטעניש דערוואָרבן אין דער היים, ביים טאַטן און ביי דער מאַמען. מען פלעגט לערנען דעם מיידל מאַכן אַ ברכה, זאָגן קריאת־שמע, די ערשטע תפילות פון אַ סידור. שרייבן האָט מען אין דער היים געלערנט דעם מיידל פון אַ „בריוון־שטעלער" — קיין אַנדערע לערן־ביכלעך זענען נישט געווען. ווען דאָס מיידל איז געוואָרן אַ ביסל עלטער, האָט מען זי ערשט געשיקט לערנען ביי אַ לע־רער, צי אַ לערערין.

מיין ערשטע אונטעריכט האָב איך באַקומען ביי יעקב לערער. אין זיין „שול" איז מען אַריינגעקומען דורך אַ געוועלבל פון מילכיקס, וואָס זיין ווייב האָט געפירט. פונעם געוועלבל איז מען דורך אַ לייטער אַרויף אויף אַ בוידעם־שטיבל, ווו עס איז געווען איינגעאָרדנט די „שול". מען איז געזעסן אויף צוויי לאַנגע בענק נעבן אַ גרויסן טיש. ביי דער זייט איז געשטאַנען אַ שוואַרצער קופערט, געקאָוועט מיט אייזן, וועלכער האָט געדינט אַלס — טאָוול. אויפן קופערט האָט יעקב לערער געשריבן מיט קרייד דעם אלף־בית, וואָס מיר האָבן זיך געלערנט נאָכשרייבן אין אונדזערע העפטן. ווי לאַנג איך האָב דאָרט געלערנט געדענק איך נישט און כ׳בין פון דאָרט אַריבער אין אַ „העכערער שול", וואָס כ׳וואָלט אָנגערופן „שפּראַך־שול",

ווּ די לערערין איז געווען רייזל אָזשעראָווסקע. די בילדונג פון רייזלען אַליין איז געווען זייער אַ באַגרענעצטע, כ׳צווייפל צי זי האָט אַפילו געענדיקט אַ פאָלקס־שול. איר מוטער איז געווען אַן אָרעמע אַלמנה און זי האָט געגרינדעט די „שול", כדי דערמיט צו העלפן דער מוטער אין דער פּרנסה. די מוטער אַליין פלעגט איינמאָל אין וואָך, אין די מאַרק־טעג, שטיין אויפן מאַרק און האַנדלען; אין די איבעריקע טעג האָט זי געהאָלפן רייזלען אין דער שול. רייזל האָט מיט אונדז געלערנט לשון־קודש און דייטש. די מוטער אירע האָט אונדז אין אַ גרויסן סידור געלערנט דאַווענען.

רייזל האָט געהאַט איין לערן־ביכל פון העברעיִש, וואָס איז געווען אַן אָנפאַנג־ביכל מיט בילדער און אונטערשריפטן אין עברית. ווי לעבעדיק שטייען



תלמידי ביה״ס העירוני בפינצ׳ב בשנת 1917

שילער פון דער שטאָטישער פאָלקס־שול אין פּינטשעוו אין 1917

עס שטייען פון לינקס צו רעכטס: פריבע קאַרמיאָל, רחל פעלדמאַן, אַלטע מאָסאַש, פייגל בעלפער, פעסל בעלפער, פערל פרידמאַן, מאַש, פייגעלע, עשטשע קוואַשניעווסקי, פעסל קראזמינץ, שיינדל, עטל ווייספעלד, רחל סאַלעוויץ, גיטל ערנרייך, אידעס פיינער, עלקע יאַסני, שרה עדעלמאַן, ברײַנדל עדעלמאַן, שפרינצע עדעלמאַן, קריינדל זאַלצמאַן, מרים מלינאַרסקי, פרימעט ערליך, רייזעלע וורעצלאַווסקי, חוה פרימערמאַן, רחל וורעצלאַווסקי, פערעלע פישלינסקי, קריינדעלע קיפקאָוויץ, ביילע שוויצאַרציק, ביילע יענטל פישעל, פאָלעס אַן אייניקל, דינה באָרענשטיין, אסתר פיינער, שיינדל ווייספעלד, בראָנטשע לעדערמאַן, לאה שידלאָווסקי, פייגעלע יאַקאָבאָוויטש, עלקע אייזיקאָוויטש, לאה גראָשעפּס, באַלטשע קויפמאַן, דינה אייזיקאָוויטש, חוה ווייספעלד.

מיר נאָך איצט פאַר די אויגן די צייכענונגען אין דאָזיקן ביכל: אַ טיש מיטן אונ־טערשריפט „שולחן", אַ באַנק — „ספסל", אַן עפּל — „תפוח"... מיר האָבן זיך וויניק אויסגעלערנט העברעיש און דייטש, צי שפּעטער פּויליש, אין די דאָזיקע „שולן", אָבער יידיש, מאַמע־לשון — האָבן מיר יאָ זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן. און כאָטש מיר האָבן די דאָזיקע „שולן" שנעל פאַרלאָזט, מען האָט זיך אַפילו גיך אָנגעהויבן שעמען זיי צו באַזוכן — האָבן מיר פון זיי אַרויסגע־טראָגן אַ ליבע צום יידישן בוך און גלייך נאָכן אויסלערנען זיך לייענען יידיש — געוואָרן סטאַבילע לייענערינס אין די ביבליאָטעקן, געגומען פּשוט, ווי מען זאָגט, „שלינגען" ביכער. און ווער עס האָט קיין העכערע און אַנדערע שולן נישט געקאָנט באַזוכן, זענען טאַקע די ביכער געווען אַ מקור פאַר בילדונג און וויסן. אַזעלכע מיידלעך, וואָס האָבן קיין רעגולערע שול נישט דורכגעמאַכט, זענען ביי אונדז אין פּינטשעוו געווען זייער אַ סך.

שמריהו ווייץ (פּתח־תקוה)

מיין טאַטע, דער מלמד

מיין פאָטער סענדער — אַלעקסאַנדער — ווייץ ז"ל, איז געווען אַ מלמד פון חומש מיט רש"י און גמרא. מיר האָבן געוווינט אויף דער בוסקאָ־גאַס. דער טאַטע איז געווען מנהל פון חדר „יסוד התורה" פון דער קהילה, וואָס האָט זיך געפונען אויפן שיל־הויף.

דער טאַטע איז געווען אַ פּינטשעווער געבוירענער און געשטאַמט פון אַ חסי־דישער פאַמיליע. ער איז געווען זייער אַ פרומער. ער פלעגט אָפּריכטן „חצות" און פאַרטאָג געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין צו זאָגן תהלים. ער פלעגט פאַרטאָג וועקן אונדז, קינדער, מיר זאָלן מיטגיין צו תהלים־זאָגן. ער איז געווען אַ קוזמירער חסיד און אָפט געפאָרן צום רבין.

מיין מוטער, רבקהלע, האָט געשטאַמט פון וואַרשע. מיר זענען געווען פיר קינדער, דריי יינגלעך און איין מיידל; איך בין געווען דער בן־זקונים. טאַטע־מאַמע, דער עלטסטער ברודער און די שוועסטער זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס.

ביי מיינע עלטערן זענען אין די ערשטע יאָרן נאָך זייער חתונה עטלעכע קינדער כסדר געשטאָרבן יונגערהייט. דער טאַטע האָט מיר דערציילט, אַז ער איז דאַן געפאָרן נאָך אַ סגולה צום רבין, ר׳ מאָטעלע, דעם טריסקער מגידס אַן אייניקל. האָט אים דער רבי געהייסן אַראָפּגיין 12 אַזייגער ביינאַכט אין קעלער אַריין, אויס־גראָבן אַ גרוב, אַ קבר און „קובר זיין ס׳מזל״ און זאָגן אויפן קול קדיש. דער טאַטע האָט אַזוי געטאָן און דאַן „איז טאַקע געבליבן לעבן דער עלטסטער זון און שפּעטער — נאָך דריי קינדער קיין עין־הרע...״ — האָט דער טאַטע דערציילט און געלויבט דעם רבינס מופתים.

שבת נאָכמיטאָג פלעגט דער טאַטע לערנען מיט יידן אין שיל פּרק און מדרש.

איך האָב צוגעהאָלפן יונגערהייט דעם טאַטן אין חדר.

ווען ער פלעגט זיינע קינדער זען רעדן צווישן זיך, האָט ער זיי געשטערט: „מען טאָר נישט רעדן, ווייל דאָס ברענגט צו לשון־הרע... נעמט בעסער אַ ספר און קוקט אַריין״. ער איז טאַקע געווען אַ שתקן, זייער ווייניק גערעדט. ער האָט אויך ווייניק געגעסן, ווייל „אַ ייד טאָר נישט האָבן קיין הנאה אויף דער וועלט...״. „תיקון חצות״ פלעגט ער אָפּריכטן — זיך לייגנדיק אויפן האַרטן טיש, אָדער גאָר אויף דער פּאָדלאָגע.

ווען איך בין אַרויס „לתרבות רעה״, אויסגעטאָן דאָס טראַדיציאָנעלע קיילעכ־דיקע היטעלע און אַהיימגעקומען מיט אַ „ליסיפּעדקע״ אויפן קאָפּ, האָט דער טאַטע, דערזעענדיק מיך, פאַרבראָכן מיט די הענט און אויסגערופן:

„ווי איז צו מיר ... גייסט אַראָפּ פון גלייכן וועג? כ׳וועל דאָך דיך סיי־ווי נישט דערלאָזן איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר אין גהינום אַריין...״.

„וואָס רעדסטו, טאַטע?״ — האָב איך געענטפערט — „דער פרומסטער ייד איז דאָך נישט זיכער מיט גן־עדן...״.

„אָבער דו טראָגסט מיין טאַטנס ז״ל נאָמען...״ — האָט דער טאַטע געענט־פערט ציטערנדיק, און טרערן האָבן אים גענומען רינען פון די אויגן.

כאָטש אין מיין טאַטנס הויז האָט קיינמאָל נישט געהערשט קיין עשירות, פלעגט ער שטענדיק אַהיימברענגען פון בית־המדרש אורחים — אָרעמעלייט, מדינה־גייער. ער האָט, צוזאַמען מיט ר׳ שלמה פּאַפּיעראָשניק, געגרינדעט די חברה „הכנסת אורחים״. זיי האָבן צו דעם צוועק געזאַמלט געלט און געשאַפן אַ פאָנד, פון וועלכן זיי האָבן געדונגען אַ צימער און אים איינגעאָרדנט פאַר אַ שלאָפצימער פאַר אָרעמע אורחים. דאָס צימער פון „הכנסת אורחים״ האָט זיך געפונען נישט ווייט פון שיל־הויף, אין זעלבן הויז, ווו עס איז געווען דאָס „וואַר־שעווער שטיבל״.

מיין ברודער, אלתר, און די לינקע פועלי־ציון

מיין ברודער אַלתר איז גאָר יונג אַוועק פון טאַטנס תורה־וועגן. ער איז געוואָרן מיטגעריסן מיט דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג און געוואָרן טעטיק אין דער פּאַרטיי פון די לינקע פּועלי־ציון. דאַן האָט ער זיך גענומען לערנען שניידעריי ביי יאַנקל זאַק. ווען מיין פּאָטער איז וועגן דעם געוווּיר געוואָרן, איז ער צו צו זאַקן אין בית־מדרש און אים געמאַכט אַ סקאַנדאַל, אַז ער פירט אַראָפּ זיין זון פון דרך־הישר... „שניידעריי איז נאָר פאַר ווייבער...״ — האָט ער געשריגן.

אָבער עס האָט דעם פּאָטער נישט געהאָלפן. מיין ברודער אלתר איז געוואָרן אַ דאַמען־שניידער און דער הויפּט־פירער פון די לינקע פּועלי־ציון אין פּינטשעוו. ער איז געווען פּאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע; וויצע־פּאָרזיצער — שלמה ווייס־פעלד; צווישן די טוער דערמאָן איך זיך שמעון ראָטענבערג (איצט אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן). די אָרגאַניזאַציע פון לינקע פּועלי־ציון איז געגרינדעט געוואָרן אין פּינטשעוו אַרום יאָר 1926. זי האָט געהאַט אַן אייגענעם לאָקאַל, דוכט מיר אויף בוסקאָ־גאַס.

צו דער אָרגאַניזאַציע פלעגן קומען טוער פון וואַרשע. זיי פלעגן דאַן איינשטיין ביי מיין ברודער אַלתר. עס איז עטלעכע מאָל געווען יעקב זרובבל — איך דערמאָן זיך זיינעם אַ רעפעראַט אין קינאָ „באַיקאַ״. איינמאָל איז געקומען צו זיי דער שרייבער יואל מאַסטבוים. איך האָב דעמלט פּונקט געגעכטיקט ביי מיין ברודער. געדענק איך, ווי מאַסטבוים איז געקומען נאָכן רעפעראַט און זיך געלייגט שלאָפן, אָבער שפּעט אין דער נאַכט אויפגעשטאַנען און זיך געזעצט שרייבן — אַ זאַך, וואָס מיר האָבן דערנאָך לאַנג קאָמענטירט.

מיין ברודער איז אויך געוואָרן אַ טעטיקער אַנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדיסט. ער האָט אויף דער טעמע געהאַלטן רעפעראַטן און איך דערמאָן זיך איינעם פון זיי א. ד. ט. „רעליגיע און גלויבן״. ווי דאָס האָט געווירקט אויף אונדזער שטרענג־פרומען פּאָטער איז זיך לייכט פאָרצושטעלן. איינמאָל איז געשען אָט־וואָס: אלתר איז געווען אין לאָדזש און אַרויסגעפאָרן מיט דער באַן, וואָס האָט געדאַרפט אָנקו־מען קיין פּינטשעוו פרייטיק נאָכמיטאָג. אויפן וועג איז אָבער דער לאָקאָמאָטיוו קאַליע געוואָרן און דער צוג, מיט מיין ברודער, איז אָנגעקומען אין שטעטל אַריין שבת אינדערפרי... מיין פּאָטער איז וועגן דעם, פאַרשטייט זיך, באַלד געוווּיר געוואָרן און אין דער משפחה האָט זיך געטאָן חושך צוליבן חילול שבת.

ביי די לינקע פּועלי־ציון האָט עקזיסטירט אַן אַמאַטאָרן־קרייז, וועלכער האָט אויפגעפירט טעאַטער־פאָרשטעלונגען. מיטן קרייז האָט אָנגעפירט און געווען זיין

רעזשיסיאָר אַ קיעלצער בחור, ראַבינאָוויטש, וועלכער האָט געאַרבעט אין אַ פאַבריק פון סאָדע־וואַסער אין פינטשעוו. צווישן די אַמאַטאָרן־שפּילער פון דאָזיקן קרייז זענען אויך געווען דער אויבנדערמאָנטער שמעון ראָטענבערג און זאב כרמי. איך געדענק זייערע אויפירונגען פון „יידישן קעניג ליר" און לייוויקס „גולם" — אין קינאָ־זאַל „באַיקאַ". יעדע פאָרשטעלונג פונעם דראַמקרייז איז געווען אַ יום־טוב אין שטעטל.

מיין ברודערס פרוי, פייגל־וויטע אייזיקאָוויטש, איז געווען אַ פינטשעווער טאָכטער, אירע עלטערן האָבן געוווינט אויף דער קראָקעווער גאַס. זי איז אויך געווען אַ טוערין ביי די לינקע פּועלי־ציון און מיטגעשפּילט אין דראַמקרייז. זיי האָבן זיך טאַקע באַקענט אין דער אָרגאַניזאַציע.

מיין ברודער אלתר איז אַוועק פון פינטשעוו אַרום יאָר 1934, געוווינט ביי דריי יאָר אין וואַרשע און זיך אַריבערגעצויגן אין טאַרנאָווסקיע גורי. ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער צוריקגעקומען מיט זיין פאַמיליע קיין פינטשעוו און געטיילט דעם גורל פון אונדזער גאַנצער קהילה.

ביי די לינקע פּועלי־ציון אין פינטשעוו איז אויך געווען אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען מיין קוזין יעקב, אַ זון פון מיין פעטער שמעון ווייץ, וועלכער האָט געהאַט אַ „צוקערניע" אויף דער קראָקעווער גאַס. גלייך ווי די דייטשן האָבן פאַרנומען פינטשעוו, איז צו מיין פעטער אין „צוקערניע" אַריינגעקומען אַ דייטשער אָפיציר. יעקב האָט גענומען דיסקוטירן מיטן נאַצישן אָפיציר און אים געזאָגט, אַז „היטלער מוז פאַרשפּילן די מלחמה". דער נאַצי האָט אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער און יעקבן דערשאָסן אויפן אָרט, אין געשעפט, פאַר די אויגן פון זיין פאָטער. מיין קוזין איז דעמלט אַלט געווען אַ 27 יאָר.

אַ ביסל וועגן מיין לעבן

ביז דער עלטער פון 10 יאָר, דאָס הייסט, ביז אַרום 1926 האָב איך געלערנט ביי ר׳ הערצל מלמד. דאָס איז געווען אַ זייער פרומער, חסידישער ייד פון מיטעלער וווּקס, מיט אַ געלבלעכער באָרד. ביי אים האָבן געלערנט שוין „גרויסע בחורים", ביז צען יאָר, גמרא מיט תוספות.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָב איך מיט מיין ברודער מרדכי באַשלאָסן וואָס שנעלער זיך אַריבערצוקריגן אויף דער רוסישער זייט גרענעץ. דעם 7־טן סעפּטעמבער 1939 זענען מיר, זאַלבעדריט, מיין ברודער מרדכי, מיין צוקונפטיקע פרוי לאָלאַ זעבראָוויטש און איך, אַוועק פון פינטשעוו צופוס אויף מזרח. געיאָגט, באַשאָסן, ווי אַלע פּליטים דעמלט, זענען מיר דורך לאָשיץ און דראָהאָטשין, צוגעקומען צום בוג און אַריבער אויף דער סאָוויעטישער אָקופּירטער טעריטאָריע.

מיין ברודער מרדכי לעבט היינט אין סאָוויעטישן ווילנע.

איך מיט מיין פאַמיליע זענען, אַלס אַמאָליקע פּוילישע בירגער, רעפּאַטריאירט געוואָרן אין 1956, פון ראַטנפאַרבאַנד קיין פּוילן, פון וואַנען מיר האָבן עולה געווען קיין ישׂראל.

✶

מיין שוועסטער רחל האָט חתונה געהאַט אין פּינטשעוו מיט משה קאַרמיאַל, אַן אָנגעשטעלטער אין פּינטשעוו. זיי האָבן געהאַט איין קינד. זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט אונדזערע עלטערן, דורך די נאַציס.

מרדכי שוואַרץ

מיינע פּינטשעווער מלמדים

די פּינטשעווער מלמדים האָבן, ווי אין אַלע יידישע שטעטלעך אין אַמאָליקן פּוילן, דערציִען גאַנצע יידישע דורות. זיי זענען אויך ביי אונדז געווען ווייט פון זיין פּעדאַגאָגן אין מאָדערנעם זין, אָבער דאָך האָבן זיי אויסגעאיבט אַן אומגע־הויערן איינפלוס אויף דער געשטאַלטונג פונעם כאַראַקטער פון די יידישע קינדער און יוגנטלעכע אין שטעטל און דורך דעם, אומדירעקט, באַאיינפלוסט דאָס לעבן אין שטעטל בכלל. די מלמדים אונדזערע האָבן זיך זיכער אַליין נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג פון דער גרויסער ראָל, וואָס זיי שפּילן אין לעבן פון זייער קהילה, אויסער דאָס דירעקטע אויסלערנען „עברי״, חומש און גמרא די „פאַרשטאָפּטע גויאישע קעפּ״...

איך האָב, ווי די מערהייט פון מיין דור אין פּינטשעוו, דורכגעמאַכט אַ גאַנצע גאַמע פון חדרים און האָב זיי צו פאַרדאַנקען פיל פון מיין דערציאונג און יידישן וויסן. וויל איך פאַרצייכענען די בילדער פון אייניקע מלמדים און זייערע חדרים, ווי איך געדענק זיי פון מיין קינדהייט.

✶

אין דער עלטער פון דריי יאָר האָב איך אָנגעהויבן לערנען ביים דרדקי־מלמד מענדל האָעז. זיין חדר האָט זיך געפונען אין ראָג גאַס, וווּ ס'איז אַמאָל געווען

דער פערד־מאַרק, אַנטקעגן בן־ציון קלעזמער. דער חדר איז באַשטאַנען פון איין גרויסן צימער, אַן אַ פּאָדלאָגע און מען האָט שטענדיק געטאָפּטשעט אין זאַמד און בלאָטע... די קינדער זענען געזעסן אַרום אַ גרויסן טיש, אויף בענק פון פּשוטע ברעטער. מענדל מלמד איז געווען זייער אַ קורצזיכטיקער. דעם טייטל, וואָס ער האָט שטענדיק געהאַלטן אין האַנט, האָט ער אָפט, נישט זעענדיק, אַוועקגעשטעלט אויף אַ שלעכטן פּלאַץ אין געעפנטן סידור; דאָס קינד פלעגט אַרויסלייענען דאָס, וואָס דער טייטל ווייזט, פאַרשטייט זיך, און נישט וואָס ר׳ מענדל האָט אין זינען געהאַט... איז דעמלט געווען אַ רחמנות אויפן יינגעלעס אויערן — מענדל האָט זיי אומרחמנותדיק געריסן, שרייענדיק: „ווו קוקסטו, וואָס קלערסטו, שייגאַץ?...״

אין מיין צייט איז ביי מענדל מלמד געווען „בעלפער״ אַ זייער הויכער שטאַר־קער בחור, לייבל. ווען אַ קינד האָט די ערשטע צייט נישט געוואָלט גיין אין חדר אַריין, איז לייבל בעלפער געקומען עס נעמען פון שטוב. ער פלעגט אַ כאַפּ טאָן דאָס דריי־יאָריקע קינד אונטער זיין אָרעם, ווי עפּעס אַ פּעקל. דאָס קינד האָט געוואָרפן מיט די הענטלעך און פיסלעך, זיך געריסן, געוויינט און געשריגן, אָבער דער בעלפער האָט עס רואיק געטראָגן דורך די גאַסן, אַפילו נישט פרווונדיק עס איינשטילן; געקומען אין חדר, האָט ער עס אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק, אַריינ־געצימבלט דערביי אַ פּאָר לייטישע פּעטשלעך.

צוויי יאָר האָב איך געלערנט ביים דרדקי־מלמד און דאַן אַריבער אויף ווייַ־טערדיקע צוויי יאָר צו ר׳ מאָטל מלמד, ווו מען האָט שוין געלערנט חומש מיט רש״י.

דאָ האָט מען געלערנט אַ גאַנצן טאָג, אָן איבערייס, פון 8 אַזייגער פרי ביז 9 אין אָוונט. עסן פלעגן די מאַמעס ברענגען אין חדר אַריין. ביינאַכט פלעגט מאָטלס ווייב, די „רביצין״, אָפּפירן די קינדער אַהיים, ווייל ס׳איז דאָך געווען שוין פינצטער און זיי האָבן מורא געהאַט צו גיין אַליין דורך די נישט־באַלויכטענע גאַסן. די רביצין האָט באַלויכטן דעם וועג מיט אַ בלעכענעם לאַמטערן, אין וועלכן ס׳האָט געברענט אַ חלבן ליכטל. דער ווינט פלעגט אָבער אָפט פאַרלעשן דאָס ליכטל. די 5—6־יאָריקע קינדער פלעגן דאַן טאַקע נעמען ציטערן, דערמאָנענדיק זיך די מעשיות וועגן טויטע, שדים, אָבער דאָך זענען שוין געווען צווישן אונדז „חברהלייט״, וועלכע האָבן נאָר געוואַרט אויף דער פינצטערניש — אויב ס׳איז געלעגן אַ שניי, האָט די מלמדיכע באַקומען שניי־קוילן אין קאָפּ אַריין, און ווען נישט קיין שניי — איז סתם אַ ביסל בלאָטע אין פּנים אַריין. אירע קללות פלעגן דאַן הילכן אין דער נאַכטיקער שטילקייט, — אָבער גיי כאַפּ די לאָבוזעס אין דער פינצטער...

מיין דריטער מלמד איז געווען חיים־יאָסעלע זאלב. זיין חדר איז געווען אַ ביסל ווייט פונעם צענטער שטעטל, אויפן וועג צום שעכטהויז. דער חדר האָט זיך געפונען אין אַ קעלער־שטוב, אַראָפּצוגיין עטלעכע טרעפּ פון פּאַרטער. די גאַנצע וווינונג איז באַשטאַנען פונעם הויפּט־צימער, ווו ס׳איז געווען דער חדר און אין וועלכן עס האָט אויך שטענדיק געהערשט אַ האַלבע פינצטערניש, דאַן אַ פינצטערער אַלקער — דאָס שלאָפצימער פון מלמד מיט זיין פרוי, און אַ קיך. אין דעם חדר זענען מיר שוין געווען גאַנצע „בחורים״, גמרא־ייִנגלעך פון אַ יאָר 6—8.



פינף פּינטשעווער יוגנט־חברים אין יאָר 1917

זיצן פון רעכטס: שוואַרץ מרדכי, ראַדזינסקי טוביה, יורעווישש נתן; שטייען: די ברידער מרדכי־לייב און בערל שלעדזשיק. פון דער גרופּע איז לעבן געבליבן בלויז מרדכי שוואַרץ אַדאַנק זיין עולה זיין קיין א״י; די איבעריקע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס.

דערמאָנט זיך מיר אַ מעשה מיט חנוכה־דריידלעך אין דאָזיקן חדר. דער רבי מיט דער רביצין זענען אַוועק אויף אַ ברית און מיר זענען געבליבן אַליין מיטן מלמדס קליינע קינדער. ס׳איז געווען פאַר חנוכה און מיר האָבן באַשלאָסן אויס־צונוצן דעם מלמדס אָפּוועזנהייט, כדי צו גיסן חנוכה־דריידלעך. מיט אונדז האָט דעמלט געלערנט דעם האָלץ־טאָקערס זון מעכל. ער איז געווען אַ הויכער, שטאַרק־געבויטער יינגל, מיט אַ געלן קאָפּ געקרייזלטע האָר און צוליב דעם האָט מען אים גערופן „פוקס״. ער האָט געבראַכט אַ האָלצערנע פאָרם צו גיסן חנוכה־דריידלעך און געווען דערביי אַ גאַנצער „מייסטער״. גלייך ווי דער מלמד מיטן ווייב זענען אַוועק, האָבן מיר זיך גענומען צו דער אַרבעט; מיר זענען פאָרויס געווען צו דעם צוגעגרייט. יעדער האָט געהאַט אין קעשענע אַ שטיקל צין, ווייל דעם מלמדס קליינע קינדער האָבן מיט אונדז מיטגעאַרבעט און געזאָגט פריִער ווען טאַטע־מאַמע וועלן נישט זיין. מיר האָבן אַריינגעשלעפּט אין קיך אַריין דאָס גאַנצע ביסל האָלץ, וואָס דער מלמד האָט אָנגעגרייט אויפן ווינטער, געשטופּט אין אויוון אַריין און אונטערגעצונדן, אַוועקשטעלנדיק אויף אַ פּייערקע אַ טעפּל מיט צין צום צעלאָזן. די „פּראָדוקציע״ פון דריידלעך איז געגאַנגען גאַנץ געשמאַק, אָבער אין קיך, און פון קיך איבער דער גאַנצער ווינונג, האָט זיך געהויבן אַן אַלץ גערדיכטערער רויך און גענומען פּשוט שטיקן. ס׳איז געוואָרן פינצטער פון רויך און פון דער אָנגעקומענער נאַכט. מיר האָבן נישט אָנגעצונדן דעם נאַפט־לאָמפּ, נאָר פאָרגע־זעצט אין דער טונקלקייט גיסן דריידלעך. מיר האָבן נישט באַמערקט, ווי דער רבי איז אַריינגעקומען און נישט געהערט, ווי ער האָט גענומען שרייען, זיך שטיקנדיק פון רויך. מיר האָבן אים דערפילט, ערשט ווען ער איז אַריין אין קיך מיטן קאַנטשיק אין האַנט און האָט מיט אים גענומען פאָכען איבער אונדזערע קעפּ. חיים־יאָסעלע מלמד איז געווען אַ נידעריקער און דיקער און זיך אונטער־געקייקלט אויף זיינע קרומע פיס. די יינגלעך האָבן געקאָנט אים „אונטערשטעלן אַ פיסל״, כדי ער זאָל זיך אויסגליטשן, אָדער יעדנפאַלס אָפּווענדן דעם קאַנטשיק אַזוי, אַז ער זאָל זיך אַראָפּלאָזן אויף אַ וואַנט, אָדער אין דער לופטן... סוף־כל־סוף האָט ער געכאַפּט דעם געלן מעכל, פאַרשטייענדיק, אַז ער איז דאָ דער הויפּט־מייסטער. מעכל האָט דעמלט באַקומען אַזוי פיל געשלאָגן און געשמיסן, אַז מיר האָבן געמיינט — ער בלייבט אַ טויטער... מעכל האָט אָבער קיין פּיפּס נישט געטאָן, נישט געוויינט און נישט געשריגן און דאָס האָט נאָך מער אויפגערעגט דעם רבין און דער קאַנטשיק האָט ווייטער „געאַרבעט״...

מיין ווייטערדיקער חדר איז געווען ביי ר׳ ברוך שוואַרץ. דאָס איז געווען דער העכסטער גמרא־חדר אין פינטשעוו. ער האָט זיך געפונען אויף דער זלאָטע־גאַס,


נישט ווייט פון בוסקער וועג. דאָס איז געווען אַן איין־צימערדיקע וווינונג, ביינאַכט זענען אין חדר געשלאָפן דער מלמד, זיין פרוי און זייערע פינף זין.

נאָך ר׳ ברוכס חדר, ווו מען האָט שוין געלערנט גמרא מיט תוספות, האָט מען אין פינטשעוו אויסגעקליבן איינעם פון די צוויי וועגן: אָדער לערנען אַ פאַך, אָדער ווייטער לערנען אין דער ישיבה אין גרויסן בית־מדרש. דאָ האָבן געלערנט דערוואַקסענע יינגלעך, וועלכע האָבן באמת געקענט לערנען. ראש־ישיבה איז געווען ר׳ יאָסל־זעליג, אַן אָרנטלעכער ייד און אַ גרויסער בקי אין תלמוד און אַלע מפרשים, און, פאַרשטייט זיך, — אַן אָרעמאַן אין זיבן פאָלעס.

מיינע חדר־„אוניווערסיטעטן" זענען איבערגעריסן געוואָרן מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אונדזער שטעטל האָט זיך געפונען אויף אַ סטראַטעגישן פונקט, צווישן טייכן און בערג, און האָט שטאַרק געליטן פון די מלחמה־אָפעראַציעס. דאָס יינגוואַרג איז זיך צעלאָפן, ווער אין די שכנותדיקע שטעטלעך, ווער אין די ווייטערע גרויסע שטעט. די חדרים, ווי די ישיבה, האָבן צייטווייליק כמעט נישט געהאַט קיין תלמידים — ווען די האַרמאַטן האָבן געשאָסן, האָט מען פאַרלאָזט די תורה...

***

אַזוי פיל יאָרן זענען פאַריבער זינט מיינע חדר־יאָרן אין אונדזער ליבן שטעטל. זינט דעמלט האָט זיך מער יידיש בלוט געגאָסן, ווי ס׳איז געפלאָסן וואַסער



נאָך די חדר־יאָרן...

דריי יוגנט־חברים פון פינטשעוו: פון רעכטס צו לינקס — מרדכי שוואַרץ, העניך בירמאַן, יוסף אָזשעראָווסקי

אין אונדזער באַקאַנטן נידאַ־טייכל נעבן פינטשעוו. אַ שרעקלעכער שונא האָט אומ־געבראַכט אונדזער יידיש פינטשעוו, צוזאַמען מיט די חדרים, זייערע מלמדים און אַלע־אַלע תלמידים זייערע. כ׳האָב קיינמאָל נישט פאַרגעסן די דאָזיקע אָרעמע פינצטערע חדר־שטיבלעך — אָבער צו מיין אומגעהויערן ווייטיק, האָב איך די גאַנצע יאָרן נישט געטראָפן מער קיין איין לעבעדיק־געבליבענעם חבר־תלמיד פון יענע יאָרן, מיט וועמען איך זאָל קאָנען כאָטש זיך אַוועקזעצן און אַרויסברענגען זכרונות פון יענע ווייטע יונגע זאָרגלאָזע יאָרן...

יחיאל קבשנייבסקי (חיפה)

תנועות בית״ר והצה״ר בפינצ׳ב

תנועת בית״ר נוסדה בעירנו בשנת 1928. מייסדיה היו קומץ בחורים, שבראשם עמד הֶרצֶגֶה מאַסאַזש, מיכאל איצקוביץ, חיים הרשברג ושמואל זיידנר. שנה לאחר מכן, בשנת 1929, הצטרפתי אני לתנועת בית״ר ביחד עם חלק מהכיתה שגמרה את לימודיה אצל אליעזר פינשטט, שהיה המורה לעברית היחיד בפינצ׳ב. כולנו באנו לא רק ממשפחות שומרות מסורת אלא אדוקות ממש, ולכן היינו צריכים להסתיר את השתייכותנו לבית״ר ולבוא לתנועה בהיחבא, כמעט במחתרת. אולם תקופה מסויימת לאחר מכן גברה הכמיהה לעליה בקרב תושבי העיר בכלל ובקרב הנוער בפרט, ולכן יכולנו כבר להעיז ולהצהיר בגלוי על שאיפותינו, לבוא בפומבי לתנועה ולקחת חבל בפעולותיה. ידענו שרק בדרך זו נוכל להגשים את מטרתנו ולעלות ארצה, וכי התנועה היא האמצעי היחיד המחשל את העם ומביא אותו למאבק למען ארץ־ישראל חפשית ומשוחררת משלטון זרים.

בשנת 1930—1931 לערך נוסדה על־ידי מייסדי בית״ר המבוגרים תנועת הצה״ר, ובמשך זמן קצר התחזקה התנועה מאד כאשר הצטרף לשורותיה המורה לדת של בית־הספר הפולני העממי, יצחק פינקלר מקיאֶלץ. ביוזמתו נוסדה אחר כך בפינצ׳ב גם תנועת „ברית החייל", וכמעט כל החיילים המשוחררים שבעירנו הצטרפו אליה.

עם ייסוד תנועת הצה״ר, כאשר כל מייסדי בית״ר המבוגרים עברו אליה, הורכבה מיפקדה חדשה לבית״ר כלהלן: יהושע שלדז׳יק — מפקד הקן, יחיאל



קבוצת בית״ר בפינצ׳ב — אַ גרופּע חברים פון בית״ר אין פינטשעוו

פון רעכטס צו לינקס, ערשטע ריי, זיצן: רויט, שרה־פּערל וואַסלאַווסקי, הערשל מיאַדאָווניק, הינדע ברענער, סענדער ווייספעלד, עטל ווייספעלד, יחיאל קוואַשניעווסקי; שטייען: הערינג, שרה־רויזע שלעדזשיק, מאַכעל איצקאָוויטש, ראָטענבערג, טויבע גאָלדבליט, מירל זשעלאָני, זילבערשטיין; דאָס קינד, וואָס זיצט אויף דער ערד, איז די טאָכטער פון הינדע ברענער.

קבשנייבסקי — סגנו, סנדר ויספלד — מזכיר, וישראל הפטר — גזבר. בהנהגה זו פיתחה תנועת בית״ר בעירנו פעילות רבה ותוך זמן קצר גברה מאד ונהייתה לתנועה השניה בגודלה בפינצ׳ב. הנהגה זו אף ייסדה נקודת הכשרה שהיתה היחידה בעיר. לאחר שמפקד הקן שהזכרנו, יהושע שלדז׳יק, עבר לעיר אחרת, מונה למפקד הקן מי שהיה אחד ממייסדיה — מיכאל איצקוביץ, אך גם הוא עזב את פינצ׳ב מטעמים משפחתיים. הורכבה אז מיפקדה חדשה, ובה מונה כותב שורות אלו למפקד הקן, סנדר ויספלד — סגן ומזכיר, ישראל הפטר — גזבר, וחיים וסלבסקי — קצין תורן. בהנהגת מיפקדה זו עמדה התנועה יפה במבחן, על אף האכזבות הרבות שבעיקרן נגרמו בשל אי־קבלת סרטיפיקטים למען גומרי ההכשרה הבית״רית — והיה מספר ניכר של חברים אשר ציפו לעליה לאחר גמר הכשרתם, וסרטיפיקטים אין. אולם התנועה עמדה איתן והחזקנו מעמד.

בראשית 1939 קיבלנו ידיעה חשאית מנציבות בית״ר בוורשה, כי הם מארגנים עליה בלתי־ליגלית ארצה. שלחנו מועמדים לעליה זו, ובתור הראשון אישרו את מועמדותי לעליה. ואמנם בסוף 1939, עשרה ימים לפני פלישת צבאות היטלר לפולניה, עליתי בחוף תל־אביב ליד „הבית האדום״, מול מלון „ריץ״ (שהיה קיים אז) — באניה הבלתי־ליגלית פ ר י ט ה.



בית״ר בפינצ׳ב — בית״ר אין פינטשעוו

די ערשטע ריי אונטן פון רעכטס: קאַרמיאַל, יאָסל בלום, אסתר פיינער, בעלאַ פּאָטאַשמאַן, שושנה, חוה מאסאש, שרה הערשבערג, מרדכי־לייב קפּאַשניעווסקי, אומבאַקאַנטער, אברהם דיאַמענד; צווייטע ריי, זיצן: מירעלע זיעלאָנע, הערצקע מאסאש, הירש דיאַמענד, ערליך, הינדעלע בראָנער, פון ווייסליץ; דריטע (שטייען): בערל, אומבאַקאַנט, אומבאַקאַנט, חיה ווייספעלד, הירש מיאָדאָוויק, רויזקע הערשקאָוויטש, רויזע שלעדזשיק, פאלע זיידנער, זיסעלע הערשקאָוויטש, ווייספעלד, גאלדליסט, חיים הערשבערג, סימע הערשקאָוויטש; די לעצטע ריי: ירחמיאל קראָנענבערג, זאב הערינג, שמואל פיינער, ווייספעלד, שמואל ראָטענ־בערג; פון הינטן: מרים קוואַשניעווסקאַ.

פרידאַ הימלבלאַו (רמת־גן)

מעדיצינישע הילף אין פינטשעוו

די ערשטע מעדיצינישע הילף, ווען עמעצער איז קראַנק געוואָרן, האָט געגעבן יוסף פעלדשער. ער האָט געהאַט אַ פריזיר־אַנשטאַלט אויף דער קראָקעווער גאַס. ער איז אויך געווען אַ „דענטיסט״ — געריסן ציין. אָבער זיינע דענטיסטישע

פּאַציענטן זענען געווען בלויז פּויערים פון די אַרומיקע דערפער. מען האָט דערציילט, אַז ער האָט ביי זיי געריסן די ציין מיט אַ געוויינלעכער צוואַנג, אָן אַן איינשפּריצונג קעגן ווייטיק, נאָר „אויף לעבעדיק". צי יוסף פעלדשער האָט געהאַט וועלכע עס איז אויסבילדונג אויפן מעדיצינישן געביט ווייס איך נישט — מסתמא נישט... זיין הילף, ווען מען האָט אים גערופן צו אַ קראַנקן, איז באַשטאַנען פון עטלעכע געציילטע רפואות: שטעלן באַנקעס, מאַכן אַ קאַנע, צולייגן אַ וואַרעמע שטאַרץ צום בויך, איינגעבן ריצנאייל, שטעלן פּיאַווקעס (דאָס איז געווען אַזאַ מין וואָרעם, וואָס האָט געזאָלט אויסזייגן ביים חולה דאָס „שלעכטע בלוט"). קיין אַנדערע רעצעפּטן, רפואות, האָט יוסף פעלדשער נישט פאַרשריבן. ווען יוספס רפואות האָבן נישט געהאָלפן, האָט מען ערשט גערופן צום קראַנקן דעם דאָקטאָר.

אין פאַל ווען די קראַנקייט איז געווען אַן ערנסטע און עס איז דעם חולה נישט בעסער געוואָרן אויך נאָכן דאָקטאָרס וויזיט, — איז מען געגאַנגען „איינרייסן". עס האָבן זיך צוזאַמענגענומען עטלעכע ווייבער, נאָענטע קרובות פון קראַנקן, די פרוי, טעכטער, שוועסטער, אָדער אַ מאַמע, אויב זי האָט נאָך געלעבט, און אַוועק אין בית־המדרש, צו בעטן דאָרט, פאַרן ארון־הקודש, אַ רפואה שלמה פאַרן קראַנקן. ווען די ווייבער האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איינרייסן, האָט מען זיי געהערט אין גאַנצן שטעטל. זיי פלעגן אַרויס פון חולהס שטוב מיט גרויסע געשרייען און געוויינען און אַזוי געגאַנגען איבער די גאַסן ביז צום בית־המדרש. צוקומענדיק צום בית־המדרש, האָבן זיי נישט געלייגט קיין אַכט, אויב מען האָט פונקט געדאַוונט, אָדער אַפילו געשטאַנען אינמיטן שמונה־עשׂרה, זיי פלעגן זיך דורכרייסן צווישן די מתפּללים, צום ארון־קודש, אים אויפעפענען און מיט גרויסע געוויינען געבעטן פאַרן געזונט פון זייער נאָענטן. אויב דעם קראַנקן איז נאָך אַלץ נישט בעסער געוואָרן, זענען די זעלבע ווייבער געגאַנגען איינרייסן קברים אויפן בית־עולם — מען האָט געבעטן פאַרן געזונט פונעם חולה נעבן קבר פון אַ קרוב, צי פון אַ „גוטן ייד".

פינטשעוו האָט אויך געהאַט אַ שפּיטאָל, וועלכער איז געווען נעבן קלויסטער און זיך גערעכנט ווי זיין אייגנטום. די קראַנקע זענען דאָרט באַדינט געוואָרן דורך די קלויסטער־שוועסטער. קיין יידישע קראַנקע זענען אין דעם שפּיטאָל נישט געלעגן. קיין אָפּעראַציעס האָט מען דאָרט נישט דורכגעפירט. די פּאַציענטן אין שפּיטאָל זענען באַשטאַנען מערסטנטייל פון פּויערים פון די אַרומיקע דערפער. די שטאָטישע פּאָליאַקן זענען אויך נישט געגאַנגען אין שפּיטאָל אַריין, ווען זיי זענען קראַנק געווען, ער איז אויך צווישן זיי נישט געווען פּאָפּולער. ביים

שפיטאָל האָט אויך עקזיסטירט אַ באַראַטונג־שטעלע, אַן אַמבולאַטאָריע, אָנגעפירט דורכן שפיטאָל־דאָקטאָר, וועמען עס האָט צוגעהאָלפן אַ יונגע מאַנאַכין. אין שטאָט האָט מען געשמועסט, אַז די מאַנאַכין איז דעם דאָקטאָרס געליבטע און זיי זאָלן אַפילו האָבן געהאַט אַ קינד. אין דער אַמבולאַטאָריע האָט מען באַקומען מעדיצי־נישע הילף פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל. אין דער אַמבולאַטאָריעביים שפיטאָל זענען יידישע קראַנקע יאָ געקומען און גענאָסן פון דער הילף פונעם שפיטאָל־דאָקטאָר.

אין אַלגעמיין זענען אין פינטשעוו געווען אַ דריי דאָקטוירים. ביי דעם מילי־טערישן גאַרניזאָן, וואָס איז געווען אין שטאָט, איז קיינמאָל קיין ספּעציעלער דאָקטאָר נישט געווען. אָבער איינמאָל, עטלעכע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז יאָ אַראָפּגעקומען קיין פינטשעוו און זיך באַזעצט אַ מיליטערישער דאָק־טאָר. אויסער זיין אַרבעט אין מיליטער, האָט ער אויך אויפגענומען ציווילע פּאַציענטן. ער איז שנעל געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער צווישן דער יידישער באַפעל־קערונג. ער האָט זיך געעפנט אַ קאַבינעט ביי נאָטע ווישליצקי אין הויז און שטענדיק איז דאָרט געווען פול מיט יידישע קראַנקע. מען האָט אים אויך גענומען צו קראַנקע אַהיים. מען האָט דעם דאָזיקן דאָקטאָר פּשוט נישט געלאָזט רוען, נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. ער האָט אַפילו נישט געהאַט קיין צייט צו עסן און מען האָט אים אָפט געזען אין גאַס קייענדיק אַ בייגל אויפן וועג פון איין קראַנקן צום צווייטן. די יידן אין פינטשעוו האָבן אים געהאַלטן פאַר „אַ מלאך״. ווען ער פלעגט קומען צו אַ קראַנקן אין אַן אָרעמער שטוב, האָט ער נישט גענומען קיין האָנאָראַר, און אָפט נאָך געבראַכט אומזיסט די נויטיקע מעדיקאַמענטן. די איבע־ריקע דאָקטוירים אין שטאָט זענען אין דער צייט פּשוט געבליבן אָן אַרבעט און זיי האָבן גענומען „גראָבן״ קעגן דעם מיליטערישן דאָקטאָר, וועלכער האָט זיי צוגענומען זייער פּרנסה. ווייזט אויס, אַז זיי האָבן ערגעץ עפּעס אויסגעפּועלט, ווייל אין איין שיינעם טאָג איז דער מיליטערישער דאָקטאָר פאַרשוווּנדן פון פינטשעוו.

די פאַראַנענע דאָקטוירים האָבן געהיילט אַלע סאָרטן קראַנקייטן, קיין ספּע־ציאַליסטן פון פאַרשידענע קראַנקייטן זענען נישט געווען. בלויז זעלטן, ביי גאָר ערנסטע פאַלן, פלעגט מען ברענגען אַ דאָקטאָר־ספּעציאַליסט פון קיעלץ.

*

קינדער פלעגט יעדע קימפּעטאָרין אין פינטשעוו געבוירן ביי זיך אין דער היים, מיט דער הילף, פאַרשטייט זיך, פון אַ הייבאַם. אין פינטשעוו זענען געווען צוויי הייבאַמס: אַ יידישע — חנהלע, און אַ קריסטלעכע — די קוביצקין. די

יידישע פרויען האָבן מער געהאַלטן פון חנהלען; אָבער זי האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ מיוחס, פאַרלאַנג מען זאָל איר אָפּגעבן גרויס כבוד, אומעטום געזאָגט איר דעה און נישט אַלץ איז איר געפעלן — האָבן דעריבער נישט אַלע געקאָנט אויסשטיין אירע קאַפּריזן און גערופן די קוביצקין.

ביי אַ שווערן קימפעט, האָט מען ראשית כל אָנגעווענדעט אַלערליי סגולהס. איך ווייס וועגן דריי אַזעלכע: דער מאַן פון דער געווינערין האָט געדאַרפט ברענגען אין זיין מויל וואַסער פון דער מקווה און עס געבן זיין פרוי דער קימפעטאָרין אין מויל אַריין; צולייגן אַ גראָשן צו דער געווינערינס נאָפּל; בלאָזן שופר — דאָס קינד זאָל זיך דערשרעקן און שנעלער אַרויס אויף דער וועלט. ווען דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן, האָט מען ערשט גערופן צו דער קימפעטאָרין אַ דאָקטאָר.

מען האָט אין פינטשעוו פיל דערציילט וועגן דער שווערער קימפעט ביי אהרון קצבס פרוי. ווען די הייבאַם האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט קיין עצה־געבן, האָט מען גערופן איינעם פון די שטאָטישע דאָקטוירים, וועלכער איז, ווייזט אויס, געווען אַ קנאַפער ספּעציאַליסט אין גינעקאָלאָגיע. מען האָט דערציילט, אַז דער דאָקטאָר האָט פאַרלייגט אַ שטריק אַרום דעם קינד און אַזוי עס געצויגן פון דער מוטערס טראַכט. דאָס קינד איז צעריסן געוואָרן אויף צווייען און אויך די קימפעטאָרין איז געשטאָרבן. דער שרעקלעכער פאַל האָט אויפגערודערט דאָס שטעטל, מען האָט באַשולדיקט דעם דאָקטאָר אין דעם טויט פון דער מוטער און קינד; מען האָט אים אָבער אָפיציעל נישט אָנגעקלאָגט און דער פאַל איז נישט געקומען צום געריכט.

ווען עמעצער האָט געמוזט אָפּערירט ווערן, האָט מען אים געפירט קיין קראָקע, ווו עס האָט זיך געפונען דער נאָענטסטער שפּיטאָל מיט אַ כירורגישער אָפּטיילונג. דאָס לאָקאָמאָציע־מיטל איז צום מערסטן געווען — אַ פור, געשפּאַנט אין פערד. דער וועג האָט געדויערט 24 שעה, איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, דעם מצב פונעם קראַנקן נאָך אַזאַ רייזע.

איך דערמאָן זיך אַ פאַל מיט מיין ברודער מאיר. ער האָט באַקומען אַן אָנפאַל פון דער בלינדער קישקע, ווען ער איז פונקט געווען אונטערוועגנס, אין אַ דאָרף. ווען ער האָט באַקומען גרויסע ווייטיקן, האָט מען אים אַריינגענומען צו אַ פויער אין אַ שטוב און דאָס ערשטע אים געלייגט הייסע שטאַרצן צום בויך — מען האָט אים שווער אָפּגעבריט, אָבער די ווייטיקן זענען נישט אַריבער. שפּעטער האָט מען אים אויף אַ פויערישער פור געבראַכט אַהיים. דאָס איז געווען אַ פרייטיק. מען האָט גלייך גערופן צו אים אַ פעלדשער (נישט יוספן, נאָר אַ צווייטן יידישן פעלדשער), האָט ער געהייסן איינגעבן מיין ברודער ריצנאייל. אַ גליק געווען, וואָס

מיין ברודער האָט די ריצנאַייל נישט פאַרנומען, נאָר זי גלייך אויסגעבראָכן, ווייל ריצנאַייל אין אַזאַ פאַל קאָן האָבן אַ טראַגישע ווירקונג. אַזוי האָט דער פעלדשער „געהיילט״ מיין ברודער ביז מאָנטיק, ווען ער האָט סוף־סוף געהייסן רופן אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט גלייך פעסטגעשטעלט, וואָס אים איז און געהייסן מאָמענטאַל אים אַוועקפירן אין שפּיטאָל אַריין. מיר זענען אַריינגעלאָפן צו אונדזער שכן, דעם שוואַרצן יעקב, וועלכער האָט גלייך געשפּאַנט פערד־און־וואָגן אַוועקצופירן מיין ברודער קיין קראָקע. דינסטיק איז ער אָנגעקומען אין קראָקעווער שפּיטאָל, ווו מען האָט אים שנעל גענומען אויפן אָפּעראַציע־טיש, ווייל ס׳איז שוין געווען ביי „אַ מינוט פאַר צוועלף...״ — ווי די דאָקטוירים האָבן זיך אויסגעדריקט.

די פינטשעווער דאָקטוירים האָבן אויך באַדינט די אַרומיקע דערפער. ווען מען האָט ביי אַ פויער אין דאָרף געדאַרפט אַ דאָקטאָר, איז געקומען אַ פור אים נעמען אין דאָרף אַריין; אָדער מען האָט אין דאָרף אויסגעבעט די פור און געבראַכט דעם קראַנקן צום דאָקטאָר אין שטאָט אַריין.

די פאַרשפּרייטסטע קראַנקייט אין פינטשעוו איז געווען טובערקולאָז. זי האָט געריסן שטיקער פון גאַנצע פאַמיליעס. אין די מערסטע פאַלן איז דער טובערקולאָז־קראַנקער נישט געווען איזאָלירט פון די איבעריקע שטוב־מענטשן, נאָר געגעסן און געשלאָפן צוזאַמען מיט אַלע, אָפט אין איין צימער און אַפילו אין איין בעט מיט געזונטע. דעריבער האָבן זיך די נאָענטע קרובים לייכט אָנגעשטעקט מיט דער קראַנקייט. די הייל־מיטלען, וואָס אַזאַ קראַנקער פלעגט באַקומען, זענען באַשטאַנען פון נאָך אַ ביסל יויך אין דער וואָך און נאָך אַ שטיקל פּוטער. מען פלעגט אויך אַוועקשיקן טובערקולאָז־קראַנקע קיין אָטוואָצק, אָבער דאָס איז שטענדיק געווען, ווען זייער צושטאַנד איז געווען אַזעלכער, אַז עס האָט זיי שוין גאָרנישט געקאָנט העלפן — אויך נישט די אָטוואָצקער לופט...

איך געדענק אַ הויז, וואָס האָט צוגענומען פיל קרבנות פון דער דאָזיקער אָרעמקייט־קראַנקייט. די ווענט פון דאָזיקן הויז זענען שוין געווען דורכגעזאַפּט מיט טובערקולאָז־מיקראָבן. אין דעם הויז האָבן געוווינט די משפּחות פון וואָלוועלע מילכיקער, מייטע היטלמאַכער און אסתר די שלייפערין. די קינדער, וועלכע מען האָט באַוויזן אַרויסצונעמען פון צווישן די דאָזיקע טוכלע קראַנקע ווענט, האָבן זיך געראַטעוועט, די איבעריקע זענען אין דער מערהייט אומגעקומען פון טובערקולאָז. די וווינונג פון אסתר דער שלייפערין איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען ליידיק. נאָך יאָרן האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דער דירה דער סטאָלער שמואל דזובאַס; ער האָט אָבער מורא געהאַט זיך אַהין אַריינצוציען, צוליבן שלעכטן שם, וואָס דאָס הויז האָט געהאַט מיט די טובערקולאָז־קראַנקע. איז ער געפאָרן,

ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ ייד אַ חסיד, פֿרעגן אַן עצה ביים רבין. האָט דער רבי געגעבן אַ סגולה: אָפּצובאַקן אַ גרויסע חלה און מיט איר אין די הענט זיך אַריינציען אין דער שטוב. שמואל דער סטאָלער האָט געטאָן ווי דער רבי האָט אים געהייסן און זיך אַריינגעצויגן אין דער וווינונג מיט זיינע דריי קינדער. דאָס עלטסטע קינד איז געווען אַ טאָכטער, שוין אַ כלה־מיידל; אַ זון, נישט קיין סך יינגער פֿון דער טאָכטער און אַ קליין יינגל. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און די עלטסטע טאָכטער איז קראַנק געוואָרן אויף טובערקולאָז — זי האָט שוין געהאַט אַ חתן, אָבער נישט דערלעבט חתונה צו האָבן און געשטאָרבן יונגערהייט. דער צווייטער קרבן איז געווען דער עלטערער זון. בלויז דאָס קליינע יינגל האָט שמואל געראַטעוועט, דינ־גענדיק פֿאַר אים אַ צימער אין אַן אַנדער שטוב.

געווען אין פּינטשעוו אַ גרעסערע צאָל עפּילעפּסיע־קראַנקע, אָדער ווי מען האָט די קראַנקייט גערופֿן — „די שווערע קרענק". אַלע האָבן זיי געקענט אין שטעטל. צו דאָקטוירים, כדי זיי צו היילן, איז מען נישט געגאַנגען. מען האָט זיי ווי אַ סגולה אָנגעטאָן קמיעות אויף די העלדזער, מיט פּסוקים און שפּרוכן, וואָס די רבּיס האָבן פֿאַרשריבן. פֿלעגט מען אויף די אומגליקלעכע אָנווייזן, מיט די שטריקלעך אויף די העלדזער, וואָס האָבן געהאַלטן די קמיעות. אָבער זיי האָבן ווייניק געהאָלפֿן. די עפּילעפּטיקער פֿלעגן אָפּט באַקומען אָנפֿאַלן אינמיטן גאַס, אויפֿן וועג, ווו עס פֿלעגן פֿאָרן וועגענער און גיין מענטשן. די קראַנקע, מיט אַן אַרויסגעזעצטער פּיאַנע־שוים פֿון מויל, פֿלעגן זיך אַריינקייקלען אין די ראָוועס, ביי דער זייט פֿון שאָסיי, אין בלאָטע אַריין, אין זאַמד און שמוץ. מען פֿלעגט זעלטן צוגיין צום אַוועקגעפֿאַלענעם עפּילעפּטיקער, נאָר אים לאָזן ליגן ביז ער איז אַליין צוריקגעקומען צום באַוווסטזיין, זיך אויפֿגעהויבן און אַוועק אַהיים.

עין־הרע...

אומדירעקט, אָדער אפשר טאַקע דירעקט, איז אַן „עין־הרע" פֿאַרבונדן מיט מעדיצינישער הילף. אַן „עין־הרע" איז ביי געוויסע שיכטן פֿון אונדזער באַפֿעל־קערונג געווען אַ קרענק און „אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע" — אַ רפואה, אַ סגולה... נישט בלויז יידן האָבן געגלויבט אין אַן עין־הרע, איך האָב אויך געקענט פֿיל קריסטן, וועלכע האָבן אין דעם געגלויבט. ספּעציעל האָט מען געהיטן קינדער פֿאַר אַן עין־הרע. אַ סגולה דערצו איז געווען — אַ רויט בענדל אויפֿן קינדס אָרעם. און מען האָט טאַקע געזען אין פּינטשעוו פֿיל קליינע קינדער מיט רויטע בענדעלעך אויף די הענטלעך. געווען ספּעציעלע עין־הרע־אָפּשפּרעכערינס. אָבער אויסערן

אָפּשפּרעכן, האָט די מוטער געדאַרפט דריי מאָל אויסלעקן דעם קינדס אויגן און דריי מאָל אויסשפּייען. איך האָב געזען ווי אַ מוטער האָט, נאָך דעם ווי איר קינד „האָט באַקומען אַן עין־הרע״, גענומען אַ האַלבע גלאָז וואַסער, אַרייַנגעוואָרפן אַ פּאָר האָלץ־קוילן און עטלעכע קרישקעס ברויט; דורך דעם, צי דאָס אַרייַנגעוואָרפענע איז אַראָפּגעפאַלן אין וואַסער, אָדער געבליבן שווימען אויבן, האָט מען געדאַרפט „פעסטשטעלן״, צי די עין־הרע האָט געגעבן אַ מאַן, אָדער אַ פרוי און דעמלט איז לייכטער געווען אָפּצושפּרעכן... איך האָב געזען ווי אַן אָפּשרעכערין האָט נאָכן מורמלען עפּעס אַ תפילה, ווען אַ קינד האָט זיך „פאַרקייכט״ און נישט געקענט עטעמען, איינגענעצט אירע צוויי פינגער אין שפּייעכץ און מיט זיי גענומען איינרייבן דאָס קינד אין „גריבל״ אויפן העלדזל. דער מאַסאַזש האָט געהאָלפן און די עין־הרע איז אַוועק...

עס דערמאָנט זיך מיר אַ פאַל, ווען אַ קינד פון אַ שכנטע האָט זיך דערשראָקן און גענומען שטאַרק וויינען און מען האָט עס אַ לאַנגע צייט נישט געקענט איינ־שטילן. מען האָט גערופן אַן עין־הרע־אָפּשפּרעכערין. האָט זי צעלאָזט אַ שטיקל וואַקס און עס דורכגעגאָסן איבער אַ ריטל פון אַ בעזעם; לויט דער פאָרם, וואָס דער וואַקס האָט באַקומען נאָכן דורכגיסן איבערן ריטל, האָט זי געוווסט פאַר וואָס דאָס קינד האָט זיך דערשראָקן און ווי אַזוי אָפּצושפּרעכן עס.

אויך אַ רויז האָט מען ביי אונדז געהיילט ענלעך ווי אַן עין־הרע און נישט געווענדעט זיך צו אַ דאָקטאָר. אָבער מיט רויזן האָבן זיך פאַרנומען מענער און נישט קיין ווייבער־אָפּשפּרעכערינס. זיי פלעגן אויפשרייבן אַזעלכע אומפאַרשטענד־לעכע צייכנס, ווי היעראָגליפן אויפן קראַנקן פלאַץ און דאָס האָט, ווייזט אויס, געהאָלפן... איך דערמאָן זיך נישט, יעדנפאַלס, קיין איין פאַל, אַז פון אַזאַ היילונג פון אַ רויז זאָלן זיין קאָמפּליקאַציעס — אַלע זענען געזונט געוואָרן... אַ צווייטע סגולה צו היילן אַ רויז איז געווען: אָפּהאַקן אַ וויידל פון אַ קאַץ און מיטן בלוט, וואָס איז גערונען פונעם פרישן ווידל, באַשמירן דאָס קראַנקע אָרט...

נישט די דאָזיקע מענער־היילער, נישט די ווייבער עין־הרע־אָפּשפּרעכערינס האָבן גענומען געלט פאַר זייער מי — דאָס איז געווען אַ הומאַניטאַרער אויסדרוק פון אַ מצווה צו העלפן אַ צווייטן.

מען האָט זיך געהאָלפן ווי ברידער

די הילפס־טעטיקייט, פילאַנטראָפּישע, סאָציאַלע, צווישן די יידן אין פינ־טשעוו, איז נישט געווען אָרגאַניזירט, לויט אונדזערע מאָדערנע באַגריפן. יעדער

איינער האָט אין זיך געפילט די נויטווענדיקייט צו ברענגען הילף דעם צווייטן, ווען ער האָט עס נאָר באַדאַרפן. מען האָט זיך געהאָלפן, איינער דעם צווייטן, מעג מען זאָגן, ווי אמתע ברידער און שוועסטער. מען האָט זיך געהאָלפן, דער עיקר, אין אַן עת־צרה. מבקר־חולה זיין אַ שווער־קראַנקן, האָט מען געהאַלטן פאַר אַ חוב. און ווען מען האָט ביי אַזעלכן געדאַרפט נעכטיקן, כדי אים צו היטן, דער־לאַנגען עפּעס ביינאַכט צום בעט, האָט קיינמאָל נישט געפעלט אויף דעם קיין פרייוויליקע. מען האָט קיינמאָל נישט געלאָזט איינזאַם אַן אָרעמע קימפּעטאָרין — מען איז געווען נעבן איר, געברענגט אַ יויכל, אונטערצולענען דאָס האַרץ. מען האָט געוווסט, אָן ספּעציעלע ליסטעס און בוכפירונג, ווועמען אַריינצושיקן אַ חלה אויף שבת, שטיל, אים נישט צו פאַרשעמען, עס זאָל זיין איבער וואָס צו מאַכן קידוש ביים שבתדיקן טיש.

און וויפל אָרעמע יתומות פלעגט קהל חתונה מאַכן! שטענדיק זענען געווען מענטשן, וועלכע האָבן וועגן דעם געזאָרגט, אַרומגעגאַנגען צונויפנעמען פאַר אַזאַ מצווה און קיינער, וואָס האָט נאָר געקאָנט, האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט משתתף צו זיין אין דער שפּענדונג.

שטענדיק, ספּעציעל סוף וואָך, פלעגט מען אַרומגיין צונויפנעמען נדבות פאַר בכבודיקע אָרעמעלייט. מען פלעגט געבן, נישט פרעגנדיק פאַר וועמען דאָס איז. אַ רירנדיקער „מתן בסתר‟ געווען. יעדער האָט געגעבן לויט זיינע מעגלעכקייטן, ווער מער און ווער וויניקער, אָן צוואַנג, פון גוטן האַרצן.

ביי אונדז אין פּינטשעוו איז נישט געווען קיין מושב זקנים. אָבער געווען, פאַרשטענדלעך, איינזאַמע, אָרעמע זקנים, מיט וועלכע מען האָט זיך געדאַרפט פאַרנעמען. זענען שטענדיק געווען פרייוויליקע, וועלכע האָבן זיך מיט זיי מטפּל געווען. מען האָט די זקנים נישט פאַרלאָזן, אַפילו ווען זיי זענען שוין געווען צוגע־שמידט צו דער בעט, מען איז געגאַנגען אַרום זיי, ווי אַרום אייגענע און נאָענטע.

מיר האָבן געוווינט אויף קלאַשטאָרנע־גאַס נומער 7. געדענק איך אַ שכן אונדזערן, אַן אַלטיטשקן, ר׳ יעקב האָט מען אים גערופן, ער האָט געוווינט נעבן אונדז. האָט זיך מיין מוטער איטל (איטע) מיט אים מטפּל געווען לאַנגע יאָרן, ביז זיין פּטירה. ער איז געלעגן שוין אַ צוגעשמידטער, קראַנקער, אין בעט, ווען איך, אַלס קינד, פלעג צו אים אַריינגיין, ווען מיין מאַמע האָט דורך מיר עפּעס געשיקט צו אים. און דער זקן פלעגט מיר זאָגן, וואָס ערשט היינט באַנעם איך דעם גאַנצן באַדייט פון דאָזיקן אויסדרוק: „דיין מאַמע איז אויך פאַר מיר אַ מאַמע...״. אַ צווייטער פאַל אויף אונדזער גאַס איז געווען די אַלטע פייגל־לאה, סאַנע שוחטס ווייב. די התחייבות זיך מיט איר מטפּל צו זיין האָט גענומען אויף

זיך פייגל יעקבס, אברהם־ברוכס טאָכטער; זי האָט דער שוחטקע געטראָגן עסן, זיך מיט איר פאַרנומען און באַזאָרגט איר מיט אַלעמען, ביז איר טויט.

די חברה קדישא

די חברה קדישא, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט די טויטע, איז שוין יאָ געווען אַ מער־ווייניק גוט אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט. אָבער די חברה קדישא איז באַ־שטאַנען פון בלויז פּרייוויליקע, קיינער האָט, חלילה, פאַר זיין מצווה־אַרבעט זיך מתעסק צו זיין מיט די נפטרים, נישט גענומען קיין געלט. די חברה קדישא האָט יאָ גענומען געלט ביי די פאַמיליעס פון רייכע נפטרים, און טיילמאָל אַפילו אַ סך געלט, אָבער נישט פאַר זיך פּריוואַט, נאָר פאַר די הוצאות פון „הייליקן אָרט״, פאַר אויפהאַלטן דעם בית־הקברות, פאַר אַ גדר א. א. וו. ווען עס פלעגט אָבער שטאַרבן אַן אָרעמאַן, פלעגט נאָך אַפּט די חברה קדישא אַפילו קויפן פאַר אים תכריכים.

מיין טאַטע, חיים־יאָסל ז״ל, איז אַלע יאָרן געווען אַ חברה־קדישא־מאַן. ער האָט זיין אַרבעט אין דער חברה קדישא באַטראַכט פאַר אַ גרויסער מצווה. אויסער ביי לוויות, האָבן זיך די מיטגלידער פון דער חברה קדישא געפלעגט טרעפן איינמאָל אין יאָר, „ביי אַ גלעזל״, ווי זיי האָבן עס גערופן. דער מנהג זייערער איז געווען צוזאַמענצונעמען זיך יעדן שמחת־תורה ביי גרשון סטאָלער (דער, וועלכער פלעגט מאַכן די קרשים צו די קברים). זיי האָבן געטרונקען מעד, פאַרבראָקט מיט וועלשענע ניס און צוגעביסן האָניק־לעקעך. דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן נהנה געווען פון דער חברה־קדישא־קאַסע.

ביי דער חברה־קדישא איז געווען אַ מנהג, אַז ווען עס איז געשטאָרבן זייערס אַ מיטגליד, האָט מען אים וואָס שנעלער קובר געווען, כמעט גאָרנישט געלאָזט ליגן אויף דער ערד. איך דערמאָן זיך, אַז ווען מיין טאַטע האָט געהאַלטן ביי שטאַרבן, האָט מען מיך, כ׳מיין ספּעציעל, אַרויסגעשיקט פון שטוב אויף עפּעס אַ שליחות, וואָס האָט געדויערט אומגעפער אַ שעה צייט. ווען איך בין אַרויס פון שטוב, האָט נאָך קיינער פון אונדזער פאַמיליע נישט געוווּסט, אַז דער טאַטע ע״ה גוססט שוין. ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט אַהיים, האָט מען מיך אָפּגעשטעלט אין גאַס און דערציילט, אַז מיין פאָטער לעבט שוין נישט, און אַז באַלד וועט זיין די לוויה. און באמת איז באַלד פאָרגעקומען די לוויה. שפּעטער האָט מען געשמועסט צווישן אונדזערע נאָענטע, אַז „מען האָט זיך אים נישט געלאָזט אָפּקילן אַפילו און גלייך קובר געווען...״



ועדת „הקרן קימת לישראל" פינצ'ב, תשרי תר"ץ.

זיצן, פון לינקס צו רעכטס: זאב כרמי, יהושע קליינפלאַץ, מ. קוואַשניעווסקי, אברהם אספיס, א. אַבעלאַ, מ.פ. קיפקאָוויץ, אברהם בזשיסקי. קאופמאַן, מ. גאָלדבלום, בעריש בלומענפעלד; שטייען, פון לינקס: נחמן ווייסמאַן, י. שלעדזשיק, זיידמאַן, הערצקע מאסאַש, בלומענפעלד. ישראל וואָלף מאַן.



אָרגאַניזאַציע „השומר הצעיר" אין פּינטשעוו.

פון רעכטס צו לינקס, זיצן: ווייספעלד שלמה, וואַקסמאַן, קראַנענבערג זעליג, קאפּעל שרהטשע, אייזיקאָוויטש וויטע, וואָסלאָווסקאַ לאה, ראָזענבערג רעגינע, פּאָטעשמאַן יהושע; מיטלסטע ריי: זיידנער שמואל, אומבאַקאַנטע, ווישליצקי משה, כרמי זאב, קאַלב משה, קאָכאַן פּערל, עדעליסט עקיבא, ראָזענבערג מאָטל, זייד פרימעט, ערליך פּעסע; לעצטע ריי: קאַלב, מאַן, בלומענפעלד, זייד, אומבאַקאַנטע, ראַקאָווסקי, אומבאַקאַנטער, זיידנער פּערל, אייזיקאָוויטש, אייזיקאָוויטש חנה, קאַלב.



אַ גרופּע „השומר הצעיר", פּאַרנדיק פון פּינטשעוו אויף הכשרה קיין וויעזשבניק, יאַנואַר 1931.

פון רעכטס: זיצן — שמואל זיידנער, אברהם בלומענפעלד, דבורה בראַנער, חנה אייזיקאָ־וויטש, ישעיה ראַקאָווסקי, צבי יאַסנע, חיה אַבעללאַ, טויבע גאָלדבליט; שטייען — יהושע פּאָטעשמאַן, פּאַלאַ זיידנער, פרומקאַ העלפּמאַן־זייף, מלכה־לאה דיאַמאַנד, משה קאַלב, וויטאַ אייזיקאָוויטש, רוזשע באַשיסט.



קבוצת חברים של „השומר הצעיר" בפינצ׳ב

אַ גרופּע חברים פון „השומר הצעיר" אין פינטשעוו.

פון רעכטס, זיצן: ווייספעלד שלמה, קאַרענבערג זעליג, אייזיקאָוויטש לייביש, קאַלב, פּאַטעשמאַן יהושע; שטייען פון רעכטס: וואַקסמאַן, קאַלב ירחמיאל, שפּייזער.



„השומר הצעיר" אין פינטשעוו.

פון רעכטס צו לינקס: זיצן — עדעליסט עקיבא, זיידנער שמואל, שידלאָווסקי, לייכטער, ווישליצקי משה; שטייען — קאַלב מאיר, אָסטראָוויעצקי יאַנקל, יאַסנע (בהיר) צבי, כרמי זאב, אייזיקאָוויטש זלמן, עדעליסט משה, דזשאַבע שלמה, פעלדגייער ישראל, שפּייזער; צווישןביידע רייען: דזשאַבע ישעיה (רעכטס), בלומענפעלד אברהם (לינקס).

פרידאַ הימלבלאַו (רמת־גן)

פאַרשטאַרקטע אַנטיסעמיטישע טעטיקייט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה

געווען איז דאָס אין דער צייט פון סלאַוואָי־סקלאַדקאָווסקי, וועלכער האָט פון דער סיים־טריבונע אומפאַרשעמט געגעבן אַ דערלויבעניש די פוילישע אַנטי־סעמיטן — „עקאָנאָמישער באָיקאָט קעגן די יידן — אָוושעם!...״ ביטע! עס האָבן זיך אָנגעהויבן עקסצעסן קעגן דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן, און דאָס האָט אויך נישט אויסגעמיטן אונדזער שטעטל פינטשעוו.

אַרום די יאָרן 1936־37 איז קיין פינטשעוו אָנגעקומען אַ נייער פּאָליציי־קאָמיסאַר („נאַטשאַלניק״). דאָס איז געווען אַ הויכער, פעסט־געבויטער מאַן מיטן פאָרנאָמען אַנטאָניאָ. ביז דעמלט האָבן די פינטשעווער יידן נישט געקענט דעם פּאָליציי־קאָמיסאַר, זיי האָבן בלויז געוווּסט, אַז אַזעלכער געפינט זיך אין שטאָט. די יידן זענען געקומען אין באַרירונג בלויז מיט די געוויינלעכע פּאָליציאַנטן. מיטן אָנקומען פון פרישן קאָמיסאַר האָט זיך אַלץ ראַדיקאַל געענדערט. די יידן האָבן אים גלייך דערקענט. ער האָט זיך באַוויזן אין גאַס, מיט זיין מיליטערישן טראָט אין הויכע שטיוול; זיין אויסזען, גאַנג און האַלטונג איז געווען די פאַרקערפּערונג פון אַן עס.־עס.־מאַן, וועמענס בייטשן מיר האָבן מיט אייניקע יאָר שפּעטער אַזוי בלוטיק געפילט אויף אונדזערע פּלייצעס. ער האָט זיך גלייך געלאָזט הערן און זעען אויף דער יידישער גאַס. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז יעדער פּאָליציאַנט מוז טעגלעך ברענגען אַ פּאָר פּראָטאָקאָלן קעגן יידן. די פינטשעווער פּאָליציי האָט זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט; יעדער פּאָליציאַנט האָט געהאַט זיין צווייטע פּרנסה פון די יידן — ער פלעגט באַקומען „טאַשן־געלט״, כדי ער זאָל אַוועקקוקן און געוויסע זאַכן נישט זעען. עס האָט זיך נישט געהאַנדלט אין פאַרברעכנס, חלילה, מצד די יידן, נאָר אין אַרבעטס־שעהן, אין סאַניטאַרע ענינים, אין שעהן פון האַלטן אָפן געשעפטן, צו פאַרקויפן זאַכן אָן ספּעציעלע דערלויבענישן. דער נייער קאָמיסאַר האָט, ווייזט אויס, נישט געהאַט קיין צוטרוי צו זיינע אונטערטאַנען, די פּאָליציאַנטן, ווייל ער האָט זיך אַליין אַרויסגעלאָזט איבער די יידישע געסלעך, כדי „צו היטן דאָס געזעץ און די אָרדענונג״. און געגאַנגען איז ער גאַנץ פרי, באַלד ווי עס האָט

אַנגעהויבן טאָגן. ער האָט דערצו געהאַט זיינע ספּעציעלע סיבות. די הויפּט־סיבה פאַר זיינע קאַיאָר־באַזוכן אין די יידישע געסלעך, איז געווען פאָלגנדיקע: אין פינטשעוו זענען געווען ווייניק בתי־שימוש, ווי אין אַלע קליינע פּוילישע שטעטלעך. מען האָט געמאַכט דעם נאַטירלעכן געברויך ביינאַכט אין די שטיבער, אין געוויסע כלים, אָדער פּשוט הינטער די פענצטער. פאַרטאָג פלעגט מען אַוועקרוימען סיי פון די נאַכט־כלים, סיי פון הינטער די ווענט און פענצטער. פלעגט דער קאָמיסאַר, דער „פּאַן נאַטשאַלניק", אָנקומען פריער, קלאַפּן אין די פענצטער פון די שלאָפנדיקע יידן, אי־בערשרעקן קינדער, איבערוועקן קראַנקע, מאַכן פּראָטאָקאָלן פאַר נישט־ריינקייט. אַז די הייזער זענען אָפט געווען נישט־באַהייצט, אַז קינדער האָבן דאָרט געהונגערט — דאָס האָט אים, פאַרשטייט זיך, נישט אינטערעסירט, נאָר — די ריינקייט...

דער נייער קאָמיסאַר איז גאָר געוואָרן אַ גאַנצער „קענער אין יידישקייט"; ער איז געווען אַן אָפטער גאַסט אין מקווה — כדי צו היטן די היגיענע... ער האָט נישט דורכגעלאָזט דעם שיל־הויף, זוכנדיק „פאַרברעכנס" ביי די אָרעמע יידישע הענד־לער און בעל־מלאכהס; ער האָט געשריבן פּראָטאָקאָלן אויף רעכטס און אויף לינקס און יידן האָבן געמוזט צאָלן שטראָפן, אָפט פאַר פּשוט אויסגעטראַכטע „איבער־שרייטונגען פון געזעץ". דער קאָמיסאַר האָט זיך אַפילו געטשעפּעט צום בלינדן משה וואַסערטרעגער. ער האָט, ראשית, געוואָלט זיך איבערצייגן, צי ער איז טאַקע בלינד. דער „פּאַן נאַטשאַלניק" האָט זיך אַוועקגעשטעלט אינמיטן וועג, ווו משה וואַסער־טרעגער איז דורכגעגאַנגען מיט זיינע פולע עמערס. משה האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געזען ווער עס שטייט אים אין וועג און, מיינענדיק, אַז ער האָט פאַר זיך אַ גע־וויינלעכן פּוילישן לאָבוז, האָט ער אויסגערופן מיט כעס: „וואָס שטופּסטו זיך?!..." („צאָ שיען פּכאַש?...").

דאָס בושעווען פונעם קאָמיסאַר אויף דער יידישער גאַס האָט אָנגענומען אַן אַלץ העפטיקערן כאַראַקטער. ער פלעגט שוין אָבער נישט גיין אַליין, נאָר באַגלייט דורך כאָפּטעס יידישע קינדער, קעגן וועלכע ער האָט קיין פּראָטאָקאָלן נישט געקאָנט צונויפשטעלן... די קינדער פלעגן לויפן פאַר אים איבער די יידישע קלייטן און גערופן: „טוט אָן די סאָוועס (געמיינט די ווייסע פאַרטעכער), ווייל דער מלאך־המוות גייט!"...

עס איז געוואָרן כסדר ערגער. האָבן יידן אָנגענומען אַן אַלט־אויסגעפּרוווט מיטל: מען איז געפאָרן צו אַ „גוטן יידן" און געבעטן הילף, אַן עצה, אַן אויסלייזונג פונעם צורר. האָט מען דערציילט, אַז נאָכדעם ווי די יידן האָבן וועגן דעם איבערגעגעבן דעם רבין אַ קוויטל, האָט ער זיי געטרייסט און געהייסן אַהיימפאָרן און „דער אויי־בערשטער וועט אייך שוין העלפן". באַלד נאָכדעם, האָט מען זיך דערציילט, איז

דער קאָמיסאַר געשטאָרבן. ער איז נישט באַערדיקט געוואָרן אין פינטשעוו, אָבער אַן אָפיציעלע לוויה איז אים יאָ איינגעאָרדנט געוואָרן אין שטעטל. הויכע באַאַמטע האָבן געהאַלטן הספדים, געלויבט זיין „פּאַטריאָטיזם און פאַרדינסטן פאַרן פּוילישן פאָלק״. די יידן אין פינטשעוו האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט, נאָך אַ צוויי יאָר „קיניגן״ פון זײַנטיסעמיטישן קאָמיסאַר.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ צווייטער עפּיזאָד מיט דער פּאָליציי אין פינטשעוו.

די פּאָליציי פלעגט איינאָרדענען יעדעס יאָר אַ באַל, וואָס איז באַקאַנט געווען אין שטאָט ווי „דער פּאָליצייאישער באַל״. איין מאָל, דוכט מיר, אַז אין יאָר 1937, האָבן די פּאָליציי־פאָרשטייער זיך אַרויסגעלאָזט פאַרקויפן בילעטן צו זייער באַל, אויף דער יידישער גאַס. וועלכער ייד וועט עס וואַגן אָפּצוזאָגן אַ פּאָליציאַנט צו קויפן אַ בילעט? האָבן זיי טאַקע פאַרקויפט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אַ גרויסע צאָל בילעטן און פאַר גאָר נישקשהדיקע פרייזן. האָבן יידישע יינגלעך און מיידלעך צוגענומען ביי די עלטערן די בילעטן און זיך גענומען גרייטן צום באַל. מען איז געווען נייגעריק — כאָטש איינמאָל האָבן אַ געלעגנהייט צו טאַנצן און פאַר־ברענגען אויף אַ נישט־יידישן באַל, טאַנצן צווישן קריסטן... דער באַל איז פאָרגע־קומען אין אַ גרויסן זאַל, אין די קאַשאַרן. האָבן זיך בחורים און מיידלעך אויסגע־פּוצט אין עסיק און אין האָניק און, אין דעם פאַרגעזעענעם אָוונט, אַוועק אויפן באַל. ווי דערשטוינט זענען זיי אָבער געווען, ווען צוקומענדיק צום זאַל, האָבן זיי אויף דער טיר געטראָפן אַ גרויסן אויפשריפט: „פאַר יידן דער אַריינגאַנג פאַרבאָטן״. עס איז פאַרשטענדלעך דער פאַרדרוס און אויפרעגונג ביי די יידישע יוגנטלעכע. מען האָט וועגן דעם אַנטיסעמיטישן אַקט געמאָלדן דער העכערער מאַכט. ס׳איז וועגן דעם ענין אַראָפּגעקומען קיין פינטשעוו אַ ספּעציעלע אויספאָרשונג־קאָמיסיע און מען האָט גערופן אונדזערע בחורים און מיידלעך, זיי זאָלן אָפּגעבן עדות־דערקלערונגען. פון דער פּאָליציי האָט מען אָבער געוואָרנט די יידן, זיי זאָלן נישט דערוועגן קעגן איר עדות־צו־זאָגן, ווייל „די קאָמיסיע פאָרט אַוועק און מיר בלייבן דאָ...״ מען האָט מורא־געקריגן און די יוגנטלעכע האָבן פאַר דער אויספאָרשונג־קאָמיסיע געמוזט לייקענען שטיין און ביין: קיינער האָט דעם אויפשריפט נישט געזען, קיינער האָט אַפילו נישט געחלומט צו גיין אויפן דאָזיקן באַל...

פינטשעווער מאַגיסטראַט קעגן די יידן

מיטן טויט פון אויבנדערמאָנטן פּאָליציי־קאָמיסאַר איז די רו פאַר די פינטשע־ווער יידן נישט צוריקגעקומען. דער אַנטיסעמיטיזם אין גאַנץ פּוילן און אויך אין

פינטשעוו איז געוואָרן אַלץ שאַרפער און אָפענער, די אַרויסטריטן קעגן יידן — אַלץ שטאַרקער און חוצפּהדיקער. די יידן־מערדערישע „תורה" האָט זיך פון נאַצי־דייטשלאַנד אַריבערגעטראָגן קיין פוילן, ווו זי האָט געפונען אַזאַ דאַנקבאַרן באָדן און געבראַכט אין אייניקע יאָר אַרום צום שרעקלעכן חורבן פון פוילישן יידנטום. עס האָבן זיך געמערט די אָנפאַלן אויף יידן מצד פוילישע כוליגאַנעס. ביינאַכט איז דאָס געוואָרן אַן אָפטע געשעעניש און ס'איז געוואָרן געפערלעך ביינאַכט אַרויסצוגיין אין גאַס אַריין. מען האָט זיך טאַקע גענומען באַגרענעצן מיטן גיין אין גאַס אין די אָוונטן, ספּעציעל אויף געוויסע פּלעצער, ווו די כוליגאַנעס פלעגן בושעווען. מען האָט אויפגעהערט גיין אויף דער פּלאַזשע, ווייל די פוילישע כוליגאַנעס פלעגן באַפאַלן די יידישע באָדנדיקע. יידן האָבן אויפגעהערט שפּאַצירן אויף די בערג, צי צו די נאָענטע דערפער, ווייל אַזעלכע שפּאַצירן האָבן זיך אָפט געענדיקט מיט קלעפּ און בלוטיקע וווּנדן.

די כוליגאַנעס זענען געווען באַקאַנט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג; דאָס זענען אין דער מערהייט געווען די אַזוי־גערופענע פוילישע אינטעליגענטן.



אַ גרופּע חברטעס אין יאָר 1933 אין פינטשעוו.

פון רעכטס צו לינקס: זיצן — קינראָס ניסל, קוגעל צביה, גאָלדבליט טובה; שטייען — וויספעלד עטל, ראָדזינסקי מלכה, פישעל ביילע־יענטל.

צום שטאַרקסטן האָבן זיך געלאָזט פילן די שילער פון גימנאַזיע און די אַזוי־גערופענע „שיבאָווצעס" (שילער פון דער שול, ווו מען האָט זיך געלערנט פליען אין אַעראָ־פלאַנען אָן מאָטאָרן).

אויך איך אַליין בין אין יענער צייט געווען אַ קרבן פון אַזאַ כוליגאַנישן אָנפאַל. דאָס איז געווען אין מאַי 1938. איין שבת אינדערפרי בין איך, צוזאַמען מיט די צוויי שוועסטער מלאָטשאָווסקי, אַוועק הינטער דער שטאָט אויף אַ שפּאַציר („מאַ־יווקע"). מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויף אַ לאָנקע און גענאָסן פון דער שמעקנ־דיקער לופט און מילדער זון. פּלוצלינג זענען אָנגעקומען עטלעכע שקצים, אונדז באַפאַלן מיט אויסגעשרייען און קללות קעגן די „זשידוווּעס", און אונדז בלוטיק צע־שלאָגן. מיר זענען שפּעטער געוווּיר געוואָרן ווער עס זענען געווען די אָנפאַלער — גימנאַזיסטן, מיר האָבן געהאַט זייערע נעמען; אָבער וועגן אָנקלאָגן זיי, ווענדן זיך צו ווּעמען זיי צו באַשטראָפן, איז שוין דעמלט אין פּוילן נישט מעגלעך געווען.

בכלל האָט די אַקציע קעגן דער יידישער באַפעלקערונג אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איבערגענומען אין פּינטשעוו דער מאַגיסטראַט, די מוניציפּאַלע מאַכט. די מוניציפּאַליטעט אין פּינטשעוו (ווי אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן) האָט זיך פּלוצלונג אַרומגעזען, אַז די שטאָט איז פאַרנאַכלעסיקט, געבויט נישט מאָדערן און נישט שיין, די הייזער באַזיצן נישט די מינדעסטע היגיע־נישע איינריכטונגען. דער מאַגיסטראַט האָט אָנגעהויבן אַן אַזוי־גערופענע „קלאָ־זעט־אַקציע", וואָס האָט זיך, אָבער, נישט באַגרענעצט מיט פאָדערן אויפצובויען בתי־שימוש, נאָר אויך צו פאַרשענערן די הייזער, „מאָדערניזירן" זיי. און וואָס איז באַשטאַנען די אַקציע ביי אונדז אין שטאָט? אַ פּאָר באַאַמטע פון מאַגיסטראַט, באַ־גלייט דורך פּוילישע אונטערוועלט־מענטשן, די „באַניאַקעס", האָבן זיך אַרויסגע־לאָזט איבער די יידישע גאַסן. זיי זענען געווען באַוואָפנט מיט העק, שווערע האַ־מערס און אַנדערע צעשטער־מכשירים און זיי האָבן גענומען האַקן, אַראָפּרייסן לאָדנס, טירן, פענצטער, באַלקאָנען, פאַרקאַנעס, אין יידישע הייזער — „מאַכן שע־נער, בעסער, מאָדערנער אויפסניי!" — האָבן זיי געפּאָדערט. עס זענען אָנגעמאַכט געוואָרן אמתע חורבנות אין יידישע הייזער. וווינונגען זענען געבליבן שטיין אָפן, אויפגעריסן, אָן לאָדנס, אָן טירן און פענצטער. דאָס איז געווען אין אויגוסט 1939, האַרט פאַרן נאַצישן איבערפאַל אויף פּוילן. די כוליגאַנעס, די פּוילישע מאַכט־אָר־גאַנען, האָבן נישט פאָרגעזען, אָדער נישט געוואָלט זען, די שווערע כמאַרעס, וואָס רוקן זיך אָן אויף די פּוילישע הימלען, וואָס וועלן אַזוי שנעל אונטערברענגען די פּוילישע מדינה — זיי האָבן געזוכט דעם אייביקן שעיר לעזאזל, דעם ייד. די יידישע באַפעלקערונג איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן דורך אַ פּאַניק. מען האָט אָנגעהויבן פאַ־

ריכטן, איבערמאָלן די ווענט און טירן, איבערמאַכן די לאָדנס, פאַרשענערן די פאַר־קאַנעס און פּלויטן. מען האָט געמיינט, אַז דאָס קאָן עפּעס העלפן, ווען דער נאַצישער מלאך־המוות איז שוין געשטאַנען הינטער דער טיר... מען האָט געפאַרבט און גע־מאָלן; איך מיין, אַז מייטל שלומס האָט דעמלט געהאַט דעם בעסטן סעזאָן אויף פאַרב. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. אויף צו מאָרגנס האָט די „קלאָזעט־ברי־גאַדע" ווידער געבושעוועט, געריסן, געהאַקט און חרוב געמאַכט יידיש האָב־און־גוטס, ביז עס איז אין אַ פּאָר חדשים אַרום אָנגעקומען דער גרויסער שטורעם איבער פּוילן און עס האָט זיך אָנגעהויבן די אויסראָטונג־תקופה, אין וועלכער די פּוילישע „קלאָזעט"־גיבורים האָבן נישט ווייניק מיטגעהאָלפן דעם נאַצישן צורר.

פרידאַ הימלבלאַו

פון פּינטשעווער לעבנס־שטייגער

יידן און קריסטן

צווישן די יידן און זייערע קריסטלעכע שכנים האָבן, בדרך־כלל, נישט גע־הערשט קיין פּריינטשאַפטלעכע באַציאונגען; מען קאָן אפילו גיכער רעדן וועגן שנאה צווישן די צוויי טיילן פון דער שטעטלשער באַפעלקערונג. אָבער דאָך איז מען געווען געבונדן צווישן זיך — עס זענען געווען בשותפותע האַנדלס־אונטערנע־מונגען, מען האָט זיך נענטער צוזאַמענגעטראָפן ביי אַלגעמיינע עפנטלעך־געזעל־שאַפטלעכע געשעענישן, אפילו ביי רעליגיעזע פייערונגען און דאָס האָט געבראַכט אויך צו געוויסע פּערזענלעכע פאַרבינדונגען.

נישט זעלטן זענען געקומען קריסטן אויף יידישע חתונות, געכאַפּט אַ טענצל און דער עיקר — אַ טרונק... אָבער אויך נישט זעלטן האָבן יידישע בעלי־שמחות געכאַפּט „פאַרבלאָנדזשעטע" שטיינער דורך די פענצטער בעת אַ חתונה. און וויפל קוילן שניי — אויב נישט קיין שטיינער — זענען אין די ווינטער־נעכט געפלויגן, מצד פּוילישע יונגען, צו חתן־כלה און מחותנים, ווען מען פלעגט פירן די יונגע פּאָרלעך צו דער חופה אויפן שיל־הויף!

אָבער צו כל־נדרי האָט מען אין בית־הכנסת געטראָפן פיל קריסטן, דווקא פון דער אינטעליגענץ, וועלכע פלעגן זיך מיט ערנסט צוהערן צו די תפילות און געזאַנגען.

די יידן האָבן, פאַרשטייט זיך, אָנטיילגענומען אין אַזעלכע נאַציאָנאַלע פייערונגען, ווי די פון 3־טן מאַי. אין דער טראַדיציאָנעלער דעמאָנסטראַציע האָבן אָנטיילגענומען די יידישע שול־קינדער צוזאַמען מיט זייערע פוילישע חברים; אָבער אויך עלטערע יידן און יוגנט, מיט די יידישע ראַטמענער און קהילה־פירער בראש, האָבן זיך באַטייליקט אין דער פאַטריאָטישער מאַניפעסטאַציע אין טאָג פון פוילישן נאַציאָנאַלן יום־טוב.

עס דערמאָנט זיך מיר אָבער אויך אַ ריין־רעליגיעזע קריסטלעכע פייערונג, וואָס פלעגט יעדעס מאָל ציען גרויס אויפמערקזאַמקייט און וועקן אינטערעס ביי דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס איז געווען די יערלעכע פייערונג פון „גרינעם זונטיק”, אָדער „אָדפוסט”. דאָס איז גלייכצייטיק געווען אַ גרויסער מאַרק־טאָג. עס פלעגן זיך דאַן צוזאַמענפאָרן קיין פינטשעוו קריסטלעכע הענדלער פון דער גאַנצער סביבה, אויפשטעלן סטראַגאַנעס אין מאַרק אַרום דעם גאָרטן, ספּעציעל מיט שפּילצייג. אין דאָזיקן טאָג פלעגט פאָרקומען אַ גרויסע רעליגיעזע פראָצעסיע, וועלכע די יידן האָבן אַ נאָמען געגעבן „דער קידוש”. מען האָט דאַן געטראָגן איבער די גאַסן אַ סך קריסטלעכע הייליקע בילדער מיט צלמים, געבראַכטע פון אַנדערע אַרומיקע פאַראַפיעס. בראש פון דער פראָצעסיע פלעגט גיין אַ הויכער גייסטלעכער, וועלכער פלעגט ספּעציעל קומען אויף דעם טאָג קיין פינטשעוו. די יידן האָבן אויף דער דאָזיקער פראָצעסיע געקוקט פון די טויערן, אָדער פענצטער, ווייל אויב מען איז געשטאַנען אויף דער גאַס, האָט מען געדאַרפט אָפדעקן דעם קאָפ, אָדער אַפילו קניען, ווי עס האָט געפאָדערט דער קריסטלעכער ריטואַל.

הויכגעשטעלטע געסט

קיין פינטשעוו זענען פון צייט צו צייט געקומען אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן פון וואַרשע, שרייבער, פּאָליטישע טוער, רעפערענטן א.א.וו., ווי אויך רביים, מגידים און חזנים. אַזאַ באַזוך פלעגט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ געשעעניש פאַר אַלט און יונג.

מיר דערמאָנט זיך דער באַזוך אין פינטשעוו פונעם רבין ר׳ משה לייבעלע, וואָס איז געווען אַ גרויס געשעעניש ביי די יידן פון שטעטל. מען האָט געזאָגט, אַז קיין שום אַנדער רבי האָט נישט זוכה געווען צו אַזאַ וואַרעמער אויפנאַמע אין פינטשעוו, ווי ר׳ משה לייבעלע. מען איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט מוזיק און שטורקאַצן. מאַסן חסידים און סתם יידן האָבן איבערפולט די גאַסן בעת זיין אַריינפאָרן אין שטאָט אַריין. מען האָט אים ממש געטראָגן אויף די הענט. דער רבי איז איינגעשטאַנען ביי בערל שאקלער, וועלכער האָט אים מיט זיינע באַגלייטער אָפּגעגעבן

אַ גאַנצע וווינונג. בערל שאקלער איז, פארשטייט זיך, געווען גליקלעך פונעם גרויסן כבוד, וואָס דער רבי האָט אים צוגעטיילט, איינשטייענדיק ביי אים. די גאַנצע גאַס אַרום הויז איז די צייט, וואָס דער רבי איז געווען, געווען פול מיט מענטשן. די צאָל „קוויטלעך", וואָס מען האָט דערלאַנגט דעם רבין איז געווען זייער גרויס. ביז די שפּעטע נאַכט־שעהן איז דאָס הויז געווען באַלאַגערט פון מענטשן, וועלכע האָבן געוואָלט אַריינגעלאָזט ווערן צום רבין.

אַ צווייטער באַזוך, וואָס האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון, איז געווען דער באַזוך פונעם מנהיג פון פּוילישן יידנטום, יצחק גרינבוים. דאָס איז געווען אין



יצחק גרינבוים נואם ע"י בית־הכנסת הישן בפינצ'ב בשנת 1930
יצחק גרינבוים רעדט אויף אַ מיטינג אין פּינטשעוו, נעבן דער אַלטער שיל, אין יאָר 1930

די 20־קער יאָרן. ער איז געקומען צוזאַמען מיטן רעדאַקטאָר פון וואַרשעווער „היינט" אברהם גאָלדבערג, ווען דער לעצטער איז געשטאַנען אויף דער קאַנדי־דאַטן־ליסטע בעת די וואַלן צום פּוילישן סיים. גרינבוים איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס ענטוזיאַזם דורך דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. עס איז פאָרגעקו־מען אַ גרויסער וואַל־מיטינג נעבן דער שיל. מאַסן מענטשן זענען געקומען אויסהערן דאָס וואָרט פון באַליבטן יידישן פירער. זיינע ווערטער זענען אויפגענומען געוואָרן מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן און לאַנג קאָמענטירט געוואָרן אין שטאָט.

שדים און רוחות...

טראָץ דעם פאָרגעשריטענעם גייסט, וואָס האָט געהערשט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין פּינטשעוו, האָבן אָבער ביי איר אויך נישט געפעלט קיין אָבער־

גלויבנס. פיל האָבן געגלויבט אין שדים, רוחות, אָדער אין דיבוקים, וואָס זענען, רחמנא לצלן, אין עמעצן אַריין... ספּעציעל די קליינוואַרג זענען אָפט אויפגעציטערט געוואָרן, ווען מען האָט זיי דערציילט מעשיות וועגן שדים און נישט־גוטע.

אַזוי האָט מען געוואָרנט, אַז נאָך צוועלף אַזייגער ביינאַכט „איז געפערלעך, מען שטעלט ממש איין דאָס לעבן", אַרויסצוגיין אין גאַס אַריין פאַר אַ מאַן אָן אַ טלית־קטן מיט כשרע ציצית, און פאַר אַ פרוי אָן אַ שירץ. מען קאָן, חלילה, גלייך געניזוקט ווערן דורך די נישט־גוטע... ספּעצ׳על געפערלעך איז אַדורכצוגיין נאָך חצות דורך דער אַלטער שיל. דעמלט קאָן מען אויפגערופן ווערן פון אינעווייניק. אין אַזאַ פאַל, מוז דער אויפגערופענער אַריינגיין אין שיל, אָבער דריי מאָל אָנקלאַפּן פריער מיט דער באַוועגלעכער מעטאַלענער האַנט, וואָס איז געהאָנגען אויף דער טיר, אָנטאָן אַ טלית און מאַכן אַ ברכה איבער אַ ספר־תורה. צווישן קליינוואַרג האָט מען אָנגערופן נעמען פון אַזעלכע, וועלכע האָבן דאָס איבערגעלעבט און דער־ציילט וועגן אַזעלכע, וואָס זענען, אויפגערופענע, אַריין אין שיל און מער נישט אַרויס קיין לעבעדיקע...

איינמאָל, זייענדיק ביי אסתר־חנהס טאָכטער פייגעלע, וועלכע איז געווען מיינע אַ שול־חברטע, האָט זי מיך בסוד אַרויפגעפירט אויפן בוידעם־שטיבל פון רב און אָנגעוויזן אויף אַ שאַנק, אויסגעמויערט אין אַ וואַנט. „דו זעסט דאָס?" — האָט פייגעלע געזאָגט מיט אַ געהיימנישפולן טאָן, — „דעם דאָזיקן פלאַץ האָבן די שדים געוואָלט געווינען דורך אַ משפט... ס׳האָט זיך געטאָן — זאָלסט שוין גאָרנישט פרעגן... ביז דער רב האָט געוווּנען און דעם פלאַץ פאַרמויערט מיט דער שאַנק..." איך האָב אַריינגעקוקט אינעווייניק — עס זענען דאָרט געשטאַנען דעם רבס פסח־דיקע כלים...

אונדזערע יום־טובים

די יידישע יום־טובים זענען אין פינטשעוו געפייערט געוואָרן מיט גרויס פּראַכט. יעדער יום־טוב האָט געהאַט זיינע מנהגים און איבערגעלאָזט זכרונות פון אַן אַנדערן כאַראַקטער. איך וועל אָנהויבן פון פורים, ווייל דאָס איז דער יום־טוב פון ערב־פרילינג, וואָס האָט מיט די ערשטע זון־שטראַלן, נאָך אַ שווערן ווינטער, אַריינגעבראַכט פרייד און וואַרעמקייט אין די פאַרפרוירענע שטיבער און פאַראו־מערטע הערצער אַריין.

פורים איז געפייערט געוואָרן אין אַ היימישער משפחה־סביבה. איבער די בלאָטיקע גאַסן זענען געלאָפן די קינדער, טראָגנדיק משלוח־מנות אין טעלערס, איבערגעדעקט מיט אַ ווייס טישטעכל. צו דער סעודת־פורים זענען אין די שטיבער

געקומען נישט בלויז „פֿאַרשטעלטע“ די פּורים־שפּילער, נאָר אויך אַ סך בעטלער. דאָס זענען נישט געווען די שנאָרערס פֿון אַ גאַנץ יאָר, נאָר אַ ספּעציעלער סאָרט אָרעמעלייט, בכבודיקע מענטשן, וועלכע זענען אַרומגעגאַנגען בעטן נדבות, אין דער פֿאָרם פֿון „פּורים־געלט“, בלויז פּורים. אין יעדער שטוב האָט מען טאַקע אויף דעם טאָג צוגעגרייט אַ סך קליינגעלט — עס זאָל זיין אויף פּורים־געלט פֿאַר אייגענע קינדער און פֿאַר פֿרעמדע אָרעמעלייט.

באַלד דערנאָך האָט מען אין שטעטל דערשפּירט דעם אָנקומענדיקן פּסח. דער ערב־פּסח איז שוין געווען פֿיל פֿריער זייער אָנזעעוודיק אין די יידישע גאַסן. מען האָט איבעראַל געכשרט און געלופֿטערט דעם יידישן דלות. פֿאַר די טירן האָבן זיך באַוויזן שענק, שטרוי־זעק, בעטגעוואַנט, פֿון וועלכן עס זענען געפֿלויגן פֿעדערן אין דער לופֿטן. אויף בענק האָט מען אַרויסגעלייגט אַלטע ספֿרים און דער ווינט האָט געמישט זייערע פֿאַרגעלטע בלעטער, נישט זעלטן מיטנעמענדיק אַ בלעטל אָדער אַ שטיקל פֿון אַ בלאַט. און אָט האָט מען שוין געטראָגן די קוישן מצות פֿון די בעקערייען. עס דערמאָנט זיך מיר דער ערב־פּסח אינדערפֿרי, ווי קליינוואַרג פֿלעגט לויפֿן אין שיל־הויף אַריין, זעען ווי מען פֿאַרברענט דעם חמץ, איינגעוויקלט מיט פֿלעדערווישן און הילצערנע קאָך־לעפֿל צוזאַמען. און ווי מען פֿלעגט כשרן כלים אין דער מקווה!... אין דער סדר־נאַכט האָט זיך אָבער יעדעס יידישע הויז פֿאַרוואַנדלט אין אַ „קעניגרייך“ און יעדער ייד איז געווען אַ מלך... די ניגונים פֿון דער „הגדה“ האָבן זיך געהערט איבער די גאַסן. בלויז מיין מאַמע, ווי אַלע יידישע באַלעבאָסטעס, פֿלעגט כאַפּן אַ דרימל ביים געדעקטן מלכותדיקן טיש, ווייל זי איז געווען טויט־מיד פֿונעם ערב־יום־טוב...

שבֿועות איז געווען כאַראַקטעריסטיש מיט די אויסגעצירטע שטיבער מיט גרינס, וואָס מען האָט גערופֿן „שבֿועות־גראָז“. פֿון דעם האָבן זיך די קינדער אויך געמאַכט פֿייפֿערס און פֿאַרהילכט די גאַסן מיט אַ געפֿייפֿעריי. געגעסן האָט מען מילכיקס, און ספּעציעל — אַ קלייען־באָרשט מיט „באָטווינע“, די בלעטער פֿון רויטע בוראַקעס.

תשעה־באָב. אין פּינטשעוו איז געווען אַ לעגענדע וועגן אַ „חתונה פֿון דער שוואַרצער לאה, וואָס קומט פֿאָר אין תענית־טאָג“. האָבן די קינדער יעדעס יאָר „געפֿייערט“ די דאָזיקע חתונה אין תשעה־באָב. זיי פֿלעגן באַצירן אַ בעזעם מיט שמאַטעס — דאָס איז געווען „די כלה לאה“. קלאַפּנדיק אין אַלטע כלים אַלס מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, האָבן זיי פּאַראַדירט איבער דער שטאָט און „געפֿירט לאהן צו דער חופּה“. קינות האָט מען געזאָגט אין שיל, זיצנדיק אויף איבערגעדרייטע בענק, האַלטנדיק ליכטלעך אין די הענט. מען האָט דערביי געוויינט, אָבער

נישט פאַרגעסן זיך צו וואַרפן שטעכעדיקע דערנער אין די האָר אַריין. דאָס זעלבע איז געווען אויף די גאַסן, און ווי איז געווען צום מיידל, וואָס איז אַרויס תשעה־באב אין גאַס אַריין מיט נישט קיין פאַרהילטן אין אַ טיכל קאָפּ — אירע האָר זענען באַלד פול געוואָרן מיט שטעכלקעס, וועלכע מען האָט אָפּט געמוזט אַראָפּנעמען צוזאמען מיט די האָר... צומאָרגנס, נאָך די קינות, זענען די מתפללים גלייך פון די בתי־מדרשים, שילן און שטיבלעך, אין קאַלאָשן, אָדער בלויזע זאָקן, אַוועק אויפן בית־הקברות און געלייגט קנאָבל אויף די מצבות.

אַזוי ווי מיר האָבן געוווינט נעבן דער שיל, האָבן מיר געמוזט אויף ראש־השנה און יום־כיפור האָבן גרייט אין שטוב אַ פולע פאַס מיט וואַסער, ווייל די ווייבער, אַרויסגייענדיק פון שיל „צו אויסנעמען״, פלעגן אַריינקומען צו אונדז זיך וואַשן די הענט... און אַזוי ווי קיין בתי־שימוש זענען נישט געווען, איז געווען נאָס נישט בלויז ביי אונדז אין שטוב, נאָר אויך אַרום דער שטוב...

שטאַרק איינגעקריצט אין זכרון איז מיר פאַרבליבן דער שטעטלדיקער ערב־יום־כיפור. אָט גייט מען צו כל־נדרי אין ווייסע זאָקן און אין קיטלען. באַלד הערן זיך געוויינען פון די ווייבער־שילן, אַז אַ פחד נעמט אַרום יעדעס קינד. אַן אומעט האָט זיך געטראָגן איבערן שטאָט דעם גאַנצן מעת־לעת.

דערפאַר האָט דער יום־טוב סוכות, אַ פּאָר טעג שפּעטער, געבראַכט מיט זיך פרייד אין יעדער שטוב אַריין און אין יעדנס האַרץ אַריין. די סוכות, דער רעשי־קער שמחת־תורה. סוכות איז ביי אונדז געווען אַ מנהג צו וואַרפן עפּל פון אַ פענצ־טער אין עזרת־נשים פון דער אַלטער שיל. אָבער צוזאַמען מיט די עפּל האָט מען געגאָסן וואַסער פונעם פענצטער און ווער ס׳האָט געוואָלט כאַפּן אַן עפּעלע, האָט אויך נישט אויסגעמיטן אַ קאַלטע באָד... צום פריילעכסטן איז אָבער געווען שמחת־תורה. די אָנגעזעענסטע הקפות זענען פאָרגעקומען אין שטיבל פונעם פינטשעווער רבין. עס האָט מיט זיי אָנגעפירט דער רבי, ווען נעבן אים איז געגאַנגען, מיט אַ קליין ספר־תורהלע זיינס אַן אייניקל, אַ קליין ייִנגעלע דעמלט. דער רבי, באַ־גלייט פונעם אייניקל, האָט אָנגעפירט מיט די טענץ, בעת דער גאַנצער עולם אַרום האָט מיטגעטאַנצט און געזונגען. די הקפות ביים רבין האָבן שטענדיק צוגע־צויגן גרויסע מאַסן. שמחת־תורה האָבן יידן זיך דערלויבט צו מאַכן אַן איבעריקע כוסה. מען האָט געטרונקען מעד, פאַרבראָקט מיט ניס און פאַרביסן מיט האָניק־לעקעך. אָבער קיין יידישע שיכורים, וואָס זאָלן מאַכן סקאַנדאַלן און זיך שלאָגן אין די גאַסן, האָט מען אַפילו שמחת־תורה נישט געזען...

צונעמען

די פינטשעווער יידן האָט מען זעלטן גערופן ביי זייערע פאַמיליע־נעמען. יעדער האָט געהאַט אַ צונאָמען, לויט וועלכן מען האָט אים געקענט און מיט וועלכן מען האָט אים גערופן אין שטעטל. בלויז געציילטע משפחות, מיוחסים, האָט מען גערופן ביי די פאַמיליע־נעמען, ווי די שיינפעלדס, די הייטלערס, די פעליקסעס. עס זענען געווען משפחות, וואָס זייערע צונעמען זענען איבערגעגאַנגען בירושה פון דור צו דור; אַזעלכע זענען געווען די כראַבאַרסקעס, שאקלערס, סמאַרקעס, קאָזעס, סמאַ־טעס. די צונעמען זענען אָפט געווען פאַרבונדן מיט די באַשעפטיקונגען, וואָס זענען אויך איבערגעגאַנגען פון טאַטע צו קינד, דור נאָך דור. מען האָט אָנגעוויזן אויף יידן, וואָס האָבן זיך שוין זייט פיר דורות באַשעפטיקט מיט דער זעלבער מלאכה, אָדער דעם זעלבן האַנדל. ווען איינער פון דער פאַמיליע איז אַריבער צו אַ צווייטער באַשעפטיקונג, האָט מען וועגן דעם איבעראַל גערעדט, און דאָס זענען געווען זעל־טענע אויסנאַמען. אַזאַ אויסנאַם איז געווען חיים־יאָסל סמאַרק, וועלכער האָט זיך פון האַנדל מיט מילך און גענדז אַריבערגעוואָרפן צו שניט־סחורה — און מען האָט וועגן דעם שטענדיק גערעדט.

מיכאל איצקאָוויטש (בת־ים)

דער פינטשעווער קעז

עס איז נאָך שווער ביים היינטיקן טאָג צו שרייבן געשיכטע פון חורבן־פינ־טשעוו. יעדער ייד, וועלכער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין אונדזער שטאָט איז ביי אים געבליבן איינגעקריצט אין זכרון יעדעס געסעלע און ווינקל פון שטעטל; דער מאַרק אינמיטן שטאָט; דער טייך נידאַ, וואָס איז געפלאָסן אין איין זייט שטאָט; און די בערג, וועלכע האָבן זיך געהויבן אין דער צווייטער זייט שטאָט. שטייענדיק אויף די בערג — האָט מען געקאָנט אַריינקוקן אין יעדן פאַר־וואָרפענעם ווינקל פון פינטשעוו.

פינטשעוו האָט מען באַצייכנט אויף פאַרשידענע אופנים: פינטשעווער פייגל, פינטשעווער בייגל, פינטשעווער קעז.

פינטשעווער קעז האָט געהאַט אַ נאָמען אין גאַנץ פוילן. דער פינטשעווער קעז איז פאַרקויפט געוואָרן אין אַלע גרויסע שטעט פון לאַנד.

אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה בין איך פאַרוואָגלט געוואָרן ווייט אין רוסלאַנד, אין דער שטאָט קאַזאַנווו. איך בין דאָרט אַ לאַנגע צייט געווען איינזאַם, זיך ווייניק געטראָפן מיט יידן. ווען איך בין מאָביליזירט געוואָרן אין פוילישן מיליטער, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין רוסלאַנד, האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ רוסיש־יידישן מיליטערמאַן, וועלכער האָט זיך צו מיר באַצויגן זייער פריינט־לעך. איינמאָל האָט ער מיך געפרעגט פון וועלכער שטאָט אין פוילן איך שטאַם. וואָס האָב איך אים געקאָנט ענטפערן? איך האָב געוווּסט, אַז אַ ייד פון ווייטן רוסלאַנד קאָן נישט וויסן וועגן אַזאַ פּראָווינץ־שטעטל ווי פינטשעוו. האָב איך אים געענטפערט, אַז איך בין געבוירן אין אַזאַ שטאָט וווּ עס טאָגט פרי... ווי פאַר־וווּנדערט בין איך געוואָרן, ווען ער האָט מיר גלייך געענטפערט: „אַהאַ, פון פינטשעוו!״

דער דאָזיקער סאָוויעטישער מיליטערמאַן האָט מיר דערציילט, אַז אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז זיין פאָטער פאַרוואָגלט געוואָרן מיט דער צאַרישער אַרמיי קיין פינטשעוו. ווען ער איז צוריקגעקומען נאָך דער מלחמה אַהיים, קיין רוסלאַנד, האָט ער איבערגעגעבן זיינע איבערלעבונגען פון פינטשעוו. ווען מען האָט נאָר דערלאַנגט קעז צום טיש, פלעגט דער פאָטער זאָגן, אַז אַזאַ קעז, ווי ער האָט געגעסן אין פינטשעוו, האָט ער אין ערגעץ נישט געטראָפן, און דער זון האָט דאָס שטענדיק געדענקט.

פאַרוואָס איז טאַקע דער פינטשעווער קעז געווען אַזוי באַרימט?

מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען די יידן האָבן זיך אָנגעהויבן באַזעצן אין פינטשעוו, איז דאָרט אַלץ געווען זייער צוריקגעשטאַנען. דאָס לעבן פון די איינוווינער אין דער גאַנצער געגנט איז געווען זייער א פרימיטיוו, מען האָט געלעבט אין אָרעמ־קייט און נויט. מיטן אָנקום פון די יידן אין דער געגנט, האָט זיך אַלץ אָנגעהויבן אַנטוויקלען. עס האָבן גענומען בליען דער האַנדל און דער האַנטווערק. דער יידי־שער שוסטער און שניידער, סטאָלער און בלעכער האָבן אַריינגעבראַכט אַן אויפלע־בונג אין דער סביבה. דער פויער אין דער געגנט איז געהאָלפן געוואָרן אַדאַנק דער יידישער דערפינדערישקייט. די ערד אין דער פינטשעווער געגנט איז געווען אַ גוטע, עס זענען געווען פיל פאַשע־פעלדער, אויף וועלכע עס זענען געהאָדעוועט געוואָרן גרויסע סטאַדעס בהמות. עס איז געווען זייער אַ סך מילך און די פויערים האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט דער איבערפּראָדוקציע פון מילך. איז אַ ייד געפאַלן אויפן געדאַנק צו מאַכן קעז פון מילך און פאַרקויפן דעם קעז אויך אויסער די גרענעצן פון דער נאָענטער סביבה. מען דערציילט, אַז דער ייד האָט צום ערשטן גענומען אין פאַכט די גאַנצע מילך פון איין גרויסן גוטבאַזיצער, וועלכער האָט גע־

האַט אַ סך קי. ער האָט געגומען אויסאַרבעטן מאַסנווייז קעז און מיט ספּעציעלע בעל־עגלהס צעשיקן דעם קעז צו פאַרקויפן אין אַרומיקע שטעט און דערפער. אַנ־דערע יידן האָבן נאָכגעטאָן דעם ערשטן און די פּינטשעווער קעז־פּראָדוקציע איז געוואַקסן און באַרימט געוואָרן מיט דער צייט אין גאַנץ פּוילן. און איבעראַל איז אָנגענומען געוואָרן, אַז דער פּינטשעווער קעז איז דער בעסטער און געשמאַקסטער.

קלמן כענטשינסקי (חולון)

ווי ס׳געדענקט זיך...

(זכרונות פון אַ באַזוך אין פּינטשעוו ווען אין פּינטשעוו האָט נאָך פרי געטאָגט...)


קלמן כענטשינסקי

אין מיין סאַמע יינגסטן עלטער, אין די צוואַנציקער יאָרן, האָבן איך געלעבט אין יענדזשעוו, געווען אַק־טיוו אין דער י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק, אין מוזיקאַליש־דראַמאַטישן קרייז „מו־זע״ אין יענדזשעוו, און געווען צו יענער צייט אַ ריי יאָרן סעקרעטאַר פון די אויבנדערמאָנטע קולטור־גע־זעלשאַפטן אונטערן פּאָרזיץ פון באַ־קאַנטן טוער ישראל גורטמאַן (לעבט אין ישראל). צווישן אונדזערע אויפ־גאַבן איז אויך געווען צו באַזאָרגן מיט קולטור־ און קונסט־אונטערנעמונגען די אַרומיקע שטעטלעך נעבן יענ־דזשעוו, ווי: פּינטשעוו, וואָדזשיסלאַוו און אַנדערע.

דער יענדזשעווער דראַמאַטישער קרייז איז געווען רייך אין רעפּערטואַר און געשמט פאַר אַ גוט־געשולטן אַנסאַמבל אונטער דער רעזשי פון ד״ר שאַפּערמאַן.

ס׳איז דאַן געווען די עפּאָכע פון געזעלשאַפטלעכן אויפבלי אויף דער יידי־שער גאַס אין פוילן. פינטשעוו איז חלילה נישט געבליבן הינטערשטעליק און האָט פאַרמאָגט כלערליי פּאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס, ביבליאָטעקן א. אַ. וו.

האָב איך זיך אַמאָל אין יענע צוואַנציקער יאָרן „אָראָפּגעלאָזט" קיין פּינ־טשעוו (ווען כ׳זאָג „אַראָפּגעלאָזט" איז צו פאַרשטיין, אַז פון יענדזשעוו קיין פּינטשעוו איז מען געפאָרן באַרג אַראָפּ — פינטשעוו ליגט אין אַ טאָל). מיין רייזע איז פאָרגעקומען אויף אַ גרויסן וואָגן פון אַ טיפּישן פּינטשעווער בעל־עגלה, מיט 2 סוסים אין שפּאַן; דעם גאַנצן וועג האָט דער בעל־עגלה אָדער גע־דאַוונט אָדער געזאָגט קאַפּיטלעך תהילים, דערביי צוגעשמיסן זיינע שקאַפּעס מיט אַ האַרטער בייטש, — וואָס זיי האָבן באַקומען בכלל אָנשטאָט פּאַשע...

געווען איז דאָס אין יענער שיינער תקופה פון יידישן אויפבלי — ווען אין פּינטשעוו האָט נאָך געטאָגט... און קיינער האָט נישט געטראַכט, אַז אַ צייט פון אומקום דערנענטערט זיך. געקומען קיין פּינטשעוו בין איך אין שליחות פון דער יענדזשעווער ביבליאָטעק, כדי צו שליסן אַ הסכם וועגן שטעלן אין פּינטשעוו אַ פּיעסע אין די חול־המועד־פּסח־טעג. געקומען בין איך פורים־צייט, ווען די שנייען צעלאָזן זיך.

פּינטשעוו האָט געהאַט אַן ענלעכן אויסזען, ווי אַלע טיפּישע פּויליש־יידישע שטעטלעך, געווען רייך אין רבנים, תלמידי־חכמים, פּאַרטיי־טוער, קולטור־טוער און כלערליי קהלישע עסקנים. איך האָב זיך פאַרבונדן מיט אַ פאָרשטייער פון דער אָרגאַניזאַציע „אחדות", ישראל קאַנער, און האָב געשלאָסן אַן אָפּמאַך צו געבן אַ פאָרשטעלונג חול־המועד־פּסח. פּינטשעווער „אחדות" האָט, פאַרשטענד־לעך, געהאַט אַ גרויסן פאַרדינסט דערפון. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו געבן „די זיבן געהאָנגענע" פון אַנדרייעוו, וואָס מיר האָבן שוין געהאַט געשפּילט.

און אָט איז געקומען דער „גרויסער טאָג" פאַרן יענדזשעווער דראַמאַטישן קרייז, צו פאָרן קיין פּינטשעוו שפּילן טעאַטער. מיר האָבן אויפגעלאָדן אויף די גרויסע פּינטשעווער וועגענער דעם גאַנצן רעקוויזיט, דעקאָראַציעס און פאַר־שטייט זיך, דעם אַנסאַמבל. מיר האָבן מיטגענומען אַ היפּש ביסל פּסחדיקע שפּייז, אויף צידה לדרך. ווען מ׳איז אַרויסגעפאָרן, האָט זיך דער עולם צעזונגען, מ׳האָט געפּילט, אַז ס׳איז אַ דאָפּלטער „יום־טוב". אַ קלייניקייט? מ׳פאָרט „שפּייזן מיט קונסט" — פּינטשעוו... ווער האָט זיך דעמלט געקאָנט פאַרגלייכן מיט אונדז?

מיר האָבן באַוויזן אָנצוקומען באַצייטנס, כדי זיך אָפּרוען און צוגרייטן צום יום־טובדיקן אָוונט.

דער ערשטער אַריינפאָר אינעם פּינטשעווער מאַרק איז געווען גאָר אינטע־

רעסאַנט. ס׳האָט אונדז מקבל־פּנים געווען אַ העלפט פּינטשעווער ייִדן, יונגוואַרג און אַלטע לייט; ס׳האָבן זיך געהערט אויסרופן: „די קאָמעדיאַנטן זענען דאָ!״... דער ערשטער שלום עליכם איז געקומען פונעם פאָרשטייער פון דער „אחדות״־אָרגאַניזאַציע, קאַנער ישראל. צוזאַמען מיט אים זענען געווען בלאַסע בחורים, נעכטיקע בית־המדרשניקעס און היינטיקע קולטור־טרעגער, ווי אויך געזונטע יונגע, טעכטער פון אָרעמע קרעמערס, האַרעפּאַשניקעס, באַחנטע מיידלעך.

פּינטשעווו האָט יענעם טאָג געיובלט. ס׳איז געווען אַ גרויסער יום־טוב.

אינעם פּינטשעווער פייערלעשער־זאַל איז אויפגעפירט געוואָרן די פאָרשטעלונג, וועלכע האָט געגעבן דעם עולם אַ גייסטיקן גענוס און באַרייכערט די פּינטשעווער ביבליאָטעק מיט אַ הכנסה איינצוקויפן נייע ביכער.

פּינטשעווו האָט אויף מיר איבערגעלאָזט אַ זייער גוטן איינדרוק און שטענדיק דערמאָן איך לזכות די פּינטשעווער יוגנט, וועלכע איז פאַרבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון.

נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1939, בין איך ערב דער באָמבאַרדירונג פון פּינטשעווו דורך די רוצחישע דייטשן, דורכגעפאָרן דאָס שטעטל. אַ שרעק געווען צו קוקן אויף די ייִדן, וועלכע האָבן מיט פּחד דערוואַרט דעם סוף פון אַלעם, וואָס זיי האָבן געשאַפן און געבויט. זייענדיק אויפן וועג קיין בוסק, אַנטלויפנדיק פאַר די אָנקומענדיקע רוצחים, האָב איך שוין געזען ווי פּינטשעווו ברענט פון דער שווערער באָמבאַרדירונג. מיך האָבן די דייטשן דעריאָגט אין בוסק און געצוווּנגען צו פאָרן אַהיים, צוריק קיין סאָסנאָוועץ, ווו איך האָב ערב דעם מלחמה־אויסברוך געוווינט. דורכפאָרנדיק צוריקוועגס פּינטשעוו, האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ שרעק — נישט געווען מער דאָס אַמאָליקע פּינטשעוו. פאַרברענט איז געווען די שטאָט, געבליבן הוילע שקעלעטן פון די בנינים. דאָס גאַנצע ביסל האָב־און־גוטס פון די ייִדן איז אַוועק מיטן פייער. אָפּגעמעקט איז געוואָרן אַלץ. נישט געווען מער די אַלטע בתי־מדרשים, די בחורים מיט בלאַסע פּנימער, די באַחנטע מיידלעך, די כלל־טוער, די ביבליאָטעקן, די רבנים — אַלץ איז פאַרשוווּנדן פון מיינע אויגן.

ס׳האָט מער אין פּינטשעוו נישט געטאָגט... פּינטשעוו איז פאַרבליבן אָן ייִדן. ס׳וועט מער אין פּינטשעוו נישט טאָגן אַזוי פרי!... ווילט זיך וויינען און שרייען: ווו זענען זיי, די טייערע, האַרציקע פּינטשעווער ייִדן?!

לייב לערנער (תל־אביב)

אַ ליד וועגן פינטשעווער טאָגן

דער מחבר פון די דאָזיקע שורות, וועלכער האָט פאַרפאַסט דאָס ליד און אויך צוגעפאַסט צו דעם די מוזיק, איז אַן אַלטער פאַרדינסטפולער יידישער בינע־אַרטיסט פון פוילן. ער האָט לאַנגע יאָרן, צווישן ביידע וועלט־מלחמות, געשפילט אין יידישן טעאַטער אין די שטעט און שטעטלעך פון פוילן.

אין די יאָרן 1936־1937 האָבן מיר געמאַכט אַ טורנע איבער פוילישע שטעטלעך מיט דער פיעסע „די סיבה" פון לעאָ פראַנק. אין דער טרופּע האָבן זיך, צווישן אַנדערע, באַטייליקט: דיאַנאַ בלומענפעלד, יאָנאַס טורקאָוו, ידידיה עפּ־שטיין, דער אַלטער האַרט און דער שרייבער פון די שורות. צווישן אַנדערע האָבן מיר אויך געשפילט אין פינטשעוו. די פינטשעווער יידן האָבן אונדז האַרציק אויפ־גענומען, מאַסנווייז געקומען אויף אונדזער פאָרשטעלונג. די יוגנט האָט אונדז אַרומגעפירט איבערן שטעטל, דערציילט אונדז וועגן דער אַלטער געשיכטע פון דער קהילה און אָנגעגעבן פאַרשידענע וואַריאַציעס צו פאַרענטפערן דאָס באַ־קאַנטע ווערטל, אַז „אין פינטשעוו טאָגט שוין".

פון פינטשעוו זענען מיר געפאָרן געבן אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אין נאָענטן שטעטל דזשאַלאָשיץ. אויפן וועג, פאָרנדיק אין אַ פויערישן פערד־און־וואָגן, האָב איך פאַרפאַסט דאָס ליד „אין פינטשעוו טאָגט שוין", וואָס איז דערנאָך געזונגען געוואָרן אין פוילן אַלס פאָלקס־ליד און אַריינגענומען געוואָרן אין טעאַ־טער־פיעסן.

„אין פינטשעוו טאָגט שוין"

1

פינטשעוו איז די צניעותדיקסטע שטאָט אין דער וועלט.
כאָטש פאָרלעך גייען אָפט דאָרט שפּאַצירן,
נאָר געשען זאָל דאָרט אַזוינס
וואָס טאַטע־מאַמען נישט געפעלט —
קאָן אין לעבן נישט פּאַסירן.

גייט זיך דאָרט אַ פּאָרל, אוי פאַרחלומט און פאַרטראַכט
ביז עס קומט די פינצטערע נאַכט ;
און אַז די נאַכט קומט אָן, וויל זי דער בחור דריקן,
זיין האַרציקע ליבע אַרויסזאָגן,
הויבט דאָרט אָן, צו אַלע רוחות,
אין סאַמעראָדנעם מיטן, צו טאָגן.

רעפריין

איך בין געווען אין פינטשעוו,
איך האָב געזען פינטשעוו —
אַ שטעטל מיט שטעטעלעך צוגלייך.
נאָר ווען אַלע שטעטלעך זענען פלאַך
ליגט פינטשעוו אין אַ טאָל,
צווישן בערגעלעך אַ סך.
פינטשעוו, אוי פינטשעוו,
ווער וואָלט זיך געקלאָגט אויף דיר קלאָגן —
ווען אין אַלע שטעטעלעך איז פינצטער,
זאָל נישט אָנהויבן ביי דיר צו טאָגן ?

2

אין פינטשעוו זענען אויך קיין גנבים נישט פאַראַן ;
אַ גניבה קאָן דאָרט זעלטן געשען.
און זאָל נאָר ווען ווער אַ משא־מתן מאַכן דאָרט —
געברענטע צרות האָט ער אויסצושטיין.
קריכט זיך דאָרט אַ גנב אין אַ פינצטערער נאַכט —
אַ לאָך אין בוידעם האָט ער געמאַכט,
און וויל דער גנב ווייטער קריכן —
פון אַלע זייטן הויבט מען אים אָן יאָגן,
ווייל אין סאַמעראָדנעם מיטן
האָט אין פינטשעוו אָנגעהויבן צו טאָגן.

רעפריין

השואה
דער אומקום

משה יעקב גאָטפריד (בראָנקס, ניו־יאָרק)

„זכור את אשר עשה לך עמלק...״

עס טאָר נישט פאַרגיין דער טאָג, נישט דער אָוונט, נישט קיין שמחה, אָדער טרויער, מיר זאָלן נישט דערמאָנען, פונקט ווי דעם אַלטן „זכור את אשר עשה לך עמלק״, — וואָס עס האָט אונדז געטאָן דער עמלק פון אונדזער צייט.

נישט בלויז מיר דאַרפן נישט און טאָרן נישט פאַרגעסן, מיר קענען נישט פאַרגעסן דאָס פאַרגעקומענע, ווייל אונדזער בלוט, געהירן, אונדזער גאַנץ לעבן, איז דורכגעזאַפּט מיט אָט דער פאַרשאָלטענער צייט, ווען מיר האָבן געזען ווי אונדזערע ליבסטע און טייערסטע גייען אויס אויף קידוש השם.


משה־יעקב גאָטפריד

וויפל מיר גיבן איבער, דערציילן, וועגן יענע שרעקלעכע צייטן, איז דאָס נאָך נישט דער מינדסטער טייל פון דעם וואָס יעדער פון אונדז, לעבנגעבליבענע, האָט איבערגעלעבט און צוגעזען. נישט אַלע איבערלעבענישן איז מען גאָר אומשטאַנד איבערצוגעבן, צו דערציילן און פאַרצייכענען. אָבער — נישט פאַרגעסן!

דער שטאַרקער ווילן צו דערלעבן די מפּלה פון די רוצחים, די האָפענונג אויף פרייהייט, וועגן וועלכער מיר האָבן אַזוי אָפט געחלומט — דאָס האָט אונדז,

דער קליינער צאָל לעבנגעבליבענע, געגעבן מוט און כוח איבערצוהאַלטן. דערצו האָבן אונדז געשטאַרקט די שטאַרבנדיקע קדושים, אָנזאָגנדיק אונדז: לעבט און זעצט פאָר אונדזער המשך, אונדזער קיום.

נישט בלויז נקמה איז געווען אונדזער באַגער. מיר האָבן געטרוימט וועגן אַ רואיק לעבן, צוזאַמען מיט אונדזערע משפחות, וועלכע מיר האָבן געהאָפט צוריק צוזאַמענצוברענגען; מיר האָבן דאָך נישט געוווּסט ווי גרויס אונדזער חורבן איז. באַלד נאָך דער באַפרייאונג האָבן מיר גענומען זוכן אונדזערע נאָענטע, מיר האָבן אָנגעהויבן וואַנדערן פון אָרט צו אָרט, פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד — אָבער זעלטן ווער געפונען. ווען מיר האָבן געוואָלט אָנהויבן בויען פונדאַמענט אונדזער לעבן, האָבן מיר ערשט באַגריפן די גרויס פון אונדזער אומגליק — אַז יעדער איז געבליבן עלנט, אַליין און אַלע זיינע נאָענטסטע זענען אומגעקומען אינעם גרויסן חורבן.

נישט בלויז אונדזער דור באַוויינט דעם חורבן פון אייראָפּעישן יידנטום. דורות און דורות נאָך אונדז וועלן קלאָגן אויף דעם דאָזיקן חורבן, וועלכער האָט נישט קיין גלייכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע. מיר, די דורך נסים לעבנ־געבליבענע, אַלס עדות פון דער קאַטאַסטראָפע, זענען מחוייב איבערצוגעבן דאָס צוגעזעענע פאַר די קומענדיקע דורות; און מיר מוזן שטיין אויף דער וואַך, פאַר דער קעגנוואַרט און פאַר דער צוקונפט, עס זאָל חס־וחלילה, קיינער נישט, אין קיין שום ווינקל פון דער וועלט, נישט פּרובירן צו פאַרשקלאַפן מענטשן, צוצו־רויבן ביי זיי די פרייהייט, וואָס פירט צו מאָרד און אויסראָטונג.

נישט פאַרגעסנדיק אין אונדזער גרויזאַמען שונא, דאַרפן מיר אויך געדענ־קען די, וועלכע האָבן אים באַזיגט. געבענטשט זאָלן זיין די, וועלכע האָבן גע־האַלטן, און די וועלכע האַלטן ווייטער, הויך דעם פאַקל פון פרייהייט. געבענטשט זאָלן זיין די, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט אונדז געקעמפט צו צעשמעטערן די געפערלעכע חיה אין געשטאַלט פון די דייטשע פעלקער־מערדער.

משה יעקב גוטפריד (ברונקס, ניו־יורק)

„זכור את אשר עשה לך עמלק..."

אסור שיעבור עלינו יום, לילה, שמחה או עצב מבלי שנזכור — בדיוק כמו בצו הקדום „זכור את אשר עשה לך עמלק" — את מה שעשה לנו עמלק של ימינו...

ולא זו בלבד שאנו חייבים לזכור ולא לשכוח — אף אין אנו יכולים לשכוח את שעבר עלינו, כי הדם שלנו, מחשבותינו, כל חיינו ספוגים זוועותיו של אותו זמן ארור, שבו ראינו את אהובינו ויקירינו נהרגים על קידוש השם.

ככל שאנו מרבים לספר על אודות הימים הנוראים האלה, אין זה אף החלק הזעיר ממה שעבר על כל אחד מאתנו, אנו שנשארנו בחיים, וממה שראינו במו עינינו. לא את כל חוויותינו מסוגלים אנו להעלות ולמסור לאחרים, לספר ולכתוב עליהן. אבל — אל נשכח!

הרצון החזק לראות במפלתם של הרוצחים, התקווה לשחרור ולחירות שכה ייחלנו אליהם — הם שהעניקו לנו, לשרידים המעטים, את העידוד ואת הכוח להתקיים על אף הכל. כן חיזקו אותנו קדושינו, שבהלכם למות ציוו עלינו: חיו והמשיכו בכך את חיינו וקיומנו.

לא לנקמה בלבד שאפנו. חלמנו על חיים שלווים, יחד עם משפחותינו, כי קיווינו שנוכל שוב לאסוף את בני המשפחה שנתפזרו ולהתאחד; והרי עדיין לא ידענו מה גדול הוא החורבן. מיד לאחר השחרור החילונו לחפש אחר יקירינו, פתחנו במסע נדודים ממקום למקום, מעיר לעיר, ממדינה למדינה — אך מעטים מאד מצאנו. וכאשר רצינו להתחיל ולבנות את חיינו מחדש, חדר לתודעתנו עוד ביתר שאת גודל אסוננו — כי כל אחד מאתנו נשאר גלמוד ובודד, והקרובים אליו ביותר נספו בחורבן הגדול.

לא רק הדור שלנו מבכה את אובדנה של יהדות אירופה. דורות אחרי דורות שיבואו אחרינו יקוננו על חורבן זה, שאין משלו בכל תולדות אנוש. אנחנו, שבדרך נס נשארנו בחיים, ושהיינו עדים לשואה זו, מחוייבים למסור לדורות הבאים את מה שראינו; ועלינו לעמוד על המשמר, למען ההווה ולמען העתיד, כי בשום פינה שבעולם לא יעז מישהו לשעבד אנשים ולקפח את חירותם, שעבוד המביא רצח והשמדה.

מבלי לשכוח את אויבנו האיום, חייבים אנו גם לזכור את אלה שהצליחו לנצחו. יבורכו אלה, שהחזיקו ומוסיפים להחזיק ברמה את לפיד החירות. יבורכו אלה, אשר נלחמו יחד אתנו כדי לנפץ את החיה המסוכנת בדמות גרמנים רוצחי־עמים.

אליעזר טעקעל (בני־ברק)

די ערשטע טעג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה

ווען דער ראַדיאָ האָט פּרייטיק, דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939, געמאָלדן, אַז די דייטשן זענען באַפאַלן פּוילן און די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן מיר, די יידן אין פינטשעוו, גלייך פאַרשטאַנען, אַז איבער אונדזער הימל רוקן זיך אָן זייער שווערע וואָלקנס. מענטשן האָבן געוויינט אין די גאַסן. אַ דערדריקנדיקע שרעק און עפּעס אַ פאָרגעפיל פון אָנקומענדיקן חורבן, האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט.



אליעזר טעקעל

גלייך דעם צווייטן טאָג איז די מלחמה געקומען קיין פינטשעוו.

אויף צו מאָרגנס, דעם 2.9.1939, האָבן זיך די יידן, ווי יעדן שבת, אויפגעהויבן פרי און געגאַנגען דאַווענען. די שטימונג איז געווען אַ שווערע. מען האָט נאָך מתפלל געווען אויף שלום — אין דער טיפעניש פון די הערצער האָט נאָך געטליעט אַ האָפענונג, אַז אפשר איז עס נישט ריכטיק, אפשר איז די מלחמה נאָכנישט אויסגעבראָכן און די קאַטאַסטראָפע קאָן נאָך אויסגעמיטן ווערן... אָבער — אַ שוידערלעכער אויפרייס, אַרום 10 אַזייגער, ווען מיר זענען געווען אין שיל אינמיטן דאַווענען, האָט אונדז איבערצייגט, אַז דער שוואַרצער חלום — איז וואָר און אמת... אויף פינטשעוו זענען געפאַלן די ערשטע דייטשע באָמבעס. זיי זענען געפאַלן אַנטקעגנאיבער דעם מאַגיסטראַט.

אין שטאָט איז גלייך אויסגעבראָכן אַ בהלה. מען האָט נישט באַוויזן צו אידענ־טיפיצירן און באַוויינען די ערשטע קרבנות. איבער אונדזער שטעטל האָבן געקרייזט די באַנדיטישע נאַצישע אַעראָפּלאַנען און געדראָט מיט פייער און חורבן. מענטשן האָבן זיך גענומען באַהאַלטן אין קעלערס און אין בונקערס; אַנדערע האָבן אַנגעהויבן פאַרלאָזן די שטאָט, מיינענדיק זיך צו ראַטעווען אין די שכנותדיקע דערפער, אין פעלדער אָדער וועלדער.

זונטיק, דעם 3־טן, האָבן קיין פּינטשעוו גענומען אָנקומען פּליטים פון אַנדערע שטעט, זוכנדיק שוץ ביי אונדז אין שטעטל, ווייל זייערע היימען זענען שוין געווען חרוב, אָדער עס האָט זיך צו זיי דערנענטערט די דייטשע אַרמיי, נישט אָנטרעפנדיק כמעט קיין ווידערשטאַנד מצד דער פּוילישער אַרמיי. עס זענען צו אונדז אָנגעקומען יידן, כמעט נאַקעט און באָרוועס, פון קאַטאָוויץ, סאָסנאָוועצ, בענדין, דאָמבראָווע און פון קראָקאָווער געגנט. די דאָזיקע פּליטים האָבן אויסגעזען ווי די מלחמה וואָלט שוין געדויערט חדשים־לאַנג און נישט בלויז דריי טעג... זיי האָבן דורכגעמאַכט הונדערטער קילאָמעטער צופוס, פיל זענען געווען פאַרוווּנדעט. אַלע האָבן זיך געיאָגט ווייטער אויף מזרח, גלויבנדיק צו אַנטלויפן שנעלער, ווי עס האָבן מאַרשירט איבער פּוילן די באַנדיטישע פאַלקן... אין פּינטשעוו האָט געהערשט אַ פּאַניק — מען האָט שוין אין דער לופטן געפילט דעם הויך פון די זיך־דערנענטערנדיקע נאַצי־חיות, און קיין הילף האָט מען נישט געזען...

מאָנטיק, דעם 4־טן, און דינסטיק, דעם 5־טן סעפּטעמבער, זענען אין שטאָט אָנגעקומען שטאַרקע אָפּטיילונגען פון פּוילישן מיליטער, כדי דאָ צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער דייטשער אַרמיי. אונדזער שטאָט איז דאָך געווען אַ נאַטירלעכער סטראַטעגישער פּונקט, צווישן טייך נידאַ פון דרום און די גרויסע בערג אין צפון. דינסטיק ביינאַכט האָט זיך די דייטשע אַרמיי דערנענטערט צו דער שטאָט און זי גענומען שטורמען. די פּוילישע אַרמיי האָט אין פּינטשעוו געשטעלט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. מען האָט אָבער גלייך געפילט און געזען, אַז דער ווידערשטאַנד קאָן לאַנג נישט אָנהאַלטן — די דייטשן זענען געווען אין אַ צו גרויסער איבער־וויגנדיקער קראַפט, הן אין צאָל סאָלדאַטן, הן אין באַוואָפענונג, און די פּוילישע אָפּטיילן האָבן גאַנץ שנעל געמוזט אָפּטרעטן. די באָמבאַרדירונגען האָבן דערוויל געזייט אָן אויפהער פאַרוויסטונג אין שטאָט און די צאָל קרבנות צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג, און דער עיקר צווישן די יידן, איז כסדר געוואַקסן. די פּאָליאַקן האָבן אַליין אונטערגעצונדן דעם בריק אויפן טייך נידאַ, כדי אָפּצוהאַלטן דעם

אַריינמאַרש פון די דייטשן און זיי זאָלן קאָנען אַליין זיך צוריקציען אויף מזרח. דאָנערשטיק, דעם 7.9.1939, איז אַ שטאַרקער דייטשער כוח אָנגעקומען צו דער שטאָט פון צפון און פאַרנומען גוטע סטראַטעגישע פּאָזיציעס אויף די בערג. פּונקט 10 אַזייגער פרי האָבן זיי אָנגעהויבן אַ שטאַרקע פייער־באָמבאַרדירונג אויף דער שטאָט. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און זיי האָבן מיט אַ שטאַרקן שטורם אָנגעהויבן דעראָבערן און אַריינמאַרשירן קיין פינטשעוו.

גלייך ווי זיי האָבן נאָר פאַרנומען די שטאָט, האָבן די דייטשן גענומען אונטער־צינדן די יידישע גאַסן. זיי האָבן עס געמאַכט שנעל און מיט דייטש־בעסטיאַלישער פּינקטלעכקייט. די יידן זענען געווען באַהאַלטן אין די בונקערס און אין די קעלערס פון זייערע הייזער. זיי האָבן מורא געהאַט אַרויסצוגיין, און די וואָס האָבן דאָס יאָ געפּרוּווט טאָן, האָבן די נאַציס דערשאָסן, אָדער צוריקגעטריבן. מענטשן זענען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט אין די הייזער, דערשטיקט געוואָרן פון רויך, וואָס האָט זיך אַריינבאַקומען אין די קעלערס אַריין, אָדער אומגעקומען אונטער די איינפאַלנדיקע ווענט. די וואָס זענען לעבן־געבליבן, האָבן לויט אַ באַפעל פון די מערדער געמוזט שנעל לויפן אין דער קריסטלעכער קירכע אַריין; די וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען, אָדער נישט דערהערט דעם באַפעל, זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט.

מען האָט געשאַצט, אַז די צאָל קרבנות פון די אונטערצינדונגען צווישן די פינטשעווער יידן איז געווען העכער הונדערט. עס זענען אָבער אומגעקומען זייער פיל יידישע פּליטים וואָס זענען אָנגעקומען קיין פינטשעוו פון אַנדערע שטעט אין די ערשטע מלחמה־טעג. ביי ראַדאַל אין האָטעל זענען געווען אַ סך פּליטים. זיי האָבן זיך אַלע אויסבאַהאַלטן אינעם דאָרטיקן קעלער און אַלע אומגעקומען ווען דער האָטעל איז פאַרברענט געוואָרן.

נאָך עטלעכע טעג האָט מען די יידן אַרויסגעלאָזט פון דער קירכע. אָבער זיי האָבן מער נישט געהאַט וווהין צו גיין — זייערע וווינונגען, געשעפטן, וואַרשטאַטן זענען געווען פאַרברענט, צוזאַמען מיט זייער האָב־און־גוטס, וואָס אויב ס׳איז עפּעס פון דעם געבליבן, איז עס אין די עטלעכע טעג צעררויבט געוואָרן.

אַ טייל יידן איז אַוועק אין די שכנותדיקע שטעט. די איבעריקע האָבן זיך צוזאַמען, אין ענגשאַפט באַזעצט אין די איבערגעבליבענע גאַנצע הייזער. געוויסע יידן האָבן גלייך געפּרוּווט נעמען צוריקבויען זייערע צעשטערטע היימען, שאַפן זיך אויפסניי אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָבער נישט קיין סך איז דאָס געלונגען. די דייטשע בעסטיע האָט גלייך באַוויזן איר פּרצוף — גענומען פאַרפאָלגן און פּייניקן די יידן.

די שטאָט האָט אויסגעזען ווי נאָך אַן ערד־ציטערניש. אויף יעדן שריט און טריט — רואינעס און טויטע קערפּערס. די יידן זענען געוואָרן געצווונגען אָפּצוּרוימען די שטאָט, אַוועקפירן דעם גרוז און באַגראָבן די דערהרגעטע מענטשן, וועלכע מען האָט מער נישט געקאָנט דערקענען און אידענטיפיצירן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר די יידן דאָס שווערע פיין־לעבן, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דער שוידערלעכער אויסראָטונג, און האָט אומגעבראַכט אונדזער קהילה, אונדזערע נאָענטסטע און טייערסטע, — צוזאַמען מיטן גאַנצן פוילישן יידנטום.



פינף קינדער פון דער משפחה פרייזער, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס, ווען זיי האָבן שוין געהאַט אין אַמעריקאַנער קאָנסולאַט אין וואַרשע אַרויספאָדערונג־פּאַפּירן פון זייער פאָטער, וועלכער איז געווען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די מוטער איז געשטאָרבן פאַר דער מלחמה און די קינדער אַליין, פאַרלאָזטע, הונגעריקע, זענען אומגעקומען. אויפן בילד פון רעכטס צו לינקס: זיצן — משה, דער פאָטער בערל, די מוטער מרים־לאה, גאָלדע, ישעיהו; שטייט אינמיטן — פישל; געהאַלטן דורך טאַטע־מאַמע, פון פראָנט — די יינגסטע טאָכטער שרה.

אליעזר טאֶקאֶל

הימים הראשונים במלחמת העולם השנייה

כאשר הראַדיו הודיע ביום ששי, 1 בספטמבר 1939, על פלישת הגרמנים לפולין וכי המלחמה החלה, מיד הבינונו אנו, יהודי פינצ׳ב, כי עננים קודרים ואפלים קרבים ובאים לכסות את שמינו. אנשים בכו ברחובות, פחד מדכא ומעין תחושה מוקדמת של שואה מתקרבת הורגש בכל. כבר ביום השני לפרוץ המלחמה היא הספיקה להגיע עד פינצ׳ב.

למחרת, ביום השבת, השני בספטמבר, השכימו היהודים לקום והלכו להתפלל בבתי הכנסת, כבכל שבת. מצב הרוח קשה היה. עדיין התפללו וייחלו לשלום — בעומק הלב עוד לחש זיק של תקווה, שאולי אין הידיעה נכונה, אולי המלחמה עוד לא פרצה והאסון הכבד עוד עשוי להימנע... אולם התפוצצות מחרידה, בשעה 10 בבוקר, כשעדיין היינו בעיצומה של התפילה, שיכנעה אותנו כי אין זה חלום רע אלא מציאות מרה... היו אלה פצצות גרמניות ראשונות על פינצ׳ב. הן נפלו והתפוצצו מול בית העירייה.

מיד פרצה בהלה בעיר. לא הספיקו לזהות ולבכות את הקרבנות הראשונים. מעל עיירתנו חגו מטוסים של הפושעים הנאציים וזרעו אש וחורבן. אנשים חיפשו מחסה במרתפים ובבונקרים; אחרים ניסו לצאת את העיר, בתקווה שיצילו את חייהם בכפרים הסמוכים, בשדות וביערות.

ביום ראשון, השלושה לחודש, החלו להגיע לפינצ׳ב פליטים מערים אחרות, בחפשם מקלט בעיירה שלנו, כי בתיהם שלהם כבר חרבים היו, או שהתקרבו והלכו אליהם הגייסות הנאציים, בלי שנתקלו כמעט בשום התנגדות מצד הצבא הפולני. הגיעו אלינו יהודים, יחפים וערומים למחצה, מקאַטוֹביץ, סוֹסנוֹביץ, באֶנדין, דוֹמ־ברוֹבאַ ומסביבות קראקוב. מחֲזות־פניהם נראה היה, כאילו המלחמה כבר נמשכת חודשים רבים ולא שלושה ימים בלבד... מאות קילומטרים הלכו ברגל, והרבה מהם היו פצועים. כולם נהרו למזרח, בהאמינם שיצליחו לברוח מהר יותר עד שלא ישיגום צבאות הרוצחים. פאניקה שררה בפינצ׳ב — כבר הורגשה באוויר נשימתה של החיה הנאצית המתקרבת, ולא נראה מאין תבוא עזרה.

ביום שני, בארבעה בספטמבר, ולמחרתו ביום שלישי, הגיעו לעיר פלוגות חזקות של הצבא הפולני, כדי לפתוח כאן בהתנגדות לצבא הגרמני. הרי עירנו שימשה נקודה איסטרטגית חשובה. בין נהר נידאַ בדרום וההרים הגבוהים בצפון. ביום שלישי בלילה התקרב הצבא הגרמני לעיר והחל להסתער עליה. אולם חטיבת הצבא הפולני הראתה בפינצ׳ב התנגדות נמרצת לפולש. אך מיד נוכחנו, כי התנגדות זו לא תימשך זמן רב — הכוחות הגרמניים היו חזקים ורבים יותר, הן במספר החיילים הן בציודם, והפלוגות הפולניות נאלצו במהרה לסגת. בינתיים זרעו ההפצצות בלי הרף חורבן והרס בעיר, ומספר הקרבנות באוכלוסייה האזרחית, בעיקר באוכלוסייה היהודית, הלך וגדל. הצבא הפולני בעצמו הבעיר את הגשר שעל נהר נידאַ כדי לעכב את כניסתם של הגרמנים לעיר ולנצל את הזמן לנסיגה נוספת לצד מזרח. ביום חמישי, בשבעה בספטמבר, התקרב כוח גרמני חזק לעיר מצד צפון ותפס עמדות איסטרטגיות חשובות על ההרים. בדיוק בשעה 10 בבוקר פתחו בהפצצה חזקה על העיר. לאחר זמן קצר החלו בהסתערות שוצפת לכבוש את העיר ופלשו לתוכה.

מיד לאחר שכבשו את העיר, החלו הנאצים להבעיר את הרבעים היהודים, ביצעו זאת במהירות ובדייקנות גרמנית שטנית. היהודים חבויים היו בבונקרים ובמרתפים של בתיהם. הם פחדו לצאת, ואלה שניסו לעזוב את הבתים, הנאצים ירו בהם או דחפו אותם חזרה. אנשים נשרפו חיים בבתיהם, נחנקו בעשן שחדר למרתפים או נהרגו בהתמוטט הקירות. אלה שעוד נשארו בחיים, חייבים היו, לפי פקודת הרוצחים, לרוץ מהר לכנסייה הקאתולית. מי שלא הבין את הפקודה או לא שמע אותה, נורה במקום.

הערכנו, כי מספר הקרבנות היהודיים מן השריפה היה למעלה ממאה. מספר זה מיהודי פינצ׳ב בלבד, ומלבדם ניספו עוד הרבה פליטים יהודיים שהגיעו לפינצ׳ב מערים אחרות בימים הראשונים של המלחמה. במלונו של ראַדאַל היו הרבה פליטים. כולם התחבאו במרתף וכולם ניספו כאשר המלון נשרף.

לאחר כמה ימים הרשו ליהודים לצאת מן הכנסייה. אולם כבר לא היה להם מקום לאן לפנות — הדירות, החנויות, הסדנאות, הכל עלה בלהבות יחד עם כל הרכוש, ואם עוד נשאר משהו, הרי זה נשדד בימים הראשונים שלאחר השריפה.

היהודים, בחלקם פנו לערים השכנות, השאר השתכנו ביחד, בצפיפות רבה, בבתים היהודיים ששרדו. כמה יהודים אף ניסו מיד לשקם מחדש את בתיהם ההרוסים, לבנות מחדש קורת גג לראשם, אך לא הצליחו בהרבה. החיה הנאצית גילתה מיד את פרצופה — והחלה לרדוף ולהתעלל ביהודים.

העיר נראתה כאילו נתנסתה ברעידת־אדמה. על כל צעד ושעל — חורבות וגופות מתות. אילצו את היהודים לנקות את העיר, להרחיק את תילי ההריסות ולקבור את הנרצחים, שכבר אי אפשר היה להכירם ולזהותם.

חיי העינויים והייסורים שהיו מאז מנת חלקם של היהודים, באו אל קיצם בהשמדה המזוועת שבה ניספתה הקהילה היהודית שלנו — יחד עם כל יהדות פולין.

מרדכי שנער

אזוי איז לעבנגעבליבן די משפחה שיינער...

אָפטמאָל דאַכט זיך, אַז מען האָט שוין אַלץ געהערט; אַז אַלע פּיינען, וואָס יידן זענען דורכגעגאַנגען אין די קאַטאַסטראָפע־יאָרן, אַלע וועגן, דורך וועלכע די ווייניקע האָבן זיך געראַטעוועט, זענען שוין דערציילט און באַשריבן געוואָרן. קומט אָ פרישער אָפּגעראַטעוועטער, נעמט דערציילן, און גלייך ווייזט זיך אַרויס, אַז ניין — נישטאָ גאָר קיין גרענעץ, קיין עק צו די פּיינען; אַז די איבערלעבונגען זענען גאָר נישט אויסשעפּבאַר אין זייער פאַרשידנאַרטיקייט און פון יעדן, אַן אויסנאָם, הערט איר „נייעס״.

ר׳ שלמה שיינער איז אַ גרייז־גרויער שיינער מאַן און אַ ליבלעכער שמייכל שיינט אַראָפּ פון זיין זקניש פּנים, באַצירט מיט דער ווייסער באָרד און הויכן למדנישן שטערן. ער וווינט מיט זיין פרוי, אַלטע, אין צענטער תל־אביב, אויף שדרות דוד המלך. שטיל און ציכטיק איז אין דער גערוימער וווינונג, איינגעאָרדנט מיט געשמאַק און רחבות.

ר׳ שלמה שיינער הויבט נישט אָן פון דערציילן, נאָר ברענגט באַשיידן אַריין פון צווייטן צימער עפּעס אַ קליין פּעקעלע, פאַרוויקלט אין פּאַפּיר און אַרומגעבונדן מיט אַ רויט שנירל. ער בינדט עס פּאַמעלעך פונאַנדער, זאָגנדיק גאַנץ שטיל און רואיק: „באַלד וועט איר זעען די סימנים פון אונדזערע איבערלעבונגען...״

ווען ער נעמט אַרויס דאָס וואָס ליגט אינעם פּעקעלע, זאָגט וואָס דאָס איז און מען טוט אויף דעם אַ קוק, שטעלט מען זיך אינסטינקטיוו אויף, עס באַפאַלט עפּעס אַ מורא זיך צו דעם צוצורירן, עס ווילט זיך גאָר פריער, לויטן אַלטן יידישן מנהג, וואַשן די הענט.

— דאָס האָב איך געשריבן אין דער „קריאַוווקע״...

דער ספר תהילים, אַ מחזור, די פּסחדיקע הגדה, געשריבן מיט געדרוקטע אותיות און נקודות, אויף צעשניטענע שול־העפטן; און — יידישע קאַלענדאַרן, לוחות, געצייכנט מיט פּערלדיקן כתב, טעג, שבתים, יום־טובים. אין די ליידיקע רובריקן פון לוח, מיט פּיצעלעך אותיות, פאַרצייכענונגען, וואָס מאַכן אויפשוידערן. עפענען מיר און לייענען גאַנץ צופעליק די דראָבנע שורהלעך:

„זונטיק כ״ט תמוז תש״ג, ערב ר״ח אב. דערש׳ אין טור 4 יידן, צווישן זיי מרדכי ברוך״...


מיר מישן אויף צוריק, איגנאָנצן צוויי טעג פריער: „כ״ז תמוז, פרייטיק. אַ גרויסע מיל׳ אַבלאַווע. דערש׳ אין חר׳־וואַלד 45 יידן!?״

„פרייטיק, י״ג כסלו תש״ד. צווישן די 18 יידן פון ו׳ כסלו געווען אויך: מרדכי, יצחק און מ. פיינער״.

„זונטיק, כ״א חשון תש״ג. 12 פאל׳ געזוכט, ב״ה נישט געפונען!! געמוזט אוועקגיין!״

אַזוי גייט כסדר: געפונען יידן, געשאָסן, צוגענומען... ער האָט אין זיין באַהעל־טעניש געוווּסט, וואָס עס הערט זיך אין דער גאַנצער סביבה, אַפילו אויף דער וועלט, ווי די פאַרצייכענונג אין לוח: „די איטאַליענער געלייגט דאָס געווער״.

דאָס פאַרפאַלק שיינער, צוזאַמען מיט זייערע פיר קינדער זענען די לעצטע צוויי יאָר פון דער היטלער־צייט געלעגן אין אַ באַהעלטעניש ביי אַ פויער אין אַ דאָרף נעבן פינטשעוו. די באַהעלטעניש: צווישן אַ וואַנט אין אַ צימער און אַ „פאַלשער״ וואַנט פון ברעטער. 90 סענטימעטער די ברייט, 5 מעטער די לענג — דאָ האָבן צוויי יאָר געלעבט זעקס נפשות, אַ צייט נאָך מיט אַ קראַנק יינגל, אַ קרוב, ווי אַ זיבעטן, וועלכער איז דאָרט שפּעטער געשטאָרבן. ארויס־ און אַריינגעגאַנגען איז מען דורך אַ לייטער און אַ לאָך אין סופיט, אַרויף אויף אַ בוידעם מיט שטרוי. אַ קליין לעכל אין וואַנט האָט צוגעשטעלט לופט און ליכט. שטאַרק רעליגיעזע מענטשן. אין דער דאָזיקער באַהעלטעניש האָט מען נישט עובר געווען אויף די דינים פון כשרות, און פּסח האָט מען, חלילה, קיין חמץ נישט געגעסן. און געהאַט האָט מען איין טעפּל בלויז, וואָס מען האָט געכשרט אין דער ערד, ווען מ׳האָט באַדאַרפט. אַ קאַווע־מילכל האָבן זיי געהאַט. האָט מען אויף פּסח צעמאָלן אין דעם אַביסל ווייץ און אָפּגעבאַקן אויף דער נאַפט־מאַשינקע מצהלעך. קיין פליש האָבן זיי נישט גע־געסן די גאַנצע צייט, בלויז קאַרטאָפל, אַביסל גרויפּן און ברויט. און מען האָט זיך די גאַנצע צייט אויסגעהיט, נישט געגעסן קיין טריפות, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גלוי־ביקן פרומען יידן. אַזוי האָט מען געהיט די יידישע יום־טובים, שבת.



צוויי בלעטלעך פונעם יידישן לוח, וואָס שלמה שיינער האָט געשריבן אין דער באַהעלטעניש.

— און וואָס פלעגט מען טאָן אַ גאַנצן טאָג ?

— אינדערפרי, אויפשטייענדיק פון שלאָף, פלעג איך מיט מיינעביידע זין נעמען זאָגן תהלים, פסוק נאָך פסוק, יעדער אַ פסוק לויט דער ריי. אָפּדאַווענען עפּעס איבערכאַפּן, און ווידער פאָרזעצן דעם תהלים. מיר פלעגן יעדן טאָג, אַרום 3־4 אַזייגער נאָכמיטאָג ענדיקן גאַנץ תהלים. גלויבט מיר, איך בין נישט קיין איבערגלויביקער טראָץ מיין פרומקייט, אָבער נאָכן אָפּזאָגן תהלים פלעגן מיר זיך דערפילן עפּעס בעסער, האָפּערדיקער, דער בטחון איז געווען שטאַרקער...

✶

ר׳ שלמה שיינער איז נישט קיין געבוירענער אין פינטשעוו. ער שטאַמט פון נאָווי קאָרטשין, אַ שטעטל ביי דער ווייסל, אין קיעלצער געגנט, טאָקע נישט ווייט פון פינטשעוו. ער האָט זיך באַזעצט אין פינטשעוו אין יאָר 1929, האָבנדיק אַן אייגענע מיל אין מיכאַלאָוו, 5 קילאָמעטער פון פינטשעוו. די פאַמיליע שיינער האָט געוווינט אין פינטשעוו אויף דער בוסקאָ־גאַס. אין מיל האָט געוווינט דער מאָגאַ־זיניער מענדל ליפשיץ. אין דאָרף מיכאַלאָוו גופא האָבן קיין יידן נישט געוווינט,


תהלים י־יא. 14.

עולם ועד אבדו גוים מארצו: תאות
ענוים שמעת יי תכין לבם תקשיב
אזנך: לשפט יתום ודך בל יוסיף
עוד לערץ אנוש מן הארץ:
יא. למנצח לדוד ביי חסיתי איך
תאמרו לנפשי נודי הרכם
צפור: כי הנה הרשעים ידרכון קשת
(קשתות) כוננו חצם על יתר לירות
במו אפל לישרי לב: כי השתות
יהרסון צדיק מה פעל: יי בהיכל
קדשו יי בשמים כסאו עיניו יחזו
עפעפיו יבחנו בני אדם: יי צדיק
יבחן ורשע ואהב חמס שנאה
נפשו: ימטר על רשעים פחים

תהלים יא־יב. ח 15.

אש וגפרית ורוח זלעפות מנת כוסם:
כי צדיק יי צדקות אהב ישר
יחזו פנימו:
יב. למנצח על השמינית מזמור
לדוד: הושיעה יי כי גמר
חסיד כי פסו אמונים מבני אדם:
שוא ידברו איש את רעהו שפת
חלקות בלב ולב ידברו: יכרת יי
כל שפתי חלקות לשון מדברת
גדלות: אשר אמרו ללשננו
נגביר שפתינו אתנו מי אדון לנו:
משד עניים מאנקת אביונים עתה
אקום יאמר יי אשית בישע יפיח
לו: אמרות יי אמרות טהרות כסף

צוויי זייטלעך פון ספר תהלים, וואָס שיינער האָט געשריבן אין דער באַהעלטעניש.

אָבער שבת פלעגט זיך צונויפנעמען אין מיל אַ מנין יידן פון דערבייאיקע דערפער און דאָרט דאַווענען בציבור.

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה אין 1939, איז ר׳ שלמה מיט זיין עלטסטן זון, יחיאל, אַנטלאָפן אויף מזרח, מיט פערד־און־וואָגן קיין ווייסליץ. ער איז צוריק־געקומען צו דער משפחה קיין פינטשעוו ערשט אין מערץ 1940, זיך שמוגלענדיק פון ראַטנפאַרבאַנד דורך לודמיר און ביאַליסטאָק.

דערציילט די פרוי, אַלטע שיינער:

„ווען די דייטשן זענען אַריין אין פינטשעוו, איז געקומען דער רב און מיך געבעטן, איך זאָל מיט די קינדער, מיין מאַן איז דאַך נישט געווען, אַריבער צו אים און נישט בלייבן אַליין. אָבער איך האָב בעסער געוואָלט בלייבן ביי זיך. ווען די דייטשן האָבן גענומען שיסן אין גאַס, בין איך מיט די קינדער אַראָפּ אין קעלער. די פוילישע סטרוזשקע האָט צו מיר שפּעטער אַראָפּגעשריגן: עס ברענט!... בין איך מיט די קינדער אַנטלאָפן, מיטנעמענדיק אַ פוטער און אַ פעקעלע געלט בלויז, הינטערן בית־עולם. די קינדער האָבן געוויינט און כ׳האָב זיי אַ גאַנצן טאָג נישט געהאַט וואָס צו געבן עסן. אין אָוונט בין איך אַריין צו אַ קריסט, וועלכער האָט מיר דערלויבט איבערנעכטיקן ביי אים מיט די קינדער, אָבער שטייענדיק, נישט געווען

זיך ווו צו זעצן אַפילו... ביי דער שריפה, וואָס די דייטשן האָבן אַרויסגערופן, זענען אויף דער בוסקאַ־גאַס פאַרבליבן גאַנץ בלויז אַכט הייזער, צווישן זיי אויך אונדזער הויז. ווען איך בין צוריקגעקומען אַהיים, איז אונדזער הויז שוין געווען פול מיט יידן, וועמענס וווינונגען עס זענען אָפּגעברענט געוואָרן. אויך דער רב איז געווען ביי מיר אין הויז, שוין נאָכדעם ווי ער איז באַפרייט געוואָרן פון דער קירכע״.

אויף בוסקאַ־גאַס, נישט ווייט פון די שיינערס, איז געווען אַן אַפּטייק פון דעם פּוילישן אַפּטייקער דאָמבראָווסקי. אויף זיין פרוי האָט מען דערציילט, אַז זי שטאַמט פון יידן און איז אַ משומדת. די דאָזיקע אַפּטייק איז אָפּגעברענט געוואָרן בעת דער שריפה. שיינער האָט פאָרגעלייגט דאָמבראָווסקין, ער זאָל עפענען די אַפּטייק צוריק ביי אים, ביי שיינערן אין הויז. צו דעם צוועק האָט אים שיינער אָפּגעגעבן דריי פון זיינע זעקס צימערן, אויסגעהאַקט אַ טיר אין פראָנט. פון דעם אַפּטייקער האָט די שיינער־פאַמיליע געהאַט פיל טובות.

אין דער מיל האָבן די דייטשן גלייך אַריינגעזעצט אַלס קאָמיסאַר אַ פאָלקס־דייטש. דער קאָמיסאַר פלעגט אָפט אָבער, בגניבה, אַריינשיקן צו שיינערן אַ האַלבן זאַק מעל, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַ גאַנצער אוצר. ער האָט אַפילו געגעבן אַ קוויטל, אַז שיינערס קינדער אַרבעטן אין מיל, וואָס האָט זיי געדאַרפט ראַטעווען פון גענומען ווערן צו צוואַנג־אַרבעטן. די לאַגע אין מיל האָט זיך געענדערט, ווען אַלס קאָמיסאַר איז דאָרט באַשטימט געוואָרן אַ „באַקאַנטער״ פּאָליאַק. נעבן דער מיל איז געווען אַ פאָלוואַרק פון איינעם דעמבינסקי, האָט ביי אים געאַרבעט ווי אַ „זשאָנדצע״ (פאַרוואַלטער) אַ פּאָליאַק מיטן נאָמען יאַניעץ. אַזוי ווי די דייטשן זענען אַריין קיין פּוילן, האָט זיך דער יאַניעץ דערקלערט אַלס פאָלקס־דייטש, אָנגעטאָן אַ דייטשן מונדיר און ער איז עס געוואָרן דער צווייטער קאָמיסאַר אין מיל. ער האָט, פאַרשטייט זיך, גוט געקענט די פאַמיליע שיינער. דער יאַניעץ האָט געהאַט אַ „ווייטן בליק״ און געקלערט וועגן דער צוקונפט. ווען שיינער איז נאָך געווען אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט ער געשיקט רופן די פרוי שיינער און געפאָדערט זי זאָל אונטערשרייבן אַ דאָקומענט, אַז די מיל איז זיינע, אַז ער האָט זי אָפּגעקויפט... ער האָט דערביי געטענהט, אַז דאָס איז פאַר איר טובה וועגן, ער „וועט דאָך נישט צונעמען ביי אַ באַקאַנטן אַ פאַרמעגן...״ די פרוי האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן. „מיין מאַן איז נישטאָ, די מיל איז אויף זיין נאָמען...״

„אָבער — דערציילט פרוי שיינער — דאָס איז נאָך געווען דער אָנהויב. די דייטשן פלעגן נאָך דעמלט באַצאָלן פאַר דער מעל, וואָס זיי האָבן גענומען אין מיל... מיר האָבן נאָך געלעבט ווי מענטשן... די גרויסע צרות האָבן זיך אָנגעהויבן אַביסל שפּעטער, ווען מען האָט געמוזט אַנטלויפן פון פינטשעוו, כדי זיך צו ראַטעווען און

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די נסים, אַדאַנק וועלכע מיר האָבן זיך געראַטעוועט און געבליבן לעבן צוזאַמען מיט אונדזערע קינדער...״

און מיט זיין פערלדיקן רבנישן כתב־יד, שרייבט ר׳ שלמה שיינער די ווייטער־דיקע בלעטער.

שלמה שיינער (תל־אביב)

אזוי האָט גאָט אונדז געראַטעוועט

ווען איך בין צוריקגעקומען קיין פינטשעוו, אין מערץ 1940, איז שוין דאָרט געווען אַ ״יונדענראַט״. זיין פּאָרזיצער איז געווען יצחק גורסקי און מיטגלידער, צווישן אַנדערע: אבא קינרוס, חיימל רוט, לייבל גאָלד, ישראליק פייגנבוים. גלייך ווי גורסקי איז געוווּיר געוואָרן, אַז איך בין צוריקגעקומען, האָט ער געשיקט מיך רופן און געפאָדערט, אַז איך זאָל ווערן אַ מיטגליד פון ״יודענראַט״. איך האָב זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. איך האָב אָבער געמוזט אַריינגיין אין אַ ״קאָנטראָל־קאָמי־סיע״, וואָס האָט געדאַרפט קאָנטראָלירן די פינאַנץ־ענינים פונעם ראַט. די קאָמי־סיע איז באַשטאַנען פון צוויי מענטשן: פּעליקס און איך. מיר זענען אַ צוויי־דריי מאָל געווען קאָנטראָלירן די ביכער. מער נישט, און מיר האָבן געדאַנקט גאָט, וואָס מען רופט אונדז נישט דערצו, נישט וועלנדיק זיין אַריינגעמישט אין ענינים, אין וועלכע מיר האָבן סיי־ווי גאָרנישט געקאָנט העלפן, אויסער געבן אונדזערע אונ־טערשריפטן...

דער פינטשעווער ״יודענראַט״ האָט זיך געפירט ווי אַלע יודענראַטן אין פּוילן. ער האָט גענומען אויף אַרבעט. אויך מיך מיט די קינדער האָט מען גענומען צו גראָבן טאָרף נעבן טייך. אַנדערע האָט מען אַוועקגעשיקט ווייט, ״אויף אַרבעט״, פון וועלכער זיי זענען נישט צוריקגעקומען.

עטלעכע טעג פאַר דער גרויסער אויסזידלונג האָט מען מיך גערופן אין ״יו־דענראַט״ אַריין. דאָרט האָט זיך אויך געפונען דער פאָרזיצער פון העכערן, געגנט־לעכן ״יודענראַט״ אין בוסק, טאַפּיאַל (אייגנטימער פון אַ דרוקעריי אין בוסק). מען האָט גערופן מיך מיט נאָך אַ 20 רייכע יידן. טאַפּיאַל האָט דערציילט, אַז ער האָט אין בערלין אַ באַקאַנטן דייטש, אַן אייגנטימער פון אַ געווער־פאַבריק, וועלכער איז

גרייט צו באַשעפּטיקן אַ פּאָר הונדערט יידן פאַר אַ גרויסער סומע געלט און מען פאַרלאַנגט ביי אונדז דאָס געלט צו ראַטעווען אַ גרעסערע צאָל יידן.

מיר האָבן שוין געוווּסט, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף. מיר האָבן שוין נישט געהאַט קיין אילוזיעס בנוגע די פּלענער פון די דייטשן. געווען אויך אַנדערע בולטע סימנים. מען האָט שנעל איינגעמאָנט ביי די יידן די שטייערן. מען האָט אין די יידישע שטיבער צענומען די קאַפּליע-איוווּנס און אַוועקגעפירט די קאַפּליעס קיין דייטשלאַנד. ביי מיר האָט מען דאָס נישט געטאָן, אַדאַנק דער פּוילישער אַפּטייק. אָבער ביי מיינעם אַ שכן, אַ פאַמיליע מיט זיבן קליינע קינדער, האָט מען דאָס יאָ דורכגעפירט. ווען ער האָט זיך געבעטן מען זאָל אים איבערלאָזן דעם איוווּן, ער האָט קליינע קינדער און עס איז פאַר ווינטער, האָט דער דייטש זיך ציניש צעלאַכט און געענטפערט: „אויב וועסט מיט דיינע קינדער דערלעבן ביזן ווינטער, וועסטו האָבן אַן אַנדער איוווּן...״ דאָך האָט קיינער פון די גערופענע פאַרמעגלעכע יידן נישט אָפּגעזאָגט צו באַשטייערן זיך פאַר ראַטעווען יידן.

אָבער דאָ האָט זיך אויפגעשטעלט ווֹלאַסקי און צו אונדז אויסגערופן: „רבותי, איך זאָג אייך, אַז ס׳איז אַ בלאָף, מ׳וועט קיינעם נישט ראַטעווען, מיר זענען אַלע פאַרמשפּטע צום טויט... איך לייג פאָר צו רופן אַ פּאָר יוגנטלעכע און זיי געבן דאָס געלט אויף געווער קעגן די דייטשן... זאָלן זיי אַוועק אין די וועלדער צו די פּאַרטיזאַנען, אָדער קעמפן אויף אַנדערע אופנים...״ גורסקי האָט אים איבערגע־ריסן און שאַרף אויסגערופן: „דו ווייסט וואָס דו רעדסט?! זאָלסט זיך מער נישט דערוועגן אַזוי צו רעדן!...״

גורסקי האָט פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל נעמען צו זיך דאָס געלט, וואָס איז דעמלט געזאַמלט געוואָרן. איך האָב זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן און ער, גור־סקי, האָט צוגענומען דאָס געלט, וואָס אַלע האָבן געזען. שפּעטער האָט מען גע־פאָדערט ביי גורסקין ער זאָל געבן פון דאָזיקן געלט פאַר די אָרעמע פינטשעווער יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דזשאַלאָשיץ. דאַן האָט ער געפּרוּווט זאָגן, אַז דאָס געלט איז ביי מיר. איך האָב אים געשטעמפּלט אַלס ליגנער און דאָס באַוויזן מיט עדות, וואָס זענען דאָך דעמלט געווען דערביי. דער דאָזיקער פאַל האָט אַרויסגע־רופן גורסקיס צאָרן קעגן מיר און ער איז מיר געוואָרן אַ דם-שונא. דאָס האָט ער געשיקט די פּוילישע פּאָליציי מיך זוכן, ווען איך בין געווען באַהאַלטן מיט מיין פאַמיליע אין אונדזער ערשטער באַהעלטעניש ביים פּאָליאַק פּעלעק אין באָגוטשיצע (אַ דאָרף צווישן פינטשעוו און בוסק).

אין באָגוטשיצע האָט געאַרבעט מיינער אַ זון. ער האָט געפּועלט ביים דאָזיקן פּויער, ער זאָל מאַכן אַ באַהעלטעניש פאַר מיין פאַמיליע ביי אים אויפן בוידעם,

אונטער אַ דאָפּלטער וואַנט. איך בין אַהין אַוועק אין סאַמע טאָג פון דער אויסזידלונג, שמחת־תורה. אָבער נאָר מיטן זון, צוערשט. אַזוי ווי דער פויער האָט פאַרלאַנגט מיר זאָלן קומען ביינאַכט, בין איך מיטן זון דעם גאַנצן טאָג געווען אין פעלד און ביינאַכט זיך אַריינגעשלייכט צו פעלעקן. מיין פרוי מיט די איבעריקע קינדער זענען געקומען ערשט אין צוויי טעג אַרום. צו דעם פעלעקן טאַקע האָט גורסקי געשיקט פּאָליציי אונדז צו אַרעסטירן, ווייל ער איז געווויר געוואָרן, אַז מיר געפינען זיך דאָרטן. די פּאָליציי האָט געזוכט, אָבער אונדז נישט געפונען; מען האָט דעם פויער געדראָט מיט טויט, אויב ער וועט אונדז נישט אַרויסגעבן, אָבער ער האָט זיך נישט איינגעבראָכן און געבליבן ביי זיין טענה, אַז מיר געפינען זיך נישט ביי אים, זענען ביי אים קיינמאָל נישט געווען און ער ווייסט נישט וווּ מיר זענען. גלייך, אָבער, ווי די פּאָליציי איז אַוועק, האָט ער אונדז געהייסן פאַרלאָזן זיין הויז. אינטערעסאַנט: די פאָדערונג צו פאַרלאָזן דאָס הויז וואָס שנעלער האָט אונדז איבערגעגעבן דעם פויערס אַ טאָכטער. זי איז געווען אַ שטרענג רעליגיעזע, דערצויגן אַלס באַרמהערציקע שוועסטער אין אַ קלויסטער־שול. זי האָט אונדז אָפן דערקלערט, אַז „אויב אויף די יידן זענען געקומען אַזעלכע צרות, איז אַ סימן, אַז דאָס איז גאָטס ווילן...״ זי האָט דעריבער געהאַט באַשלאָסן צו דערציילן דער פּאָליציי וווּ מיר זענען באַהאַלטן, „ווייל מען טאָר זיך נישט קעגנשטעלן גאָטס רצון...״ ווען זי האָט אָבער געוואָלט עפענען דערצו דאָס מויל, איז איר אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון, אַזוי ווי עמעצער וואָלט איר צוגעהאַלטן דאָס מויל. אַגב, האָט זי שפּעטער באַקומען אַן אויפפאָדערונג צו פאָרן קיין דייטשלאַנד אַרבעטן, אָבער דאָ האָט איר נישט געאַרט „גאָטס רצון״, זי האָט אויפגעזוכט אַ יידיש מיידל, וועלכע האָט גענומען אירע דאָקומענטן און אַוועקגעפאָרן אויף איר פּלאַץ קיין דייטשלאַנד.

דאָס איז געווען דעם 1.11.1942.

פון דעם פּלאַץ זענען מיר אין אָוונט אַוועק אין וואַלד אַריין. אין צווייטן עק וואַלד האָט זיך געפונען אַן איינציק הייזל, אין וועלכן עס האָט געוווינט אַן אלמנה מיטן נאָמען סטזשעלעצקי, ביי וועלכער מיין פרוי און טאָכטער זענען געווען באַהאַלטן די ערשטע 48 שעה נאָכן אַנטלויפן פון פּינטשעוו. זי האָט אונדז דערלויבט זיך צו באַהאַלטן ביי איר אויפן בוידעם מיט היי. מער ווי אַ וואָך האָבן מיר דאָרט נישט געקאָנט פאַרבלייבן. עסן האָבן מיר פון דער פרוי באַקומען איין מאָל אין טאָג — אַביסל קאַרטאָפל־זופּ, כמעט אָן קאַרטאָפל, קיין ברויט האָבן מיר אינגאַנצן נישט באַקומען. אָבער עטלעכע מאָל אין טאָג איז זי געקומען צו אונדז און געפאָדערט מיר זאָלן איר געבן געלט, אָדער זאַכן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע פויערטע וויל ביי אונדז אויספּרעסן אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן און דערנאָך אונדז

אַרויסטרייבן, אָדער איבערגעבן אין די הענט פון די דייטשן. (נאָכן באַפרייט ווערן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ביי דער דאָזיקער אַלמנה האָט דאַן, ווען מיר זענען געווען ביי איר, געאַרבעט אַ יונגער פינטשעווער בחור, ישראל גאָלדמאַן, אַלס פּאַסטוך; זי האָט, נאַטירלעך, נישט געוווּסט, אַז ער איז אַ ייד). דעם 6.11.1942 אין אָוונט, זענען מיין פרוי מיטן עלטסטן זון אַוועק צוריק אין דאָרף באָגוטשיצע, צו אונדזערן אַ באַקאַנטן קריסט, אַ געוויסן יאַסקולסקי, וועלכער האָט איינגע־שטימט אונדז אויסצובאַהאַלטן ביי אים. מיין פרוי איז דאָרט גלייך פאַרבליבן און דער זון איז געקומען אונדז רופן. דעם צווייטן אָוונט זענען מיר אַלע ב״ה בשלום אָנגעקומען אויפן דריטן פלאַץ.

די ערשטע פּאָר טעג זענען מיר געווען אין אַ קאַמער און אין דער צייט האָט יאַסקולסקי געמאַכט פאַר אונדז אַ באַהעלטעניש. דאָס איז געווען צווישן אַ דאָפּלטער וואַנט אין שטאַל, ווו דער שטח איז געווען אַ 50—60 סענטימעטער די ברייט. דער אַריינגאַנג איז געווען דורכן בוידעם, ווו מען האָט אַוועקגענומען אַ ברעט אין דיל און זיך אַריינבאַקומען אין אונדזער באַהעלטעניש. דאָ זענען מיר געלעגן און פשוט געהונגערט. קיין ברויט האָט ער פאַר אונדז נישט געוואָלט קויפן, נאָר בלויז קאַר־טאָפל, פאַר וועלכע ער האָט ביי אונדז גענומען פיל געלט (אויסער דעם פּרייז פאַר באַהאַלטן אונדז, נאַטירלעך). אָבער די בעל־הביתטע, וועלכע האָט פאַר אונדז גע־קאָכט די קאַרטאָפל, האָט די קאַרטאָפל געלאָזט פאַר זיך און אונדז געגעבן וואַסער־דיקע זופּ. לאַנג האָבן מיר דאָ נישט געקאָנט פאַרבלייבן אַפילו הונגערנדיק — עס זענען צו אונדז דערגאַנגען קלאַנגען, אַז דייטשן דאַרפן אָנקומען אין דאָרף אַריין און מיר האָבן געמוזט אַנטלויפן אין וואַלד אַריין. דאָס איז געווען אינמיטן יאַנואַר 1943. עס איז געווען אַ פראָסט פון 15 גראַד און מיר האָבן גענעכטיקט אויף דער ערד צווישן די ביימער. מיר האָבן אָבער אין וואַלד געטראָפן אַן ערך 20 יידן. מיר האָבן געוווּסט, אַז דער וואַלד איז אַרומגערינגלט דורך דייטשן, וועלכע האָבן אָבער מורא געהאַט אַריינצודרינגען טיף אין וואַלד אַריין, צוליב די פּאַרטי־זאַנער. אין דאָזיקן וואַלד האָבן מיר געלעבט אַרום זעקס וואָכן. דאַן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז עס זענען אַרויסגעהאָנגען געוואָרן באַקאַנטמאַכונגען, אונטערגעשריבן דורכן גענעראַל־גובערנאַטאָר פראַנק, אַז אַלע יידן, וועלכע געפינען זיך נאָך ביי קריסטן, אָדער אין די וועלדער, האָבן צייט ביז סוף חודש פריי אַריינצופאָרן אין די דריי געטאָס, וואָס זענען צו דעם צוועק געשאַפן געוואָרן — אין קראָקע, סאַנדאָ־מיעזש און ראַדאָמסק — ווו זיי וועלן קאָנען לעבן. אויך מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָרן אין איינעם פון די דאָזיקע געטאָס, קיין סאַנדאָמיעזש. עס איז נאָך געווען צייט 24 שעה ביזן סוף פון טערמין, מיר האָבן געזוכט אַ פויער, וואָס זאָל אונדז

אָפּפירן קיין סאָנדאָמיעזש. מיין פרוי מיטן עלטסטן זון זענען דאָן אַריין קיין פינ־טשעוו, ווו זיי האָבן געטראָפן נאָך יידן, וועלכע זענען געפאָרן אין די דערמאָנטע געטאָס. (פון די דאָזיקע יידן האָט זיך מיין פרוי דערוווּסט, אַז גורסקי האָט געשיקט פּאָליציי אונדז זוכן אין אונדזער ערשטער באַהעלטעניש, אין באָגוטשיצע). מיין פרוי האָט דעמלט געטראָפן אין גאַס אונדזערס אַ באַקאַנטן קריסט, דעם דאָקטאָר גענעראַוויץ, און אים דערציילט וועגן אונדזער באַשלוס צו פאָרן אין געטאָ פון סאָנדאָמיעזש. דער דאָקטאָר האָט אָפּגערעדט און געעצהט דורכאויס דאָס נישט צו טאָן. „באַהאַלט זיך ווו איר קאָנט נאָר" — האָט ער געזאָגט — „די נייע געטאָס זענען נאָר אַ נייע פּולאַפּקע. די דייטשן ווילן, אַז דאָס ביסל איבערגעבליבענע יידן זאָל זיך צונויפקומען צוזאַמען, כדי זיי לייכטער צו קאָנען אומברענגען". מיר האָבן אים געהערט און טאַקע נישט געפאָרן קיין סאָנדאָמיעזש.

אָבער דער פויער יאַסקולסקי האָט אונדז שוין מער נישט געוואָלט האַלטן ביי זיך, ווייל דאָס גאַנצע דאָרף האָט זיך דערוווּסט, אַז ער באַהאַלט אויס יידן. ער האָט דאָך דערלויבט אַ האַלבע פאַמיליע, מיט מיין פרוי, צו בלייבן ביי אים אייניקע טעג. איך מיט די איבעריקע קינדער האָבן זיך אויפגעהאַלטן (פאַר אַ סך געלט, נאַטירלעך) ביי אַ געוויסן פויער גרענדע, וועלכער האָט אונדז געהאַלטן אין אַ קאַ־מער, אָבער נישט געוואָלט מאַכן קיין באַהעלטעניש. דעם 11.12.1942 זענען מיר, שוין די גאַנצע משפחה צוזאַמען, אַריבער צו אַן אלמנה מיטן נאָמען מאַטערקאָווּאַ. זי האָט אונדז דערלויבט גראָבן אַ באַהעלטעניש. מיר האָבן אַ גאַנצע נאַכט גע־אַרבעט און אויסגעגראָבן אַ גרוב נעבן אירן אַ קעלער מיט קאַרטאָפל. מיר האָבן ביי דער זייט פון קעלער אַרויסגעריסן אַ גרויסן שטיין און אויסגעגראָבן אַ גרוב פון אומגעפער 1.50 מעטער אויף 1.50 מעטער און בערך 1.20 מעטער די טיף. דער שטיין האָט פאַרדעקט דעם אַריינגאַנג אין גרוב. ביים אַריינגעבן אונדז עסן, האָט די אלמנה אַוועקגענומען דעם שטיין און שפּעטער אונדז צוריק פאַרמאַכט. שטיין האָבן מיר אין גרוב, נאַטירלעך נישט געקאָנט, בלויז זיצן אין ענגשאַפט. לאַנג אויסהאַלטן אין דאָזיקן גרוב וואָלטן מיר סיי־ווי נישט געקאָנט, אָן לופט, אין ענגשאַפט און אין דער קעלט. אָבער די פרוי האָט אונדז סיי־ווי נישט געוואָלט לאַנג האַלטן, אַפילו פאַר גרויסע געלטער. דעם 28.12 זענען מיר אַריבערגעגאַנגען צו אַ פרוי מיטן נאָמען בלאַט, ביי וועלכער מיר זענען געזעסן אין אַ קליין ליידיק צימערל מיט פאַרשטעלטע פענצטער, אַזוי אַז מען האָט אונדז יעדע מינוט געקאָנט אַנטדעקן.

דעם 31.12 איז אונדזער עלטסטער זון געגאַנגען זוכן אַ באַהעלטעניש פאַר אונדז אין דאָרף מיכאַלאָוו, זעקס קילאָמעטער אויף דער צווייטער זייט פון פינ־



די גרעסטע־קינדער פאמיליע שיינער

פון רעכטס צו לינקס: ישראל שיינער מיט זיין פרוי; יצחק שיינע מיט זיין פרוי; שלמה שיינער און זיין פרוי אַלטע; שיינער אַלתר־יחיאל און זיין פרוי — זייערע צוויי קינדער זיצן.

טשעוו. זיין וועג איז געווען זייער אַ געפערלעכער, ווייל ער האָט געמוזט אַדורכגיין פינטשעוו און די בריק, ביי וועלכער עס איז שטענדיק געשטאַנען אַ דייטשע וואַך. אָבער ער האָט געמוזט איינשטעלן, ווייל קיין אַנדער ברירה איז נישט געווען. אין דאָזיקן דאָרף האָבן מיר לענגער נישט געקאָנט פאַרבלייבן, קיינער האָט אונדז נישט געוואָלט אַריינעמען. אגב, נאָכדעם ווי מיר האָבן פאַרלאָזט דאָס דאָרף, זענען מיר געוויר געוואָרן, אַז באַלד דערנאָך האָבן די דייטשן דאָרט אַנטדעקט אַ באַהעלטעניש מיט אומגעפער 18 יידן, דערונטער די פאַמיליע פון חיימל רויט, פון „עלטסטן־ראַט". די „קריאַוווקע" איז געווען זייער גוט געמאַכט, אויך מיר האָבן זיך באַמיט אַהין אַריינצוקריגן זיך, אָבער דער בעל־הבית פון דעם הויז, וווּ די באַהעלטעניש האָט זיך געפונען, האָט בשום אופן נישט געוואָלט אַריינלאָזן נאָך מענטשן.

צומאָרגנס איז מיין זון צוריקגעקומען. ער האָט געפונען פאַר אונדז אַן אָרט אין מיכאַלאָווער וואַלד, אין דערפל דעמבוווקאַ (1 ק"מ פון אונדזער מיל), ביי אונדזערס אַ באַקאַנטן פויער, וועלכן איך האָב אַמאָל אַ טובה געטאָן. דעם 3.1.1943 בין איך מיט מיין עלטסטן זון און דער טאָכטער, ביינאַכט, אַדורך די שטאָט פינטשעוו און ב"ה בשלום אָנגעקומען קיין דעמבוווקאַ צום בעל־הבית מאַטיאַס, וועלכער



פון לינקס צו רעכטס: שלמה שיינער, זיין פרוי אַלטעלע; זייער טאָכטער גיטל שפּיגעלמאַן און איר מאַן און נעבן זיי — זייערע צוויי קינדער.

האָט געהאַט אַ פרוי מיט פינף קליינע קינדער. בשעת מיר זענען אַוועק פון דער פרוי בלאַט, האָט זי געפאָדערט, אַז מיר זאָלן אַלע פאַרלאָזן איר צימער. אָבער גיין אַלע צוזאַמען האָבן מיר מורא געהאַט. איז מיין פרוי אַוועק אין אונדזער ערשטן פּלאַץ, צו פעלעקן, וועלכער האָט איר דערלויבט בלייבן ביי אים נאָר איין טאָג. אונדזערע איבעריקע 2 זין צוזאַמען מיט מיין שוועסטערס זון, וועלכער איז געווען מיט אונדז צוזאַמען, האָבן זיך אריינגעגנבעט צו פעלעקן אין שייער; ביינאַכט האָבן זיי געהערט ווי דייטשן קומען אויפמאַכן דעם שייער, זענען זיי אַנטלאָפן דורך אַ צווייטן אַרויסגאַנג. מיין מיטלסטער זון איז אַנטלאָפן אין נאָענטן וואַלד אַריין. דער יינגסטער זון צוזאַמען מיטן שוועסטערן־זון זענען געלאָפן אין אַ צווייטער ריכטונג, צו דעם פּלאַץ ווו מיין פרוי איז געווען. מיינע קינדער זענען געשלאָפן אין די שיך און דער שוועסטער־זון האָט זיך אויסגעטאָן די שיך צום שלאָפן און ער האָט נישט באַוויזן זיי אָנצוטאָן, ווען די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט; ער איז געלאָפן באָרוועס ביי אַ פראָסט פון 15—20 גראַד און האָט אָפּגעפרוירן די פיס, ווי מיר האָבן שפּעטער געזען.

צומאַרגנס אין אָוונט, דעם 4.1, איז דער פרישער בעל־הבית, פראַנציזשעק מאַטיאַס, געפאָרן מיט זיין פערד־און־וואָגן, צוזאַמען מיט מיין עלטסטן זון, ברענגען די רעשט פאַמיליע. זיי האָבן געטראָפן ביי פעלעקן אַלע, אויסער דעם מיטלסטן זון, וועלכער איז געהאַט אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין. דער עלטסטער זון איז גע־גאַנגען אים זוכן אין וואַלד. נאָך אַ לענגערער צייט אַרומדרייען זיך אין וואַלד האָט ער פון דער ווייטנס באַמערקט עפּעס אַ מענטשלעכע פיגור, ער האָט נישט געזען ווער דאָס איז, ווייל עס איז געווען ביינאַכט. ווען ער האָט זיך גענומען דער־נענטערן צו דער פיגור, האָט זי זיך דערווייטערט. ביידע האָבן זיך געשראָקן איינער פאַרן צווייטן... רופן הויך איז געווען געפערלעך. אָבער צום סוף האָט דער עלטערער זון איינגעשטעלט, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער ברודער, און ער האָט אים גערופן ביים נאָמען און ער איז דאָס טאַקע געווען. אין דער זעלבער נאַכט זענען ב״ה אַלע אָנגעקומען בשלום אויף אונדזער נייעם פּלאַץ.

נאָכן דערוואַרעמען זיך, האָבן מיר באַמערקט ביי דער שוועסטערס זון, אַז די די פיס זענען ביי אים נישט אין אָרדענונג. ער האָט אונדז געזאָגט, אַז ער באַקומט יעדן ווינטער אַזעלכע ווינטער־ביילן אויף די פיס. אָבער פאַקטיש זענען זיינע פיס געווען אָפּגעפרוירן פון דער פאַריקער נאַכט, ווען ער איז געלאָפן באָרוועס איבער דער געפרוירענער ערד. ער האָט געליטן אַ גאַנץ יאָר, ביז דעם צווייטן ווינטער. ער האָט באַקומען אַ גאַנגרענע, היילן האָבן מיר אים נישט געקאָנט ווי עס דאַרף צו זיין, ער האָט זיך געמוטשעט ביז י״ד שבט תש״ד (8.2.1944) און איז געשטאָרבן אין גרויסע יסורים. דער קריסט האָט אויסגעגראָבן אַ קבר אין אַ ווינקל הינטער זיין שייער און ביינאַכט האָבן מיר אים קובר געווען, אין תכריכים פון אַ ליילעך. נאָך דער באַפרייאונג האָבן מיר, מיט דער דערלויבעניש פון דער מאַכט, איבערגעפירט זיינע עצמות קיין לאָדזש און קובר געווען אויפן דאָרטיקן יידישן בית־עולם. השי״ד!

דעם 15.1.1943 האָבן מיר געשיקט דעם בעל־הבית קיין פינטשעוו צו אונדזערס אַ גוט־באַקאַנטן קריסט, אַ מויערער מיטן נאָמען מאַציאַנג, ביי וועלכן מיר האָבן איבערגעלאָזט אַביסל געלט און פיל שטוב־זאַכן, צו ברענגען צוויי מעטער קאַר־טאָפל. מאַציאַנג האָט אים געגעבן איין זאַק קאַרטאָפל, אָבער זיין אַרט רעדן און דאָס אויספרעגן זיך, ספּעציעל פון דער פרוי, איז דעם בעה״ב זייער נישט געפעלן און ער האָט געוואָרפן אויף זיי אַ חשד. נאָכן פאַרלאָזן זייער וווינונג, האָט ער באַ־מערקט, אַז די פרוי מאַציאַנג פאַרלאָזט אויך אין איילעניש איר וווינונג, ער האָט זי נאָכגעקוקט און באַמערקט, אַז זי רעדט מיט אַ יונגן קריסט פון אַ דערנעבנדיקן דאָרף, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס איינער וואָס אַרבעט־מיט מיט דער פּאָלי־

ציי. אַהיימקומענדיק האָט אונדז מאַטיאַס אַלץ דערציילט און געזאָגט, אַז ער האָט שטאַרק מורא און באַדויערט וואָס ער איז איבערהויפּט געווען ביי מאַציאַנגן. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מען מוז גלייך אָנהויבן בויען די באַהעלטעניש. ביז דעמלט זענען מיר געווען אין אַ נישט־פאַרענדיקטן צימער, ווו עס איז געווען אָנגעוואָרפן פיל שטרוי און די פענצטער פאַרקלאַפּט, ווי אויך די טיר אין דרויסן אַריין. מאַטיאַס איז גלייך געפאָרן אין שטאָט אַריין און געקויפט ברעטער צו מאַכן די באַהעלטעניש, וועלכע מיר האָבן געהאַט אויספּלאַנירט. באַלד איז מען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט: ביי אַ פינצטערער וואַנט (אָן פענצטער און טירן) פון דעם נישט־פאַרטיקן צימער, האָט ער געמאַכט אַ דאָפּלטע וואַנט, גענוי ווי די פאַקטישע וואַנט, פון האָלץ, אָפּגע־רוקט פון יענער 90 סענטימעטער. די לענג פון דער וואַנט איז געווען פינף מעטער. די באַהעלטעניש איז געווען אַרום און אַרום פאַרמאַכט און געהאַט בלויז אַ קליין לעכל אין דרויסן ארויס, כדי עס זאָל אַריין לופט און דורך דעם פלעגן מיר בגניבה אַרויסקוקן אין דרויסן. איבערן גאַנצן צימער איז געווען אַ בוידעם מיט היי, אויף וועלכן מען איז אַרויפגעגאַנגען פון דער שטאַל, וואָס איז געווען נעבן צימער. דורך דעם בוידעם האָט מען געקאָנט צו אונדז אַריינקומען, און מיר אַרויסגיין. אין דיל פון בוידעם האָט מען אַוועקגענומען אַ ברעט און דורך אַ לייטער, וועלכער איז גע־שטאַנען ביי אונדז, אַראָפּגעגאַנגען. נאַטירלעך, אַז יעדעס מאָל איז די ברעט צוריק אַוועקגעלייגט געוואָרן אויפן אָרט און פאַרשיט מיט היי. אַריינקומענדיק אין דעם נישט־פאַרטיקן צימער, האָט מען גאָרנישט געקאָנט באַמערקן. ער איז נאָך געווען גרויס 5 אויף 5 מעטער, אין אָט־דעם פינצטערן שטיקל צימער, פון 90 ס״מ די ברייט אויף 5 מעטער די לענג, האָבן מיר אָפּגעלעבט, די גאַנצע פאַמיליע, צוויי יאָר צייט!

אָבער נישט אזוי רואיק איז אונדז אריבער דאָ די צייט...

דעם 17.1 האָט די פוילישע פּאָליציי פון פינטשעוו דורכגעפירט אַ רעוויזיע ביי אַ שכן אַנטקעגנאיבער פון אונדזער הויז. אונדזער בעה״ב מאַטיאַס איז דעמלט געזעסן ביי דעם שכן. ער האָט געהערט, ווי אַריינקומענדיק, האָט די פּאָליציי געזאָגט: „ביי איך איז דאָ אויסבאַהאַלטן די משפחה שיינער”... די פּאָליציי האָט געזוכט 2 שעה און, פאַרשטייט זיך, אונדז נישט געפונען... די פּאָליציי איז דאַן אַוועק אין צווייטן עק דערפל. (דעמבוווקאַ שטייט אין אַ וועלדל און האָט אינגאַנצן בערך 20 הייזלעך, געבויט אין צוויי רייען און אינמיטן גייט אַ שמאָל וועגל). דאָרט האָט די פּאָליציי געפונען אַ יידישן בחור מיט אַ מיידל, וועלכע מיר האָבן געזען דורכפירן; דעם בחור איז געלונגען צו אַנטלויפן אין וועג, אָבער ער איז אומגעקומען פון די הענט פון פוילישע אַנטיסעמיטישע פאַרטיזאַנער. דאָס מיידל האָט געהאַט

מזל. נאָכדעם ווי די פּאָליציי האָט זי איבערגעגעבן אין די הענט פון די דייטשן, האָבן זיי זי געהאַלטן אַביסל אַלס אַרבעטערין אין פינטשעוו און שפּעטער זי אָפּגע־שיקט אין אַן אַרבעט־לאַגער, ווו עס איז איר געלונגען איבערצולעבן די מלחמה.

✶

אין די יידישע לוחות, וואָס איך האָב געמאַכט אין אונדזער באַהעלטעניש, האָב איך פאַרצייכנט די פאָלגנדיקע פאַקטן, וועלכע מיר האָבן געזען, אָדער געהערט וועגן זיי פון דער פאַמיליע מאַטיאַס:

שבת, דעם 23.1.1943, האָבן די דייטשן געפונען אין וואַלד נעבן אונדזער באַ־העלטעניש עטלעכע יידן, וועלכע מען האָט גלייך דערשאָסן.

אַ טאָג שפּעטער, דעם 24.1, האָבן מיר געזען דורך דער שפּאַרע פון אונדזער באַהעלטעניש אַדורכפירן בערל־נתן זייד פון פינטשעוו, זיין פרוי און קינדער — פיר פערזאָן. מען האָט אויך אַרעסטירט די פויערים, ביי וועלכע זיי זענען געווען באַהאַלטן.

דעם 28.1 — די רוצחים האָבן געפונען די פאַמיליע ווייץ.

דעם 11.2 האָט די פּאָליציי אַרעסטירט דעם פויער, ביי וועלכן מען האָט גע־פונען דעם בחור מיטן מיידל, וועגן וועלכע איך האָב אויבן דערציילט; צומאָרגנס האָט מען אים באַפרייט קעגן קויציע פון 10 טויזנט זלאָטעס.

דעם 16.2. דייטשן צוזאַמען מיט פּאָליאַקן האָבן געמאַכט אַ גרינטלעכע רע־וויזיע אין דער געגנט, געפונען 18 יידן און זיי דערשאָסן אויפן אָרט.

דעם 26.3 איז געקומען דער ערשטער קריסט, וועלכער האָט אונדז באַהאַלטן, פעליקס פון באָגוטשיצע, „אונדז באַזוכן". אונדזער בעל־הבית האָט אים אָבער דערקלערט, אַז מיר זענען שוין לאַנג אַוועק פון אים אין אַ דערפל נעבן ווייסליץ. מאַטיאַס האָט מורא געהאַט פאַר פעלעקן. ער איז ספּעציעל געזעסן מיט אים אין דעם נישט־אויסגעפּאַרטיקטן צימער, בכדי ער „זאָל זיך איבערצייגן", אַז מיר זענען טאַקע נישטאָ. און מיר האָבן געהערט זייער געשפּרעך, איינהאַלטנדיק דעם אָטעם...

דעם 13.4.1943 — דערשאָסן אין גירער וואַלד 18 יידן, דערונטער אונדזער שכן גרויס און מרדכי גאָלד, מיט זיין זון יצחק, אונדזער שוואָגער.

22.4. געכאַפּט אין יאַרקאָוו איטשל שוואָגער פון ווייסליץ. דעם זעלבן טאָג האָט מען אין באָגוטשיצע אַנטדעקט די באַהעלטעניש אונטער דער ערד מיט איבער 20 יידן, דערונטער חיים רויט (פון עלטסטן־ראָט) מיט זיין פאַמיליע.

16.5. דערשאָסן צוויי ברידער דיאַמאַנט פון פינטשעוו.

24.5. געכאַפּט אין דזיעווענשיץ, נעבן דזשאַלאָשיץ, 15 יידן.

27.5. דער אונטערגרונט פון אַנדערסעס אַרמיי „רענטשקעס״, האָבן דערשאָסן נעבן ווייסליץ 4 יידן.

20.6.43. ביי אַ פויערים־מיל האָט מען דערשאָסן 7 יידן, דערונטער שמואל שענקער, הערשקאָוויץ.

11.7.43 (ח׳ תמוז). געכאַפּט הענעך ליפשיץ און חנא גאָלד מיט דער פרוי, וועלכע מען האָט געפונען באַהאַלטן אין קאָרן, נישט ווייט פון מיכאַלעוו.

11.8.43. דערשאָסן אין טאר 4 יידן, דערונטער מרדכי ברוך רינדהאָרן.

דעם 2.8.43, ביינאַכט, זענען געקומען צו אונדזער בעל־הבית 5 אונטער־גרונט־מענטשן, „רענטשקעס״, און פאַרלאַנגט שפּייז. זיי זענען געווען אין הויז אַ לענגערע צייט. מיר האָבן אַלץ געהערט און געמוזט איינהאַלטן דעם אָטעם, קיין שאָרך זאָל אונדז נישט פאַראַטן, ווייל די דאָזיקע פּוילישע „פּאַטריאָטן״ זענען גע־ווען נישט בעסער ווי די נאַציס לגבי יידן.

11.8. ביינאַכט — דייטשן האָבן געמאַכט אַן אָבלאַווע אין גאַנצן דאָרף. זיי זענען אויך געווען ביי אונדז אין הויף, מיר האָבן זיי געזען דורך אַ שפּאַרע. זיי האָבן רעק־וויזירט בהמות.

21.8. דערשאָסן אין דאָרף זאַגאַיעוו אברהם דיאַמאַנט פון פינטשעוו; נאָך צוויי יידן, וועלכע זענען געווען צוזאַמען מיט אים, איז געלונגען צו אַנטלויפן.

24.10. אין מלאָדזאָוו געשאָסן 5 יידן.

6.11. אין באָגוטשיצער וואַלד — דערשאָסן 17 יידן.

4.12. געכאַפּט אין דאָרף זאַק די פאַמיליע פישעל פון פינטשעוו. דעם זעלבן טאָג האָט מען אין וואַלד נישט ווייט פון אונדז געפונען אין אַ „זיעמלאַנקע״, 5 יידן, וועלכע מען האָט אויפן אָרט דערשאָסן.

24.12.43. געכאַפּט אין סאַדקאָוו 7 יידן, דריי מענער און פיר פרויען.

✶

ווען די רוסישע אַרמיי איז אַריין אין דאָרף, דעם 14־טן יאַנואַר 1945, זענען מיר אַוועק צוריק צו אונדז אין מיל אַריין. אויף דער פאָדערונג פון אַ סאָוויעטישן אָפיציר, אַ ייד, האָב איך געלאָזט די מיל אין גאַנג. דער דאָזיקער יידישער אָפיציר האָט מיר דערציילט וועגן דער פּוילישער רעגירונג אין לובלין און מיר געהייסן בלייבן אין מיל, ווען איך האָב געוואָלט זי פאַרלאָזן, — „דאָ איז נישט רוסלאַנד, זי וועט זיין דיינע, דאָ וועט זיין פּריוואַט־אייגנטום...״ — האָט ער מיר געזאָגט. שפּעטער האָב איך געהאַט צרות פון פּאָליאַקן; מיטגלידער פון „א. ק.״ זענען מיך באַפאַלן און בלויז דורך אַ נס האָב איך זיך געראַטעוועט, באַהאַלטנדיק זיך ממש אין וואַסער, וואָס האָט באַוועגט די מיל־רעדער.

איך האָב שנעל דערפילט, אַז מיר וועלן נישט קאָנען לעבן, נישט אין פינטשע־ווער געגנט, און נישט אין לאָדזש, ווייל מיר זענען שפּעטער אַריבער, אַז מיר טאָרן מער נישט בלייבן אויף דער פּוילישער ערד און מיר זענען אַוועק קיין אויסלאַנד.

מרדכי שנער

וכך נשארה משפחת שינֶר בחיים

לעתים קרובות נדמה, שכבר הכל ידוע; כי כל העינויים שבהם נתענו היהודים בשנות השואה; כל השבילים שדרכם ניצלו המעטים — הכל כבר סופר והועלה בכתב. והנה בא שוב אוד־מוצל ומתחיל בסיפורו — ומיד ברור לך שאין גבול, אין סוף לייסורים; כי חוויות אלו, על רב־גוניותן הנוראה והמזווע שבהן, אין למצותן כלל, וכי כל שחי חיים אלה, בלי יוצא מן הכלל, עדיין יש בפיו להשמיע לך „חדשות״.

ר׳ שלמה שינר הוא אדם יפה בעל הדרת שיבה, שחיוך חביב קורן על פניו המעוטרים זקן לבן ומצח למדני גבוה. גר הוא עם אשתו אַלטע, במרכז תל־אביב, בשדרות דוד המלך. שקט ונקי בדירה המרווחת, המרוהטת בטעם וברחבות.

ר׳ שלמה שינר אינו פותח בסיפורו, אלא הולך ומביא בעניוות מחדר אחר איזה צרור קטן, עטוף בנייר וקשור בשרוך אדום. מתיר הוא את צרורו לאט ותוך כדי כך לוחש הוא בשקט ובניחותא: —

— „מיד תראה סימנים מאשר עבר עלינו״.

כאשר הוא מוציא את שהיה ארוז בצרור, מסביר את תכנו, ואתה מפנה לדבר זה את מבטך, הנך חש אינסטינקטיבית שעליך לקום ולעמוד על רגליך, מין פחד נופל עליך ואתה חושש להתקרב. רוצה אתה, לפי המנהג היהודי העתיק, ליטול קודם את ידיך...

— „זאת כתבתי בתוך ה„קריאָוועקע״ (מקום המחבוא).

ספר תהלים, מחזור, הגדה של פסח — כתובים באותיות דפוס מנוקדות על מחברות גזורות של בית ספר; וכן לוחות השנה, כתובים בכתב־פנינים, ובהם פירוט של ימים, שבתות, מועדים. בתוך הרובריקות הריקות של הלוח, כתובות באותיות קטנטנות רשימות מזעזעות. אנו פותחים וקוראים באקראי את השורות הבאות: —

„יום א׳, כ״ט תמוז, תש״ג, ערב ר״ח אב. נורו 4 יהודים, ביניהם מרדכי ברוך״...

אנו מעלעלים בחזרה, יומיים לפני כן: „כ״ז תמוז, יום ששי, חיפוש צבאי גדול. נורו ביער 45 יהודים!״.

יום ששי, י״ג כסלו תש״ד. „בין 18 היהודים של ו׳ כסלו היו גם: מרדכי, יצחק ומ. פינר״.

יום א׳, כ״א חשון תש״ג. „12 פולנים חיפשו, ב״ה לא מצאו! נאלצו לעזוב!״.

וכך זה נמשך ברשימות אלה: „נמצאו יהודים, נורו, נלקחו״... בסתר מחבואו ידע הכותב את המתרחש בכל הסביבה, ואפילו חדשות מהעולם הגדול, למשל: „האיטלקים הניחו את נשקם״.

הזוג שינר, יחד עם ארבעת בניהם, התחבאו בשנתיים האחרונות של תקופת היטלר אצל איכר בכפר ליד פינצ׳ב. המחבוא היה בין קיר של חדר לבין קיר מלאכותי של קרשים. על שטח של 90 ס״מ רוחב, 5 מטר אורך, חיו כאן שש נפשות משך שנתיים. זמן מסויים התגורר אתם שם גם נער חולה, שמת אח״כ באותו מחבוא. לכניסה וליציאה השתמשו בסולם שהוביל לחור שנעשה בתקרה, ומשם לעליה של קש. חור קטן בקיר סיפק אור ואוויר. חרדים על דת היו. במחבוא זה שמרו על דיני כשרות ולא אכלו חמץ בפסח חס ושלום. רק סיר אחד היה ברשותם, הכשירו אותו, איפוא, על־ידי מירוק בעפר, לפי הצורך. מטחנת קפה היתה להם. טחנו איפוא חיטה ואפו מצות על פתילית הנפט. משך כל הזמן לא אכלו בשר, חיו רק על תפוחי־אדמה, מעט גריסים ולחם. כל הזמן נזהרו לא לאכול טרפות. כיאות לשלומי אמוני־ישראל. כן קידשו את המועדים היהודיים, שמרו שבת.

— ומה עשיתם כל היום כולו?

— בבוקר, כשהתעוררנו, נוהגים היינו, אני ושני בני, לפתוח באמירת תהלים פסוק אחר פסוק, כל אחד אמר פסוק בתורו. התפללנו, טעמנו משהו, ושוב המשכנו באמירת תהלים. בכל יום, עד לשעה שלוש־ארבע אחה״צ, השלמנו כל פרקי תהלים. האמן לי, שעל אף אדיקותי אינני מאמין באמונות טפלות. אבל לאחר שגמרנו ספר התהלים השתפרה הרגשתנו. התעודדנו, בטחוננו גבר...

*

ר׳ שלמה שינר איננו יליד פינצ׳ב. מוצאו מנוֹבי קוֹרטשין, עיירה ליד הוויסלה במחוז קיאֶלץ ולא רחוק מפינצ׳ב. בשנת 1929 השתכן בפינצ׳ב כבעל טחנת קמח במיכאַלאָוו, כ־5 ק״מ מפינצ׳ב. משפחת שינר גרה בפינצ׳ב ברחוב בוסקה. בטחנה היה גר המחסנאי מנחם ליפשיץ. בכפר מיכאַלאָוו עצמו לא גרו יהודים, אבל בשבת

התאספו בטחנה מהכפרים הסמוכים כמנין יהודים לתפילה בציבור. כאשר פרצה המלחמה בשנת 1939, ברח ר׳ שלמה עם בנו בכורו, יחיאל, מזרחה, והגיע עד וויסליץ. רק במארס 1940 הם חזרו למשפחתם בפינצ׳ב, לאחר שהצליחו להסתנן בחזרה מברית המועצות דרך לודמיר וביאליסטוק.

מספרת אשתו, אַלטע שינר: —

„כאשר נכנסו הגרמנים לפינצ׳ב, בא אלי הרב דמתא וביקשני שאעבור אליו עם ילדי, כדי לא להימצא לבד, הואיל ובעלי כבר לא היה אז עמנו. אבל אני העדפתי להישאר בדירתי. כאשר הגרמנים החלו לירות ברחוב, ירדתי עם ילדי אל המרתף. לאחר זמן צעקה אלי השוערת מלמעלה: שריפה!... ברחתי איפוא עם ילדי, אל מאחורי בית־העלמין, ולא הספקתי לקחת עמי אלא פרווה ומעט כסף. הילדים בכו מרעב, וכל היום לא בא אוכל לפיהם. בלילה הלכתי לפולני, והוא הרשה לי ללון אצלו עם ילדי, אולם רק בעמידה, אפילו לשבת לא היה שם מקום... אחר הדליקה שהגרמנים הבעירו, לא נשארו בכל רחוב בוסקה אלא 8 בתים, וביניהם גם הבית שלנו. כאשר חזרתי הביתה כבר היה ביתי מלא יהודים שדירותיהם נשרפו. גם רב העיר התגורר בביתי לאחר שנשתחרר מהכנסייה״.

ברחוב בוסקה, לא רחוק מבית שינר, היה בית־מרקחת של הרוקח הפולני דומברובסקי. על אשתו התהלכו שמועות שמוצאה יהודי והיא משומדת. גם בית־מרקחת זה נשרף בשעת הדליקה. מר שינר הציע לדומברובסקי, שיעביר את בית־המרקחת לביתו. לשם כך מסר לו 3 חדרים מן הששה שהיו בדירתו, וגם פתח דלת מיוחדת לחזית. הרוקח הפולני זכר למשפחת שינר חסד זה ובמצוקתם גמל להם טובות הרבה.

בטחנת הקמח מינו הגרמנים מיד גרמני עממי („פולקס דויטש״) כמפקח. אולם המפקח היה שולח, בהחבא, אל שינר מפעם לפעם חצי שק קמח — ובאותם הזמנים היה זה אוצר ממש. המפקח גם אישר שבניו של שינר עובדים בטחנה, כדי להצילם מעבודת כפייה. אולם המצב בטחנה השתנה כאשר „מכר״ פולני נתמנה כמפקח הטחנה. ליד הטחנה היה משק חקלאי שהיה שייך לאחד בשם דמבינסקי. אצלו עבד כמנהל עבודה פולני בשם יאַניאֶץ. כאשר הגרמנים פלשו לפולין, הכריז על עצמו יאַניאֶץ זה שהוא גרמני עממי, לבש מדים גרמניים ונעשה למפקח שני בטחנה. מובן שהוא הכיר היטב את משפחת שינר, אך הוא רצה לזכות מן ההפקר. כאשר מר שינר עדיין היה בברית המועצות, שלח וקרא אליו את הגב׳ שינר ודרש ממנה שתחתום כי היא מכרה לו את הטחנה... הסביר לה שזה לטובתה: „הרי לא יתכן שאגזול את רכושו של ידיד״... אולם הגב׳ שינר סירבה בתוקף לחתום. „בעלי איננו, והטחנה הרי רשומה על שמו״...

„אולם — מספרת הגב׳ שינר — זה היה עוד בהתחלה. עדיין היו אז הגרמנים משלמים בעד הקמח שלקחו בטחנה... אז עוד חיינו כבני אדם... הצרות הגדולות החלו אח״כ. כאשר היינו נאלצים לברוח מפינצ׳ב כדי להציל את חיינו, ואז גם החלו הנסים שלנו, שהודות להם נשארנו בחיים יחד עם ילדינו״.

ובכתב־היד הפניני־רבני שלו כותב ר׳ שלמה שינר את הדפים הבאים.

שלמה שיינער

כך הצילנו אלהים

כאשר חזרתי לפינצ׳ב, במארס 1940, ה„יודנראַט״ כבר היה קיים. נשיאו היה יצחק גורסקי, וחבריו, בין היתר: אבא קינרוס, חיימ׳ל רוט, לייבל גוֹלד, ישראל׳יק פייגנבוים. כאשר נודע לגורסקי כי חזרתי הזמינני מיד אליו ודרש שאצטרף כחבר ל„יודנראט״. סירבתי בהחלט. אולם הייתי נאלץ להצטרף ל„וועדת ביקורת״, שמתפקידה היה לפקח על ענייני הכספים של היודנראט. ועדה זו היתה מורכבת משני אנשים: פאֶליקס ואני. פעמיים־שלוש ביקרנו את הפנקסים ולא עוד. והודינו לאלהים שלא דרשו מאתנו להוסיף ולבקר, ולא ניאלץ להתערב בעניינים שממילא לא יכולנו לעזור בהם, פרט להוסיף את החתימות שלנו...

היודנראט בפינצ׳ב התנהג ככל היודנראטן שבפולין. הוא גייס לעבודה, גם אותי ואת בני גייסו לכריית כבול ליד הנהר. אחרים שלחו רחוק, „לעבודה״, שממנה כבר לא חזרו.

כמה ימים לפני הגירוש הגדול נקראתי ליודנראט. שם נמצא גם היו״ר של היודנראט המחוזי בבוסק, טאֶפיאל (בעל בית־דפוס בבוסק). קראו אותי ועוד 20 יהודים אמידים. טאפיאל סיפר, שבברלין יש לו מכר גרמני בעל בית חרושת לנשק, המוכן להעסיק כמה מאות יהודים תמורת סכום כסף גדול, ודורשים מאתנו את הכסף כדי להציל מספר גדול של יהודים.

אנחנו כבר ידענו שמתקרב הסוף. כבר לא היו לנו אשליות לגבי התכניות של הגרמנים. היו גם סימנים בולטים אחרים. החלו להחיש את גביית המסים אצל היהודים. פירקו את תנורי הרעפים ואת הרעפים העבירו לגרמניה. אצלי נמנעו מעשות כן בגלל בית־המרקחת שבדירתי. אולם אצל שכני, משפחה בת שבע

נפשות, עשו זאת. כאשר שכני התחנן שישאירו לו את התנור, כי ילדיו קטנים והחורף מתקרב, פרץ הגרמני בצחוק ציני והשיב: „אם תחיה עם ילדיך עד החורף, יהיה לך תנור אחר״... בכל זאת לא סירבו היהודים האמידים שהוזמנו ליודנראט לתת מכספם להצלת יהודים.

והנה קם וולאָסקי והכריז: „רבותי, אני אומר לכם שכל זה שקר, איש לא יינצל, כולנו נידונים למוות... אני מציע לקרוא כמה צעירים ולתת להם את הכסף לשם קניית נשק נגד הגרמנים... שילכו ליערות אל הפארטיזנים, או יילחמו בדרכים אחרות״... גורסקי הפסיק את דבריו וענהו חדות: „האם יודע אתה מה אתה סח? שלא תעז שוב לדבר כך״...

גורסקי דרש, שאני אקח את הכסף שנאסף שם במקום. אני סירבתי בהחלט להצעה זו ואז לקח גורסקי את הכסף בנוכחות כולנו. אחר כך דרשו מגורסקי שיתן מכסף זה בשביל יהודים עניים מפינצ׳ב שהיו מתגוררים בדזיאַלוֹשיץ. ואז הוא טען שהכסף אצלי. הכרזתי שהוא שקרן והוכחתי את דברי בעדים שהיו נוכחים בשעה שקיבל את הכסף. מקרה זה עורר את חמתו של גורסקי ונעשה שונאי בנפש. וכך הוא שלח את המשטרה הפולנית לחפש אחרי כאשר הסתתרתי עם משפחתי במחבוא הראשון שלנו אצל הפולני פאַלאֶק בבוֹגוֹשיצה (כפר שבין פינצ׳ב ובוסק).

בבוֹגוֹשיצה עבד אחד מבני. הוא הצליח לשכנע את האיכר שאצלו עבד, שיכין מחבוא בשביל כל משפחתי בעליית ביתו, מאחורי קיר כפול. אני עברתי לשם בעיצומו של יום הגירוש, בשמחת־תורה. בהתחלה הייתי שם עם בני בלבד. הואיל והאיכר דרש שנבוא רק בלילה, היינו כל היום בשדות ובלילה השתחלנו אליו. אשתי ושאר ילדי באו רק אחרי יומיים. ואמנם לאיכר זה שלח גורסקי את המשטרה כדי לאסרנו, כי נודע לו שאנו נמצאים שם. המשטרה חיפשה, אך לא מצאה אותנו. איימו על האיכר בעונש מוות אם לא יסגירנו, אך הוא לא נשבר והחזיק בטענתו, שאין אנו נמצאים אצלו, שמעולם לא היינו אצלו ואין הוא יודע היכן אנו. אך מיד לאחר שאנשי המשטרה הלכו דרש מאתנו לעזוב את ביתו. מעניין, שאת הדרישה לעזוב מיד את הבית מסרה לנו בתו של האיכר. היא היתה אדוקה מאד בדתה וחונכה במינזר כאחות רחמניה. היא הסבירה לנו בגלוי, ש„אם באו על היהודים צרות רבות ורעות כאלה, ודאי הדבר שזהו רצון אלהים״... לכן החליטה להלשין עלינו במשטרה, „מפני שאסור להתקומם נגד רצון אלהים״... אך כאשר רצתה לפתוח את פיה ולגלות היכן אנו מסתתרים, נאלמה דום, כאילו מישהו היה סותם את פיה. אגב, לאחר זמן היא נדרשה ע״י הגרמנים לנסוע לעבודה לגרמניה, אך במקרה זה לא התחשבה ברצון אלהים. היא מצאה בחורה יהודית, מסרה לה את תעודותיה, וזו נסעה במקומה לגרמניה. היה זה באחד לנובמבר 1942.

ממקום מחבואנו עברנו בלילה ליער. בקצהו השני של היער עמד בית בודד, שבו התגוררה אלמנה בשם סטשאֶלאֶצקי, ואצלה מצאו אשתי ובתי מסתור ב־48 השעות הראשונות לאחר שברחו מפינצ׳ב. היא הרשתה לנו להתחבא אצלה בתוך השחת שבעליית הגג. אך יותר משבוע לא יכולנו לשהות שם. האשה נתנה לנו אוכל פעם אחת ביום — מעט מרק של תפוחי־אדמה, אך כמעט בלי תפודים. לחם לא קיבלנו בכלל. כמה פעמים ביום היתה באה אלינו ודרשה שניתן לה כסף או חפצים. הבינונו שאותה איכרה רוצה לסחוט מאתנו את כל רכושנו ואחר כך תגרשנו או גם תסגירנו לידי הגרמנים. (לאחר השחרור נודע לנו, שאצל אותה אלמנה עבד אז, כשהיינו אצלה, צעיר יהודי מפינצ׳ב, בשם ישראל גולדמאן; היא כמובן לא ידעה ולא כלום שהלז יהודי).

ב־6.11.42 בלילה, חזרו שוב אשתי ובני הבכור אל הכפר בוגושיצה ופנו למכר שלנו, אחד בשם יאסקולסקי, והוא ניאות להסתירנו אצלו. אשתי כבר נשארה שם, ובני חזר אלינו כדי להביאנו למקום החדש. בלילה הבא הגענו ב״ה בשלום אל מקומנו השלישי.

בימים הראשונים היינו במחסן, ובינתיים הכין יאסקולסקי את המחבוא בשבילנו. היה זה בין קיר כפול ברפת, ורחבו של השטח היה 50—60 ס״מ. הכניסה היתה דרך העלייה, משם ניתן היה להסיר קרש ולהידחק אלינו. כאן שכבנו וממש רעבנו. הוא סירב לקנות בשבילנו לחם, אלא תפוחי־אדמה בלבד ובעד זה קיבל מחיר גבוה ביותר (מלבד התשלום המיוחד בעד הסתרתנו, כמובן). אולם בעלת הבית, שבישלה למעננו את התפודים, שמרה אותם לעצמה ולנו לא נתנה אלא מרק מימי. זמן רב לא יכולנו להישאר כאן, אפילו רעבים — הגיעו אלינו שמועות, שהגרמנים עומדים לבוא לכפר ולכן נאלצנו לברוח ליער. היה זה באמצע ינואר 1943. בלילה שכבנו על האדמה בין העצים בקור של 15 מעלות מתחת לאפס. באותו יער מצאנו עוד כעשרים יהודים. ידענו שהיער מוקף גרמנים, אך מפחד הפארטיזנים הם נמנעו לחדור עמוק לתוך היער. ביער זה שהינו כששה שבועות. אז נודע לנו שפורסמו כרוזים בחתימת הגנראל־גוברנאטור פראַנק, כי כל היהודים המסתתרים אצל נוצרים או ביערות, ניתנת להם אפשרות עד סוף החודש לנסוע לאחד משלושת הגיטאות שהוקמו לשם כך — בקראקא, בסאַנדומיאַז׳ ובראַדומסק — ויישארו בחיים. גם אנחנו החלטנו לנסוע לאחד הגיטאות האלה — לסאנדומיאַז׳. נשאר לנו זמן של 24 שעות עד לשעת האפס, וחיפשנו איכר שיסכים להעביר אותנו לסאַנדוֹמיאַז׳. אז נסעו אשתי ובני הבכור לפינצ׳ב ושם מצאו עוד יהודים, שעמדו לנסוע לגיטאות הנ״ל (מהיהודים האלה נודע לאשתי, שגורסקי שלח אחרינו משטרה במחבוא הראשון שלנו, בבוֹ־גושיצה). אשתי פגשה ברחוב מכר נוצרי, ד״ר גאַנאַרוויץ, וסיפרה לו על החלטתנו

לנסוע לסאַנדומיאֶז׳. הד״ר יעץ לה, שבשום אופן אל לנו לעשות זאת. „הסתתרו בכל מקום אפשרי — אמר — כי הגיטאות החדשים אינם אלא מלכודות. הגרמנים רוצים שהיהודים השרידים יתאספו יחד, כדי שתוקל עליהם מלאכת ההשמדה״. אנחנו שמענו לעצתו, ואמנם לא נסענו לסאנדומיאֶז׳.

אולם האיכר יאסקולסקי התנגד להמשך שהותנו אצלו, כי כל הכפר כבר ידע שהוא מסתיר יהודים. בכל זאת הרשה לחלק ממשפחתנו, ובכללם אשתי, להישאר אצלו ימים ספורים. אני ושאר הילדים מצאנו מקלט (כמובן, תמורת כסף רב) אצל איכר אחד בשם גראֶנדאֶ, שהכניס אותנו למחסן אך סירב לסדר בשבילנו מקום־מחבוא. ב־11.12.1942 עברנו, שוב כל המשפחה ביחד, לאלמנה אחת בשם מאַטאַר־קאָוואַ, ממנה קיבלנו רשות לחפור למעננו מחבוא. עבדנו כל הלילה וחפרנו בור ליד מרתף עם תפוחי־אדמה שברשותה. ליד המרתף עקרנו אבן גדולה וכרינו בור של 1.50 מטר על 1.50 מטר ולערך 1.20 מטר עומקו. האבן שעקרנו כיסתה את הכניסה לבור. כשהאלמנה הכניסה לנו אוכל, היא הזיזה את האבן ואח״כ כיסתה אותנו שוב. בבור לא היה, כמובן, מקום לעמידה ונאלצנו תמיד רק לשבת לחוצים זה לזה. ממילא לא היינו יכולים זמן רב להחזיק מעמד בבור זה, מכווצים יחד, בלי אויר ובקור. אך גם האשה לא הסכימה שנוסיף להיות אצלה ואפילו תמורת כסף רב. ב־28.12 עברנו לאשה אחרת בשם בלאַט, אצלה ישבנו בחדרון קטן שחלונותיו אטומים, וכל רגע יכלו לגלות אותנו.

ב־31.12 הלך בננו הבכור לחפש בשבילנו מחבוא בכפר מיכאַלוב, 6 ק״מ מהעבר השני של פינצ׳ב. הדרך היתה מסוכנת ביותר, כי היה נאלץ לעבור את הגשר של פינצ׳ב, שלידו היה משמר קבוע של הגרמנים. אולם הוא היה מוכרח להסתכן, כי מוצא אחר לא היה. באותו כפר שבו היינו עד עכשיו לא יכולנו להישאר עוד, כי׳ אף אחד לא רצה לקבלנו לביתו. אגב, לאחר שעזבנו את הכפר נודע לנו שמיד אח״כ גילו הגרמנים מחבוא ובו 18 יהודים לערך, ביניהם משפחתו של חיימל רוט מ„מועצת הזקנים״. מחבוא זה היה עשוי היטב וגם אנחנו השתדלנו להתקבל שם, אך בעל־הבית התנגד בתוקף להכניס בו אנשים נוספים.

למחרת חזר בני. הוא מצא בשבילנו מקום ביער של מיכאַלוב, בכפר הקטן דמבּוּבקה, אצל איכר שעשיתי לו פעם טובה. ב־3.1.43 בלילה עברתי, יחד עם בני הבכור ובתי, את העיירה פינצ׳ב ובאתי ב״ה בשלום לכפר דמבּוּבקה לאיכר בשם מאַטיאַס, בעל לאשה ואב לחמישה ילדים קטנים. כאשר עמדנו לעזוב את האלמנה בלאט, היא דרשה מאתנו שנצא כולנו יחד, אבל פחדנו לעשות כן. לכן חזרה שוב אשתי למקומנו הראשון, לפאֶלאֶק, והוא הרשה לה לשהות אצלו יום אחד בלבד. שני בני האחרים וכן בן אחי, שהיה אתנו יחד כל הזמן, התגנבו לגורן של

פאֶלאֶק. בלילה שמעו את הגרמנים מתקרבים לפתוח את הגורן, וברחו דרך יציאה אחרת. בני האמצעי ברח ליער. בני הצעיר, יחד עם בן אחי ברחו לכיוון אחר, למקום שבו הסתתרה אשתי. בני ישנו בנעליהם, ואילו בן אחי חלץ את נעליו לפני השינה, וכאשר התקרבו הגרמנים כבר לא הספיק לנעלם: הוא רץ יחף בכפור של 15—20 מעלות ורגליו קפאו, כפי שנוכחנו לדעת לאחר המעשה.

למחרת בערב, ב־4.1, רתם בעל־הבית החדש שלנו את עגלתו ונסע, יחד עם בני הבכור, להביא את יתר בני משפחתי. הם מצאו את כולם אצל פאֶלאֶק, חוץ מבני האמצעי, שברח ליער. הלך איפוא בני הבכור אל היער לחפשו. לאחר שהסתובב זמן רב ביער, ראה מרחוק איזו דמות של אדם, אך בחשכת הלילה לא הבחין מי הוא. כאשר החל להתקרב אל הדמות — היא התרחקה ממנו. שניהם פחדו זה מזה... ומסוכן היה לקרוא בקול. לבסוף הסתכן בני הבכור וקרא את אחיו בשמו, ואמנם היה זה אחיו. באותו לילה חזרו ב״ה כולם בשלום למקום החדש.

לאחר שהתחממנו קצת, שמנו לב שרגליו של בן אחותי אינן כשורה. הוא אמר לנו שבכל חורף לוקה הוא בחבורות־חורף כאלו, אך למעשה היו רגליו קפואות מהלילה הקודם כאשר ברח יחף על האדמה הקפואה מקור. סבל שנה שלמה, עד לחורף הבא. לקה בגאנגראֶנה, אך לא יכולנו לרפאו כדבעי, התענה רבות עד ל״ב שבט תש״ב (8.2.44) ומת ביסורים גדולים. האכר כרה קבר בפינה מאחורי הגורן ובלילה קברנו אותו, בתכריכים שעשינו מסדין. לאחר השחרור העברנו, ברשיון השלטון, את עצמותיו ללודז׳ וקברנוהו שם בבית העלמין. השם ינקום דמו!

ב־15 בינואר 1943 שלחנו את בעל־הבית לפינצ׳ב, אל נוצרי אחד, מכר טוב שלנו, בנאי, בשם מאַציאַנק, שאצלו השארנו מעט כסף והרבה חפצי־בית, כדי להביא לנו מאתיים ק״ג תפוחי־אדמה. מאַציאַנק נתן לו שק תפוחי־אדמה, אך אופן שיחתו ושאלותיו, ובמיוחד אלה של אשתו, נראו מוזרים מאד בעיני בעל־הבית שלנו ועוררו בו חשד. לאחר שעזב את ביתם הוא שם לב שגם אשתו של מאַציאַנק יוצאת במהירות מדירתה, עקב אחריה וראה שהיא מדברת עם פולני צעיר מכפר סמוך, שהיה ידוע כמשתף־פעולה עם המשטרה. בחזרו, סיפר לנו בעל־הבית את הכל. ואמר שהוא מפחד מאד ומתחרט על שבכלל הלך אל מאַציאַנק. החלטנו שאנו מוכרחים להתחיל מיד בבניית המחבוא. עד אז היינו בחדר שלא נגמר בנייתו, שהיה מלא קש וחלונותיו אטומים וגם דלתו הייתה נעולה ומסומרת מבחוץ. מאַטיאַס נסע מיד העירה וקנה קרשים להתקנת המחבוא לפי התכנית שתכננו. מיד ניגשנו לעבודה: ליד קיר אטום (בלי חלונות ודלתות) של החדר הבלתי־גמור עשה קיר־עץ נוסף, דומה לגמרי לקיר האמיתי ומרוחק ממנו ב־90 ס״מ. ארכו של הקיר היה 5 מטרים. המחבוא היה אטום מסביב ורק חור קטן לכניסת אויר נוקב בו, ודרכו

היינו מציצים החוצה. מעל כל החדר היתה עלייה עם שחת, שאליה עלו דרך הרפת הסמוכה. דרך עלייה זאת אפשר היה לבוא אלינו ואנחנו יכולנו דרכה לצאת. בעלייה הוצא קרש אחד ובעזרת סולם שהחזקנו אצלנו, יכלו לרדת אלינו. מובן, שבכל פעם החזירו את הקרש למקומו ופיזרו עליו שחת. מן החדר הבלתי־גמור לא ניתן היה להכיר כלום, כי גדלו היה כמקודם: 5×5 מטר, וכך, בין הקירות הכפולים האלה, 90 ס״מ רוחב וחמשה מטרים אורך, חיינו — כל משפחתנו — במשך שנתיים!

אך זמן זה לא עבר עלינו כל כך במנוחה...

ב־17 בינואר ערכה המשטרה הפולנית מפינצ׳ב חיפוש אצל שכן, מול הבית שבו הסתתרנו. בעל־הבית שלנו, מאַטיאַס, ישב אז במקרה אצל שכן זה. הוא שמע את אנשי המשטרה מכריזים בהיכנסם: „אצלכם כאן מסתתרת משפחת שינר״... המשטרה חיפשה שעתיים, ומובן שלא מצאה אותנו שם... השוטרים עברו אז לעברו השני של הכפר (הכפר דאֶמבובקה נמצא ביער קטן ובו בס״ה כ־20 בתים, הבנויים בשתי שורות וביניהן מסלול צר). שם מצאה המשטרה בחור ובחורה יהודים, ואנחנו ראינו כיצד מובילים אותם. בדרך הצליח הבחור לברוח, אך נפל לידיהם של פארטיזנים פולניים אנטישמיים ונרצח. לבחורה היה יותר מזל. לאחר שהמשטרה הפולנית מסרה אותה לידי הגרמנים, החזיקוה זמן מסויים כפועלת בפינצ׳ב ואחר כך שלחוה למחנה־עבודה, ושם הצליחה לעבור את מוראות המלחמה ונשארה בחיים.

*

בלוחות היהודיים שעשיתי במחבוא שלנו, רשמתי את העובדות הבאות, שבחלקן ראינו בעצמנו ובחלקן שמענו ממשפחת מאַטיאַס.

בשבת, 23 בינואר 1943 מצאו הגרמנים ביער הסמוך כמה יהודים והם נורו במקום.

יום לאחר זה, ב־24 בינואר, ראינו בעד חרך שבמחבוא שלנו, שמובילים את ברל־נתן זייד מפינצ׳ב, אשתו וילדיו — ארבע נפשות. אסרו גם את האכרים, שאצלם הסתתרו.

ב־28 בינואר — מצאו הרוצחים את משפחת ווייץ.

ב־11 בפברואר אסרה המשטרה את האכר שהסתיר אצלו את הבחור והבחורה שהזכרתי קודם. למחרת שחררו אותו בערבות של 10 אלפים זלוטי.

ב־16 בפברואר, ערכו גרמנים ביחד עם פולנים חיפוש יסודי בכל הסביבה, מצאו 18 יהודים וירו בהם למוות במקום.

ב־23 במארס בא „לבקרני״ הפולני הראשון שהסתיר אותנו, פאֶליקס מבוגו־שיצה, אך בעל־הבית שלנו הסביר לו, שאנחנו כבר מזמן עברנו לכפר קטן ליד

וויסליץ. מאַטיאַס פחד מפני פאָליקס. בכוונה ישב עמו בחדר הבלתי־גמור, כדי ש„ישתכנע" שאמנם אין אנו נמצאים אצלו. ואנחנו שמענו את שיחם בנשימה עצורה...

ב־14 באפריל 1943 — נורו 18 יהודים בעיר גור, ביניהם השכן שלנו גראָס ומרדכי גולד עם הבן שלו יצחק, הגיס שלנו.

22 באפריל — ביורקוב נתפס איצ'ל שוואגר, מוויסליץ. באותו יום גילו בבוֹגוֹשיצה את המחבוא שנחפר באדמה, ובו יותר מ־20 יהודים, וביניהם חיים רוט (ממועצת הזקנים) ומשפחתו.

16 במאי — נורו שני האחים דיאַמאַנט מפינצ'ב.

24 במאי — בדז'יאָוואָנשיץ, ליד דז'יאַלושיץ, נתפסו 15 יהודים.

27 במאי — ארגון המחתרת של אנדרוס, „ראָנצ'קה", ירו למוות 4 יהודים ליד ויסליץ.

20 ביוני. ליד טחנת אכרים נורו 7 יהודים, ביניהם שמואל שאָנקר והרשקוביץ.

11 ביוני (ח' בתמוז) — נתפסו האָנאָך ליפשיץ וחנא גולד ואשתו. הם הסתתרו בתוך השיפון, לא רחוק ממיכאַלוב.

1 באוגוסט — 4 יהודים נורו בטאַרי, ביניהם מרדכי ברוך רינדהורן.

ב־2 באוגוסט 1943, בלילה, באו לבעל־הבית שלנו 5 אנשי מחתרת „ראָנצ'קי" ודרשו מזון. הם שהו בבית זמן ארוך. אנחנו שמענו הכל ונאלצנו לעצור נשימתנו ולהשתיק כל רחש, כי ה„פטריוטים" הפולניים האלה לא היו טובים יותר ליהודים מאשר הנאצים עצמם.

ב־11 באוגוסט, בלילה — הגרמנים פשטו על הכפר. הם היו גם בחצר שלנו, וראינו אותם בעד החרך. הם החרימו בהמות.

ב־21 באוגוסט — בכפר זאַגאַיאָב נורה אברהם דיאַמאַנט מפינצ'ב. שני יהודים אחרים, שהיו יחד עמו, הצליחו לברוח.

24 באוקטובר — 5 יהודים נורו במלאָדזאָב.

6 בנובמבר — 17 יהודים נורו ביער של בוֹגוֹשיצה.

4 בדצמבר. בכפר זאַק נתפסו משפחת פישל מפינצ'ב. באותו יום מצאו בפיר ביער, לא רחוק ממקומנו, 5 יהודים והם נורו במקום.

24 בדצמבר 43 — 7 יהודים נתפסו בסאַדקוב. 3 גברים וארבע נשים.

*

כאשר הרוסים נכנסו לכפר, ב־14 בינואר 1945, חזרנו אנחנו לטחנה שלנו. לדרישת קצין סובייטי, יהודי, הפעלתי את הטחנה. קצין זה סיפר לי על הממשלה הפולנית שמושבה בלובלין, ודרש ממני שאשאר בטחנה, בעוד אני רציתי לעוזבה.

— „כאן לא רוסיה, והטחנה תישאר שלך, כאן יהיה רכוש פרטי"... כך אמר לי. אחר כך סבלתי רבות מהפולנים, חברי ה„א.ק.", שהתנפלו עלי ורק בנס ניצלתי, כי התחבאתי ממש בתוך המים שהניעו את גלגלי הטחנה.

חשתי מיד, שלא נוכל לחיות שם, לא בפינצ׳ב וסביבתה ולא בלודז׳, שאליה עברנו אחר כך. הרגשתי שאסור לנו להישאר עוד על אדמת פולין ויצאנו ממנה.

זיסעלע ראָזנבערג־הערשקאָוויטש (תל־אביב)

אזוי בין איך געבליבן לעבן

דעם 7־טן סעפּטעמבער 1939, אַ וואָך נאָכן איבערפאַל אויף פּוילן, האָבן די נאַצישע האָרדעס פאַרנומען פינטשעוו, איבערקרייצנדיק דעם טייך נידאַ, און גלייך, דעם זעלבן טאָג, האָט זיך אָנגעהויבן די טראַגעדיע פון אונדזער יידישער קהילה.



זיסל ראָזנבערג־הערשקאָוויטש

ווען די דייטשע אַרמיי־טיילן האָבן אַריינגעמאַרשירט אין שטאָט, האָבן איינִיקע פּוילישע פּריישיסער גע־שאָסן צו זיי פון די פענצטער. פון די דאָזיקע קוילן זאָל האָבן דערהרגעט געוואָרן אַ דייטשער גענעראַל. אַלס שטראָף האָבן די נאַציס באַשלאָסן צו פאַרברענען די שטאָט, אָבער פריער אַרויסצוטרייבן די באַפעלקערונג פון די הייזער; אונטערצוצינדן די הייזער צוזאַמען מיט די איינוווינער האָבן זיי זיך, ווייזט אויס, „אויסגעלערנט" ערשט שפּעטער... פון דער קראָקע־ווער גאַס האָבן זיי געגומען אַרויס־יאָגן די מענטשן פון די וווינונגען אין

דער ריכטונג צו דער פוילישער קירכע. מען האָט געמוזט אַרויסגיין אָן עפּעס, נישט מיטנעמענדיק גאָרנישט, און האַלטן אויפן גאַנצן וועג די הענט אין דער הויך. דערביי איז געפאַלן דער ערשטער יידישער קרבן — גרינגלאַס, וועלכער האָט געהאַט אַ גאַלאַנטעריע־געוועלב אין מאַרק, נישט ווייט פון דער פּאָסט; ער איז אַרויס פון זיין היים טראָגנדיק אין די הענט זיין טלית און תפילין; ער האָט נישט אויפגעהויבן די הענט און איז דערפאַר דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. די הייזער זענען אונטערגעצונדן געוואָרן צוזאַמען מיטן גאַנצן האָב־און־גוטס, און אויב מענטשן האָבן נישט באַוויזן, אָדער נישט געוואָלט אַרויסגיין — זענען זיי אומגעקומען אין די פלאַמען. ביי דער שריפה זענען טאַקע אין פינטשעוו אומגעקומען אינעם פייער אַ 120 יידן. ביי זילע ראָדאַל אין קעלער איז געווען באַהאַלטן אַ גרעסערע צאָל יידן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט אַרויס אויפן רוף פון די דייטשן; די באַנדיטן האָבן אין דאָזיקן קעלער אַריינגעוואָרפן אַ גראַנאַט, וועלכער האָט אויפן אָרט דערהרגעט ביי 40 יידן.

פיר מעת־לעת, פיר טעג און פיר נעכט, זענען מיר, הונדערטער מענטשן, פרויען, מענער און קינדער, יונגע און אַלטע לייט, געזונטע און קראַנקע, געווען צונויפגעקוועטשט אין דער פאַרמאַכטער קירכע, אָן עסן און אָן טרינקען. ס'האָבן נישט געהאָלפן די געשרייען, געוויינען און געבעטן, — מען האָט צו אונדז גאָרנישט אַריינגעלאָזט און קיינעם נישט אַרויסגעלאָזט. דערביי האָט מען, פאַרשטייט זיך, ביי אַלע צוגענומען דאָס צירונג און ווערט־זאַכן, וואָס מען האָט באַוויזן מיטצונעמען מיט זיך בעתן אַרויסטרייבן פון די היימען.

ווען מען האָט אונדז סוף־כל־סוף אַרויסגעלאָזט פון דער קירכע, האָט די מער־הייט געטראָפן פון זייערע היימען און פאַרמעגנס — אַ באַרג חורבות. מען האָט געמוזט נעמען זוכן אַ דאַך איבערן קאָפּ. מיינע עלטערן, שמואל און אסתר הערש־קאָוויטש, פון פּלאַץ וואָלנאָשטשי 16, זענען אַרויס פון דער קירכע מיט 9 קינדער, זין און טעכטער און צוויי איידעמס. אונדזער וווינונג איז געווען פאַרברענט, אָבער ס'איז געבליבן גאַנץ דער קעלער און דער איינגאַנג־קאָרידאָר. דאָ האָבן מיר זיך צייטווייליק איינגעאָרדנט. מען האָט געפּרוּווט אָנהויבן דאָס לעבן אויפסניי, אין כסדרדיקער שרעק, אָבער נאָך מיט דער האָפענונג, אַז די מלחמה וועט זיך שנעל ענדיקן און מען וועט ווי ס'איז איבערלעבן דעם צורר. מיר האָבן אַפילו ביי אונדזער פאַרברענט הויז צוריקגעבויט פיר קראָמען. די געשטאַפּאָ־באַנדיטן פלעגן שוין דאַן אויך באַפאַלן, שלאָגן, אַרעסטירן, שלעפּן צו אַרבעט, אָבער דאָס זענען נאָך געווען די „גוטע צייטן". מען האָט נאָך געקאָנט פאָרן אין אַנדערע שטעטלעך, אין די אַרו־מיקע דערפער, מען האָט צוביסלעך געהאַנדלט. אַזוי האָט זיך געצויגן ביז אַרום

נאָוועמבער 1940, ווען ס׳איז איינגעפירט געוואָרן דאָס אַזוי־גערופענע „נישט אַרומ־געצוימטע געטאָ״ און ס׳איז פאַרבאָטן געוואָרן די יידן, אונטער דער דראָונג פון טויט־שטראָף, צו פאַרלאָזן די שטאָט. מיט דעם איז ביי די יידן צוגענומען געוואָרן יעדע מעגלעכקייט פון האַנדל און עקזיסטענץ. יידן האָבן גענומען אַרויספאָרן גע־היים, שמוגלען זיך, אויסטוענדיק די געלע לאַטעס מיטן מגן־דוד, וואָס מיר האָבן שוין געטראָגן, — מען האָט דאָך געמוזט ווי־ס׳איז זוכן אַ מאַטעריעלן קיום. אָבער וועמען די נאַציס האָבן געפּאַקט ביים דאָזיקן „פאַרברעכן״, איז דערשאָסן געוואָרן. דער ערשטער קרבן איז דאַן געווען רחל, די טאָכטער פון יעקב וולאָשטשאָווסקי, וועלכע מען האָט געכאַפּט פאָרנדיק אומלעגאַל אין צוג קיין וואַרשע; זי איז דער־שאָסן געוואָרן אויפן אָרט.

✶

עס איז אָנגעקומען דער פינצטערער טאָג פון שמחת־תורה תש״ב (4־טער אָקטאָבער 1942).

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די מינוט, ווען מיין שוואָגער משה קאָזלאָוו־סקי (זון פון מרדכי־יהושע און חנה קאָזלאָווסקי) איז אַריינגעקומען אין שטוב אַ פאַרסאַפּעטער און מיט אַ פאַרצווייפלטער שטימע אויסגערופן: „לאָמיר זיך ראַטע־ווען ווער ווו עס קאָן... ס׳זענען אונדזערע לעצטע מינוטן...״. מיר האָבן אים גע־פאָלגט, — מען איז געלאָפן זוכן באַהעלטענישן. מיינע עלטערן מיט מיר און נאָך עטלעכע פון דער משפחה, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביים פּאָלאַק אַנטעק טשיזשינסקי, אויף דער יענדזשעיאָווסקאַ־גאַס. פינף טעג זענען מיר דאָרט געווען. מיר האָבן געזען ווי מען פירט אַרויס די יידן פונעם שטעטל, געהערט די געשרייען און געוויי־נען, געהערט די שיסערייען, — אָבער מער ווי וויינען אין דער שטיל, פול מיט שרעק אויך נישט אַנטדעקט, אָדער ארויסגעגעבן צו ווערן, האָבן מיר נישט געקאָנט.

פון די פּאָלאַקן, וועלכע האָבן אונדז אויסבאַהאַלטן, זענען מיר געוווּר געוואָרן, אַז אין דזיאַלאָשיץ (27 ק״מ פון פינטשעוו) זאַמלען זיך די לעבנגעבליבענע יידן פון דער געגנט. אין דער פינפטער נאַכט נאָך דער אויסזידלונג, ווען אין שטאָט איז שוין שטיל געווען און זי איז געווען „יודענריין״, האָבן מיר זיך דורכגעשלייכט דורך די אויסגעליידיקטע גאַסן, אַדורכגעשיפּט זיך די נידאַ, און פאַרטאָג אָנגעקומען קיין דזיאַלאָשיץ. דאָרט האָבן מיר טאַקע געטראָפן אַ פּאָר הונדערט יידן, צווישן זיי די אָפּגעראַטעוועטע פון אונדזער נאָענטער פאַמיליע, פיל באַקאַנטע פון פינטשעוו און יידן פון אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך. מען האָט ווידער גענומען האָפן און זיך איינרעדן, אַז מען קאָן אָנהויבן אויפסניי און אפשר... אָבער שוין נאָך דריי־פיר וואָכן איז געוואָרן „הייס״, מען האָט דערפילט, אַז עס רוקט זיך אָן דער סוף, עס

קומט אַ נייע אויסזידלונג. ס׳איז באַפאַלן אַ יאוש, וואָס איז נאָך ערגער געווען ווי אַ פּאַניק, — ווייל וואָס האָבן מיר שוין געקאָנט טאָן ?...

דאַן האָט זיך, ווי דורך אַ נס, באַוויזן פאַר מיר אַ רעטער. אין דזיאַלאָשיץ אויף דער גאַס האָט מיך געטראָפן און דערקענט אַ פּויער פון אַ דאָרף צווישן פּינטשעוו און דזיאַלאָשיץ, וולאַדיסלאַוו, אָדער וולאַדעק, ווי מיר האָבן אים גערופן. ער פלעגט, קומענדיק קיין פּינטשעוו, עסן אין רעסטאָראַן, וואָס מיר האָבן דאָרט געפירט און געווען באַפריינדעט מיט מיין פאָטער. ער האָט פאָרגעלייגט אויסצובאַהאַלטן ביי זיך, אין דאָרף, אונדזער גאַנצע משפחה. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, אָנגענומען מיט פרייד זיין פאָרשלאַג און אַוועק אין דאָרף. מיר זענען געווען 11 פּערזאָן: מיינע עלטערן, אַלע שוועסטער, אַן אַלטע מומע פון וואַרשע און מיין שוועסטער רבקהס אַ 5־יאָריק קינד. וולאַדעק האָט אונדז באַהאַלטן צווישן אַ דאָפּלטער וואַנט אין זיין קי־שטאַל, הינטער די קאָריטעס פון די בהמות. מיר האָבן דאָרט קוים געקאָנט ליגן צו־געדריקט איינער צום צווייטן, אָבער נישט אַרומגיין און נישט אַרויסגיין, נישט האָ־בנדיק אַפילו קיין פענצטער צו זען די ליכטיקע שיין. עסן האָט מען אונדז אַריינ־געגעבן דורכן בוידעם פון דער שטאַל. דער דאָזיקער איידעלער פּאָלאַק האָט איינ־געשטעלט זיין לעבן און אונדז געהאַלטן, נישט נעמענדיק דערפאַר קיין שום באַלוי־נונג, און גענומען ביי אונדז געלט בלויז אויף איינצוקויפן פאַר אונדז שפּייז. מיר האָבן נישט געוווּסט, אַז אין דער צווייטער זייט שטאַל האַלט ער אין אַ בונקער אין דער ערד נאָך פינף יידן.

וולאַדעק איז געווען אַ קאָמוניסט און האָט אָנטייל גענומען אין דער אונטער־ערדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון דער „אַרמיאַ לודאָוואַ״. מיר זענען געווען ביי אים בערך 9 חדשים. דאַן זענען איינמאָל געקומען וולאַדעקן זוכן פאָרשטייער פון דער פאַשיסטישער „א. ק.״, וועלכע האָבן אים פאַרמסרט פאַר דער געשטאַפּאָ, באַשולדיקנדיק אים אין קאָמוניזם. ער האָט באַוויזן צו אַנטלויפן און זיך אויסבאַ־האַלטן. מען האָט מיט שפּיר־הינט געזוכט געווער. דעמלט זענען די 5 יידן פון אוי־סערלעכן בונקער אַריבערגעקומען צו אונדז אין שטאַל אַריין און ערשט דאַן האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן זייער עקזיסטענץ אַזוי נאָענט פון אונדז... ווי דורך אַ נס האָבן אונדז די פּאָליציאַנטן מיט די שפּיר־הינט נישט אַנטדעקט. נישט געפינענדיק וולאַדעקן, האָבן די באַנדיטן אַרויסגעפירט אויפן הויף זיין טאָכטער, זי געפּייניקט און דערמאָרדעט, אָבער זי האָט נישט אויסגעגעבן נישט איר פאָטער און נישט אונדז. איר טויטן געשענדעטן קערפּער האָבן זיי אַריינגעוואָרפן אין ברונעם. מיר האָבן דאָס אַלץ צוגעהערט און געמוזט שווייגן, פאַרביסן מיט די ליפּן און נישט געקאָנט העלפן.

צווישן די 5 יידן, אין צווייטן בונקער ביי וולאַדעקן, איז אויך געווען שמעון (שימוש) פלעסלער, ברודער פון ד״ר פלעסלער, וועלכער איז דערמאָרדעט געוואָרן אין קאַטין, אַלס פוילישער אָפיציר.

נאָך דריי טעג, ביינאַכט, איז וולאַדעק געקומען צו אונדז. מיט א צערפולער שטימע האָט ער אונדז געזאָגט: „איך וואָלט אייך מיטן גאַנצן האַרץ געוואָלט ראַטעווען און האַלטן ווייטער... אָבער איר זעט דאָך...״ — האָבן אים געשטיקט די טרערן.

ער האָט אונדז באַגלייט ביזן נאָענטן וואַלד. בלויז מיין מומע, רחלע טאַרנאָווסקאַ, 60 יאָר אַלט, פון וואַרשע, מיין מוטערס שוועסטער, האָט מיט אונדז נישט געוואָלט מיטגיין, „כ׳האָב מער קיין כוח נישט...״ — האָט זי געטענהט. זי איז אַוועק פון אונדז און זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ. אַלע אונדזערע ביטעס און רייד, זי אָפּצוהאַלטן פונעם פאַרצווייפלטן שריט, האָבן נישט געהאָלפן.

פאַר אונדז האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל אינעם פיין־וועג, פון וועלכן נישט אַלע זענען שוין, צו מיין ווייטיק, אַרויס לעבעדיק.

וולאַדעק האָט אונדז אָפּגעפירט אין וואַלד אַריין און מיט אונדז זיך געזעגנט. ער האָט אונדז געמוזט פאַרלאָזן. איך בין דערנאָך געוווּיר געוואָרן, אַז די א. ק.־באַנדיטן האָבן אים נאָך ווייטער געזוכט און פאַרפאָלגט. מיר האָבן אָנגעהויבן וואַנדערן, איבערן וואַלד, אַרויס אין דערפער בעטן מיטלייד און אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל וואַסער. דאַן זענען מיר אָנגעקומען אין גרויסן דאָרף גורי פינטשאָווסקיע, וווּ מיר האָבן געטראָפן אַ באַקאַנטן פּאַליאַק, אויך פון אונדזער רעסטאָראַן אין פינטשעוו, אַ געוויסן וואַלענטי. ער איז „איינגעגאַנגען״ אונדז צו באַהאַלטן אויף אַ בוידעמל ביי זיך אין דער כאַטע, פאַר פיל געלט, פאַרשטייט זיך. אין צוויי טעג אַרום, אָבער, האָט זיך אַרויסגעוויזן אין וואָס עס איז באַשטאַנען זיין „גוטסקייט״. ער האָט אונדז דערקלערט, אַז מען האָט אונדז געזען און געמסרט, און דעריבער מוז ער אונדז אָפּפירן אין וואַלד אַריין. ביינאַכט האָבן מיר זיך געלאָזט מיט אים אין וואַלד אַריין. דאָרט, אָבער, האָבן געוואַרט אייניקע חברים זיינע און צוזאַמען מיט אים האָבן זיי אונדז באַרויבט, צוגענומען אַלץ, וואָס מיר האָבן נאָך פאַרמאָגט, אַפילו אונדזערע מלבושים. האַלב־נאַקעט, באָרוועס און אָן שום מיטלען, זענען מיר געבליבן אַליין אין וואַלד, נישט וויסנדיק אין וועלכער געגנט מיר געפינען זיך און אין וואָסער ריכטונג אָנצוהויבן צו גיין. אינדערפרי האָבן מיר זיך געלאָזט גיין אויף גאָטס באַראָט. מיר זענען גיך אָנגעקומען צוריק צום דאָרף גורי. דאָ האָבן מיר צופעליק געטראָפן מיין שוואָגער העניעקס ברודער, אברהם דיאַמאַנט. ער האָט אונדז געזאָגט,

אַז אויב מיר וועלן ווייטער גיין אַזוי, די גאַנצע משפחה צוזאַמען, וועלן מיר אַלע אַריינפאַלן און קיינער פון אונדז וועט זיך נ״שט ראַטעווען. מיר האָבן אָנערקענט די ריכטיקייט פון זיינע רייד און זיך צעטיילט, יעדער איז אַוועק באַזונדער, מיט טרערן אין די אויגן און אומבאַשרייבלעכן ווייטיק אין האַרצן... מיינע עלטערן און צוויי שוועסטער האָב איך מער נישט געזען. שפעטער בין איך געוווּיר געוואָרן די איינצלהייטן פון זייער שוידערלעכן טויט:

מיינע טאַטע־מאַמע, די שוועסטער רבקה מיט איר 5־יאָריק קינד, און די שוועסטער סימע, האָבן זיך באַהאַלטן ביי פויערים, וועלכע האָבן זיי נאָך דריי טעג אויסגעגעבן דער געשטאַפאָ. מען האָט זיי אַלע אַוועקגעפירט קיין פינטשעוו, אין דער תפיסה. מיין פאָטער, שמואל הערשקאָוויטש, האָט געזאָגט, אַז ער בעט אים צוריקפירן אין דאָרף אַריין, ווו ער האָט ביי אַ פויער גאָלד, אויף זיך אויסצוקויפן. מען האָט אים געפירט אין דאָרף אַריין, אָבער אויפן וועג, נעבן דאָרף זאַגאַיאָוואַ, אים דערמאָרדעט און דאָרט באַגראָבן. נאָך דער מלחמה האָב איך מיט מיין שוועסטער עלאַ עקסהומירט זיין טויטן קערפער, אַריבערגעפירט קיין קיעלץ, אים באַגראָבן אויפן דאָרטיקן יידישן בית־עולם און געשטעלט אַ מצבה, נישט ווייט פון דעם קבר פון די 46 קרבנות פון קיעלצער פאָגראָם אין 1946. מיין מוטער,ביידע שוועסטער און דאָס קינד זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן הויף פון פינטשעווער תפיסה. דאָס פינף־יאָריקע קינד האָט געהאַט שכל צו נעמען אַנטלויפן און שרייען: „הרגעט מיך נישט... איך בין נישט קיין ייד...״ די באַנדיטן האָבן געלאַכט און דאָס קינד צום ערשטן דערשאָסן. דערנאָך האָבן זיי דערשאָסן די מוטער פונעם קינד, מיין שוועסטער רבקה. דאַן מיין צווייטע שוועסטער, סימע. און מיין מוטער, אסתר, וועלכע האָט געמוזט זיך צוקוקן צום טויט פון אירע קינדער און איניקל, איז דערשאָסן געוואָרן די לעצטע.

ווען מיר האָבן זיך צעטיילט, בין איך אַליין אַוועק, לויט דער אָנווייזונג פון אברהם דיאַמאַנט, אין דאָרף זאַגאַיוו, פינטשעווער פאָוויאַט, צום פויער סטאַניסלאָוו אָפאַנאָווסקי. ביי אים האָט אברהם אַליין אויך געהאַט אַ באַהעלטעניש. איך בין אָנגעקומען אַהין ביינאַכט און שטיל אַרויף אויפן בוידעם פון דער שטאַל. ערשט אינדערפרי האָט מיך דער פויער דערזען און, האַלב־פאַרווונדערט, האַלב־דערשראָקן, געפרעגט ווי איך האָב זיך צו אים דערנומען. איך האָב אים דערציילט, אַז אברהם האָט מיך געשיקט און געבעטן מיך צו באַהאַלטן. איך בין געווען באָרוועס און גאָרנישט פאַרמאָגט. דער פויער האָט מיר געגעבן עסן און געלאָזט בלייבן. ער פלעגט מיר אַרויפגעבן אויפן בוידעם מלבושים צו נייען, צו פאַריכטן וועש און קליידער; כ׳האָב זיך אויסגעלערנט דאָס מאַכן וואָס בעסער און מיט אָט־דער אַרבעט — פאַר־

דינט מיין ברויט. דערנאָך איז אויפן בוידעם אַרויף געקומען אויך אברהם. מער־ווייניק אַ חודש נאָך מיין אָנקומען אַהין, אין אַ ליכטיקער וואַרעמער נאַכט, דעם 16־טן אויגוסט 1943, איז ער אַראָפּ פון בוידעם, אַוועק צום טייך זיך באָדן און נישט צוריקגעקומען. איך האָב מיט שרעק זיך באַגראָבן אין אַ לאָך אין היי און אין ציטער געוואַרט ביז באַגינען. דאַן איז סטאַך אַרויפגעקומען און מיר דערציילט אברהם דיאַמאַנטס שרעקלעכן סוף: גייענדיק ביינאַכט דורכן דאָרף האָט ער אָנגע־טראָפן אַן „א. ק.״־ניק, וועלכער האָט אים געקענט. דער באַנדיט האָט זיך געוואָרפן אויף אברהמען און מיט אַ מאָטיקע אים איבערגעשניטן דעם האַלדז. דעם טויטן קערפּער האָט ער געלאָזט ליגן אין מיטן דאָרף. אָבער דער פּויער, סטאַך ווי מיר האָבן אים גערופן, האָט צוגעגעבן: „שרעק זיך נישט, ער האָט דיך נישט אויסגע־געבן... בלייב דאָ רואיק ווייטער...״ דאָך האָט ער מיך באַהאַלטן צוויי טעג אין אַ סטויג שטרוי, און ערשט דאַן, זייענדיק שוין זיכער, אַז מען ווייסט נישט וועגן מיך, בין איך צוריק אַרויף אויפן בוידעם. איך בין דאָרט געבליבן אַ פּאָר חדשים. איינ־מאָל, ווען די דייטשן האָבן געדאַרפט קומען נעמען דעם קאָנטינגענט תבואה, האָט מיך סטאַך אַריבערגעפירט צו זיין ברודער אין זעלבן דאָרף. איין נאַכט, אַ דריי טעג שפּעטער, ווען איך בין געשלאָפן, האָט מיך איבערגעוועקט אַ קלאַפּן אין טיר. כ׳האָב זיך, פאַרשטייט זיך, שטאַרק דערשראָקן... אָבער באַלד האָב איך דערהערט סטאַכס שטימע: „טאָ נאַשי... עפנט, דאָס זענען אונדזעריקע...״ מען האָט מיך אַראָפּ־גערופן פון בוידעם. צוזאַמען מיט סטאַכן, האָב איך דערזען דריי באַוואָפנטע יידי־שע יונגעלייט פון פינטשעוו. פאַרטיזאַנער... איך האָב זיך צעוויינט... איינער פון זיי איז געווען שמואליק פייגענבוים. די נעמען פון די איבעריקע צוויי געדענק איך נישט.

באַלד בין איך געוווּיר געוואָרן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען: מיינע צוויי שוועס־טער, עלאַ און שרה, האָבן זיך אויפגעהאַלטן, זינט מיר האָבן זיך צעשיידט, אין אַ נאָענטן וואַלד, צווישן אַ פאַרטיזאַנער גרופּע פון 19 פּערזאָן. מיינע שוועסטער זענען געוווּיר געוואָרן, אַז אונדזערע עלטערן און צוויי שוועסטער זענען דערמאָרדעט געוואָרן, אָבער איך נישט, און זיי האָבן מיך גענומען זוכן. נאָך לאַנגע נאָכפאָרשונ־גען, האָבן זיי געטראָפן אַ ייִנגל, וועלכער האָט געהערט, אַז אברהם דיאַמאַנט האָט מיך געשיקט צו סטאַניסלאַוו אָפּאָנאָווסקי, אין זאַגאַיווו. אין יענער נאַכט זענען זיי אָנגעקומען צו סטאַכן, וועלכער האָט זיי געבראַכט צו מיר.

די פאַרטיזאַנער האָבן מיך מיטגענומען אין וואַלד אַריין, אַ קילאָמעטער מער־ווייניק פון דאָרף. אויסער מיינע צוויי שוועסטער און שמואל פייגענבוים, זענען נאָך דאָרט געווען פון פינטשעוו: מיין שוואָגער שלמה הערינג און אַ טאָכטער פון

די אומגעבראַכטע פאַמיליע הערשקאָוויטש



דער פאַטער שמואל הערשקאָוויטש



די מוטער אסתר הערשקאָוויטש



רעגינע הערשקאָוויטש־פלעשלער
מיט איר זונעלע שמעון



טאָכטער שרה הערשקאָוויטש

וואָלף זאַגאַיסקי. זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן טײלוױיז אין וואַלד און טײלוױיז צווישן די דאָרפסלייט און געוואַנדערט פון איין אָרט אויפן צווייטן. נאָכן אָפּזיין מיט זיי צוויי טעג, האָב איך געבעטן מען זאָל מיך צוריקפירן צו סטאַכן. דער קאָמענדאַנט פון דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע האָט מיך געבעטן מיטנעמען מיין שוועסטער עלאַ. צוויי באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער האָבן אונדז אָפּגעפירט, ביינאַכט, צו סטאַכן, און מיר זענען אַרויף אין מיין אַלט באַהעלטעניש אויפן בוידעם. פון דער גרופּע איז מען אונדז צוויי מאָל געקומען באַזוכן און געבראַכט דערביי עפּעס פאַר אונדזער רעטער. דאַן זענען אַוועק אַ צען וואָכן און מיר האָבן פון זיי נישט געהערט. איינמאָל, ביינאַכט, איז צו אונדז אומדערוואַרט געקומען אונדזער ייִנגסטע שוועסטער שרה. זי האָט אונדז דערציילט אָט־וואָס: די גרופּע אירע איז אַוועק פון דער געגנט אין אַ צווייט דאָרף און זיך דאָרט צייטווייליק באַזעצט אין אַ הויז. פּויערים האָבן זיי געמסרט און די דייטשן האָבן אונטערגעצונדן דאָס הויז צוזאַמען מיט די פּאַרטיזאַנער. שרהן האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון ברענענדיקן הויז. זי האָט אָפּגעזוכט אַנדערע פּאַרטיזאַנער און געוואָרן אַ פּאַרבינדלערין צווישן זיי און די פּויערים, וועלכע האָבן זיי געשטיצט. זי האָט דערביי באַנוצט דעם פּסעוודאָנים „וואַנדאַ״. שרה איז געווען מיט אונדז אויפן שטאַל־בוידעם אַ וואָך צייט און סטאַך האָט וועגן דעם נישט געוווסט, מיר האָבן אים פּשוט מורא געהאַט דאָס צו דערציילן, ער זאָל זיך נישט אָפּזאָגן צו האַלטן נאָך אַ דריטן מענטש... איינמאָל איז סטאַך, אומדערוואַרט, אַרויפגעקומען אויפן בוידעם נעמען שטרוי און זי דערזען. מיר האָבן אים געזאָגט ווער זי איז. סטאַך האָט גאָרנישט גערעדט, ער האָט געשוויגן... נישט ער האָט געזאָגט „גיי״ און נישט — „בלייב״. נאָך אַ לענגער שטילשווייגן, האָט זיך שרה צו אים אָפּגערופן: „איך גיי ברענגען זאַכן פון די פּאַרטיזאַנער...״ ער האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר ווייטער געקוקט אויף אונדז שווייגנדיק. שרה האָט צוגעגעבן: „איך גיי אַוועק... זאָלסט געדענקען, פּאַניע סטאַכו, אויב מען וועט מיך כאַפּן, — וועל איך זיי נישט אויסגעבן! ראַטעוועט מיינע שוועסטער...״ און זי איז אַוועק. מער איז זי נישט צוריקגעקומען. דעם זעלבן טאָג האָט מען זי געכאַפּט און איבערגעגעבן אין די הענט פון דער פּאָליציי אין פּינטשעוו. דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט קאָפּעטש האָט זי אָפּגעפירט קיין בוסק צו דער געשטאַפּאָ און דאָרט האָט מען זי באַלד דערמאָרדעט, דעם 30־טן אַפּריל 1944. סטאַך איז וועגן דעם געוווּיר געוואָרן און געקומען עס אונדז דערציילן... ער האָט אונדז געהייסן זיין רואיק, פאַרשטייענדיק, אַז שרה האָט אונדז נישט אויסגעגעבן. דאָך אָבער, צוליב מער זיכערקייט, האָט ער אונדז אייניקע טעג באַהאַלטן אין אַ סטויג היי און ערשט דאַן צוריקגעלאָזט אויפן בוידעם.

אַזוי זענען מיר אָפּגעווען אַ 9 חדשים ביי סטאַכן אויפן בוידעם. דאַן איז ער

איינמאָל ביינאַכט אַרויפגעקומען צו אונדז און דערקלערט, אַז ער קאָן אונדז, צום באַדויערן, ווייטער נישט האַלטן, כאָטש „איר זעט דאָך, אַז כ׳האָב אייך געוואָלט ראַ־טעווען...״ וואָס איז פּלוצלינג געשען? ער האָט זיך צעקריגט מיט זיין שוויגער, וועלכע האָט ביי אים געוווינט, זי איז אַוועק צו זיינעם אַ שוואָגער, איר צווייטן איידעם, אין זעלבן דאָרף און אים דערציילט, אַז סטאַך באַהאַלט ביי זיך צוויי יידישע פרויען. דער שוואָגער איז גלייך געקומען צו סטאַכן און אים געזאָגט: „דו האָסט אַן אומריין געוויסן...״ און סטאַך האָט מורא געקראָגן אונדז ווייטער צו האַלטן... מיין שוועסטער האָט אָנגעהויבן ספּאַזמירן און זיך געבעטן ביי אים: „גיב מיר סם...״ מיר איז דאַן איינגעפאַלן אַ געדאַנק — מיר וועלן אַוועק צום שוואָגער... וואָס האָבן מיר דען נאָך געהאַט איינצושטעלן? מיר האָבן דעם שוואָגער געזאָגט, אַז סטאַך האָט אונדז אַרויסגעוואָרפן, ווייל ער איז געווויר געוואָרן, און — „די מלחמה האַלט זיך דאָך שוין ביים ענדיקן... וועסט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אונדזערע לעבנס...״ דער סוף איז געווען: איך בין געבליבן ביים שוואָגער באַהאַלטן, און מיין שוועסטער איז צוריק אַריבער צו סטאַכן. איצט האָבן שויןביידע געהאַט אַן „אומריין געוויסן״ און נישט מורא געהאַט איינער פאַרן צווייטן...

9 חדשים זענען מיר אַזוי נאָך געווען באַזונדער, ביזן באַפרייט ווערן. קיין שרעק־מאָמענטן האָבן נישט געפעלט.

איינמאָל, נאָכן שניט, ווען די דייטשן האָבן געדאַרפט קומען אָפּנעמען „דעם קאָנטינגענט״, זענען מיר, מיין שוועסטער און איך, אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג אין פעלד און זיך באַהאַלטן אין די סנאָפּעס שטרוי. ביינאַכט, ווען מיר האָבן זיך גע־דאַרפט צוריקקערן אין אונדזערע באַהעלטענישן, האָבן מיר נישט געטראָפן דעם וועג... פאַרטאָג, ווען מען האָט געזען, אַז מיר זענען נישט געקומען, איז די שוויגער, אַ פרוי פון אַ יאָר 65, געקומען אין פעלד אַריין אונדז זוכן און אונדז אָפּגעפירט אין די באַהעלטענישן.

אַ צווייט מאָל האָב איך דערהאַלטן אַ קורץ בריוול פון מיין שוועסטער: „מ׳האָט מיך געזען... איך וואַרט יעדע מינוט אויפן טויט...״ וואָס איז געשען? די אַלטע פוי־ערטע, די שוויגער, אָדער באָבע, ווי מיר האָבן זי גערופן, איז שוין געווען אַביסל טויב. זי איז אַרויפגעקומען אין דער באַהעלטעניש פון מיין שוועסטער און גערעדט צו הויך. עס איז אַדורך אַ שכנה, אַרויפגעקוקט און געזען מיין שוועסטער. די שכנה, זענען מיר שפּעטער געווויר געוואָרן, האָט דאָס דערציילט אירן אַ שוואָגער, וועל־כער האָט איר געזאָגט: „שווייג, ווייל אין קעגנפאַל וועל איך דיך דערהרגענען...״ און זי האָט טאַקע געשוויגן, און מיין שוועסטער, איך — און אויך אונדזערע רע־טער — האָבן געהאַט אומזיסטע טויט־שרעק.

*

די רויטע אַרמיי איז אַריין אין דאָרף דעם 11־טן יאַנואַר 1945. אָבער סטאַך האָט אונדז פיר טעג נאָך געהאַלטן באַהאַלטן — ביז „די רוסן וועלן זיצן פעסט״... ערשט דעם 15־טן זענען מיר אַראָפּ פון אונדזערע באַהעלטענישן און זיך גענומען באַוועגן ווי פרייע מענטשן.

די איידעלע משפחה פון סטאַניסלאַוו אָפּאַנאָווסקי האָט אונדז נאָך דערנאָך, אין די ערשטע שווערע וואָכן נאָך דער באַפרייאונג, געבראַכט שפּייז קיין פינטשעוו. די אַלטע באָבע איז שפּעטער געקומען צו אונדז קיין לאָדזש, — באַזוכן, ווי זי האָט אונדז מיט רעכט אָנגערופן, אירע „צוויי טעכטער״...

זיסל רוזנברג־הרשקוביץ (תל־אביב)

כך נשארתי בחיים

ב־7 בספטמבר 1939, שבוע לאחר הפלישה הגרמנית לפולין, כבשו הכנופיות הנאציות את פינצ׳ב, בחצותם את הנהר נידא, ומיד, עוד באותו יום, החלה הטראגדיה של האוכלוסיה היהודית שבעיר.

כאשר הפלוגות הראשונות של הצבא הגרמני נכנסו לעיר, ירו עליהן לוחמים־מתנדבים מן החלונות. מן הכדורים האלה כאילו נהרג גנראל גרמני. כעונש על כך החליטו הנאצים לשרוף את העיר, לאחר שהאוכלוסיה תגורש מן הבתים; לשרוף את הבתים על דייריהם — זאת „למדו״, כנראה, רק מאוחר יותר... מן הרחוב הקראקובי החלו לגרש את התושבים לכיוון הכנסייה הפולנית. כולם הוכרחו לצאת בלי לקחת אתם שום דבר, כשהידיים מורמות למעלה משך כל הדרך. כאן נפל הקרבן היהודי הראשון — מר גרינגלאס, בעל חנות לגאלאנטריה בשוק, לא רחוק ממשרד הדואר המקומי; הוא יצא מביתו כשבידו טלית ותפילין, ומשום שלא הרים את ידיו נורה במקום. הבתים הובערו על כל אשר בם, וגם אנשים שלא הספיקו או לא רצו לעזוב את בתיהם נשרפו בלהבות. ואמנם בשרפה הזאת ניספו בפינצ׳ב 120 יהודים. במרתפו של זילה ראָדאָל הסתתר מספר רב של יהודים, שסירבו לעזוב את המקום לקריאת הגרמנים. הנבלים זרקו רימון לתוך המרתף ו־40 יהודים נהרגו במקום.

ארבע יממות, ארבעה ימים וארבעה לילות, היינו לחוצים יחד — מאות גברים, נשים וילדים, בריאים וחולים — בכנסייה הנעולה, בלי מזון ובלי מים. לא עזרו הצעקות, הבכיות וההפצרות — כל גישה אלינו נאסרה לחלוטין ולאיש מאתנו לא ניתן לצאת. עם זאת החרימו, כמובן, מכולנו את כל התכשיטים ודברי ערך שהצלחנו לקחת עמנו בזמן שגורשנו מבתינו.

נאָך דער שריפה און נאָכן באַפרייען פון דער קירכע, האָבן אַ סך יידן פאַרלאָזט פינטשעוו און געזוכט רעטונג ביי קרובים אין אַנדערע שטעטלעך. אויך איך בין אַוועק צו מיינער אַ שוועסטער קיין סאָסנאָוועצ. דאָרט בין איך, אין אַפּריל 1942, בעתן צוזאַמענטרייבן די סאָסנאָווצער יידן אין אַ געטאָ, געכאַפּט געוואָרן דורך די נאַציס און פאַרשיקט געוואָרן אין אַ לאַגער. אין לאַגער בין איך על־פּי־נס געבליבן לעבן און דערלעבט היטלערס מפּלה.

נאָך דער באַפרייאונג פון לאַגער, אין יאָר 1945, איז מיין ערשטער באַגער געווען — צו באַזוכן מיין געבורט־שטעטל פינטשעוו. מען האָט מיך אָפּגערעדט פון טאָן דאָס, ווייל ס'איז געווען פאַרבונדן מיט געפאַרן, סיי אויפן וועג, סיי אין שטעטל גופא. איך האָב אָבער נישט געקוקט אויף קיין שום סכנה, נישט געלאָזט זיך איבערצייגן און פאָרט אַהין געפאָרן, געטריבן דורך אַ האָפענונג אפשר צו טרעפן נאָך עמעצן אַ לעבעדיקן פון מיינע נאָענטסטע... נאָך אַ נאַכט רייזע מיט שווערע איבערלעבונגען, מיט דראָונגען מצד פּאָליאַקן און מצד רוסן, בין איך אָנגעקומען קיין פּינטשעוו. צו מיין גרויסן ווייטיק האָב איך קיינעם פון מיינע נאָענטע נישט געטראָפן, כ'האָב זיך בלויז געקאָנט אויסוויינען אויף די חורבות און אויפן צעשטערטן יידישן בית־עלמין. גלייך אויף צומאָרגנס בין איך אַנטלאָפן פון שטעטל, ווי געיאָגט פון אַ בייזן געשפענסט... איך האָב געקוקט הינטער זיך מיט אַ קללה אויף די ליפּן פאַר יענע, וועלכע האָבן פאַרוואַנדלט אין חורבות מיין שטעטל און אין אַ ריזיקן קבר — אַן איינגעפונדעוועט זייט דורות יידיש לעבן.

אליעזר טעקעל

סוף פון אַ יידישער פאַמיליע

בײם אַרײנפאָר קיין פינטשעוו, אויפן וועג פון בוסקאָ־זדרוי, האָט געוווינט מײנער אַ קרוב דורך מחותנעשאַפט, אַ תבואה־סוחר, וועלכער האָט אויפן פאַמיליע־נאָמען געהייסן קאַרמיאָל. די דאָזיקע פאַמיליע איז באַשטאַנען פון פינף פערזאָן, טאַטע־מאַמע און דריי קינדער, דאָס יינגסטע נאָך אַ זויג־קינד. זיי האָבן געהאַט אַ הויז, און אין הויף — אַ שפייכלער אויף תבואה. צוזאַמען מיט זיי האָט אין הויז געוווינט אַ פּאָליאַק, אַ שומר און אויפרוימער פון הויף.



ווען מען האָט שמחת־תורה (1942) צונויפגעטריבן אַלע יידן אויפן מאַרק צו דער אויסזידלונג, איז די פאַמיליע נישט אַרויס צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע יידן, זיי האָבן געוווינט ווייט פון צענטער און פשוט נישט געהערט די דייטשע באַפעלן אַרויסצוגיין אין מאַרק אַריין.

אויף צומאָרגנס האָט דער פּוילישער שומר געמאָלדן די דייטשן, אַז די דאָזיקע משפּחה יידן איז געבליבן ביי זיך אין וווינונג. גלייך איז געקומען די נאַצישע פּאָליציי, אַרויסגעפירט די משפּחה פאַרן הויז און אויפן אָרט דערשאָסן, די מוטער האָט דערביי געהאַלטן אויף דער האַנט דאָס וויינענדיקע פּיצל קינד... דער פּוילישער מוסר האָט די דערשאָסענע באַגראָבן נעבן אַריינגאַנג צו זייער שטוב, וועלכע ער האָט אַליין גלייך געירשנט, מיט אַלץ וואָס אין איר האָט זיך געפונען.

דאָס האָט מיר דערציילט דער אויבנדערמאָנטער פּויער באַניאַ, נאָך בעת אונדזער באַהאַלטן זיך אין וואַלד.

איך בין, נאָך דער מלחמה, אַוועק צו יענער שטוב. דער פּאָליאַק האָט דאָרט ברייט געבאַלעבאַטעוועט. דאָס איז געווען אין 1945. מען האָט נאָך גוט דערקענט דעם קבר פון די קרבנות, פאַרן הויז. דער פּאָליאַק האָט מיר געוויזן דעם קבר, און זיך אויסגעפּיינט, אַז ער האָט זיי אַליין קובר געווען, אָבער, אַז ער האָט זיי אויך געמסרט, האָט ער, פאַרשטייט זיך, נישט דערציילט...

אויפן בילד: אַ פאָטאָגראַפיע פון דער משפחה קאַרמיאַל. עס שטייען צוויי ברי־דער פון דער פאַמיליע, זין פון שאול קאַרמיאַל. די עלטערע פרוי, וועלכע האַלט דאָס קליינע קינד, איז די מוטער פון די ברידער קארמיאַל. די גאַנצע משפחה איז אויסגעראָטן געוואָרן, קיינער איז פון זיי נישט געבליבן לעבן.

פרידע הימלבלאַו

מיין שוועסטער מרימל

ווען איך קוק אויף די דאָזיקע דריי בילדער, קאָן איך נישט איינהאַל־טן מיינע טרערן.

מיין שוועסטער, מרים, איר מאַן, מיין שוואָגער שמואל און זייער יונג זונעלע חיים־יוסף מיט די „געלע לאַ־טעס" און אויפשריפט „יודע" — אין געטאָ, פאַרן אָפּגעפירט ווערן אויף זייער לעצטן וועג, צו פאַרניכטונג.

מיין שוועסטער מרים בירנבוים (מרימל קאָזע) איז געבוירן געוואָרן אין פינטשעוו. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זי געלעבט מיט איר פאַמיליע אין סאָסנאָוויצע, פון וואַ־נען זיי זענען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אָשוויענטשים און דאָרט אומגע־בראַכט געוואָרן אין 1942, אָדער 1943.




חיים־יוסף בירנבוים — דאָס יונגע זונעלע

זייער טאָכטער האָט זיך געראַטעוועט און זי וווינט אין טשעכאָסלאָוואַקיע. ביי איר האָבן זיך אויך אָפּגעראַטעוועט די דאָזיקע לעצטע פאָטאָגראַפיעס פון אירע עלטערן און ברודער.



מרים בירנבוים (מרימל קאַזע)



מרימלס מאַן, שמואל בירנבוים

הערש לייב ראַדזינסקי (קאַנאַדע)

אַרומגערינגלט דורך ווילדע חיות

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, אין 1939, האָב איך נאָר־וואָס געהאַט חתונה געהאַט און געלעבט, צוזאַמען מיט מיין פרוי חנה, וועלכע האָט געשטאַמט פון כמיעלניק, אין פינטשעוו. מיין גאַנצע פאַמיליע האָט געלעבט אין פינטשעוו; זי איז

באַשטאַנען פון: מיין פאָטער שמואל ראַדזינסקי, יחזקאל בעקערס זון; מיין מוטער חיה, קלמן רידאַווערס טאָכטער; מיין שוועסטער, און ברודער, אלתר־יהושע. מיינע עלטערן האָבן געוווינט און געהאַט זייער בעקעריי אויף זאַשיצע־גאַס נומער 1.

אַחוץ מיר, איז מיין גאַנצע פאַמיליע אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציישע רוצחים. מיינע עלטערן און שוועסטער זענען אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן, ווי די מערהייט יידן פון פינטשעוו. מיין ברודער איז אומגעקומען אין קאַמף מיט רוצחישע פאָליאַקן.

בעת דער אויסזידלונג פון די פינטשעווער יידן, בין איך צוזאַמען מיט מיין פרוי אַנטלאָפן קיין זאַגאַיעוו און זיך אויסבאַהאַלטן ביי דעם דאָרטיקן פויער קראָכמאַל. פיר חדשים האָט אונדז דער פויער באַהאַלטן אין פאַרשידענע ערטער פון זיין ווירטשאַפט: אין דער סטאָדאָלע מיט היי, אויפן בוידעם, אין דער קי־שטאַל, אין קעלער צווישן קאַרטאָפל. דורכן פויער בין איך געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט מיין ברודער, וועלכער איז באַלד אין אָנהויב אַריינגעפאַלן אין יענדזשעיעווער אַרבעט־לאַגער. נאָך פיר חדשים האָט אונדז דער פויער באַפוילן צו פאַרלאָזן זיין גוט. ער האָט דערקלערט, אַז אַנדערע פויערים זענען געוווויר געוואָרן, אַז ער באַהאַלט אויס יידן און ער האָט מורא, מען זאָל אים נישט פאַרמסרן פאַר די דייטשן. איך האָב ביי דעם פויער איבערגעלאָזט מיינע עלטערנס צירונג און אַנדערע ווערט־זאַכן. ווען איך האָב זיך, נאָך דער באַפרייאונג, געווענדעט צו אים און געבעטן ער זאָל מיר צוריקגעבן כאָטש צוויי בעכערלעך, אַלס אָנדענק פון מיין משפחה, האָט ער מיר דאָס אָפּגעזאָגט.

דאָס איז געווען אין יאָר 1943.

מיר זענען אַוועק אויפן וועג קיין יענדזשעיעוו. אויפן וועג האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן אין דאָרף קוואַסעק. דאָ האָט אונדז דער פויער געדאַלסקי געוואָרנט, אַז מיר זאָלן נישט גיין קיין יענדזשעיעוו, ווייל דאָרט האָבן די נאַציס ליקווידירט אַלע יידן און מען קאָן אונדז דאָרט אויך כאַפּן. ער האָט אונדז איבערגעגעבן, אַז פיל יידן באַהאַלטן זיך אין די יענדזשעיעווער וועלדער און געראַטן מיר זאָלן זיך אויך דאָרט אויסבאַהאַלטן.

איך מיט מיין פרוי זענען טאַקע אַוועק אין די יענדזשעיעווער וועלדער, ווו מיר האָבן געטראָפן אויך פינטשעווער יידן, צווישן זיי געדענק איך: מרדכי זייף, דוד זייד, קלמן פישער, ישראלקע ביעלאָש און עטל דער בעקערינס זון, בוכבינדער. פון זיי האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אויך מיין ברודער, אלתר־יהושע ראַדזינסקי, איז אַהער אַנטלאָפן נאָכן ליקווידירן דעם יענדזשעיעווער אַרבעט־לאַגער. ער איז צוזאַמען מיט נאָך אייניקע יידן אַרומגערינגלט געוואָרן דורך פוילישע א. ק.־באַנדיטן

און אין קאַמף מיט זיי, וועלכע האָבן געוואָלט די יידן כאַפּן און איבערגעבן אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ, איז ער אומגעקומען.

אין די וועלדער האָבן מיר דעמלט מער געליטן פון די נאַציאָנאַליסטישע פּוי־לישע פּאַרטיזאַנער פון דער „אַרמיאַ קראַיאָווא״ און פון די אַרומיקע אַנטיסעמיטישע פּויערים, ווי פון די דייטשן, וועלכע האָבן זיך נישט דערוועגט צו קומען אין די וועלדער אַריין. די פּאָליאַקן פון דער געגנט האָבן איינמאָל אַרומגערינגלט אַ גרויסע גרופּע יידן. צווישן די יידן און די פּאָליאַקן איז פאָרגעקומען אַ שאַרפער קאַמף. 16 יידן זענען דעמלט געכאַפּט געוואָרן און איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די דייטשן, וועלכע האָבן זיי דערשאָסן. פון צווישן די אומגעבראַכטע געדענק איך עטל דער בעקערינס זון, בוכבינדער, וועלכער האָט געבעטן בלויז איין זאַך — אַז די, וועלכע וועלן בלייבן לעבן, זאָלן אים שפּעטער ברענגען צו קבר־ישראל. צי זיין ביטע איז דערפילט געוואָרן, איז מיר נישט באַוווּסט. צווישן די, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון דער דאָזיקער גרופּע, זענען געווען: מרדכי זייף, היינט אין ניו־יאָרק, און דוד זייד, היינט אין ישראל.

איך האָב זיך שפּעטער געטראָפן מיט אַ פּאָר לעבנגעבליבענע יידן און מיר האָבן זיך צוזאַמען אויסבאַהאַלטן אויף די סקאָוואַרער פעלדער און לאָנקעס. דער אויבנדערמאָנטער פּויער געדאַלסקי האָט אונדז אַביסל געהאָלפן, ברענגענדיק אונדז עסן. מיר האָבן אים אָפּגעדאַנקט מיט אַרבעטן אויף זיינע פעלדער. אין קריסטלעכן פּסח, 1943, זענען צו אונדז צוגעקומען אייניקע פינטשעווער יידן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון די יענדזשעיעווער וועלדער נאָך אַ דייטשער שטראָף־עקספּעדיציע קעגן די פּאַרטיזאַנער.

די דייטשן האָבן דעמלט געכאַפּט דעם קדוש יחיאל מאַטשעק, פון פינטשעוו. ער האָט געוווּסט, אַז מיר באַהאַלטן זיך און ווו מיר געפינען זיך, אין די סקאָוואַר־נער פעלדער. די פּויערים פון דאָרף האָבן נישט געוווּסט וועגן אונדזער באַהעלטע־ניש. די דייטשן האָבן יחיאלן געבראַכט אין דאָרף אַריין און פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל אויסגעבן ווו מיר געפינען זיך. זיי האָבן אים געפּייניקט, אָבער ער האָט געטענהט, אַז ער ווייסט נישט. זיי האָבן אים צוגעזאָגט צו לאָזן לעבן, אויב ער וועט אונדז אויסגעבן. אָבער זיי האָבן ביי אים גאָרנישט געפּועלט. מען האָט אים שעהנלאַנג געפּייניקט און ער האָט געשוויגן. ער איז העלדיש אומגעקומען, אין שרעקלעכע יסורים, נישט אויסגעבנדיק קיינעם.

יחיאל, מיטן צונאָמען מאטשעק, זיין פאַמיליע־נאָמען געדענק איך נישט, איז געווען אַ פינטשעווער ייד. ער האָט געשטאַמט פון די כראַבערסקיס. ער איז געווען אין פינטשעוו באַשעפטיקט ביי לאַסט־אויטאָס, ביי דער „עקספּעדיציע״.

ער איז אומגעקומען ווי אַן אמתער קדוש, אויף קידוש־השם. זאָל זיין נאָמען און אָנדענק בלייבן ביי אונדז געהייליקט!

אַזוי האָבן מיר געפירט אַ שווערן קאַמף פאַרן לעבן, אין פעלדער, אין בונ־קערס. מיין פרוי חנה פלעגט איינשטעלן איר לעבן, איבערגעטאָן אַלס פויערטע, פלעגט זי גיין אין די דערפער, שאַפן פאַר אונדז עסן. אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביזן 23־סטן נאָוועמבער 1943. מיר האָבן זיך דעמלט געפונען אין אַ בונקער אין די בעלקער וועלדער. אין יענעם טאָג זענען מיר אַרומגערינגלט געוואָרן דורך ציווילע פּאָליאַקן, ווייזט אויס פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ”, וועלכע האָבן אונדז געוואָלט דערמאָרדן, אָדער כאַפּן לעבעדיקע און איבערגעבן אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ. דאָס איז געווען ביינאַכט. מיר האָבן גענומען לויפן אין דער פינצטער, נישט וויסנ־דיק וווהין און פאַרלירנדיק איינער דעם אַנדערן. די מערהייט פון אונדזער גרופּע איז דעמלט אומגעקומען, צווישן זיי אויך מיין פרוי חנה ז״ל. צווישן די אַנטלאָפענע, וועלכע זענען לעבנגעבליבן און זיך דערנאָך געטראָפן, זענען, אויסער מיר, געווען: מרדכי זייף, קלמן זייד, מיט אַ זון און טאָכטער. קלמן זייד איז דעמלט פאַרוווּנדעט געוואָרן מיט אַ קויל אין פּנים.

ווען ס׳איז שטיל געוואָרן אין דער דאָזיקער געגנט, האָבן מיר זיך ווידער געטראָפן, אַ גרופּע יידן און דאָרט זיך אויפגעהאַלטן אין פאַרשידענע באַהעלטענישן. צוזאַמען מיט מיר זענען געווען: יאָסל ביירך, לייבוש עזיקאָוויטש און קלמן זייד מיט זיין זון און טאָכטער. די אַלע לעצטע זענען שפּעטער אומגעקומען אין קאַמף מיט די אַזוי גערופענע פאַרטיזאַנער פון א. ק. די דאָזיקע פּאָליאַקן האָבן אונדז נישט געלאָזט צורו און אָנשטאָט צו קעמפן מיט די דייטשן, האָבן זיי אויסגעראָטן יידן. נאָך אַ געוויסן קאַמף מיט די דאָזיקע פּאָליאַקן, זענען מיר זיך ווידער צעלאָפן און יעדער באַזונדער האָט געפּרוּווט זיך ראַטעווען.

נאָך דעם האָב איך זיך געטראָפן מיט די פינטשעווער מרדכי זייף און דוד זייד. מיר זענען אַלע דריי אַוועק אין די סקאָוראָנער פעלדער, נעבן פינטשעוו, און דאָרט זיך געמאַכט אַ בונקער אינמיטן פעלד. אין דאָזיקן בונקער האָבן מיר זיך אויסבאַ־האַלטן ביז מערץ 1944. אין דער צייט האָבן אונדז געמאַטערט די רעגנס, קעגן וועלכע מיר זענען געווען אומבאַשיצט, און אין בונקער איז געווען וואַסער און בלאָ־טע. אין מערץ 1944 זענען מיר אַלע דריי אַוועק אין וואַלד נעבן קוואַסעק און בעלקא און זיך דאָרט אויפגעהאַלטן אַ שטיקל צייט. דאַן האָט אונדז אַ פויער, יוזעק באַר־טעלאַ, אַריינגענומען צו זיך און אויסבאַהאַלטן ביז דער באַפרייאונג. מיטן דאָזיקן פויער, וועלכער האָט פאַר אונדז איינגעשטעלט זיין לעבן, שטיי איך ביז היינט אין פאַרבינדונג און העלף אים מיט געלט און מיט פעקלעך.

נאָך דער באַפרייאונג בין איך צוריקגעקומען קיין פינטשעוו און זיך באַזעצט אין מיין פאָטערס הויז, אויף זאשיצע־גאַס נומער 1. אין פינטשעוו האָבן זיך דעמלט צוזאַמענגענומען ביי 20—25 יידן. איך האָב זיך גענומען איינאָרדענען אין פינטשעוו, לאָזן אין גאַנג די בעקעריי און געמיינט, אַז איך וועל קאָנען פאַרבלייבן אין מיין געבוירן־שטעטל און דאָרט בויען אויפסניי מיין לעבן. אָבער דאָס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן פאַר אוממעגלעך. די דערינערונגען וועגן די שרעקלעכע צייטן; עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען איז אַרומגערינגלט דורך טויטע, דורך די גייסטער פון די אומצייליקע קרבנות אונדזערע, אַז ווו מיר שטעלן אַ פוס, איז נאָך נישט אָפּגעוואַשן דאָס בלוט פון די נאָענטסטע. און אַרום זיך האָבן מיר געפילט אויף שריט און טריט די שנאה פון די פּאָליאַקן, מיר האָבן געהערט איבערחזרן, אַז „צופיל יידן זענען געבליבן לעבן...״

אָבער נישט בלויז מאָראַלישע ליידן האָבן אונדז פאַרטריבן פון נאָכמלחמהדיקן פינטשעוו.

אַ געוויסן טאָג האָט אַ פּוילישער פּאָליציאַנט אַריינגעוואָרפן אַ האַנט־גראַנאַט אין אַ הויז, אין וועלכן עס האָבן געוווינט יידן. עטלעכע יידן זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן און אויך דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט געוואָרפן דעם האַנט־גראַנאַט, איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן פון דער וואַנט, וואָס איז איינגעפאַלן צוליבן אויפרייס פונעם גראַנאַט. אָבער ווען ער האָט גלייך באַקומען מעדיצינישע הילף, האָט מען די פאַר־וווּנדעטע יידן נישט געוואָלט אָננעמען אין אָרטיקן שפּיטאָל און זיי נישט געוואָלט דאָרט פאַרבאַנדאַזשירן. באַלד נאָכן דאָזיקן איבערפאַל, האָב איך, צוזאַמען מיט דער מערהייט אַנדערע יידן, פאַרלאָזט פינטשעוו. אין שטעטל איז פאַרבליבן בלויז איין איינציקער ייד, שאול פעליקס, וועלכער האָט דאָרט געלעבט ביזן יאָר 1955.

מיר האָבן נאָך אַ שטיקל צייט געלעבט אין פּוילן, אין ביעלאַווע, נידערשלעזיע. דאַן בין איך אַוועק קיין דייטשלאַנד, געווען אויך אין עסטרייך און צום סוף אויסגע־וואַנדערט קיין קאַנאַדע, ווו איך האָב אויפסניי אויפגעבויט מיין פאַמיליע־לעבן און לעב רואיק מיט מיין פרוי און דריי קינדער. אָבער מיינע איבערלעבונגען האָבן אין מיר איבערגעלאָזט אַ פּיינפולע מרה שחורה, די בלוטיקע בילדער פון דער פאַרגאַנ־גענהייט פאַרפאָלגן מיך אויף טריט און שריט און נעמען מיר צו די רו. עס זענען געבליבן טיפע ווונדן, וואָס וועלן שוין אָנהאַלטן ביזן סוף פון מיין לעבן און קיין שום דאָקטאָר איז זיי נישט בכוח אויסצוהיילן.

(פאַרצייכנט דורך ש. ב.)

דינה פּאָוואָנסקער־אייזיקאָוויטש (רמת־גן)

ווען טויט האָט געלויערט אויף יעדן שריט

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, אין 1939, האָב איך געוווינט מיט מיין משפּחה, מיין מאַן און צוויי קינדער, אין טאַרנאָווסקיע גורי, אין שלעזיע, ווו מיר האָבן געהאַט די כשרע יאַטקע פונעם שטעטל, געלעבט צופרידן און גליקלעך.

מיר זענען פון שלעזיע אַנטלאָפן פאַר דער שוואַרצער כוואַליע, וואָס האָט זיך אָנגעטראָגן אויף אונדז. מיר זענען צוערשט אַוועק קיין וואָידיסלאַוו, צו די עלטערן פון מיין מאַן. אויך דאָרט איז די פּאַניק געווען גרויס. מיר זענען ווייטער געלאָפן, שוין צוזאַמען מיט די געשוויסטער פון מיין מאַן. מיר זענען אָנגעקומען קיין פינטשעוו און דאָרט האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אונדז מיינע ברידער זלמן און אייזיק, מיין שוועסטער ליבע מיט אירע קינדער, און מיר זענען צוזאַמען געפאָרן קיין בוסקאָ. מיין פאָטער האָט נישט געוואָלט מיטפאָרן, ער האָט געזאָגט, אַז „די דייטשן זענען שטאַרקער און לויפן שנעלער פון אונדז" און אַזוי איז עס געווען. מיר האָבן זיך געפּלאָגט אייניקע טעג. מיר, די פרויען און קינדער, זענען געבליבן אין בוסקאָ, די מענער זענען ווייטער אַוועק מיטן שטראָם צו דער ווייסל, מיט דער דעה זיך צו דערשלאָגן צו די רוסיש־אָקופּירטע געגנטן. אָבער די דייטשן האָבן זיי דעריאָגט און אַלע גענומען אין געפאַנגענשאַפט. איינעם פון מיינע שוואָגערס האָבן זיי שווער צעשלאָגן און דעם צווייטן, פּייוויש־דוד נאָוואַרסקי פון וואָידיסלאַוו, האָבן זיי דערשאָסן. מ'האָט אים געהייסן גראָבן קברים פאַר די דערמאָרדעטע; ער איז געפאַלן אין אָנמאַכט פון דער שווערער אַרבעט, האָט ער געבעטן אַביסל וואַסער — פאַר דעם „פאַרברעכן" איז ער אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

מיין מאַן, צוזאַמען מיט אַ סך יידן און קריסטן, האָבן די דייטשן דורכגעפירט דורך בוסקאָ, נאָר מען האָט נישט געלאָזט צו זיי זיך דערנענטערן און מיר האָבן נישט געוווּסט וווּהין מען פירט זיי. מיין מאַן האָט מיר אָבער באַוויזן צו זאָגן פון ווייטן: „פאָר אין דאָרף בראַנינאָ, דאָרט וועסטו אפשר נאָך טרעפן אַ לעבעדיקן מיין ברודער מאָטיע. מיין ברודער פּייוויש איז שוין דאָרט טויט..." איך בין געווען פאַרצווייפלט. מיט דער הילף פון באַקאַנטע בין איך געקומען אין בראַנינאָ, וואָס האָט

זיך געפונען נישט ווייט פון בוסקאָ. צווישן די טויטע האָב איך געפונען מיין שוואָר־פאַרוווּנדעטן שוואָגער נאָך אַ לעבעדיקן און אויך דעם טויטן. דעם טויטן האָבן מיר קובר געווען אין בוסקאָ און דעם צעשלאָגענעם אַריינגעפירט צו זיינע שוויגער־עלטערן.

איך מיט מיין שוועסטער האָבן זיך, צופוס, אין פּחד, צווישן מאַרשירנדיקע דייטשן, האָבנדיק די קליינע קינדער אויף די הענט און ביי דער זייט, דערשלאָגן צוריק קיין פּינטשעוו. אָבער ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין פּינטשעוו האָבן מיר די שטאָט נישט דערקענט — אַרומגענומען פון פּחד האָבן מיר זיך דערזען צווישן חורבות, וואָס האָבן נאָך געריכערט, הייזער האָבן נאָך געברענט. קיין לעבעדיקע מענטשן האָט מען אויף די גאַסן נישט געזען, נאָר עס זענען געלעגן פאַרברענטע סקעלעטן פון בהמות און פערד, און אפשר אויך פון מענטשן... איין געדאַנק האָט דאָן באַהערשט מיך מיט מיין שוועסטער: ווו איז אונדזער פאָטער? וועלן מיר אים נאָך טרעפן אַ לעבעדיקן?... מיר זענען צוגעקומען צו אונדזער געסל. מיר האָבן שוין פון ווייט דערזען, אַז פון אונדזער הויז איז קיין שפּאָר נישט פאַרבליבן. אויף די חורבות האָבן מיר באַמערקט זיצן אַ מענטש — מיר האָבן אים קוים דערקענט, דאָס איז געווען אונדזער פאָטער. ער איז געווען אָנגעטאָן בלויז אין הויזן און אַ לייכט וועסטל. ער איז געזעסן אויף די פאַרשרפעטע שטיינער אַ פאַרוויינטער. מיר האָבן זיך געוואָרפן אויף אים מיט געוויין, אָבער ער האָט נישט געקאָנט רעדן. צע־בראָכן, דערשעפּט, הונגעריק און מיד — האָט ער אונדז קוים דערקענט. ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער אונדז געזאָגט: „דאָ האָב איך געוואַרט אויף אייך, ווייל כ׳האָב געוווּסט, אַז אויב איר וועט קומען צוריק, וועט איר קומען אַהער...״ אויסער דעם, האָט ער געהיט דעם פאַרמאַכטן קעלער פון אונדזער הויז — ווען מען האָט אַלע אַרויסגעיאָגט פון דער היים, האָט ער באַוויזן אַביסל פון אונדזער האָב־און־גוטס אַריינוואַרפן אין קעלער און פאַרמאַכן די אייזערנע טיר; אַזוי איז עפּעס אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון דער שריפה.

מיר האָבן מער נישט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ אין פּינטשעוו. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל. אַ קריסטלעכער שכן אונדזערער האָט אונדז, פאַר גוט באַצאָלט, פאַרשטייט זיך, אָפּגעפירט, מיטן ביסל קליידער און בעטגעוואַנט, וואָס איז געבליבן אין קעלער, צו מיין שוועסטערס שוויגער־עלטערן אין דאָרף פּאַוולאָוויץ, דאָס ערשטע דאָרף אויפן וועג קיין וואָדיסלאַוו. וווהין מיר זענען אויפן צווייטן טאָג שוין אַוועק צופוס. דאָרט האָבן געוווינט מיינע שוויגער־עלטערן. אינגאַנצן מיט אייניקע טעג פריער זענען מיר אַוועק פון זיי מיט זייערע דריי זין — איצט קומען מיר צו זיי צוריק אַליין, איין זון איז טויט, דער



אסתר (רעכטס) און **מאַטל דאַווידאָוויטש**, צוויי שוועסטער פון איילע דאַווידאָוויטש, שוואָגער פון דינה פּאַוואָנזקער.

צווייטער — שווער־פאַרוווּנדעט דורך די באַנדיטן און דער דריטער, מיין מאַן — אַוועקגעפירט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. מיר מיט די קינדער זענען געווען דערשעפּט, הונגעריק, מיט ווונדן אויף די פיס, אָבער עס האָט מיך נאָך מער געפּייניקט דער געדאַנק, ווי אַזוי זיי אָנצוזאָגן די וויסטע בשורות. שלעכטע בשורות, אָבער, לויפן שנעלער ווי מענטשן... ווען מיר זענען אַריינגעקומען, זענען די עלטערן שוין געזעסן שבעה נאָכן דערמאָרדעטן זון פייוויש. דער ווייטיק, די איבעראַשונג, זענען געווען גרויס — דאָס זענען דאָך געווען די ערשטע קלעפּ, מען איז נאָך נישט געווען צוגעוווינט צו די נאַצישע רציחות.

איך האָב געלאָזט מיינע קינדער ביי די שוויגער־עלטערן און, צוזאַמען מיט עטלעכע לאַנדסלייט, האָב איך זיך געלאָזט אין וועג אַריין זוכן מיין מאַן. מיר זענען אַוועק קיין קיעלץ, וווּ עס זענען געווען אַ סך אינטערנירטע. דאָרט, אין אַ קלויסטער, האָב איך טאַקע געטראָפן אַ פאַרשפּאַרטן מיין מאַן צוזאַמען מיט נאָך יידן פון אונדזער שטאָט. דורך גרויסע באַמיאונגען האָט זיך אונדז איינגעגעבן זיי צו באַפרייען און אויף ראש־השנה זענען מיר אַלע אָנגעקומען צוריק אין שטעטל אַריין. מיר האָבן ווי־עס־איז באַקומען אַן אָרט צו וווינען ביי אַ שכן און מען האָט געמוזט פּרוּוון ווייטער איינאָרדענען דאָס לעבן. מיר האָבן גאָרנישט געהאַט. איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן קיין טאַרנאָווסקיע גורי — אפשר וועט זיך מיר איינגעבן עפּעס צו ראַטעווען פון אונדזער פאַרמעגן, וואָס מיר האָבן דאָרט איבערגעלאָזט. אַזאַ רייזע איז דעמלט שוין געווען פאַרבונדן מיט גרויסע סכנות־נפשות. אַליין וואָלט איך אַזאַ רייזע נישט געקאָנט דורכמאַכן; איך בין געפאָרן צוזאַמען מיט אַ באַקאַנטער קריסטין, וועלכע האָט אויך געדאַרפט אַהין פאָרן. ביז סאָסנאָוויץ זענען מיר געפאָרן מיט פערד־און־וואָגן; פון דאָרט זענען מיר געפאָרן מיטן טראַמוויי

ביז קאַטאָוויץ און ווייטער מיט דער באַן. אָבער אויפן וועג האָבן שוין נאַצישע וואַכן געזוכט יידן און זיי אַרויסגעוואָרפן פון די לויפנדיקע צוגן. מיך האָט גע־ראַטעוועט מיין באַגלייטערין, וועלכע האָט געשווירן, אַז איך בין אַן אַריערין... די רייזע איז אָבער געווען אַן אומזיסטע: פון מיין גאַנץ פאַרמעגן אין טאַרנאָווסקיע גורי איז שוין גאָרנישט געהאַט פאַרבליבן. מיר האָבן געוווינט אינעם הויז פון דער יידישער קהילה. אין דעם הויז איז געווען דער בית־המדרש, די קינדער־שול, דאָ האָט געוווינט דער רב, דער שוחט, און דאָ איז געווען די כשרע יאַטקע, וואָס מיר האָבן געהאַט, צוזאַמען מיט אונדזער וווינונג; אין זעלבן הויז איז גע־ווען די ביוראָ פון דער קהילה און אַפילו די מקווה. דאָס איז געווען דאָס שענסטע הויז אין שטעטל און די דייטשן האָבן עס גלייך רעקוויזירט פאַר זיך, איינגעאָרדנט אין דעם זייער יוגנט־קלוב, די עס־עס און אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אינעם הויז האָבן זיי צוגערויבט, צי דאָס איז געווען פריוואַט פאַרמעגן, צי פון דער קהילה; דאָס גאַנצע זילבער פון בית־מדרש, פון די ספר־תורהס.

ווי איך בין נאָר אַריינגעקומען אין הויף אַריין, האָט מיר די אויפרוימערין, אַ פוילישע פרוי, געזאָגט איך זאָל זיך שנעל אָפּטראָגן, ווייל די דייטשן אַרעסטירן יעדן ייד, וואָס קומט דאָ אַריין. איך האָב זיך שנעל אַרומגעקוקט אויפן הויז, וווּ איך האָב פאַרבראַכט די גליקלעכסטע יאָרן פון מיין פאַמיליע־לעבן און מיט טרערן אין די אויגן פאַרלאָזט עס צום לעצטן מאָל.

די יידן, וועלכע זענען פאַרבליבן אין שטעטל, זענען געווען פאַרצווייפלט, אַלע זייערע געשעפטן און פאַרמעגן — רעקוויזירט. זיי האָבן געוואָלט געוויר ווערן ביי מיר, וואָס בין געקומען „פון ווייט״, וואָס עס וועט זיין... איך האָב איינגעמאָנט עפּעס געלט ביי אונדזערע פוילישע בעלי־חובות און, ווידער איינשטעלנדיק דאָס לעבן, געפאָרן קיין וואָדיסלאַוו.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געפּלאָגט און געיאָגט לעבן, ביי מערדערייען, אויס־זידלונגען, פאַרשיקונגען, געטאָס.

קיין פינטשעוו בין איך צום לעצטן מאָל געקומען מיט מיין פאַמיליע נאָך יום־כיפור אין יאָר 1942, פאַר דער גרויסער אויסזידלונג אין נאָענטן שמחת־תורה — וואָס איז געווען דער פאַקטישער סוף פון אונדזער קהילה.

אונדז איז געלונגען זיך צו ראַטעווען פון דער אויסזידלונג.

אין האַרבסט 1942 זענען מיר, דורך דזשיאלאָשיץ, אָנגעקומען אין וואַלד אַריין. עס איז געווען קאַלט, עס האָט גערעגנט און געשנייעט. קיין עסן האָבן מיר נישט געהאַט. מיר האָבן אויסגעגראָבן אַ גרוב, אין וועלכן מיר האָבן אָנגעצונדן אַ פייער,

קינדער פון ליבע אייזיקאָוויטש־דאַווידאָוויטש







די קינדער אויף די בילדער (אויסער דעם ייִנגעלע, רעכטס, וואָס שטייט אויף דער פאָטאָ־
גראַפיע אונטן צוזאַמען מיטן מיידעלע) זענען קינדער פון ליבע אייזיקאָוויטש־דאַווידאָוויטש,
די שוועסטער פון דינה אייזיקאָוויטש־פּאָוואָנסקער.

כדי צו דערוואַרעמען די קליינע קינדער. מיר האָבן איינגעזעען, אַז לאַנג אַזוי אויס־האַלטן וועלן מיר נישט קאָנען. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין וואָידיסלאַוו זענען געבליבן דער יידן־עלטסטער, די יידישע פּאָליציי מיט זייערע פאַמיליעס און נאָך אַביסל יידן, וועלכע די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט, כדי צו באַגראָבן די קרבנות, וואָס זענען געפאַלן בעת דער אויסזידלונג. מיר זענען דאַן אַוועק קיין וואָידיסלאַוו, ווּ די געבליבענע יידן זענען נישט געווען צופרידן מיט אונדזער אָנוועזנהייט, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז די מערדער האָבן זיי ליבער פון אונדז...

עס זענען אָנגעקומען קיין וואָידיסלאַוו לעבנגעבליבענע יידן פון דער גאַנצער געגנט — מען האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַ ניי רעטונגס־אָרט... די גוטע יידישע הייזער זענען שוין געווען פאַרנומען דורך פּאָליאַקן. די יידן האָבן זיך צוזאַמענ־געשטופּט אין די האַלב־חרובע הייזער. אָבער דאָ האָבן אונדז טאָג־טעגלעך באַזוכט די דייטשן מיט דער פּוילישער פּאָליציי, געמאָרדעט, געשאָסן. יעדן טאָג זענען געווען פרישע קרבנות. אויף דער גאַס איז פּשוט געווען אוממעגלעך זיך צו באַווייזן. דער קאָמענדאַנט פון דער פּוילישער פּאָליציי מאַטשאָווסקי, צוזאַמען מיטן פּאָלי־ציאַנט יורעק האָבן געשאָסן יעדן אָנגעטראָפענעם ייד, צוליב פאַרגעניגן און סאַ־דיסטיש־מערדערישער סאַטיספאַקציע. אָבער אויך דאָס דאָזיקע „לעבן" האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן מוזן זיך ביזן 1־טן דעצעמבער 1942 קאָנצענטרירן אין די דריי שטעט: סאַנדאָמיעזש, נאָווי ראַדאָמסק און אילזשע און וועלכן ייד מען וועט נאָך דער דאַטע טרעפן ערגעץ אַנדערש, וועט דערשאָסן ווערן.

ווען איך בין מיט מיין מאַן און קינדער שוין געווען גרייט צו פאַרלאָזן וואָי־דיסלאַוו, איז צו אונדז אָנגעקומען דער פּאָליאַק יולעק לאַסקאָווסקי, פון אַ דאָרף נעבן פּינטשעוו און דערציילט, אַז ביי אים געפינט זיך מיין ברודער אייזיק און ער וויל אויך אונדז נעמען צו זיך צו באַהאַלטן. ער האָט דערקלערט, אַז אים גייט אַפילו נישט אין געלט, נאָר ער האָט ליב מיין מאַן, מיט וועלכן ער האָט אַמאָל געהאַנדלט.

מיט אַ צעוויטיקט האַרץ האָבן מיר זיך געזעגנט מיט אונדזער פאַמיליע, וועלכע איז אויך געווען אין וואָידיסלאַוו: מיין שוועסטער ליבע מיט איר זונעלע סענדערל; מיין ברודער זלמן מיט זיין פרוי און קינד, אַן אַלטער שוויגער און דריי שוועגערינס מיט זעקס קליינע קינדער. איך האָב באַוויזן מיטצונעמען מיט זיך בלויז מיין שוועסטערס 13־יאָריקן זון.

שפּעט ביינאַכט זענען מיר אָנגעקומען צו יולעקן אין דאָרף. מיין ברודער האָט אונדז צוגעגרייט אַ צייטווייליקע באַהעלטעניש — ביזן אויסבויען דעם צוגעזאָגטן בונקער — אין דער חזירים־שטאַל. יולעקן האָבן מיר איינמאָל געשיקט מיט עסן

צו אונדזערע קרובים אין סאַנדאָמיעזשער געטאָ, וווהין זיי זענען אַוועק פון וואָי־דיסלאָוו. ער האָט זיך אַהין אַריינבאַקומען ווי אַ ייד, מיט אַ מגן־דוד אויף דער ברוסט. ווען מיר האָבן אים, נאָך אַ חודש זיין אין דאָרף, געשיקט נאָכאַמאָל — האָט ער שוין דאָרט קיינעם פון אונדזערע נאָענטע נישט געטראָפן.

אין דער צייט האָט מען אין דאָזיקן דאָרף געמסרט אַ פּאָליאַק, אַז ער איז אַ קאָמוניסט און באַהאַלט אויס יידן. מען האָט ביי אים געמאַכט אַ רעוויזיע און טאַקע געפונען באַהאַלטן פּלטיאל קאָפּעל מיט זיין פרוי און קינדער. די יידישע פאַמיליע האָט מען דערשאָסן און דעם פּויער אָפּגעשיקט קיין אוישוויץ. אין דאָרף איז אַנט־שטאַנען אַ פּאַניק, — די פּויערים, וועלכע האָבן באַהאַלטן יידן, האָבן זיי געהייסן פאַרלאָזן זייערע הייזער. אין דער צייט איז צו אונדז אָנגעקומען מיין ברודער זלמן, וועלכער האָט באַוויזן צו אַנטלויפן פונעם טראַנספּאָרט קיין טרעבלינקי. די מוטער פון יולעקן האָט אונדז אַלע מער נישט געוואָלט באַהאַלטן און געפאָדערט מיר זאָלן פאַרלאָזן איר הויז.

מיין מאַן מיט מיין ברודער האָבן דאַן געפונען אַן אָרט ביי אַ פּויערטע אין סענדאָוויץ. זי מיט אירע פינף זין און אַ פאַראָבעק זענען געווען אמתע באַנדיטן, זיי האָבן געצויגן ביי אונדז געלט און אַפילו קיין עסן נישט געגעבן. נאָר יולעק פלעגט יעדן טאָג אונדז עפּעס ברענגען צו עסן און ער האָט אונדז פון דאָרט אַוועקגעפירט קיין נאַוואַזשיצע, נעבן וואָידיסלאַוו, אויך צו באַקאַנטע פון מיין מאַן. דאָס איז גע־ווען אַ רעסטאָראַן אַנטקעגן דער פּוילישער פּאָליציי. דאָס זענען געווען גוטע מענ־טשן, מיטן נאָמן יאַוואָר, קיין עסן האָט אונדז נישט געפעלט און מיר האָבן זיך ביי זיי געפילט זיכער. אין דער צייט זענען מיינע ברידער געווען ביי דער פאַמיליע מראָזיק אין פּאַוולאָוויץ.

נאָך דריי חדשים איז אונדזער לאַגע ווידער געוואָרן אַ שווערע. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן דערשיסן, צוזאַמען מיט די געפונענע יידן, אויך די פּאָליאַקן מיט זייער פאַמיליע, ווו די יידן זענען געווען באַהאַלטן. אונדזער באַקאַנטער האָט אונדז דאַן געבעטן פאַרלאָזן זיין הויז, ווייל ער האָט מורא איינצושטעלן דאָס לעבן פון זיין פאַמיליע.

ווען מיין מאַן מיט מיין שוועסטערס זון זענען אַוועק זוכן אַ צווייטע באַהעלטע־ניש, האָבן זיי אויפן וועג, אין אַ דאָרף, צופעליק געטראָפן מיין מאַנס אַ מומע, וועלכע האָט אים דערציילט, אַז זי מיט נאָך 20 יידן געפינען זיך אין אַ נאָענטן וואַלד און זיי פילן זיך דאָרט זיכער, ווייל דער „וואַלד־שומר היט זיי". זי איז געקומען אין דאָרף קויפן עסן פאַר דער גרופּע. מיין מאַן מיט מיין שוועסטערן־זון

זענען אַוועק קיין פּאַוולאָוויץ און אין משך פון עטלעכע טעג האָבן זיי צוגעגרייט פאַר אונדז אַ בונקער דאָרט ביי אַ פּויער. ווען זיי זענען געגאַנגען אונדז ברענגען אַהין, האָבן זיי אויפן וועג אָפּגעטראָטן אין וואַלד ביי דער גרופּע יידן פון מיין מאַנס מו־מען. דאָס איז געווען מיין גרויסער אומגליק.

דעם זעלבן טאָג, וואָס מיין מאַן מיט מיין שוועסטערן־זון זענען געקומען אין וואַלד אַריין, האָט דער „גוטער" וואַלד־שומר געמאָלדן וועגן דער גרופּע יידן דער געשטאַפּאָ. ביינאַכט האָבן די דייטשן מיט דער פּוילישער פּאָליציי אַרומגערינגלט דעם וואַלד און מיט גראַנאַטן דערהרגעט די גאַנצע גרופּע, אויסער פיר, וועלכע עס האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצובאַקומען פון וואַלד, צווישן זיי אויך מיין מאַן — אָבער ער, צוזאַמען מיט נאָך אַ ייד, זענען דערשאָסן געוואָרן ביים לויפן. בלויז מיין שוועסטערס זון, מענדל דאַווידאָוויטש, מיט מיין מאַנס אַ קוזין זענען געבליבן לעבן און זיי זענען געקומען מיר איבערגעבן די שרעקלעכע ידיעה.

איך האָב באַקומען קאָנוווּלסיעס און אַפילו נישט געטאָרט אויפן קול באַוויינען מיין יונגן גוטן מאַן. אַ פּאָר טעג שפּעטער איז צו אונדז געקומען יולעק, וועלכער איז פאַר אונדז געווען די גאַנצע צייט אַן אמתער מלאך, און אונדז אַריבערגעפירט אין צוגעגרייטן בונקער אין פּאַוולאָוויץ, וואָס האָט זיך געפונען טאַקע ביי יולעקס אַ שוואָגער.

יולעק פלעגט גיין ברענגען אונדז געלט און צירונג, וואָס מיר האָבן געלאָזט ביי באַקאַנטע קריסטן. איינמאָל איז מיט אים מיטגעגאַנגען מיין שוועסטערן־זון מענדל, כדי צו ברענגען אונדזער געלט פון אַ פּינטשעווער קריסט. מענדל איז נישט אַריינגעגאַנגען אין שטאָט, נאָר געוואַרט אַ באַהאַלטענער אין פעלד. אָבער פּוילישע יינגלעך האָבן אים באַמערקט און גענומען שרייען: „אַ ייד !..." דאָס האָט דערהערט אַ פּוילישער תפיסה־וועכטער מיטן נאָמען באַצקאַנטאָוויטש און ער האָט דעם אָרעמען מענדלען דערשאָסן מיט זיין ביקס.

דאָס נייע אומגליק האָט מיך ווידער דערשיטערט. איך בין געוואָרן אַפּאַטיש, דערדריקט. בלויז מיינע צוויי קינדער האָבן מיך דערהאַלטן ביים לעבן, רעדנדיק צו מיר מיט טרערן: „מאַמע, האַלט זיך, זיי שטאַרק — האָב רחמנות אויף אונדז, מיר ווילן לעבן... וואָס וועלן מיר טאָן אָן דיר ?..."

איך האָב זיך געשטאַרקט, וויטער געהיטן דאָס פּיינפולע לעבן.

שווער איבערצוגעבן אַלץ, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט. איך האָב געוואַנדערט מיט מיינע קינדער פון איין באַהעלטעניש צום צווייטן, אין בונקערס, אין אָפענעם פעלד הינטער שטרוי־ און תבואה־סטויגן. מיר האָבן געלעבט אין שרעקלעכע באַדינגונגען, געהונגערט. געווען אַ צייט, ווען מיר האָבן דורך אַנדערהאַלבן יאָר

נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך צו וואַשן. איך האָב דעמלט מיט אַ מעסער אָפּגעשניטן די לאַנגע בלאָנדע האָר פון מיין טאָכטער, ווייל וואַשן זיי האָט זי נישט געקאָנט... אַזוי האָב איך אויך „אָפּגעשוירן" די האָר פון מיין זון. מיין זון איז איינמאָל געפערלעך קראַנק געוואָרן צוליב אַ געשווילעכטס, באַקומען גרויסע היץ און איך האָב נישט געהאַט קיין טראָפּן וואַרעם וואַסער אים צו ראַטעווען — איך האָב אים צוגעלייגט קאָמפּרעסן פון אורין...

מיינע ברידער האָבן אַ צייט נישט געוווּסט, אַז מיר באַהאַלטן זיך אויס אין זעלבן דאָרף ווי זיי. צופעליק האָבן זיי אַמאָל געטראָפן ביינאַכט מיין זון, ווען ער איז אַרויס שאַפן עפּעס עסן. זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר זיין שאָטן און ער פאַר זייערן...

אין אונדזער באַהעלטעניש איז נישט געווען קיין אָרט אַפילו צו זיצן פאַר זיי, ווען זיי פלעגן אַריינקומען צו אונדז ביינאַכט, האָבן זיי געמוזט האַלטן די קינדער אויף זיך, כדי צו האָבן פּלאַץ צו זיצן. דאָס זעלבע איז געווען אין זייער באַהעלטעניש.

ווען מיר זענען אַמאָל געווען באַהאַלטן אין אַ סטאָדאָלע אונטער דער תבואה, איז געקומען יורעק אונדז וואָרענען, אַז די דייטשן וועלן קומען צונעמען די תבואה און זיי וועלן אונדז כאַפּן. ער האָט אונדז אַוועקגעפירט צו אַ סטויג שטרוי אין פעלד, ווו מיר האָבן זיך באַהאַלטן. דעמלט האָבן פויערים געכאַפּט מיין זון, ווען ער איז אַרויס זוכן עסן. זיי האָבן אים געשלאָגן, צוגעלייגט אַ קאָסע צום האַלדז, דראָענדיק אָפּצוהאַקן אים דעם קאָפּ, אויב ער וועט נישט אויסזאָגן ווו עס באַהאַלטן זיך „די איבעריקע יידן". ער האָט אונדז נישט אויסגעגעבן, געזאָגט, אַז ער בלאָנדזשעט אין דער געגנט פון ווייטן. ביז איין פויער האָט אויף אים רחמנות באַקומען און געזאָגט די איבעריקע: „לאָזט אים אָפּ, ער וועט דאָך סיי־ווי־סיי לאַנג שוין נישט קאָנען גיין"... און זיי האָבן אים אָפּגעלאָזט.

די ערגסטע צייט איז געווען, ווען דער פראָנט האָט זיך צו אונדז דערנענטערט און די סאָוויעטישע אַרמיי איז שוין געווען נישט ווייט און די געגנט איז געווען פול מיט דייטשן. מען האָט זיך נישט געטאָרט באַוועגן אַפילו אין די נעכט. מיר האָבן געמיינט, ווי די פויערים, אַז די דייטשן וועלן זיך צוריקציִען אין משך פון עטלעכע טעג. אָבער די רוסישע אָפענסיווע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי בוסקאָזדרוי און מיר זענען געבליבן נאָך אַ גאַנץ האַלב יאָר אונטער דער דייטשער לאַפּע.

אין דעצעמבער 1944 האָבן די דייטשן געטראָפן מיינע ברידער אין דער שטאַל ווו זיי האָבן זיך באַהאַלטן. דייטשן זענען אַהין צופעליק אַריין נעמען היינער ביי־

נאַכט, ווען די ברידער זענען אַרויס פון דער באַהעלטעניש כאַפּן אַביסל לופט. מיי־נע ברידער איז געלונגען צו אַנטלויפן באַרוועס און האַלב־נאַקעט. אָבער דער פויער האָט זיי מער נישט געוואָלט אַריינלאָזן.

מיינע ברידער האָבן דאַן באַשלאָסן צו גיין זוכן אַ באַהעלטעניש אין פּינטשעוו גופא. זיי האָבן, ווי געזאָגט, ביי אונדז אין דער באַהעלטעניש, נישט געקאָנט זיין. איינער פון זיי וואָלט זיך יאָ געקאָנט אַריינקוועטשן צוזאַמען מיט אונדז, אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט זיך צעשיידן. זיי האָבן זיך געזעגנט מיט מיר און די קינדער, קושנדיק אונדז מיט טרערן, ווי פאַרפילנדיק, אַז מיר וועלן זיך מער נישט זעען.

מיינע ברידער אייזיק און זלמן הי״ד זענען אַריין צו אַ באַקאַנטן פּאָליאַק אין פּינטשעוו. ער האָט זיי צוגעזאָגט צו העלפן, אָבער גלייך אַריין צו אַ שכן, ביי וועלכן עס האָבן זיך געפונען דייטשן, און זיי אויסגעגעבן. מען האָט זיי דערשאָסן אויפן אָרט. דאָס איז געווען דעם 17־טן דעצעמבער 1944 — עטלעכע וואָכן פאַר דער באַ־פרייאונג.

נאָך אַ שיסעריי פון אַ גאַנצער נאַכט האָט דעם 19־טן יאַנואַר 1945, די סאָוויע־טישע אַרמיי אונדז באַפרייט פון די דייטשן.


איך בין אַרויס מיט מיינע קינדער אויף דער פרייער לופט — קראַנק און דערשעפּט. נאָך אַ פּאָר טעג האָבן מיר זיך דערשלעפּט קיין פּינטשעוו. אין אונדזער געבוירן־שטעטל האָב איך נישט געטראָפן קיינעם, קיינעם פון מיין פאַמיליע און נאָענטע. רוסישע זעלנער האָבן מיך מיטגענומען קיין וואָידיסלאַוו. דאָרט זענען שוין געווען אייניקע יידן, געראַטעוועטע אין בונקערס, אָדער אין לאַגערן. איך האָב געמיינט, אַז אפשר וועל איך דאָרט טרעפן עמעצן פון מיין מאַנס משפחה — אָבער אויך פון זיי איז קיינער נישט פאַרבליבן.

אַליין אַ קראַנקע, מיט צוויי קראַנקע קינדער, האָב איך געדאַרפט אָנהויבן אויפסניי דאָס ווייטערדיקע לעבן, זוכן עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן פאַר מיר מיט די קינדער.

שמואליק אַקס (פּאַריז)

געיאָגט און געפּלאָגט ווי חיות

פינטשעוו, מיין שטאַרק געליבט שטעטעלע!... דאָרט בין איך געבוירן געוואָרן, אויפגעוואַקסן, געלעבט גליקלעך צווישן מיינע ברידער און שוועסטער, ביי דער זייט פון מיינע ליבע עלטערן, זיידעס און באָבעס. אַלע מיינע טרוימען זענען פאַרבונדן מיט פינטשעוו. דאָס שטעטל שטייט מיר שטענדיק פאַר די אויגן. אָט זע איך די קיעלצער גאַס, דעם קלויסטער אויף דעם בערגל... און אָט איז די קראָקעווער גאַס!... וויפל מאָל האָט מיך די גאַס געפירט צום טייך נידאַ, ווו איך פלעג זיך באָדן צוזאַמען מיט מיינע חברים. אָט זע איך אין דמיון דעם אַלטן בית־המדרש, „פון קאַזימיר דעם גרויסנס צייטן"; גלייך דערמאָנען זיך יום־טובים, ווען מען פלעגט דאָרט דאַוונען, קינדער ביי דער זייט פון די עלטערן און מיט דבקות פלעגן זיך גיסן די תפילות צו די הימלען...



שמואל אַקס

עס דערמאָנט זיך די פייערלעכע נאַכט פון פרייטיק־צו־נאַכטס. די גאַנצע משפחה זיצט אַרום שבתדיקן טיש, וואָס איז איבערגעצויגן מיט אַ ווייסן טישטעך און אויף אים די שבתדיקע מאכלים. אין דער זילבערנער קאַנדעלאַברע ברענען ליכט, וואָס פינקלען מיט טויזנטער פייערלעך. דער פאָטער, ווי אַ מלך, מאַכט קידוש און מיט דעם בעכער אין האַנט בענטשט ער די גאַנצע משפחה.

מיר זענען געווען יונג. די יידישע יוגנט אין פוילן האָט געיוירט מיט אידעען; די ציוניסטן צווישן אונדז האָבן געהאָפט און געטרוימט וועגן אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל. אַלע האָבן מיר געקעמפט קעגן די פוילישע אַנטיסעמיטן,

וועלכע האָבן שפּעטער אַזוי אייפעריק צוגעהאָלפן די דייטשע מערדער אין דער יידן־אויסראָטונג.

אָבער דאָס אַלץ איז מער נישטאָ!

אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939, ווען די נאַצישע אַרמיי האָט אָנגעהויבן איר מאַרש אויף פּוילן. בלויז אַכט טעג שפּעטער איז שוין מיין טייער שטעטעלע פּינטשעוו געווען פאַרברענט און צעבראָכן, געלעגן פאַר־וויסט אונטער די שטיוול פון די גזלנים־מערדער. גלייך אין אָנהויב פון דער קאַטאַס־טראָפע זענען געפאַלן צענדליקער און צענדליקער יידישע קרבנות און פאַר די, וועלכע זענען געבליבן לעבן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גהינום. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן מיט „צוואַנג־אַרבעט״, דאַן איז געבוירן געוואָרן די געלע לאַטע, וואָס די יידן האָבן געמוזט טראָגן אויף זייערע מלבושים און אַזוי איז געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער, גזירות און מערדערייען האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג.

שמחת־תורה, דעם 3־טן אָקטאָבער 1942, איז געווען דער ערשטער בלוטיקער טאָג, ווען די נאַציס האָבן גענומען פאַנגען יידן, מענער און פרויען, קינדער און אַלטע לייט, געזונטע און קראַנקע — זיי זענען אַלע געשיקט געוואָרן קיין טרעב־לינקע, ווו זיי זענען אומגעקומען אין די גאַז־אויוונס, געשטאָרבן אין שווערע יסורים. צווישן די פיל יידן, וועלכע זענען דעמלט אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע, זענען אויך געווען מיינע עלטערן און מיינע דריי שוועסטערס. מען האָט זיי צוגע־נומען און מער האָבן מיר פון זיי נישט געהאַט קיין שום ידיעות.

איך מיט מיינע צוויי יינגערע ברידער האָבן זיך געראַטעוועט פון יענער אויס־זידלונג, אָבער עס האָבן זיך אָנגעהויבן אוממענטשלעכע צרות און ליידן, פון וועל־כע מיר זענען אַרויס לעבעדיק בלויז דורך נסים.

מיר זענען געבליבן אָן געלט, לייכט געקליידעט און אַזוי זענען מיר אַנטלאָפן פון פּינטשעוו. מיר האָבן גענומען וואַנדערן פון שטעטל צו שטעטל, פון דאָרף צו דאָרף, זוכנדיק אָן אויפהער אַן אָרט ווו זיך צו באַהאַלטן.

נאָך אַ סך איבערלעבונגען, הונגער און קעלט, זענען מיר אַלע דריי, איך מיט מיינע צוויי ברידער, אָנגעקומען אין א שטעטעלע, וועגן וועלכן מיר האָבן פריער קיינמאָל נישט געהאַט געהערט. דאָ האָט אַ פּויערים־משפחה געהאַט אויף אונדז רחמנות און אונדז געגעבן אַ פּלאַץ אין קעלער פון זייער שטוב. מיר האָבן דאָרט געליטן פון הונגער, קעלט און שמוץ. עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן, ווי אַזוי מיר האָבן דאָרט איבערגעלעבט אַ שטיקל צייט.

אונדזערע באַהעלטענישן האָבן זיך כסדר געביטן, מיר האָבן כסדר געמוזט זוכן נייע ערטער, ווו זיך צו ראַטעווען.

עס דערמאָנט זיך מיר אַן איבערלעבונג: איך מיט מיינע ברידער זענען געוועז באַהאַלטן אין אַ פויערישער שטאַל פון בהמות. פּלוצלינג האָבן מיר דערהערט ווי דייטשישע זעלנער דערנענטערן זיך. מיר זענען שנעל אַרונטער אונטער אַ הויפן שטרוי און שמוץ, אַרונטערגערוקט זיך און געבליבן פאַרדעקט. די נאַצישע זעלנער זענען געקומען זוכן בהמות פאַר זייער קיך. קיין בהמות זענען אין שטאַל נישט געווען. אָבער זיי זענען לאַנג געבליבן שטיין און געשמועסט מיטן פויער. מיר, אונטערן שטרוי, האָבן געמוזט איינהאַלטן דעם אָטעם, נישט רירן זיך און דאָ האָט גענומען פעלן לופט. מיר האָבן זיך גענומען שטיקן. מיר האָבן געפילט, אַז מיר שטאַרבן פּאַמעלעך אָפּ... אונדזערע אברים זענען געוואָרן פאַרשטייפט... עס האָט קיין סך נישט געפעלט, אַז דער פויער זאָל אונטערן שטרוי געפינען דריי מתים. סוף־כל־סוף זענען די דייטשן אַוועק. דער פויער האָט זיי אַרויסגעפירט און צוריקגעקומען אין שטאַל אונדז אויפדעקן. דערזעענדיק אונדז איז ער אַליין שיעור נישט אַוועקגעפאַלן אין חלשות — מיר זענען געווען האַלב־טויטע.

אַן אַנדערש מאָל, ווען דער חלף איז געהאָנגען איבער אונדזערע העלדזער, זענען מיר אַוועק אין וואַלד, ווו מיר האָבן געטראָפן עטלעכע פינטשעווער יידן. מיר האָבן אַלע צוזאַמען געמאַכט אַ גרויסן גרוב אין דער ערד און דאָרט זיך אויפגעהאַלטן אַ צייט, ווי לעבעדיק באַגראָבן אין אַ קבר. אין בלאָטע און שמוץ זענען מיר געלעגן אַ צייט צוזאַמען, אויך קינדער און פרויען. מיר האָבן געהונגערט, פאַרשטייט זיך. אַרויסגייענדיק פון דער לאַנגער פינצטערניש, בין איך מיט מיין קלענסטן ברודער געווען בלינד און אין משך פון אַ גאַנצן מעת־לעת האָבן מיר גאָרנישט געקאָנט זען און געמיינט, אַז מיר בלייבן שוין אינוואַלידן. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון מאַנגל אין וויטאַמינען — מיר האָבן צוריקבאַקומען אונדזער ראיה.

זומער, פאַרן שניט, פלעגן מיר זיך באַהאַלטן צווישן קאָרן אין די פעלדער. דאָרט האָט אונדז געברענט די זון, דער ווינט האָט אונדז געשמיסן און מיר זענען הונגעריקע געלעגן אויף דער ערד. איינמאָל איז געפאַלן אַ גרויסער רעגן, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט. די ערד איז געוואָרן בלאָטיק. מיר זענען געלעגן הונגעריק און האַלב־נאַקעט און ביסלעכוויז אַריינגעזונקען אין דער ווייך־געוואָרענער צעבלאָטיקטער ערד. מיר האָבן נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן, ווייל דאָ וואָלטן מיר סיי־ווי אומגעקומען אין רעגן, קעלט און בלאָטעס — האָבן מיר זיך אויפגעהויבן און אָנגעהויבן לויפן אין נאָענטן דאָרף אַריין. מיר זענען צוגעקומען צו דער ערשטער שטוב, אָבער דער פוילישער איינוווינער, דערזעענדיק,

אומגעבראַכטע פון דער פאַמיליע אָקס




דער פאָטער, לייב,
אומגעבראַכט דורך די נאַציס.




פאַלע אָקס —
אומגעקומען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער

און, דורך נסים, זיך געראַטעוועטע



נתן אָקס (פּאַריז)



יצחק אָקס (פּאַריז)

אַז ער האָט פאַר זיין טיר יידן, איז אַרויס אַנטקעגן אונדז מיט אַ האַק... ער איז גרייט געווען אונדז צו הרגענען, אויב מיר וועלן זיך גיך נישט אָפּטראָגן. מיר זענען נאָך געלעגן אַ שטיקל צייט אין נאַסן בלאָטיקן קאָרן־פעלד און צוריק אַוועק צום ערשטן פּויער, וועלכער האָט אונדז ווידער געלאָזט זיך באַהאַלטן אין זיין בהמות־שטאַל. דאָס איז געווען אין יאַנואַר 1943.

אַ שטיקל צייט שפּעטער זענען מיר ווידער אַוועק אין וואַלד, ווו די יידן האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ גרוב. מיר זענען אָנגעקומען אין אַ שלימזלדיקן מאָמענט: פּונקט אויף צומאָרגנס איז אונדזער באַהעלטעניש באַפאַלן געוואָרן דורך אַ באַנדע פּאָליאַקן, וועלכע האָבן זיך אויף אַ וואָסער ס׳איז אופן דערוווּסט וועגן אונדזער עקזיסטענץ. די פּאָליאַקן האָבן געכאַפּט דעם גרעסטן טייל פון אונדז, בלויז געציילטע האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן. אויך איך מיט איין ברודער מיינעם האָבן געהאַט מזל און מיר זענען אַנטלאָפן; אונדזער יינגסטער ברודער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די באַנדיטן. די פּאָליאַקן האָבן די געכאַפּטע יידן אַוועקגעפירט אין אַ נאָענטן שטעטל אַריין און איבערגעגעבן אין די הענט פון די דייטשן. אונדזער ברודער האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצורייסן פון די פּוילישע הענט אין דער לעצטער מינוט, איידער זיי זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין די נאַצישע הענט. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן מיר, צו אונדזער גרויסער פרייד, צוריקגעפונען אונדזער ברודער אַ לעבעדיקן. ער האָט דערציילט, אַז אַלע איבעריקע יידן, וועלכע זענען מיט אים געכאַפּט געוואָרן, זענען דורך די דייטשן דערשאָסן געוואָרן.

מיר האָבן זיך ווייטער באַהאַלטן ביי דעם זעלבן פּויער אין שטאַל. מיר זענען געווען עלנט, צעבראָכן, אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט. סוכות־צייט 1943 האָבן מיר, דערמאָנט זיך מיר, באַשלאָסן ווידער אַרויסצוגיין זוכן פינטשעווער יידן אין וואַלד. מיר האָבן, מער־ווייניק, געוווּסט ווו אַזעלכע געפינען זיך. מיר האָבן געוואָלט אַביסעלע אָנוואַרעמען זיך נעבן אויך געפּייניקטע און פאַרפאָלגטע ברידער, זוכן אין ייִדישע הערצער אַביסל כוח ווייטער איבערצוטראָגן די צרות. ווען מיר האָבן דאָס דערציילט אונדזער פּויער, האָט ער אונדז נישט געלאָזט גיין, ער האָט מורא געהאַט מען זאָל אונדז נישט באַמערקן און זיך דערוויסן, אַז ער באַהאַלט יידן, פאַר וואָס עס האָט געדראָט דער טויט, אים מיט זיין גאַנצער משפּחה. ער האָט אונדז אָבער מיט דעם געראַטעוועט דאָס לעבן: דערנאָך זענען מיר געוווּיר געוואָרן, אַז פּונקט אין יענע טעג, זענען דייטשן, צוזאמען מיט פּוילישע באַנדיטן, באַפאַלן דעם וואַלד און דאָרט אויסגעהרגעט אַלע יידן, וועלכע זיי האָבן געכאַפּט און בלויז איינצלנע האָט זיך איינגעגעבן צו ראַטעווען.

אין פעברואַר 1944 האָט אונדז דער פּויער געמאָלדן אַז ער איז געוווּיר גע־

וואָרן, אַז מען גרייט זיך צו זוכן יידן אינעם דאָרף, אין אַלע שטיבער און שטאַלן. ער האָט אונדז געראָטן צו פאַרלאָזן זיין שטאַל. מיר האָבן קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווי צו אַנטלויפן אין וואַלד אַריין, ווו מיר האָבן געזוכט אַ באַהעלטעניש. עס איז געווען אַ שווערער ווינטער. פרעסט און שנייען. נאָך צוויי טעג איז דער פויער אונדז געקומען וואָרענען, אַז פוילישע פאַרטיזאַנען פון דער „א. ק." גרייטן זיך צו זוכן יידן אינעם וואַלד און מיר זאָלן אַוועק וואָס טיפער און זיך באַהאַלטן. מיר האָבן אונדזער רעטער, פאַרשטייט זיך, געפאָלגט, אַוועק טיף אין וואַלד אַריין. די פוילישע אַנטיסעמיטישע פאַרטיזאַנען זענען טאַקע באַפאַלן דעם וואַלד, עס זענען געפאַלן אַ סך קרבנות. מיט אונדז איז ווידער געשען אַ נס: מיר זענען גע־בליבן לעבן. אַ וואָך שפּעטער איז אונדזער פויער געקומען צו אונדז אין וואַלד אַריין און אונדז אַוועקגעשיקט צו זיינעם אַ שוואָגער אין אַ צווייטן דאָרף, וועלכער האָט, אויף זיין ביטע, איינגעשטימט אונדז צייטווייליק אויסצובאַהאַלטן. אין דער זעלבער צייט זענען טאַקע פוילישע „א. ק."־באַנדיטן געקומען אונדז זוכן ביי אונ־דזער פויער — מען האָט אונדז געמסרט.

אין דער זעלבער צייט זענען מיר אַוועק אַרבעטן ביי אַ קרוב פון אונדזער פויער, מיר האָבן געמאַכט פאַר אים פאַרשידענע אַרבעטן, זייענדיק באַהאַלטן אין זיין שטאַל. איינמאָל איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע שריפה אין אַ שייער פון אַ צווייטן פויער, וואָס איז געשטאַנען אַ וואַנט ביי אַ וואַנט מיט דער שטאַל ווו מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן. ווען מיר זאָלן זיך פונקט דעמלט האָבן געפונען אין אונדזער באַהעלטעניש אין שטאַל, וואָלטן מיר אָדער פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט, אָדער געמוזט אַרויס — דאַן וואָלטן אונדז די פויערים, אָן ספק, אויפן אָרט דער־מאָרדעט. האָט גאָט געמאַכט, אַז צופעליק זענען מיר אין יענעם מאָמענט, ווען די שריפה איז אויסגעבראָכן, פונקט געווען אין אַן אַנדער געביידע און מיר האָבן ווידער על־פּי־נס אויסגעמיטן דעם טויט.

די מערסטע צייט אָבער האָבן מיר פאַרבראַכט אין דער שטאַל פון דעם זעלבן פויער. מיר האָבן אָפט געהונגערט און נאָך ערגער איז געווען ווינטער אין די קעלטן. אונדזערע מלבושים זענען געווען לייכטע און צעריסענע, קיין דעקעס האָבן מיר נישט געהאַט. געגעסן האָבן מיר אין אַ נאַכט־טאָפּ, וואָס איז געווען אונדזער איינ־ציקע כלי. מיר האָבן אַלץ געמאַכט אין דעם נאַכט־טעפּל. עס זענען אויף אונדז גע־קראָכן פאַרשידענע פאַראַזיטן, לייז, ווערעם און געפרעסן אונדזערע קערפּערס. דערצו זענען געווען אַרום אונדז גרויסע מייז, וואָס זענען געקראָכן אויף אונדז, האָבן ביסלעכווייז אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַר אונדז און מיר פאַר זיי, זיי זענען געווען שותפים צו אונדזער יעדן ביסן.

יונג און אַלט — אַלע זענען געפירט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן.



אַ גאַנצע אומגעבראַכטע פינטשעווער פאַמיליע.. פון רעכטס צו לינקס: לאה וורצלאַווסקי, די טאָכטער באַשע און דער פאָטער יחזקאל וורצלאַווסקי.



פריינט פון פאַמיליע אַקס:
פיר קינדער פון ישראל פייגענבוים — די גאַנצע פאַמיליע איז אומגעקומען אין טרעבלינקי.

ביי אונדזער פויער האָט געאַרבעט, ביי דער שווערסטער אַרבעט, אַ מיידל אַ קאַליקע. זי איז געווען אַ נידעריקע, מיט אַ גרויסן הויקער און צעדרייטע פיס, אויך איר פנים איז געווען צעדרייט. זי האָט אָבער געהאַט אַ גאָלדן מענטשלעך האַרץ. זי האָט אויף אונדז שטענדיק רחמנות געהאַט און ווען זי האָט נאָר געהאַט אַ מעגלעכקייט, האָט זי אונדז געבראַכט עסן, אַז איר אַרבעט־געבער, דער פויער, זאָל נישט וויסן. זי פלעגט צוגרייטן עסן פאַר די חזירים, פלעגט זי פון דעם אַרויס־קלייבן קאַרטאָפל, שטיקלעך ברויט און עס אונדז ברענגען. דאָס דאָזיקע קאַליקע־מיידל האָט אונדז אויך מאָראַליש אונטערגעהאַלטן, זי האָט פאַרשטאַנען אונדזער אומגליק, אפשר דערפאַר, ווייל אויך איר לעבן איז געווען איין גרויסער אומגליק. זי האָט אונדז געטרייסט און געהיטן. מיר האָבן איר די גאַנצע צייט געוואָלט אָפּ־צאָלן פאַר איר גוטסקייט, אָבער זי איז אַוועק פון דאָזיקן דאָרף און מיר קאָנען זי ביז היינט נישט געפינען.

ווען די רוסישע אַרמיי האָט זיך גענומען דערנענטערן צו אונדזער געגנט, זענען די דייטשן און זייערע פאַרבינדעטע פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" געוואָרן

פאַרביסענער אין זייער קאַמף קעגן יידן. אין יוני 1944 האָבן זיך פאַרשפרייט קלאַנגען וועגן דייטשע אָבלאַוועס אויף יידן אינעם דאָרף. דער פויער, וואָס האָט אונדז אויסבאַהאַלטן, האָט מורא־געהאַט, מען זאָל אונדז נישט געפינען ביי אים, ער האָט אונדז דעריבער געעצהט אַריבערצוגיין אויף אַ שטיקל צייט אין נאָענטן וואַלד אַריין.

אין דאָזיקן וואַלד, האָבן מיר געוווּסט, האָבן אין אָנהויב געלעבט אייניקע יידישע פאַמיליעס פון פינטשעוו, 32 נפשות. אָבער אַלע, אויסער דריי מענער, זענען ביסלעכוויַיז אויסגעראָטן געוואָרן דורך די דייטשן און זייערע פוילישע מיטהעלפער. מיר האָבן געפונען אין וואַלד, די דאָזיקע דריי לאַנדסלייט, הערש ראַדזינסקי (איצט אין קאַנאַדע), מרדכי זייד (איצט אין די פאַראייניקטע שטאַטן) און אַ דריטער, וועמענס נאָמען איך דערמאָן זיך נישט (ער לעבט אין ישראל). זיי האָבן זיך געפונען אין אַ שרעקלעכער לאַגע, הונגעריקע, אויסגעמאָגערטע, אָנגעטאָן אין שמאַטעס. זיי האָבן אונדז דערציילט פאָלגנדיקע געשיכטע: זיי האָבן אין וואַלד געהאַט אַ הון, וועלכע האָט געלייגט אייער. איינמאָל איז די הון אַנטלאָפן אין דער זייט פון אַ נאָענטן דאָרף. זיי האָבן די הון נאָכגעיאָגט; ווען זי איז אַריין אין שטאַל, זענען זיי אויך, אומבאַמערקט, אַריינגעקראָכן אין דער דאָזיקער שטאַל אַריין. אין דער שטאַל אונטערן שטרוי, אין אַ טיפער גרוב, האָבן זיי אַנטדעקט גאַנצן מאַגאַזין פון צוגערויבטע יידישע קליידער און סחורות פון יידישע געשעפטן.

מיר האָבן אַלע געהאַלטן, אַז כדי זיך צו ראַטעווען, מוזן זיי זיך באַמיען אַרויסצובאַקומען אַביסל פון דאָזיקן צוגערויבטן יידישן האָב־און־גוטס. די דריי יונגעלייט האָבן געפאָלגט אונדזער עצה און אין איינער אַ נאַכט אַרויסגעשלעפט פון דער דאָזיקער שטאַל צוויי פולע זעק מיט קליידער. דער פויער, וועלכער האָט אונדז אויסבאַהאַלטן, האָט זיי צוגעהאָלפן און ער האָט דערנאָך פאַרקויפט די סחורה. דערפאַר האָט ער זיי באַהאַלטן ביי זיך צוזאַמען מיט אונדז. מיר זענען דעריבער שוין געווען אַלע צוזאַמען ביז דער באַפרייאונג.

עס איז אָנגעקומען די דערפרייענדיקע צייט פון שנעלן דייטשישן ריקצוג אויפן רוסישן פראָנט. די סאָוויעטישע אַרמיי האָט זיך צו אונדז וואָס אַמאָל מער דערנענטערט. אין יולי 1944 האָט זי זיך אָפּגעשטעלט ביי דער ווייסל, 18 ק״מ פון אונדזער דאָרף. דאָ איז זי פאַרבליבן, ווי באַקאַנט, זעקס חדשים. אין דאָזיקן דאָרף האָט זיך דאַן אויפגעהאַלטן אַ גרעסערע צאָל דייטשישע זעלנער. אויך ביי אונדזער פויער האָבן די זעקס חדשים געוווינט צוויי דייטשישע זעלנער מיט צוויי אָפיצירן. זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין דער כאַטע האַרט נעבן דער שטאַל, מיר זענען געווען און זיי האָבן, פאַרשטייט זיך נישט געאַנט, אַז נעבן זיי לעבן

נאָך „פאַרשאָלטענע יודען״. אין דער צייט פלעגט אונדז דער פּויער ברענגען מער עסן און טרינקען. ער האָט אַליין געהאַט מער ווייל די דייטשן האָבן אים געגעבן.

דעם 13־טן יאַנואַר 1945 זענען מיר באַפרייט געוואָרן דורך דער רוסישער אַרמיי. ווען די סאָוויעטישע כוחות האָבן פאַרנומען דאָס דאָרף, האָבן מיר זיך געפונען אין אַ זייער שלעכטן פיזישן און מאָראַלישן צושטאַנד. מיר זענען געווען אויסגעמאַטערט, אָפּגעשוואַכט, נאַקעט און באָרוועס און אינגאַנצן דערשלאָגן. אונדזער פּויער האָט געבעטן, אַז מיר זאָלן פאַרלאָזן זיין שטאָל אינמיטן דער נאַכט, שטיל, אין דער פינצטער. ער האָט מורא געהאַט פאַר די איבעריקע פּויערים אין דאָרף, זיי זאָלן זיך נישט דערוויסן, אַז ער האָט אויסבאַהאַלטן יידן — ווייל דאָס איז נאָך דעמלט געווען אַ געפאַר... זענען מיר אַוועק אין אַ פינצטערער נאַכט. מיין יינגסטער ברודער האָט זיך נישט געקאָנט שטעלן אויף די פיס, די קני זענען ביי אים געווען צוזאַמענגעוואָקסן, ווייל ער איז שטענדיק געזעסן אָדער געלעגן און זיינע ביינער האָבן זיך נישט אַנטוויקלט נאָרמאַל. איך מיט מיין צווייטן ברודער, האָבן אים אַרויסגעטראָגן פון שטאָל אויף ברעטער.

אין אַזאַ לאַגע זענען מיר ווידער אָנגעקומען אין אונדזער געבוירן־שטעטל פינטשעוו — אָבער מיר האָבן דאָרט נישט געטראָפן קיינעם פון אונדזערע נאָענטע און טייערע, קיינעם נישט פון אונדזער משפחה. בלויז פינף יידן האָבן מיר דעמלט געטראָפן אין פינטשעוו — דאָס איז געבליבן פון אונדזער גרויסער יידישער קהילה.

ס׳איז נישט געווען צו דערקענען אונדזער טייער שטעטעלע פינטשעוו... די גאַסן און געסלעך זענען געווען שוואַרץ פון טרויער. נישט געווען מער אונדזערע אַלטע און נישט די יוגנט, וואָס האָט אָנגעפילט די לופט מיט אירע געזאַנגען; נישט געווען מער קיין יידישע קינדער מיט זייערע זיסע געשרייען און פריילעכע געלעכטערס. נישטאָ מער גאָרנישט פון אונדזער יידישן פינטשעוו... אויסער אונדז, די פאָר איינצלנע יידישע נשמות, ווי שאָטנס, געראַטעוועטע פון די נאַצישע און פּוילישע מערדערס הענט... דער טאָג ווערט מער נישט אויפשיינען פרי אין פינטשעוו — די נאַכט איז אַראָפּגעפאַלן מיט אַ שווערן שוואַרצן פאָרהאַנג און עס ווערט נישט ליכטיק זיין מער אין שטעטעלע...

מיר זענען געראַטעוועט געוואָרן דורך נסים, דורך אומפאַרשטענדלעכע צופאַלן. דאַנקען מיר גאָט און אויך דעם דאָזיקן גוטהאַרציקן פּויער ווילן מיר אָפּדאַנקען, ער האָט איינגעשטעלט דאָס לעבן פון זיך אַליין און פון זיין גאַנצער משפחה און אונדז געראַטעוועט — מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן זיינע מעשים און שווער אים אָפּצודינען, ווי אים קומט.



הערשל מיאַדאָווניק (שטייט, רעכטס), פאָטאָגראַפירט אין פינטשעוו מיט זיינע עלטערן נפתלי און חנה (זיצן מיט אַ קליין איניקל צווישן זיי), לינקס שטייט זייער טאָכטער מרים, — אַלע, אויסער הערשלען (לעבט אין די פאַרייניקטע שטאַטן), זענען אומגעבראַכט געוואָרן.





יעקב מינקאָווסקי — גאָלדע מינקאָווסקי

העגעך וואַרשאַווסקיס טאָכטער און איידעם — ביידע אומגעקומען אין אָשוויענטשים.

משה יעקב גאָטפריד

אַזוי זענען אומגעקומען מיינע נאָענטסטע

מיר זענען געווען אַ פאַמיליע פון אַכט פערזאָן, די מוטער און זיבן קינדער, ווען מיר האָבן זיך אַריבערגעצויגן פון פינטשעוו קיין לאָדזש. בלויז צוויי פון זיי, מיין ברודער יצחק און איך, לעבן איצט אין ניו יאָרק. פינף האָט דער היטלערי־שער צורר אומגעבראַכט דירעקט. אונדזער עלטסטער ברודער, בערל, איז נאָך שווערע איבערלעבונגען און פיינען, אָנגעקומען, נאָך דער מלחמה, קיין ישראל און איז געשטאָרבן אין תל־אביב דעם 17.10.1961 (ז׳ חשון תשכ״ב).

אויפן זעקסטן טאָג פון דער מלחמה, דעם 6־טן סעפּטעמבער 1939, האָבן מיר, די 5 יינגערע ברידער, צוזאַמען מיט צענדליקער טויזנטער יידן פון לאָדזש און אַרומיקע שטעטלעך, אָנגעהויבן דעם מאַרש צופוס קיין וואַרשע, מיינענדיק דאָרט צו געפינען שוץ און רעטונג. דער דאָזיקער בלוטיקער גאַנג איז באַקאַנט. די דייטשע אַעראָפּלאַנען האָבן באַשאָסן די וועגן, וועלכע זענען געווען איבערפולט מיט אומבאַשיצטע אומשולדיקע מענטשן. טויזנטער, יונג און אַלט, זענען אומגעקומען. די וועגן זענען באַלד פול געוואָרן מיט מתים און מיט בלוט. נישט איך בין פעיק איבערצוגעבן אונדזערע פיינען און אוממענטשלעכע ליידן.

✶

מיין מוטער ברכה, די טאָכטער פון אליהו און דאָבע קינרוס, פון פינטשעוו, איז געבליבן אין לאָדזש און צוזאמען מיט אַלע לאָדזשער יידן, פאַרמאַכט געוואָרן אין געטאָ. אין די זומער־חדשים 1944 איז זי דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ און דאָרט אומגעקומען. אַזוי האָבן די מערדער פאַרענדיקט איר מיפול לעבן, וואָס זי האָט מקריב געווען צו דערציען, אַלס אלמנה, אירע קינדער. די מלחמה איז אויסגעבראָכן און ס׳איז געקומען דער סוף פון דער משפחה, ווען זי האָט גענומען זען די פרוכטן פון איר אַרבעט, ווען די קינדער זענען אויסגעוואַקסן, זיך גענומען איינאָרדענען און די מאַטעריעלע לאַגע פון דער גאַנצער משפחה האָט זיך פאַר־בעסערט. זי האָט געקאָנט אָנהויבן האָפן אויף אַ רואיקער זאַטער עלטער — איז געקומען די גרויסע קאַטאַסטראָפע און מיט אַלץ געענדיקט. מיר ווייסן אַפילו נישט

ווּ איר געביין איז אַהינגעקומען, — איר אַש איז זיכער אויסגעמישט מיטן היי־ליקן אַש פון מיליאָנען אַנדערע פּוילישע יידן, פאַרברענטע אין די גאַז־קאַמערן.

מיין שוועסטער חיה־פּערל האָט חתונה געהאַט מיט אַ פּינטשעווער, משה זייד, זון פון יעקב זייד, וועלכן מ׳האָט גערופן יאַנקל סמאַטע. זיי האָבן פאַר דער מלחמה איבערגענומען און געפירט אויף איינער פון די לאָדזשער הויפּט־גאַסן אַ קאַפע־הויז און באַקאַנט געוואָרן אַלס אַרבעטזאַמע און ערלעכע מענטשן. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, זענען זיי, צוזאַמען מיט זייער טעכטערל, געקומען קיין פּינטשעוו. חיה־פּערל מיטן מאַן און זייער 6־יאָריק טעכטערל דאָבע, זענען אָפּגע־פירט געוואָרן אין טויט־לאַגער בעת דער לעצטער אויסזידלונג פון פּינטשעוו, שמחת־תורה, אָדער אסרו־חג תש״ב — אָקטאָבער 1941.

מיין ברודער ישראל — אָדער סרוליק, ווי מיר האָבן אים גערופן, — האָט זיך אויסגעלערנט שניידעריי און האָט באַקומען אַ גוטן נאָמען אַלס אָנגעזעענער זעלבשטענדיקער דאַמען־שניידער. ער האָט חתונה געהאַט אין פּינטשעוו שוין אין דער מלחמה, אין כסלו אָדער טבת ת״ש (דעצעמבער 1939, אָדער יאַנואַר 1940). מיר האָבן באַקומען אין אַ בריוו אַ ברעקל צוקער־קוכן פון דער חופּה־חלה, ווייל קומען אויף דער חתונה האָבן מיר נישט געקאָנט... ער האָט חתונה געהאַט מיט אידאַ, די טאָכטער פון טשאַרנע און מרדכי בלומענפעלד, וועלכן מען האָט גערופן מרדכי־לייב שוויענטי. ישראל איז צוזאַמען מיט זיין פרוי אומגעקומען אין פּינטשעוו.

מיין ברודער חיים איז געווען באַקאַנט אַלס דער בעסטער שילער אין פאָלקס־שול און נאָכן ענדיקן זי, געאַרבעט אין אַ טעקסטיל־געשעפט. ער האָט זיך גלייכ־צייטיק געלערנט בוכהאַלטעריע און מיט דער צייט געוואָרן דער בוכהאַלטער אין דער באַקאַנטער לאָדזשער פירמע הימעלפאַרב. ער איז פאַרשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פון דאַכאַו. דאָרט איז ער געפייניקט געוואָרן, אָבער אויס־געהאַלטן און דערלעבט די מפּלה פון היטלעריזם. אָבער זיין האַרץ האָט לאַנג מער נישט אויסגעהאַלטן. לויט אַן אָפיציעלער באַשטעטיקונג פון „אונררא״, איז ער אויסגעגאַנגען אין דאַכאַו, דעם 25־טן אַפּריל 1945, אייניקע טעג נאָכדעם ווי דער לאַגער איז באַפרייט געוואָרן דורך דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

דוד, אונדזער יינגסטער ברודער, איז זייער יונג באַקאַנט געוואָרן אַלס אויס־געצייכנטער ספּאָרטלער. ער האָט זיך פאַרנומען מיט באָקס. ער האָט געווונען די לאָדזשער מייסטערשאַפט פון באָקס אין פליגן־געוויכט. דער נאָמען דוד גאָטפריד איז דאַן שנעל באַקאַנט געוואָרן נישט בלויז אין לאָדזש, נאָר אויך אין גאַנץ פּוילן און ער האָט געבראַכט פיל פּרעסטיזש דער גאַנצער יידישער יוגנט אין פּוילן. אָבער פרילינג־צייט פון 1936 איז ער פּלוצלינג קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט.

עס איז פאַרבליבן פאַר אונדז אַ רעטעניש ווי אַזוי אָט־דער יונגער געזונטער בחור האָט זיך אָנגעשטעקט מיט דער שרעקלעכער קראַנקהייט, פון וועלכער מיר האָבן, צו אונדזער ווייטיק, אים נישט געקאָנט ראַטעווען און אויסהיילן. מיר האָבן אַלץ געטאָן, כדי אים צו היילן, און ער וואָלט נאָך זיכער געלעבט פיל יאָרן, ווען נישט די שרעקלעכע מלחמה־אומשטענדן. ער איז געשטאָרבן אין לאָדזש, קורץ נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה, אָנהויב ווינטער פון 1939, אין דער עלטער פון 22 יאָר.

*

איך בין מיט נסים געבליבן לעבן. ווי אַלע איבעריקע לעבנגעבליבענע יידן אין פוילן, האָב איך אין די מלחמה־יאָרן דורכגעמאַכט אוממענטשלעכע פּיינען. איך בין געווען אין אַ לאַגער פון קריגס־געפאַנגענע, אין געטאָ, אין פאַרשידענע אַרבעט־לאַגערן, אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אין תפיסה. איך האָב געהונגערט און געפרוירן געוואָרן, געאַרבעט שווער, ביז איבער די מענטשלעכע כוחות אומבאַגרענעצטע אַרבעט־שעהן, טאָג־און־נאַכט. קילאָמעטערס אויף קילאָמעטערס בין איך געגאַנגען צו דער אַרבעט און צוריק צופוס — אין שנייען און אין רעגנס, אין פרעסט און אין היצן. ווי אַלע יידישע צוואַנג־אַרבעטער ביי די דייטשן, האָב איך געבויט און אויפגעריסן, צוזאַמענגעלייגט און צעוואָרפן, דורכגעפירט קאָנסטרוקטיווע און צעשטערערישע אַרבעטן; געוואָרן געשלאָגן, געטראָטן מיט די פיס, באַקומען קלעפּ — טרוקענע און ביז בלוט... כ׳האָב דורכגעמאַכט אַלע פּיינען, אָבער פאַרביסן מיט די ליפּן, איינגעהאַלטן די טרערן אין די אויגן, ווייל די נאַציס האָבן נישט געקאָנט אַרויסרייסן פון האַרץ די האָפענונג און דעם גלויבן, — אַז דאָך וועט סוף־כל־סוף קומען די פרייהייט, אַז זיגן וועט דער אמת און די מענטשלעכקייט. דער צווייפל, דאָס פאַרלירן די האָפענונג, האָבן אַוועקגעריסן פון אונדז אַפילו די שטאַרקסטע. די אומזיכערקייט מיט אַלע אירע געפאַרן האָט אָן אויפהער געלויערט אויף אונדז. מען האָט קיינמאָל נישט געוווּסט, וואָס די נאָענטסטע מינוט וועט ברענגען, צי דער כעס פון קאַפּאָ, אָדער וואַכמאַן, וועט זיך נישט אויסלאָזן מיט אומברענגען יעדן פון אונדז. דאָך זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן נישט בלויז געהאַט דעם טיפן גלויבן ביי זיך אין האַרץ, נאָר אויך צוגעגעבן מוט אַנדערע, געפלאַנצט האָפענונג ביי די שוואַכע, צוגעגעבן בטחון, געטרייסט. אַז מען וועט דערלעבן דעם מאָמענט פון באַפרייאונג, ווען מ׳וועט לעבן אָן פּחד־המוות, עסן צו דער זעט און עס וועט פאַרשווינדן דער צורר צוזאַמען מיט זיין שרעקלעכן באַגלייטער — דעם הונגער.

און מיר — צום באַדויערן און ווייטיק, אין קליינער צאָל, — האָבן דערלעבט

דעם גליקלעכן טאָג פון נצחון איבערן נאַצישן צורר. אָבער אויף אייביק זענען געבליבן איינגעקריצט אין מיין האַרץ און אין זכרון יענע פיינפולע יאָרן און אין חלום און אויף דער וואָר יענע פאַרשאָלטענע צייט מיט אירע שרעק, פּיין, הונגער, די אומגעהויערע פיזישע און מאָראַלישע ליידן. מיר ווילן נישט און — טאָרן עס נישט פאַרגעסן !

אליעזר טעקעל

געשרייען ביינאַכט אין וואַלד

ווען מיר האָבן זיך, נאָך דער אויסזידלונג פון פּינטשעוו, באַהאַלטן אַ קורצע צייט אין אַ נאָענטן וואַלד, בין איך איינמאָל ביינאַכט געגאַנגען מיט איינער פון די שוועסטערס טישגאַרטען, צום דאָרף פּאַסטורקאַ (3 קילאָמעטער פון פּינטשעוו), כדי דאָרט איינצוקויפן עפּעס עסן. ס׳איז געווען האַרבסט. אַ פינצטערע לבנהלאָזע נאַכט. ווען מיר זענען אַרויס פון וואַלד, פאַרבייגעגאַנגען אַ וואַסער־קוואַל, האָבן מיר דערהערט אַ געוויין פון אַ קינד. איך האָב געוואָלט צוגיין, זען ווער דאָרט איז, אָבער מיין חברטע האָט מיך אָפּגעהאַלטן. ס׳איז געווען די צייט פון קאָפּען קאַרטאָפל : אַ פויערטע האָט זיך זיכער פאַרשפּעטיקט אין פעלד ביי די קאַרטאָפל, — האָט זי געהאַלטן.

ווען מיר זענען צוריקגעגאַנגען פונעם דאָרף, אַרום האַלבער נאַכט, טראָגנדיק די איינגעקויפטע פּראָדוקטן, האָב איך זיך אין דער פינצטער פּלוצלינג אָנגעשטויסן אויף אַ מענטש. איך האָב זיך, פאַרשטענדלעך, שטאַרק דערשראָקן, אָבער געשוויגן. דער צווייטער מענטש, אָבער, האָט יאָ אַ געשריי געגעבן פון שרעק. און איך האָב דערהערט אַ באַקאַנטע פרויען־שטימע פון פּינטשעוו...

דאָס איז געווען די פרוי פּינטשאָווסקי, אַ טאָכטער פונעם שפּייז־הענדלער, וועלכער האָט געהאַט אַ שפּייז־געוועלב צווישן דער שיל און דעם מאַרק אין פּינטשעוו. ווען מיר האָבן זיך באַרואיקט, האָט זי געבעטן, אַז מיר זאָלן זיך נישט אָפּשטעלן, נישט פרעגן קיין איבעריקע שאלות, נאָר גיין ווייטער אונדזער וועג. מיר האָבן איר געפאָלגט און אַוועק צו אונדזער קליינער גרופּע, טיפער אין וואַלד אַריין. ווען מיר, איך מיט איינער פון די שוועסטערס טישגאַרטען, האָבן זיך דערווייטערט אַ צען מינוט גאַנג פון דאָרט, האָבן מיר דערהערט יאָמערלעכע, האַרצרייסנדיקע גע־

שרייען, וואָס האָבן זיך פון יענעם אָרט געטראָגן. מיר זענען שטיין געבליבן דערציטערט, אָבער העלפן האָבן מיר נישט געקאָנט... איינשטעלן און צוריקגיין געוווּיר ווערן, וואָס דאָרט קומט פאָר, האָט קיין זין נישט געהאַט. וואָס האָבן מיר, צוויי אומבאַוואָפנטע מענטשן, געקאָנט העלפן, אויסער איינשטעלן זיך אַליין?

ווען מיר זענען דאָס צווייטע מאָל געקומען ביינאַכט אין דאָרף אַריין קויפן שפּייז, זענען מיר געוווּיר געוואָרן, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. דער פּויער באַניאַ, וועלכער האָט אונדז טאַקע דעמלט פאַרקויפט שפּייז, האָט אונדז דערציילט אָט־וואָס: יענע נאַכט האָט ער געדאַרפט אָפּפירן פון וואַלד, אויף זיין פערד־און־וואָגן, די משפּחה פינטשאָווסקי קיין דזשיאַלאָשיץ. דאָס האָט דעמלט דאָס יידישע מיידל געוואַרט אויף זיין אָנקומען, אָבער אויך שונאים האָבן געוואַרט אין דער פינצטער. ווען די יידישע משפּחה האָט זיך אויפגעזעצט אויפן וואָגן, זענען פון דער פינצטער אַרויס עטלעכע — פון די רייכסטע און אָנגעזעענסטע — פויערים פונעם דאָרף און געוואָלט באַרויבן, צי דערמאָרדן די יידן. דער אַלטער פינטשאָווסקי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שאַל אויפן האַלדז; די אָנפאַלער האָבן אים אָנגעכאַפּט פאַרן שאַל, גענומען ציען און שטיקן. די קינדער האָבן דעם טאַטן צוגעהאַלטן און גענומען שרייען. „...און איך האָב מיטן גאַנצן כוח געשמיסן און געיאָגט די פערד און מיר האָבן זיך אַרויסגעריסן פון זייערע הענט...״ די אָנפאַלער זענען געבליבן פון הינטן און ער האָט די יידישע משפּחה געבראַכט בשלום קיין דשיאַלאָשיץ. מער האָב איך וועגן דער דאָזיקער משפּחה נישט געהערט, איך האָב נאָך דער מלחמה געפּרוּווט זוכן ידיעות וועגן זיי, נאָכגעפרעגט ביים זעלבן פויער, אָבער גאָרנישט אויסגעפונען.

ווען איך בין, נאָך דער באַפרייאונג, געווען אין פינטשעוו, בין איך אַוועק אין דאָרף פאַסטורקאַ, דאַנקען דעם זעלבן פויער באַניאַ פאַר די טובות, וואָס ער האָט אונדז געטאָן בעת אונדזער באַהעלטעניש אין וואַלד. כ׳האָב געמוזט גיין צו אים דורך אונטערוועגן, דורך צווייטע הייפן, כדי אים נישט צו „פאַרשיטן״ פאַר זיינע שכנים — ס׳איז געווען די צייט, ווען די א. ק.־„פּאַטריאָטן״ האָבן זיך נוקם געווען אין די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן געהאָלפן יידן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע. דאָך האָט מיך פערהאַלטן באַניאַס אַ שכן, אַ פויער מיטן נאָמען סענדזשאַ, וועלכער האָט מיר ווערטלעך געזאָגט: „איך האָב געזען, ווען דו פלעגסט קומען צו באַניאַן, כ׳האָב דיך געקאָנט איבערגעבן צו די דייטשן און באַקומען פאַר דיר צוקער... אָבער איך האָב דיך געקענט און נישט געוואָלט קיין שלעכטס טאָן...״ ער האָט מסתמא געוואַרט, איך זאָל אים באַצאָלן פאַר זיין „גוטסקייט״... (ווען ער פלעגט, פאַר דער מלחמה, קומען זונטיק קיין פינטשעוו אין דער קירכע אַריין, פלעגט ער ביי אונדז אָוועקשטעלן זיין ראָווער).

אליעזר טאָקאָל

צעקות ביער בלילה

כאשר הסתתרנו לזמן קצר ביער הסמוך לפינצ׳ב לאחר הגירוש מן העיר, הלכתי פעם עם אחת מהאחיות טישגאַרטן, שאף הן מצאו מסתור ביער, אל הכפר פאַסטורקאַ (במרחק 3 ק״מ מפינצ׳ב) לקנות אוכל. היה סתיו. לילה אפל ללא ירח. כאשר יצאנו מן היער ועברנו ליד מעיין, שמענו קול בוכים של ילד. רציתי לגשת למקום ולראות מה מתרחש שם, אך חברתי עיכבה בעדי: היתה זו עונת האיסוף של תפוחי האדמה, ולדעת חברתי ודאי נתאחרה שם איזו איכרה בעבודתה.

כאשר חזרנו מן הכפר, לערך בחצות, ובידינו המצרכים שקנינו, נתקלתי לפתע במישהו בתוך החשכה. מובן מאליו שנבהלתי מאד, אך החרשתי. אולם זה שממול, השמיע צעקת חרדה — וזיהיתי את הקול, קול מוכר של אשה מוכרה מפינצ׳ב...

היתה זו הגב׳ פינצ׳ובסקי, בתו של בעל חנות המכולת שבין בית־הכנסת לשוק. כאשר נרגענו במקצת, ביקשה מאתנו שלא נתעכב ולא נשאל שאלות מיותרות, אלא נמשיך בדרכנו. שמענו בקולה ופנינו אל הקבוצה הקטנה שלנו, שהסתתרה בעומק היער. כאשר התרחקנו משם, לערך כעשר דקות הליכה, שמענו פתאום צעקות מחרידות וקורעות לב בוקעות מאותו מקום שבו נתקלנו בגב׳ פינצ׳ובסקי. רועדים נעמדנו בדרכנו, אך לא היה בידנו לעזור. לא היה טעם בדבר שנסכן את עצמנו ונחזור לשם. וכי מה יכולנו אנחנו, שני אנשים מחוסרי נשק, לעזור?

כאשר באנו שוב בלילה אל הכפר לקנות אוכל, נודע לנו מה קרה אז. האיכר באַניאַ, שבאותו זמן מכר לנו מזון, סיפר לנו כלהלן: בלילה הזה הוא עמד להעביר בעגלתו ובסוסיו את משפחת פינצ׳ובסקי מן היער אל העיירה דז׳יאַלושיץ. ובתו של פינצ׳ובסקי חיכתה אז בחושך לבואו. אולם גם אויבים ארבו אז באפלה. כאשר המשפחה היהודית התיישבה בעגלה, התפרצו כמה איכרים — מן העשירים והנכבדים שבכפר — והתנפלו עליהם במטרה לשדוד מהם הכל ולרוצחם. פינצ׳ובסקי הזקן עטוף היה סודר מסביב לצווארו; המתנפלים תפסו בסודרו ומשכו בו כדי להחניקו. הילדים החזיקו באביהם ופרצו בצעקות. „ואני — המשיך האיכר באַניאַ — בכל כוחי האצתי בסוסי והרצתי אותם עד שנחלצנו מידיהם...” המתנפלים נשארו

מאחור והאיכר הביא את המשפחה בשלום לדז׳יאלושיץ. מאז לא הגיעו אלי שום ידיעות על בני המשפחה הזאת. לאחר המלחמה ניסיתי להתחקות אחריהם, שאלתי גם את האיכר הזה שהציל אותם ביער, אך שום דבר לא נודע לי.

כאשר באתי לפינצ׳ב לאחר השחרור, הלכתי לכפר פאַסטורקאַ, להודות לאיכר באניא על החסדים שעשה עמנו בזמן שהסתתרנו ביער. הייתי נאלץ ללכת אליו בדרכי עקיפין, דרך חצרות אחוריות, כדי לא „לגלותו" לפני השכנים — היה זה בזמן שה„פאַטריוטים" של ה„א.ק." התנקמו באותם הפולנים שעזרו ליהודים בעת הכיבוש הגרמני. בכל זאת פנה אלי שכנו של באַניאַ, איכר בשם סאָנדז׳אָ, במלים אלה: „אני ראיתי אותך כאשר היית בא לבאַניאַ. יכולתי למסור אותך לידי הגרמנים ולקבל בעדך סוכר... אולם אני הכרתי אותך מלפני המלחמה ולא רציתי לעשות עוול"... מן הסתם הוא ציפה לכך, שאגמול לו על „טוב לבו"... (כאשר היה בא, לפני המלחמה, ביום ראשון, לפינצ׳ב כדי לבקר בכנסייה, היה מעמיד אצלנו את האופניים שלו).

סופה של משפחה יהודית

בכניסה לפינצ׳ב, בדרך מבוסקאַ־זדרוי, היה גר קרובי על־ידי חיתון, סוחר בתבואות, שחניכתו או כינויו מאַז׳ניאַק (את שם משפחתו שכחתי, לדאבוני). המשפחה מנתה חמש נפשות, הורים ושלושה ילדים, הקטן ביותר עדיין היה יונק שדיים. היה להם בית משלהם, ובחצר — אסם של תבואה. יחד אתם גר גם פולני בבית, בתפקיד של שומר וגם כמשגיח על הנקיון בחצר.

כאשר אספו את כל היהודים בשמחת תורה אל השוק כדי לגרשם מן העיר, לא באה משפחה זו למקום הריכוז כשאר היהודים. מרוחקים היו ממרכז העיר ופשוט לא שמעו את הפקודות הגרמניות שיש להתאסף בשוק.

למחרת הודיע השומר הפולני לגרמנים, כי משפחה יהודית זו נשארה בביתה ולא קיימה את הפקודה. מיד באה המשטרה הנאצית, הוציאה את כל המשפחה לפני הבית וכולם נורו למוות. האם נשאה בידיה את התינוק הבוכה וכך נורתה... המלשין הפולני קבר את הנרצחים ליד הכניסה לבית — והוא „ירש" את הכל, הבית וכל אשר בו.

זאת סיפר לי אותו האיכר באַניאַ שהזכרתי לעיל, עוד בזמן שהסתתרתי ביער.

לאחר המלחמה ניגשתי לאותו בית. הפולני התפשט שם בהרחבה. היה זה בשנת 1945. עוד אפשר היה להכיר היטב את קברה של המשפחה, ליד הבית. הפולני הראה לי את הקבר, ועוד התחסד לפני, כי הוא שהביא אותם לקבורה, אולם שהוא עצמו היה המלשין — זאת, כמובן, לא סיפר...

שמואל בלום (טאָראָנטאָ, קאַנאַדע)

אין פינטשעוו טאָגט שוין נישט...

אַמאָליקע יאָרן, אין פאַרמלחמהדיקן פוילן, ווען דאָס יידישע לעבן אין אַזויפיל שטעט און שטעטלעך איז געווען אין סאַמע אויפבלי פון שאַפן און בויען, איז אונדזער שטעטל פינטשעוו קיינמאָל נישט געשלאָפן. אויך דאָ האָבן יידן זיך פאַרנומען מיט תורה און עבודה, מיט געשעפט און מלאכה, מיט אַלעם, וואָס דער מענטש באַדאַרף פאַר זיין גוף און פאַר זיין גייסט. פינטשעוו איז באמת געווען אַ מיפולע, אַרבעטזאַמע שטאָט; אין פינטשעוו איז שטענדיק געווען טאָג, די יידן אין פינטשעוו האָבן געלעבט און געאַרבעט סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט. דאָס באַרימטע ווערטל, מיט וועלכן די פוילישע יידן האָבן זיך באַנוצט — „אין פינטשעוו טאָגט שוין" — איז געווען צוגעפּאַסט צו דער לעבעדיקייט פון פינטשעוו.



שמואל בלום

די אַלטע פינטשעווער שיל איז אַלט געווען איבער 1000 יאָר, און ווען נישט היטלער ימח שמו, וואָלט זי נאָך געקאָנט אַזוי שטיין הונדערטער יאָרן. נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע פון פוילישן יידנטום זענען פון איר געבליבן בלויז חרובע ווענט. אָט די אַלטע שיל האָט פאַרמאָגט עפּעס אַ מאַגנעטישע קראַפט. זי האָט צוגעצויגן מיט איר מאָנומענטאַלער פּראַכט און קדושה־גייסט, וואָס האָט ווי געשוועבט צווישן אירע ווענט. איר אַרכיטעקטור איז געווען וווּנדערבאַר און מען איז געקומען זי אָנקוקן פון ווי ווייט. צווישן די לעצטע זענען געווען באַרימטע פּערזענלעכקייטן; עס דערמאָנט זיך דער באַזוך פון פּראָפעסאָר מאיר באַלאַבאַן, וועלכער האָט אַזוי באַוווּנדערט די שיל.

אונדזער שטעטעלע פּינטשעוו האָט פֿאַרמאָגט אַן אייגענעם אַרט לעבן, זײַן איי־גנאַרטיקן לעבנס־שטייגער. יעדער געבוירענער אין פּינטשעוו קאָן אַ סך דערציילן וועגן הערלעכע זוניקע טעג אין שטעטל, וועגן בלויע לבנהדיקע ביינאַכטן, מיט שפּאַ־צירנדיקע פֿאַרחלומטע פּאָרלעך, פֿאַרליבטע אין זיך, אָבער אויך אין דער נאַטור, און גלייכצײַטיק פֿאַרליבט, צוגעבונדן צו זייער שפּראַך, צו זייער יידיש קולטורעל לעבן, פּונקט ווי צו זייער פּריוואַטן לעבן. פּינטשעוו מיט זײַנע לצים, מזיקים, וועלכע האָבן אָפּט אַרויסגערופֿן פֿרייד און געלעכטער, און אויך פֿאַרדרוס ביי די יעניקע, וועמען זיי האָבן געגומען „אויפֿן צימבל״.

פּינטשעווער יידן האָבן געהאַט אַ גאַנצע ריי גרויסע למדנים, גאָטספֿאַרכטיקע רבנים און גדולי־תורה, ווי אויך איבערגעגעבענע כלל־טוער. די פּינטשעווער חלו־צים האָבן געבענקט נאָך גאולה, זיי האָבן זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפֿן אין דער ציוניסטישער אַרבעט, כדי צו פֿאַרווירקלעכן זייער בענקשאַפֿט און אַדאַנק דעם איז אַ גרויסער טייל פֿון זיי עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

געווען אויך יידישע יונגעלייט און מיידלעך אין פּינטשעוו, וועלכע האָבן גע־הערט צו דער קאָמוניסטישער וועלט. פֿיל פֿון זיי האָבן יאָרן געשמאַכט אין דער קיעלצער טורמע. זיי האָבן געהאָפֿט צו ברענגען די רעוואָלוציע און דערמיט אויס־בעסערן דעם מאָרגן פֿאַר זיך און פֿאַר די יידישע פֿאָלקס־מאַסן. אויך די האָפֿענונ־גען פֿונעם דאָזיקן דור זענען נישט מקוים געוואָרן.

היינט, נאָכן גרויסן חורבן, דערמאָנט שוין נישט קיינער, אַז אין פּינטשעוו טאָגט שוין. אין פּינטשעוו טאָגט שוין נישט מער... אין פּינטשעוו הערשט נאַכט־פֿינצטער־ניש. די דייטשע רוצחים האָבן אין שטעטל אַריינגעבראַכט פֿינצטערניש און פֿאַר־וויסטונג, חרוב־געמאַכט דאָס שטעטל און אומגעבראַכט הונדערטער און הונדערטער יידישע משפּחות, פֿאַרניכטעט אַלע יידישע היימען, שילן, בתי־מדרשים, חדרים, פֿאַ־ריינען. אָפּגעמעקט איז געוואָרן אַ יידישער דור, וועלכער איז גרייט געווען מקריב צו זײַן זײַן לעבן פֿאַר אַלץ, וואָס איז געווען יידיש. עס לויפֿן שוין נישט מער אין חדר אַריין יעדן פֿרימאָרגן די משהלעך, שלמהלעך, אברהמעלעך. נישטאָ דער חדר, נישטאָ די מלמדים — מאָטל, סענדער, הערצל, ברוך־שמואל — וועלכע האָבן, אין אָרעמ־קייט און נויט, איינגעפֿלאַנצט תורה און וויסן אין די יונגע יידישע הערצעלעך. דער נאַציזם מיט זײַנע גאַז־קאַמערן און טויט־לאַגערן האָט אַלץ פֿאַרניכטעט.

צוויי באַזוכן אין פּינטשעוו

צוויי מאָל האָב איך נאָכן חורבן באַזוכט אונדזער געבוירן־שטעטל.

צום ערשטן מאָל — באַלד נאָך דער מלחמה, אין יאָר 1946. אַזוי ווי מײַנע פֿיס

האָבן נאָר באַטראָטן די האַרטע פּינטשעווער טראָטואַרן, האָב איך דערזען, אַז איך טרעט אויף מצבות פון אונדזערע עלטערן, זיידעס, באָבעס, שוועסטער און ברידער. די מצבות פון דעם אַלטן יידישן בית־עולם האָבן די רוצחים גענומען אויסצוברו־קירן די גאַסן. איך האָב געזען ווי מען בויט שוין נייע הייזער מיט אַלטע יידישע מצבה־שטיינער. איך בין אַריין אין פּאַליש, וואָס איז גאַנץ געבליבן, פון דער חרוב־געמאַכטער אַלטער שיל. עס האָט דאָרט געוווינט אַ פּאָליאַק... איך בין אַרויסגע־לאָפן... געשפּאַנט ווייטער. מיינע אויגן זענען געוואָרן פייכט, אָבער וויינען האָב איך נישט געקאָנט — דאָס האַרץ איז געווען פאַרשטיינט, כאָטש אַרום מיר האָט אַלץ גע־וויינט: די שטיינער פון ברוק, די הייזער, די הויכע איבערגעבליבענע חרובע מוי־ערן. עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך הער די קרעכצן און געוויינען פון אַלע דער־מאָרדעטע פּינטשעווער יידן...

אין יאָר 1951 האָב איך ווידער באַזוכט דאָס שטעטל. איך בין געפאָרן אויף קבר־אבות פון אַ גאַנצער קהילה. איך האָב געפילט, אַז דאָס איז מיין לעצטער באַ־זוך אין פּינטשעוו. דער באַזוך האָט מיר ווידער געקאָסט געזונט. קיין זכר פון אַמאָלי־קן יידישן לעבן. קוקנדיק אויף די געסלעך, פאַרנומענע דורך פרעמדע, ווייטע, נישט־יידן, האָב איך ווידער געזען אין דמיון דעם אַמאָליקן וווּנדערבאַרן יידיש־יוגנטלעכן ברען; עס האָט זיך מיר דערמאָנט דער שפּאַציר פון הונדערטער יידן אין די וועלדער פון סקשיפּאָווע, אין וולאָכאָווער וועלדל... אין מיינע אויערן האָט זיך געטראָגן דער לעבנס־רויש פון פּינטשעווער יידנטום, מיט אבעלע קינרוס, לייבל גאָלד און אַזויפיל אַנדערע, וועלכע האָבן געבויט און געפורעמט דאָס יידישע לעבן אין שטעטל... ווידער האָב איך געפילט דעם נישט־געהיילטן ווייטיק אין האַרץ און איך בין אַנטלאָפן...

אָבער אַביסל געמינערט האָט מיין ווייטיק דער באַוווסטזיין, אַז פּינטשעווער יידן האָבן אויך אַרויסגעוויזן העלדישקייט און מסירת־נפש אין קאַמף קעגן נאַציזם, אונדזערע ברידער האָבן זיך באַטייליקט אין די פּאַרטיזאַנער־גרופּן, אין די וועלדער, זיי האָבן געקעמפט אין די אַליאירטע אַרמייען קעגן נאַציזם, קעגן דייטשן באַנדי־טיזם.

מיר, די על־פּי־נס לעבנגעבליבענע, טראָגן אויף זיך די גרויסע אחריות פאָרצו־זעצן אין דער טראַדיציע און אין די וועגן פון די אומגעבראַכטע. מיר דאַרפן ווייטער בויען, ווי זיי האָבן דורות־נאָך־דורות געבויט יידיש לעבן, יידישע קולטור. זאָל דער בוי, וואָס ווערט פאָרגעזעצט אין מדינת ישראל דינען אַלס לייכט־טורעם און אַלס דענקמאָל פאַר די אומגעבראַכטע קדושים. און עס איז גוט צו וויסן, אַז אויך הונדערטער אָפּגעראַטעוועטע פון פּינטשעוו העלפן־צו צו מאַכן טאָגן אין אונדזער מדינה, ווי אַמאָל ביי אונדז אין שטעטל.

אינעם בוי, אין ממשיך־זיין, וועלן מיר באַערן און נישט לאָזן פאַרגעסן די, וועלכע זענען אומגעקומען על קידוש השם ועל קידוש העם. קיינמאָל וועלן מיר נישט פאַרגעסן און קיינמאָל נישט פאַרגעבן די מערדער.

שמואל בלום (טורונטו, קאַנאַדה)

השחר שוב אינו עולה בפינצ׳ב...

לפנים, בשנים עברו, בפולין שלפני המלחמה, כאשר החיים היהודיים בכל אותן הערים והעיירות הרבות שגשגו במלוא אונם תוך יצירה ובניין — לא ידעה פינצ׳ב עיירתנו שינה. גם בה עסקו יהודים בתורה ובעבודה, במסחר ובמלאכה, בכל צרכי הגוף והנפש. פינצ׳ב היתה באמת עיר של עמל ועבודה; מעין יום תמידי שרר בה, כי יהודי פינצ׳ב עשו לילות כימים בכל עבודה ומלאכה. הפתגם המפורסם שהיה שגור בפי יהודי פולין, כי „כבר האיר היום בפינצ׳ב״, ביטא־כמו את חיוניותה ועירנותה של העיר.

בית הכנסת העתיק של פינצ׳ב קיים היה למעלה מאלף שנים, ואילמלא הצורר היטלר ימח שמו, יכול היה להתקיים עוד מאות בשנים. לאחר השואה הגדולה של יהדות פולין נשארו רק הקירות החרבים מבית הכנסת המפואר הזה. מעין כוח משיכה מגנטי היה לו לבית כנסת עתיק זה והוא כבש את לב רואיו בפארו המונומנטלי וברוח הקדושה שהיתה חופפת עליו וכאילו מרחפת בין כתליו. הוא נבנה בארכיטקטורה מופלאה וממרחקים באו לראותו. בין הבאים במיוחד לפינצ׳ב כדי לבקר בבית הכנסת היו גם אישים מפורסמים, ויצויין במיוחד ביקורו של פרופ׳ מאיר בלבן, שהתפעל ביותר ממראהו.

עיירתנו פינצ׳ב הצטיינה בסגנון חיים משלה, אורח חיים שהיה מיוחד לה בלבד. כל יליד פינצ׳ב יכול לספר רבות על ימי שמש יפים שבעיירה, לילות ירח כסופים, זוגות המטיילים כחולמים, מאוהבים זה בזה אך גם בנוף היפה, וגם אוהבים וקשורים לשפתם ולתרבות חייהם. פינצ׳ב עם ה„ליצים״ שלה, „מזיקים״ כפי שקראו להם, שעוררו שמחה וצחוק בתעלוליהם. אך גם רוגז וכעס אצל אלה שנלכדו ב„כף הקלע״ שלהם והפכו מטרה ללעגם.

קהילת פינצ׳ב העלתה שורה ארוכה של למדנים מופלגים, רבנים יראים וגדולי תורה וכן עסקנים מסורים. החלוצים של פינצ׳ב נכספו לגאולה, בלב ונפש התמסרו לעבודה הציונית כדי להגשים את חלומם הגדול, והודות לכך זכה חלק גדול מהם לעלות לארץ ישראל.

היו גם צעירים וצעירות יהודיים שקשרו את גורלם עם התנועה הקומוניסטית. הרבה מהם התענו שנים רבות בבית הכלא שבקיאֶלץ. הם תלו תקוותם במהפכה העולמית שתביא עמה עתיד טוב יותר לעצמם ולהמוני העם היהודיים. גם תקוותיהם של אידיאליסטים אלה נשארו מעל.

היום, לאחר החורבן הגדול, אף איש אינו אומר עוד ש„בפינצ׳ב כבר האיר היום״. חשכות לילה שוררת בפינצ׳ב. הרוצחים הגרמנים הביאו על העיר אפלה ושממה, החריבו את העיירה ורצחו מאות מאות משפחות, הרסו כל בתי היהודים, בתי כנסת, בתי מדרש, „חדרים״, מועדונים. נמחה מעל פני האדמה דור יהודי, שהיה מוכן להקריב את חייו על כל דבר יהודי.

המשה׳לך, השלמה׳לך והאברהמ׳לך שוב אינם רצים אל ה„חדר״. ה„חדר״ איננו, והמלמדים נעלמו — מוטל, סנדר, הרצל, ברוך־שמואל — אלה אשר בחיי דלות ומצוקה ידעו לטעת תורה ודעת בלבות הילדים והנערים. הנאציזם ותאי הגאז ומחנות המוות שלו השמידו הכל.

שני ביקורים בפינצ׳ב

פעמיים ביקרתי את עיר מולדתי אחרי החורבן הגדול.

בפעם הראשונה — מיד אחרי המלחמה בשנת 1946. מיד כאשר דרכו רגלי על מדרכות פינצ׳ב הקשות, ראיתי שאני דורך על מצבות של הורינו, סבינו, סבתותינו, אחיותינו ואחינו. את המצבות של בית העלמין הישן עקרו הרוצחים ממקומם וריצפו בהם את הרחובות. ראיתי כיצד בונים בתים חדשים באבני המצבות העתיקות. נכנסתי ל„פלוש״ של בית־הכנסת העתיק, שנשאר שלם לאחר שהנאצים החריבו את כל הבניין — וראיתי כי פולני גר שם... ברחתי החוצה... צעדתי הלאה... עיני נתלחלחו, אך לבכות לא יכולתי — לבי לב אבן היה, אף על פי שמסביבי בכה הכל: אבן המדרכה, הבתים, החומות הגבוהות החרבות. דומה היה עלי, שאני שומע את אנחותיהם והתייפחותם של כל יהודי פינצ׳ב הנרצחים...

בשנת 1951 שוב ביקרתי בעיירה. באתי שם לקבר־אבות של כל הקהילה. הרגשתי שזה ביקורי האחרון בפינצ׳ב. ביקור זה שוב שבר את לבי. אף זכר לא נשאר מכל החיים היהודיים משכבר. כאשר התבוננתי בסימטאות, שעתה היו תפוסות בידי זרים ורחוקים, שוב ראיתי בדמיוני את ההתלהבות המופלאה של

הנוער היהודי; נזכרתי אז בטיוליהם של מאות בני הנוער ביערות סקשיפובה, ביערון הוולוכובי... באוזני שמעתי את המיית החיים של יהדות פינצ׳ב, עם אבא׳לה קינרוס, ליבל גולד והרבה אחרים, אשר בנו וצרו צורה לחיים היהודיים בעיירה. שוב הרגשתי בלבי כאב זה שאין להעלות לו ארוכה וברחתי משם...

אך במקצת מצאתי נחמה וכאבי שוכך בשל הידיעה, כי יהודי פינצ׳ב גם הוכיחו גבורה ומסירות־נפש במלחמתם בנאצים, שאחינו הצטרפו לקבוצות הפאר־טיזאנים ביערות וכן נלחמו בצבאות בעלות הברית נגד הנאציזם, נגד הבארבארים הגרמניים.

אנחנו, שעל פי נס נשארנו בחיים, נושאים באחריות הגדולה להמשיך בדרכם של הנספים ובמסורתם. שוב אנו מצווים לבנות כפי שהם בנו דורות אחר דורות את החיים היהודיים ואת התרבות היהודית. תשמש יצירת החיים היהודיים הנמשכת במדינת ישראל כמגדלור וכמצבת־עד לקדושים הנרצחים. וטוב לדעת שגם מאות ניצולים מפינצ׳ב נותנים חלקם לבניין המדינה ולהאיר שחרה, כפי שעשו זאת פעם בעיירתנו.

בבניין, בהמשך היצירה, נכבד את זכרם ולא ניתן לשכוח את אלה שנהרגו על קידוש השם ועל קידוש העם. לעולם לא נשכח ולעולם לא נסלח את מה שעשו לנו הרוצחים.

קליינפלץ משה (זכרון יעקב)

תחת שלטון הנאצים

נולדתי בעיר פינצ׳ב בשנת 1925 לאבי יוסקה קליינפלץ. גרנו ברחוב קלאשטורנה מול בית־הכנסת עד לכיבוש הנאצי ב־1939. כאשר הנאצים שרפו את מרכז העיר, ובמיוחד את האיזור היהודי, נשרפו גם ביתנו וחנותנו. אך חלק מביתנו הקמנו בחזרה במשך שלושה חודשים. מזמן הכיבוש ועד שנת 1942 עוד ניתן היה לנו לחיות, אם כי בתנאים קשים במיוחד. נאלצנו לעבוד עבודות־כפייה שונות בסלילת כבישים, חפירת תעלות וכדומה. ובמקום תשלום קיבלנו מכות.

שינוי בולט לרעה חל בשנת 1942, כאשר הגרמנים הקצו רחובות מיוחדים ליהודים, שמהם אסור היה לצאת לשאר חלקי העיר, והעובר על פקודה זו עונשו היה מוות. היו יהודים שסיכנו את נפשם ובלילות הסתננו בחשאי לעיר הסמוכה

בנשאם על גבם כעשרים ק״ג קמח, שטחנו בעצמם באבני ריחיים, כדי להרוויח משהו. אחרים עסקו במסחר בגיטו עצמו. אך רבים מהם נתפסו ונידונו למוות.

בשמחת תורה, בחודש אוקטובר 1942, הקיפו הגרמנים את העיר, צירפו ליהודי פינצ׳ב גם את יהודי בוסק ווישליצ׳ה וגירשו את כולם לעיר וואֶנגרוב, מרחק כ־30 ק״מ מפינצ׳ב. כל הדרך נאלצנו ללכת ברגל. חולים וזקנים שפיגרו בהליכתם נרצחו במקום. בין המגורשים היתה גם אשה הרה שאחזוה צירי לידה ולא יכלה להמשיך בדרכה. הגרמנים הרגוה במקום. בזמן הגירוש הצליח חלק ממשפחתי — אבי, אחי ואני — לברוח ליער ונפגשנו שם. ואילו אמי ואחותי נשארו בביתנו, בנו להן שם מעין מקלט והסתתרו בו. כעבור שבוע ברחו גם הן. קיווינו שנצליח להיפגש אתן וחיכינו להן ימים אחדים, ומשלא באו המשכנו בדרכנו. עברנו את הגדה של הנהר והלכנו כל הלילה. כאשר שכבנו לנוח ביער, התנפלה עלינו קבוצת שודדים בסכינים ובמקלות ושדדו מאתנו את הכל ואפילו חלק מהבגדים שעלינו. בלילה השני המשכנו לעיר השנייה, דיגאשיץ, ונודע לנו שחלק מהיהודים חזרו לעיר זו. לאחר כמה ימים הגיעו אלינו גם אמי ואחיותי. באמצע הלילה באה המשטרה ולקחה אותי למחנה עבודה ברזלוביץ. יום לפני כן הרגו במחנה זה שלושה יהודים, מפני שכמה מחבריהם ברחו. הגרמנים רצו בזאת להטיל פחד על עובדי המחנה כדי שישמרו זה על זה. עבודתנו היתה בבניית כבישים ועבדנו בבוץ ובגשם בלי הפסקה. לאחר כמה ימים, קיבלתי פתק מאבי, שבו הודיע לי שהמצב מחמיר ושאתכונן לבריחה מן המחנה, ואם גם הם יצליחו לברוח ניפגש בכפר מסויים. ברחתי מן המחנה ואף מצאתי כמה מבני משפחתי, שברגע האחרון עוד הצליחו לברוח מדיגאשיץ, לפני שגירשו את כל היהודים מעיר זו. חזרנו שוב לפינצ׳ב בלילה ומצאנו מקלט בבית עזוב מול המשטרה. גרנו שם שלושה שבועות. אני הייתי יוצא בלילה להשיג מזון למשפחתי. מפינצ׳ב נסענו לסנדזייז, כי נודע לנו שמותר ליהודים לשהות שם. נסענו לשם בחורף בתנאים קשים ביותר וגרנו ארבע משפחות בחדר אחד. שם שהינו עד 12 בינואר 1943, עד שגירשו גם מעיר זו את כל היהודים. לאחר גירוש זה נספו כל בני משפחתי.

שם משפחת אמי היה מצלט, ושמה הפרטי חיה. אחותי הגדולה שמה היה חנה, אחריה אחי מנדל, אחריו אחיותי אסתר ורחל ושיינדל ואחותי הצעירה ממני, גולדה. כולם נספו ואני היחידה נשארתי מכל משפחתי. נלקחתי למחנה סקרז׳יסקו, ושם עבדתי זמן ניכר בבית חרושת לתחמושת. התנאים היו קשים ואנשים נפלו כמו זבובים. עבדנו 12 שעות ליום בעבודה מפרכת ומי שחלה נהרג במקום. גם את אחי הרגו במחנה זה. אני היחיד הצלחתי לברוח ממחנה זה וחזרתי שוב לפינצ׳ב. זה היה בשנת 1943.

בעיר לא היו יהודים. קיבלתי עזרה ממשפחה נוצרית שהכירה אותי מכבר. לאחר מכן הסתתרתי בגג של רפת שהיתה שייכת למנהל הרכבת בפינצ׳ב. אשתו הביאה לי יום יום אוכל בהסתר מבני משפחתה. יום אחד עלתה העוזרת אל הגג לחפש תרנגולת שנעלמה, ונתקלה בי. נאלצתי איפוא שוב לברוח. עוד באותו לילה עזבתי את פינצ׳ב והלכתי לכפר קופרינה. שם נודע לי על מקום המצאם של יהודים על שפת הנהר. פניתי לכיוון זה והמשכתי ללכת עד שגילו אותי היהודים המסתתרים והעבירו אותי בסירה מעבר לגדה, לבונקר שהיה להם שם. אך עוד באותו לילה עזבו את המקום, מכיון שיותר מדי אנשים כבר ידעו על כך. בבונקר זה נפגשתי עם יהודי בשם בילחובסקי, שנהרג לאחר מכן. הוא עזר לי למצוא מקום מקלט אצל משפחה נוצרית בכפר ושם הייתי חודש ימים. גם מקום זה עזבתי ומצאתי מקום אחר בכפר ווחי, ושם שהיתי 20 חודשים. עזרתי למיטיבי בעבודת המשק וגם שילמתי להם. את הכסף לתשלומים אלה השגתי על ידי כך, שכל כמה חודשים הלכתי לעיר מולדתי פינצ׳ב ונכנסתי לביתי והוצאתי קצת זהב ודברים אחרים שנטמנו בזמן שעזבנו את העיר ומכרתי אותם. בשנת 1944 באו הגרמנים לכפר והשתכנו בתוך הבתים, ואני נאלצתי לשהות חלק מהזמן בשדות וביערות. כך זה נמשך עד שהרוסים כבשו את המקום בינואר 1944.

קירשנבוים אליהו

כיצד נשארתי בחיים

בשנת 1942 ברחתי מהגיטו לאחר שנפרדתי מהורי, ונשארתי בלי קורת גג ובלי כסף. לאחר זמן מה נתקבלתי לעבודה אצל גוי אחד. תמורת עבודתי לא קיבלתי שכר אלא מזון בלבד. בלילות לנתי ברפת יחד עם הפרות. אך גם לחסד זה זכיתי רק בתנאי שאתחתן עם בתו של אותו גוי.

יום אחד הלכתי למנזר, ושם פגשתי שני סטודנטים שהכירו אותי. הם הורו עלי באצבע: „הנה אֵליה מפינצ׳ב״. חשתי בסכנה האורבת לי, מכיון שסטודנטים אלה יכלו להסגירני לגיסטאפו, וכן גם שאר אנשי המנזר שכבר ידעו לזהותי כיהודי. החלטתי איפוא לברוח ליער. בריצה הגעתי ליער ושכבתי לנוח מתחת לעץ, ומרוב עייפות נרדמתי. בינתיים ירד גשם חזק, אך אני הוספתי לישון. לפתע הרגשתי

שמישהו נמצא לידי והוא מעירני משנתי. שאל אותי אם אני יהודי, ועניתי לו בחיוב. אז הוא אמר לי שגם הוא יהודי והחלטנו להתחבר ולהיות בצוותא. משך יומיים נשארנו ביער בלי מזון, ונאלצנו איפוא לצאת לכפרים ולבקש אוכל.

בלילה הגענו לכפר מסויים. נכנסנו לבית שבו גר זוג זקנים וביקשנו אוכל, אך נתקלנו בסירוב. הודענו להם שאנו פארטיזנים אך בעלי הבית עמדו בסירובם. מחוסר ברירה חטפנו מהם כיכר לחם והתחלנו לברוח בחזרה ליער. ארוכה היתה הדרך ולכן לא הספקנו להגיע לשם לפני עלות השחר, והיינו נאלצים לעבור כמחצית הדרך לאור היום. בבוקר השכם פגשנו קבוצה של פולנים צעירים שהלכו לעבודתם. הם שמחו ביותר לפגישה זו אתנו, מכיון שכוונתם היתה למסור אותנו לגיסטאפו ולקבל פרס. לא היססתי הרבה והוצאתי סכין מכיסי. וכשראו את הסכין התפזרו לכל עבר. המשכנו בדרכנו וחיפשנו אחר יהודים. שאלנו גם פולנים רבים אם ידוע להם על מקום הימצאם של יהודים, והם אמרו לנו שעוד ישנם יהודים בגיטו קרקוב.

הגענו לקרקוב, אך לא יכולנו להיכנס לגיטו בגלל המשמרות הגרמניים ששמרו עליו מבחוץ. בבוקר, כאשר הגברים יצאו מן הגיטו לעבודה, הצטרפנו לשורת היוצאים, ואחר העבודה חזרנו יחד עמם לגיטו. העבודה שביצענו, אנחנו השניים ככל היהודים שבגיטו קרקוב, היתה ניקוי בית קברות ישן ממצבותיו ובמקומו להקים מחנה לעבודת פרך. עם סיום הקמת המחנה, העבירו אותנו למחנה פלאשוב. למחנה זה הגיעו רק הגברים הצעירים והחזקים לאחר מיון שנערך לפני כן בקרקוב, בעוד שהגברים הזקנים והחלשים וכן הנשים והילדים הוצאו להורג.

בפלאשוב הקימו הגרמנים בתי מלאכה למקצועות שונים. כל יהודי שהיה בעל מקצוע נשאר במחנה לעבוד במקצועו ואילו שאר היהודים נשלחו לעבודה שחורה.

מפקד המחנה בפלאשוב היה גרמני בשם גֶץ. אותו מפקד נוהג היה להעמיד בכל יום את כל תושבי הגיטו בשורה ולספור אותם מאחד עד עשר, וכל יהודי שיצא במספר עשר נורה במקום. יום אחד, כאשר עמדתי במספר תשע, נדחפתי פתאום למספר עשר על־ידי בחור חסון אחד מיושבי המחנה, והוא נעמד במקומי. לא היתה באפשרותי להתווכח עמו, כי אילו היה מתעורר ויכוח היינו שנינו מוצאים להורג. באותו יום טעה מפקד המחנה בספירתו, והמספר עשר נפל על אותו בחור שבא במקומי. וכך גורלי שפר עלי ונשארתי בחיים.

בכל יום נוספו משלוחי אדם למחנה, ויום אחד פגשתי במחנה את אחי הבכור שמואל מקיאֶלץ. שנינו שמחנו כמובן מאד, אך כאשר שאלתי על הורינו, אמר לי שהם נהרגו, ורק אנחנו שנינו נשארנו בינתיים בחיים מכל המשפחה. שהינו ביחד במחנה כחצי שנה, ולאחר מכן הועברתי למחנה מאוטהאוזן, ואחי נשאר בפלאַשוב.

במחנה מאַוטהאַוזן קיבלנו בגדי אסירים, ועל חזהו של כל אסיר תלוי היה מספרו. מספרי היה 2737. משם נשלחנו למחנה מֶלְק, בו היה בית חרושת תת קרקעי לייצור נשק. עבדנו שם ששה חודשים ומשם הועברנו למחנה אֶבנזיין. באותו מחנה קרה המקרה שיום אחד לא ביצעתי בדיוק פקודה מסויימת. למזלי לא הוציאו אותי בשל כך להורג, אלא הכניסוני לתוך באר שהמים הגיעו בה עד לצווארי. במצב זה שהיתי יומיים. לאחר יומיים הוצאתי מהבאר וקיבלתי מכה חזקה בראשי, שעד היום אני עוד סובל ממנה.

סיפרו לי שבפלאשוב מת אחי מרעב ומעבודה קשה — ששה ימים לפני השחרור. בשנת 1945 שוחררתי על־ידי האמריקאים, ואני היחיד מכל משפחתי שנשארתי בחיים.

ממחנה הריכוז נשלחתי לאיטליה, ומאיטליה הפלגתי לקפריסין עם עליה ב׳. שם שהיתי כעשרים חודש, ועם קום המדינה עליתי ארצה. כעת אני גר במושב סתריה, על־יד רחובות.

אליעזר טעקעל

מיט פינטשעווער יידן אין די לאַגערן

ווערנדיק געשלעפּט דורך די דייטשן פון לאַגער אין לאַגער, ווו איך בין פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין זייערס אַן אַרבעט־חיה, האָב איך געהאַט מאָמענטן פון פרייד — אויב דאָס איז מעגלעך אין אַזעלכע אוממענטשלעכע באַדינגונגען — ווען איך האָב אַמאָל געטראָפן אַ באַקאַנטן, אַן אַח־לצרה פון אונדזער שטעטל פינטשעוו. און איך האָב אַזעלכע געטראָפן, כאָטש נישט קיין סך. אָבער ווען מ׳האָט יאָ געטראָפן אַן אייגענעם, האָט מען זיך כאָטש געקאָנט צוזאַמען אויסוויינען, באַקלאָגן דעם ביטערן גורל און אַמאָל זיך דערוויסן וועגן גורל פון נאָך אייגענע פונעם שטעטל.

אין טשענסטאָכאָוו, ווו איך האָב געאַרבעט אין אַן אַמוניציע־פאַבריק, האָב איך אין לאַגער, ווו מיר האָבן „געוווינט״ נאָך דער אַרבעט, געטראָפן דעם איידעם פון משה זייד פון פינטשעוו, פינקעלשטיין, וועלכער האָט געוווינט אויף דער קלאָש־טאָרנע גאַס.

דערזעענדיק אים האָב איך זיך זייער דערפרייט. איך האָב אים גוט געקענט,

ווייל מיט זיינעם אַ זון בין איך געגאַנגען צוזאַמען אין דער פאָלקס־שול. כ׳האָב זיך, פאַרשטענדלעך, דאָס ערשטע געפרעגט אויף מיין חבר, זיין זון. דער פאָטער איז אויסגעבראָכן אין אַ געוויין — פונקט מיט אַ טאָג פריער האָט מען אים געהאַט אָפּגע־טיילט פון זון, יענעם צוגענומען און אַוועקגעפירט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. די גאַנצע צייט ביז דעמלט האָבן זיך טאַטע און זון באַוויזן צו האַלטן צוזאַמען.

✶

אין בוכענוואַלד האָב איך געטראָפן שלמה ווייספעלד פון פינטשעוו. דער צוזאַ־מענטרעף איז געווען אַ צופעליקער. נישט לייכט איז געווען צו טרעפן אַ באַקאַנטן, אַפילו ווען מען האָט געוווּסט, אַז יענער געפינט זיך אין לאַגער, צווישן די טויזנטער אַרבעט־שקלאַפן. מען האָט אַרויסגעפירט פאַרטאָג צו דער אַרבעט, צוריקגעבראַכט שפּעט אין אָוונט גלייך אין באַראַק אַריין, ווו מען האָט זיך אַ פאַרמאַטערטער גע־וואָרפן אויף דער פּריטשע. קיין יום־טובים, קיין פרייע טעג זענען נישט געווען. מען האָט מערסטנס געזען בלויז די, וואָס האָבן זיך געפונען אין זעלבן באַראַק. איינמאָל גייענדיק פון דער אַרבעט, איז מיר שלמה ווייספעלד אָנגעקומען אַנטקעגן, טראָגנדיק אַ קעסל אויף עסן. כ׳האָב אים קוים דערקענט — אַזוי אויסגעמאָגערט און פאַרענ־דערט איז ער געווען, ער האָט פּשוט נישט געהאַט קיין צורה פון אַ מענטש...

שלמה ווייספעלד האָט זיך געראַטעוועט און לעבט היינט אין ישראל, אין קרית־אונו.

✶

מערערע פינטשעווער יידן האָב איך געטראָפן אינעם קיעלצער לאַגער. איך, ווי אַלע יידן פון לאַגער, האָב געאַרבעט אין אַן אַמוניציע־פאַבריק. מיר האָבן געאַרבעט צוועלף שעה אַ טאָג און אָפט — נאָך צוגאָב־אַרבעטן ביי טראַנספּאָרט, ביים אויס־לאָדן, אָדער אָנלאָדן באַן־וואַגאָנען. געאַרבעט זיבן טעג אין וואָך, אַמאָל, כאָטש זעלטן, עטלעכע שעה ווייניקער אום זונטיק. דער לאַגער איז באַשטאַנען פון באַראַקן, אַרומגערינגלטע מיט הויכע פאַרצוימונגען. אין לאַגער זענען אויך געווען פרויען; זיי האָבן געלעבט אין באַזונדערע באַראַקן, אָבער נישט אָפּגעגרענעצט פון די מענער־באַראַקן.

דאָ געדענק איך די פינטשעווער, וואָס איך האָב געטראָפן:

לייזער גראָס, אַ יינגל אין מיין עלטער (ער איז דעמלט אַלט געווען אַ יאָר 18), זון פון אַן אויבסט־הענדלער, געוווינט אין אַ געסל נעבן קלאַשטאָרנע גאַס. איך האָב אים, נאָך דער מלחמה, געטראָפן אין דייטשלאַנד; לעבט איצט וואַרשיינלעך אין אַמעריקע.

מלך מענטליק, נאָך געווען כמעט אַ קינד, אין עלטער פון 12־13 יאָר. זיין פאָטער איז געווען אַ סוחר, וואָס פלעגט ברענגען סחורה פון וואַרשע. זיי זענען געווען אונדזערע שכנים אין פינטשעוו, געוווינט אין דריטן הויז פון אונדז. געגוי, וואָס מיט אים איז שפּעטער געשען, ווייס איך נישט, נאָר מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז ער איז אומגעקומען אין בוכענוואַלד, ווּהין מען האָט אים שפּעטער אַריבערגעפירט.

משה סקורעצקי, אַ יינגל אין מיין עלטער, וועלכער האָט געלערנט צוזאַמען מיט מיר אין איין חדר. זיין טאַטע איז געווען אַ שטובן־מאָלער, געוווינט אויף קלאַשטאָרנע גאַס. פון קיעלץ האָט מען אים פאַרשיקט אין לאַגער פון פּיאַנקי, נעבן ראַדאָם. מער האָב איך וועגן אים נישט געהערט.

אינעם פרויען־לאַגער אין קיעלץ האָבן זיך דעמאָלט געפונען די פּינטשעווער פרויען:

די שוועסטערס טישגאַרטען (ביידע לעבן איצט אין די פאַרייניקטע שטאַטן).

בעלטשע גאָלד, מרדכיס טאָכטער (אויך זי האָט זיך געראַטעוועט און לעבט איצט אין די פאַרייניקטע שטאַטן).

שבע (שיווע) פּרייס, אַ שוועסטער פון שלמה שיינער. אויך איר מאַן איז געווען אין קיעלצער לאַגער. זיי האָבן זיך געראַטעוועט. זי איז געשטאָרבן אין חיפה, אין יאָר 1966.

מאַטע מלינאַרסקי, אַ פרוי פון פּינטשעוו. זיי זענען געווען צוויי שוועסטערס, מיידלעך, געהאַט אין מאַרק אַ ביידל, ווו זיי האָבן פאַרקויפט וועש. זי איז אויך פאַרשיקט געוואָרן אין לאַגער פון פּיאַנקי און מער קיין ידיעות פון איר האָב איך נישט געהאַט.

יום־כיפור אין לאַגער

עס דערמאָנט זיך מיר דער יום־כיפור אין קיעלצער לאַגער. ערב יום־כיפור דעם גאַנצן טאָג האָבן מיר אַלע געפילט די גרויסקייט פונעם יום־הדין און זיך צו אים געגרייט. צו כל־נדרי האָבן מיר, אַ גרעסערע גרופּע, זיך פאַרזאַמלט אין אַ צימער פון איין באַראַק, פאַרן גיין צו דער נאַכט־שיכט, און געזאָגט כל־נדרי. קיין טליתים זענען, פאַרשטייט זיך, נישט געווען, בלויז עטלעכע באַהאַלטענע סידורים האָבן מיר געהאַט. געדאַוונט האָט מען זייער שטיל, כאָטש עס האָט זיך אַזוי געוואָלט שרייען און וויינען... אָבער די טרערן האָט מען געמוזט פאַרגיסן אין דער שטיל, נישט חלילה אויפן קול וויינען, ווייל דער שונא האָט געלויערט.

אַ גרויסער טייל פון אונדז האָט געפאַסט, און איך בתוכם. איך האָב דעמלט געאַרבעט אין דער נאַכט־שיכט, פון 7 אַזייגער אָוונט ביז 7 אינדערפרי. איך האָב גע־

אַרבעט אין אַן אָפּטיילונג, וואָס האָט אויסגעאַרבעט קוילן „קאַליבער 4 ס״מ״, באַ־שטימט פאַר שיף־האַרמאַטן צו באַשיסן אַעראָפּלאַנען. ווען מיר זענען אַריינגעקומען אין פאַבריק, האָבן מיר אָנגעצונדן די ליכטער, באַלויכטן אפשר שטאַרקער ווי שטענ־דיק, אָבער נישט געקאָנט צוגיין צו די מאַשינען, כדי אָנצוהויבן אַרבעטן. די פּיס און די הענט האָבן עפּעס נישט געפּאָלגט... די עטלעכע פּאַליאַקן, וואָס האָבן געאַרבעט מיט אונדז צוזאַמען האָבן זיך געפרעגט, וואָס מיט אונדז איז. אויך זיי האָבן מיר נישט געטאָרט דערציילן דעם אמת... און זיך סוף־כל־סוף געמוזט נעמען צו דער אַרבעט, ווייל באַלד האָבן געדאַרפט אָנקומען די דייטשע אויפזעערס.

די אַרבעט איז נישט געגאַנגען. נאָך האַלבער נאַכט האָב איך זיך געוואַנדן צום מייסטער פון דער אָפּטיילונג, ער זאָל אונדז באַפרייען, ווייל מיר האָבן שוין געמאַכט די נאָרמע, וואָס איז געווען, פאַרשטייט זיך, ווייט פון אמת. דער מייסטער, אַ פּוילי־שער פאָלקס־דייטש, האָט אונדז מאָדנע אָנגעקוקט — אפשר האָט ער געוווּסט דעם אמת ? — און אונדז אַרום 3 אַזייגער פאַרטאָג באַפרייט פון דער אַרבעט. מיר זענען אַוועק אין באַראַק אַריין, גליקלעך, וואָס מיר וועלן זיך קאָנען אויסרוען אַ פּאָר שעה, דערנאָך דאַווענען און דאַן קאָנען פאַרזעצן דעם תענית אַ גאַנצן טאָג אומגעשטערט אויף דער פּריטשע. ליידער איז פאָרגעקומען אַנדערש. אינדערפרי איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט מאַטעריאַל פאַר דער פאַבריק. אַרום אַזייגער 7, ווען מיר האָבן זיך גע־שטעלט דאַווענען, האָט מען אונדז אַלע גענומען צו דער באַן־סטאַציע, אָפּצולאָדן די אָנגעקומענע וואַגאָנען מיט מאַטעריאַל. מיר האָבן שווער געהאָרעוועט ביז שפּעט נאָכמיטאָג, געפאַסט. אַפילו דער, וואָס האָט געוואָלט איבעררייסן דעם תענית, האָט נישט געקאָנט עס טאָן, ווייל ס׳איז נישט געווען, וועך ס׳זאָל ברענגען עפּעס עסן... צו נעילה זענען מיר צוריקגעקומען אין די באַראַקן, כדי באַלד אַוועקגעטריבן צו ווערן אויף אַ גאַנצער נאַכט אַרבעט.

מיר האָבן זיך שטום אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן, מיט טרערן אין די אויגן און אונדזערע בליקן האָבן געפרעגט : צי זענען מיר אַזעלכע זינדיקע, צי האָבן מיר געטאָן אַזש אַזעלכע פאַרברעכנס, אַז מען לאָזט אונדז נישט תשובה טאָן אַפילו ?...

אליעזר טעקעל

אין שפּיטאָל און סאַנאַטאָריע

ווען איך בין, אין 1945, באַפרייט געוואָרן אין טערעזיענשטאַט, בין איך געווען שטאַרק קראַנק און מען האָט מיך גענומען אין אַ רוסישן שפּיטאָל אַריין. דאָס איז געווען אַ שפּיטאָל פון דער רויטער אַרמיי, ווו איך בין אַ צייט געלעגן אָן באַוווסטזיין. אין מאָמענט, ווען איך בין געקומען צום באַוווסטזיין, האָב איך דערזען שטיין צווישן מיין בעט און דער שכנותדיקער אַ מענטש מיט אַ באַקאַנט פּנים — עס האָט זיך איבער מיין לייב צעגאָסן אַ וואַרעמקייט : דאָס איז געווען אַ פּינטשעווער ייד... ער איז געשטאַנען נעבן זיין ברודער, וואָס איז געלעגן אין דערנעבנדיקן בעט — חיימל, דער זון פון מענדל טאַנדעט־שניידער, וואָס האָט געוווינט אין מאַרק, אין פּינטשעוו. דער עלטערער ברודער האָט אים געבראַכט עסן פּונקט אין מינוט, ווען איך האָב געעפנט די אויגן און געקומען צום באַוווסטזיין. איך האָב אים דערקענט, אויך ער מיך, אָבער רעדן צו אים האָב איך נישט געקאָנט, די שטימע האָב איך נאָך נישט געהאַט צוריק־באַקומען... ווען כ׳האָב צוריק אָנגעהויבן רעדן, איז שוין חיימל נישט געווען אין שפּיטאָל.

נעבן מיר איז דאַן געלעגן אַ בחור פון פּראַשעוויץ, מיטן נאָמען פּערענס. מיר האָבן זיך שנעל באַפריינדעט. ער איז אַרויס פון שפּיטאָל פאַר מיר און אָנגעקומען אין אַ סאַנאַטאָריע פון טשעכן, אין זעלבן טערעזיענשטאַט. ער פלעגט מיך אָפט באַזוכן אין שפּיטאָל, געבראַכט עסן און ידיעות פון דער ברייטער פרייער וועלט. ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אַלע קראַנקע יונגע מענטשן, וואָס ווערן געזונט אין סאָוויעטישן שפּיטאָל, ווערן אָפּגעשיקט אויף אַרבעט קיין רוסלאַנד, און ער האָט מיר געראַטן וואָס פריער, נאָך קראַנקערהייט צו פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל און אַזוי אַרום אויסמיידן די פאַרשיקונג קיין ראַטנפאַרבאַנד. ער האָט מיך צוגערעדט צו קו־מען מיט די לעצטע כוחות אין דער טשעכישער סאַנאַטאָריע, כדי זיך צו דערהאַלטן און קאָנען פאָרן ווייטער, ווו איך וועל וועלן.

אין שפּיטאָל האָט געאַרבעט אַ יונגע סאָוויעטיש־יידישע דאָקטאָרין. דאָס איז געווען אַ הויכע שיינע פרוי, וועלכע האָט גערעדט יידיש. זי איז געווען געקליידט אין אַ מיליטערישן מונדיר, מיט אָפּיצירן־עפּאָלעטן און אַ רעוואָלווער ביי דער זייט.

נאָך מיינע גיהנום־איבערלעבונגען ביי די נאַציס, איז דאָס בילד פון דער דאָזיקער שטאָלצער יידישער פרוי, מיט געווער, געווען ווי אַ באַלזאַם און טרייסט. בפרט, אַז זי האָט זיך באַמיט אין מיר צו וועקן האָפענונג, גלויבן און זיכערקייט אין אַ בעסערן מאָרגן. איר באַציאונג צו די קראַנקע איז געווען אַ טיף־מענטשלעכע און אמת־רירנ־דיקע. ווען כ׳האָב גענומען אַראָפּגיין פון בעט און געקאָנט זיך באַוועגן אויף קוליעס, האָב איך זי געבעטן מיך צו באַפרייען פון שפּיטאָל. זי האָט מיך אָפּגערעדט, אָבער ווען כ׳האָב איר געזאָגט, אַז איך האָב אַ האָפענונג צו געפינען מיין פאַמיליע, האָט זי מיך באַפרייט.


ביים אַרויסגיין פון שפּיטאָל האָט מען מיר צוגענומען די קוליעס און אויף זייער אָרט מיר געגעבן אַ פשוטן צווייג פון אַ בוים, איך זאָל זיך אויף אים אָנשפּאַרן. מיין גאַנצע קליידונג איז באַשטאַנען פון אַ קורץ העמדל. מיט מאַטערניש האָב איך גענו־מען הינקען אין דער ריכטונג פון דער סאַנאַטאָריע, אַ קליינער וועג, אָבער ער האָט ביי מיר געדויערט שעהן. אין סאַנאַטאָריע האָט שוין אויף מיר געוואַרט מיין חבר פערענס, נישט וויסנדיק ווען איך דאַרף קומען. דאָרט בין איך טאַקע אין משך פון אַ גאַר קורצער צייט געקומען צו זיך, אינגאַנצן געזונט געוואָרן און גענומען קלערן וועגן מיין ווייטערדיקן וועג אין לעבן.

מיין חבר פערענס האָט באַוויזן אָנצוקומען קיין ארץ־ישראל מיט דער אומלע־גאַלער עליה, נאָך פאַרן סוף פון מאַנדאַט. ער איז העלדיש אומגעקומען אין דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה פון ישראל, אין 1948.

שיינדל זייד (קאָזע)

איך בין געקומען צו דער שריפה

ווען די בעסטיאַלישע נאַצישע הענקער האָבן אינוואַדירט פּוילן, אין 1939, האָב איך געוווינט אין בענדין. גלייך ווי עס האָבן זיך אָנגעהויבן די דייטשע באָמבאַרדי־רונגען, האָבן יידן אָנגעהויבן וואַנדערן, פרווונדיק זוכן אַ זיכער ווינקל, ווייל מיר האָבן אַלע געוווסט, וואָס עס דערוואַרט אונדז ביי די נאַציס.



שיינדל זייד

איך בין גלייך געפאָרן אַהיים צו מיינע עלטערן קיין פינטשעוו. איך האָב געפירט מיט זיך אַ קינד פון דריי יאָר און האָב געשוואנגערט מיטן צווייטן קינד. אָבער גלייך האָב איך זיך איבערצייגט, אַז אויך אין פינטשעוו זענען מיר נישט זיכער מיטן לעבן. איך בין אָנגעקומען אין שטעטל כמעט גלייכצייטיק מיטן בלוטדורשטיקן שונא. איך האָב דעריבער צוגעזען, ווי דאָס שטעטל איז אונטערגעצונדן געוואָרן און אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט פלאַמען. גלייך האָט מען גענומען באַוויינען די קרבנות — צענדליקער, צי הונדערטער, אומשולדיקע יידן זענען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. דערנאָך האָט מען אונדז פאַרשפאַרט אין דער קירכע און געהאַלטן אָן עסן און אָן טרינקען. מיר האָבן געמיינט, אַז מיר דאַרפן שוין זאָגן דעם לעצטן „שמע ישראל". אָבער דאָס מאָל האָט מען אונדז נאָך באַפרייט.

איך האָב אָבער נישט געהאַט מער וואָס צו פאַרבלייבן אין פינטשעוו — מיר האָבן דאָרט מער נישט געהאַט קיין היים. איך האָב באַשלאָסן גלייך צוריקצופאָרן קיין בענדין. די באַנען זענען נישט געגאַנגען, ווייל די וואַגאָנען און לאָקאָמאָטיוון זענען צעשטערט געוואָרן דורך די באָמבאַרדירונגען. איך בין געפאָרן מיט אַ פערד־און־וואָגן. עס האָט שוין געבלאָזן אַ קאַלטער האַרבסט־ווינט און מיין קינד האָב איך איינגעהילט אין אַ זאַק, ווייל זיינע אַלע קליידער זענען פאַרברענט געוואָרן.

אין בענדין האָב איך געטראָפן מיין מאַן. דאָ זענען מיר באַלד, צוזאַמען מיט אַלע יידן, איינגעשלאָסן געוואָרן אין אַ געטאָ. אין געטאָ האָב איך, דעם 28־טן נאָוועמבער 1939, געבוירן דאָס צווייטע קינד. צו עסן האָבן מיר באַקומען טעגלעך נאָר הונדערט גראַם ברויט, וואָס איז געווען מער ענלעך צו ליים ווי צו ברויט און כדי דאָס צו באַקומען האָט מען געמוזט שטיין 3־4 שעה אין דער ריי.

כדי צו שפייזן מיינע קינדער, האָב איך ריזיקירט מיטן לעבן און זיך אַרויסגעגנבעט פון געטאָ, כדי צו פאַרקויפן די פּאָליאַקן זאַכן, וואָס מיר האָבן נאָך געהאַט און פאַר דעם קויפן עסנוואַרג.

אין יאָר 1942 האָט מיך אַן עס־עס־מאַן געכאַפּט אויסערן געטאָ מיט אַ פּאָר קילאָ גרויפּן. עס איז נאָך געשען אַ נס, וואָס ער האָט מיך נישט דערשאָסן אויפן אָרט. ער האָט מיך אַרעסטירט. מען האָט מיך מערדערלעך געפּייניקט און פאַרשיקט אין אַ לאַגער אין דייטשלאַנד, ווו איך בין, אויך דורך נסים, געבליבן לעבן און דעם 1־טן מאַי 1945 באַפרייט געוואָרן דורך די רוסן.

איך בין צוריקגעפאָרן קיין פּוילן, אָבער קיינעם פון מיינע נאָענטסטע און טייערסטע נישט געטראָפן קיין לעבעדיקע.

דוד גאָלד (טאָראָנטאָ, קאַנאַדע)

גורל פון אַ יידישער משפחה

מיין טאַטע, לייב גאָלד, געבוירן אין פינטשעוו, און מיין מוטער חנה (פון דער היים פינער, פון ווישליצע), האָבן חתונה געהאַט אין יאָר 1917, אין פינטשעוו. זייער פּרנסה האָבן מיינע עלטערן אָנגעהויבן ציען פון אַ קליין שפּייז־געוועלבל. אָבער נאָך יאָרן שווערער און ענערגישער ארבעט, זענען זיי צוגעקומען צו אַ הורט־געשעפט פון שפּייז־פּראָדוקטן. אין יאָר 1928 האָבן זיי שוין געהאַט אויך אַ הורט־געשעפט פון פּאַפּיראָסן און טאַבאַק.



דוד גאָלד — דער שרייבער פון די שורות — פאָטאָגראַפירט מיט אַ מגן־דוד אויף דער האַנט בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע אין פינטשעוו.

מיינע עלטערן האָבן געהאַט דריי קינדער. איך בין געווען זייער איינציקער זון און האָב געהאַט צוויי שוועסטער. מיר זענען דערצויגן געוואָרן אין רעליגיעזן גייסט. מיינע שוועסטער האָבן געלערנט אין דער רעליגיעזער „בית־יעקב״־שול און איך בין, ווי דער רוב יידישע יינגלעך, געגאַנגען אין חדר אַריין, ווו איך האָב באַקומען מיין ערשטע דערציאונג.

מיין פאָטער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיטן האַנדל אַליין — „לא על הלחם לבדו יחיה האדם״, פלעגט ער אָפט איבערחזרן. ער איז מיט דער צייט געוואָרן אַן אָנגעזעענער בעל־הבית אין שטאָט און אַ כלל־טוער. גלייכצייטיק איז ער געווען אַ בעל־תפילה, וועלכער האָט אָפט געדאַוונט פאַרן עמוד. ער איז געווען אַ טיף־איבערצייגטער ציוניסט און גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער ציוניסטישער טעטיקייט. ער האָט זיך מיט אַ ברייטער האַנט באַשטייערט פאַר די ציוניסטישע קרנות און גלייכצייטיק נישט פאַרגעסן אין די „עניי עירך״, וועלכע ער האָט גע־שטיצט ווי ווייט ער האָט נאָר געקאָנט.

מיין פאָטער איז אויך געווען געשעצט דורך דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, סיי אַלס ערלעכער סוחר, סיי אַלס איבערגעגעבענער שליח־ציבור. ווען ער איז אויס־געוויילט געוואָרן ווי אַ יידישער פאָרשטייער אין שטאָט־ראַט, האָט ער באַקומען די אָנערקענונג אויך פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג.

מיר האָבן געפירט אַ רואיק און גליקלעך לעבן ביז די דייטשן זענען באַפאַלן פוילן, אין 1939. ווען די נאַציס האָבן פאַרברענט פינטשעוו, גלייך נאָך דער אָקו־פאַציע, זענען אויך מיר געווען צווישן די נשרפים — מיר זענען געבליבן אָן גאָר־נישט. ווען דאָס לעבן אין שטעטל האָט זיך אַביסל צוריק איינגעשטעלט, אונטער דער בלוטיקער מאַכט פון די נאַצי־באַנדיטן, האָט מיין טאַטע געמוזט אָנהויבן אַלץ פונדאָסניי, נישט האָבנדיק פּשוט קיין מיטלען צו לעבן פאַר דער משפחה. אַדאַנק זיין גוטן נאָמען צווישן דער גאַנצער באַפעלקערונג, האָט זיך מיין פאָטער איינגעגעבן צוריק אויפצובויען זיין געשעפט, אָבער אונטער דער אויפזיכט און פאַרוואַלטונג פון אַ פוילישן קאָמיסאַר, מיטן נאָמען אַנדזשייטשיק, וועלכער איז באַשטימט גע־וואָרן דורך דער דייטשער מאַכט.

ביזן 4־טן אָקטאָבער 1942 איז נאָך דאָס לעבן אין שטעטל ווי עס איז געגאַנגען. אונדזער משפחה איז געווען צוזאַמען און מיר האָבן, טראָץ די גזירות און דערנידע־ריקונגען, פאַרגעזעצט אונדזער קיום, האָפנדיק אויף אַ סוף פון בלוטדורשטיקן שו־נא. אָבער אָט איז געקומען דער טאָג פון שמחת־תורה אין 1942 און אַלץ האָט זיך מיטאַמאָל טראַגיש געענדיקט. ווען מען האָט יענעם טאָג גענומען כאַפּן די יידן צו דער „אויסזידלונג״, האָט זיך מיין טאַטע, צו אונדזער ווייטיק, נישט באַוויזן צו ראַטעווען. ער איז, צוזאַמען מיט זיין שוועסטער און אירע אַכט קינדער „אויסגע־זידלט געוואָרן״. ווי לאַנדסלייט האָבן מיר שפּעטער איבערגעגעבן, איז ער אָפּגע־שיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע, וווּ ער איז אומגעקומען. מער האָבן מיר פון אים נישט געהערט.

ווען די „גרויסע אַקציע״ האָט זיך אָנגעהויבן, איז צו אונדז געקומען דער גע־

וועזענער אַדיוטאַנט פון פּאָליציי־קאָמענדאַנט, מאַריאַן ווילטשינסקי און אים האָט זיך איינגעגעבן צו ראַטעווען מיין מוטער, מיינע צוויי שוועסטער און מיך, ווי אויך די פאַמיליע ראַפּאָפּאָרט. ווילטשינסקי האָט אונדז אַוועקגעפירט צו זיך אַהיים, ווו ער האָט אונדז געהאַלטן באַהאַלטן צוויי טעג, ביז די דייטשע זוכונגען נאָך באַהאַלטענע יידן האָבן זיך אַביסל אָפּגעשטעלט. ער האָט אונדז דאַן אַוועקגעפירט קיין סאָבאָוויצע, ווו מיין פאָטער האָט נאָך פריער געהאַט צוגעגרייט פאַר אונדז אַ באַהעלטעניש ביי אַ פּוילישן פּויער מיטן נאָמען פּאָלאַרסקי, וועלכער האָט דערפאַר באַקומען פאָרויס גוט באַצאָלט. אָבער מיר זענען דאָרט נישט פאַרבליבן אַפילו קיין גאַנצע צוויי טעג. אונדזער „רעטער און גאַסטגעבער“, מיט זיין פאַמיליע, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר געוויינלעכע באַנדיטן. זיי האָבן אונדז באַראַבעוועט, צוגענומען אַלץ, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט ביי זיך און גענומען גיין צו די דייטשן כדי אונדז אַרויסצוגעבן. מיר האָבן אָבער צו דער צייט דערשפּירט זייערע פּלענער און עס האָט זיך אונדז איינגעגעבן צו אַנטלויפן. די דאָזיקע פּויערים האָבן אונדז נאָכגעיאָגט, זייענדיק גרייט אונדז צו דערמאָרדן; זיי האָבן אונדז נישט געכאַפּט און מיר זענען אַריין אין נאָענטן וואַלד. מיר האָבן שוין דעמלט געוווּסט, אַז אַביסל יידן, פון פּינטשעוו און פון דער געגנט, האַלט זיך נאָך אויף אין דזיאַלאָשיץ. מיר האָבן באַשלאָסן אויך אַהין זיך אַריינצובאַקומען, ווייל קיין אַנדער באַהעלטעניש האָבן מיר נישט געהאַט. אָבער דער וועג איז נישט געווען אַזאַ לייכטער. מיר האָבן מורא געהאַט נישט געכאַפּט צו ווערן אויפן וועג דורך דייטשן, אָדער פּוילישע דינער פון די דייטשן. עס דערמאָנט זיך מיר, ווי מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען סאַרני. מיר האָבן ביי די פּאָליאַקן דאָרט געבעטן אַביסל וואַסער, ווייל מיר זענען שוין געווען פאַרחלשט פון הונגער און דורשט. אָבער אָנשטאָט וואַסער, האָט מען אונדז באַוואָרפן מיט שטיינער און אָנגערייצט אויף אונדז הינט.

סוף־כל־סוף זענען מיר אָנגעקומען קיין דזיאַלאָשיץ. דאָ האָט מען מיך געצוווּנגען צו אַרבעטן אין אַן אַרבעט־לאַגער, אונטער דער אויפזיכט פון פּאָליאַקן, וועלכע זענען שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט שטעקנס אין די הענט און געשלאָגן די יידן. אויך איך האָב נישט אויסגעמיטן די קלעפּ, וועלכע זענען געפאַלן אויף מיינע פּלייצעס אָן שום סיבות. איין פּוילישער אויפזעער האָט אַפילו איינמאָל צעבראָכן אויף מיינע פּלייצעס זיין שטעקן.

אַ געוויסן טאָג האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז עס דערנענטערט זיך ווידער אַן „אויסזידלונג“. אַלע האָבן גענומען זוכן וועגן ווי זיך צו ראַטעווען. איינע אַ פרוילעווקאָוויטש, האָט אונדז פאָרגעלייגט, צוזאַמען מיט איר און איר מאַן, זיך אויסצובאַהאַלטן ביי אירע באַקאַנטע פּאָליאַקן אין דאָרף קאַלקאָוו. מיר זענען, פאַרשטייט

זיך, איינגעגאַנגען, און גלייך זענען מיר אַלע אַוועק קיין קאַלקאָוו. מיר האָבן אָבער גלייך דערקענט, אַז די דאָזיקע „גוטהאַרציקע" פּאָליאַקן זענען נישט בעסער ווי אונדזערע פריערדיקע „רעטער" אין סאָבאָוויצע — אויך זיי האָבן געוואָלט נישט עפּעס אַנדערש, ווי אונדז באַרויבן און דאַן איבערגעבן אין די הענט פון דער געשטאַ־פּאָ. עס האָט אונדז ווידער אָפּגעגליקט, מיר האָבן דערפילט זייערע פּלענער און דעם זעלבן אָוונט, וואָס מיר זענען אַהין אָנגעקומען, זענען מיר פון דאָרט אַנטלאָפן, אונטער דער שוץ פון דער פינצטערניש.

און דאָך האָבן מיר געפונען אַ פּויער, וועלכער האָט אונדז געראַטעוועט. דאָס איז געווען דער פּויער סטראָנטשיק, אין זעלבן דאָרף. ער האָט אונדז באַהאַלטן אין אַ בונקער אין זיין סטאָדאָלע, ווו ער האָט אונדז געהאַלטן פון יאַנואַר 1943 ביז יאַנואַר 1945.

דער בונקער איז געווען גענוג גרויס פאַר אונדז אַלע זעקס, אויף צו ליגן איי־נער נעבן צווייטן. אויפשטעלן האָבן מיר זיך אין אים נישט געקאָנט, ווייל ער איז נישט געווען טיפער פון בערך 90 סענטימעטער. אין בונקער איז געווען שטענדיק פינצטער. מיר האָבן געהאַט ביי זיך אַן עמער פון וואַסער, וועלכן מיר האָבן באַ־נוצט אַלס קלאָזעט... וועגן וואַשן זיך, איבערטאָן קליידער, איז קיין רייד נישט געווען. גאַנצע צוויי יאָר זענען מיר געווען אין די זעלבע קליידער, נישט־געוואַשן, וועלכע זענען מיט דער צייט געוואָרן פּשוטע שמאַטעס, מיט וועלכע מיר האָבן צוגעדעקט אונדזערע לייבער. מיט די זעלבע שמאַטעס האָבן מיר געלעבט אין די זומערדיקע היצן, ווען מ'האָט אין בונקער כמעט נישט געקאָנט אָטעמען, און אין די פּוילישע פרעסט ווינטער, ווען מיר זענען שיעור דערפרוירן געוואָרן. היינט זעט מיר אויס ווי אומגלויבלעך, אַז מיר האָבן אין די באַדינגונגען איבערגעלעבט, אין שמוץ, היצן און אין קעלטן, גאַנצע צוויי יאָר. און דערביי האָבן מיר אויך געליטן הונגער. כל־זמן מיר האָבן געהאַט געלט, האָט דער פּויער אונדז באַזאָרגט מיט עסן. אָבער אונדזער געלט איז שנעל אויסגעגאַנגען. מיר האָבן דאַן פּשוט גענומען הונגערן. גע־ווען אַ צייט, ווען מיר האָבן אין משך פון זעקס וואָכן נישט באַקומען קיין שטיקל ברויט. מיר האָבן ביינאַכט אין דער פינצטער, גענומען פאַרלאָזן אונדזער בונקער און גנבענען אויף די נאָענטע פעלדער און אין די גערטנער אַביסל גרינצייג, פּרוכט, קאַרטאָפל — וואָס מיר האָבן געגעסן רויערהייט. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט אָפּ־שיילן תבואה־קערנער און זיי עסן דערנאָך אויך רויערהייט, פאַרשטייט זיך. תבואה האָבן מיר געריסן ביינאַכט אויף די פעלדער. יעדער פון אונדז האָט באַוויזן דורכן טאָג אָפּצורייניקן אַביסל קערנער און מיט דעם האָבן מיר זיך ווי־עס־איז גע־שפּייזט און נישט געשטאָרבן פון הונגער.

אָבער נאָך שרעקלעכער איז, דוכט מיר, געווען די כסדרדיקע שרעק אַנטדעקט צו ווערן. די געשטאַפּאָ־רוצחים האָבן אומאויפהערלעך און אומעטום געזוכט יידן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס. זיי זענען אויך נישט איינמאָל געקומען זוכן ביי סטראַנ־טשיקן. איך מוז זאָגן, אַז דער דאָזיקער פויער האָט זיך נישט איינגעבראָכן און אונדז ווייטער געלאָזט ביי אים אין בונקער, כאָטש ער האָט מיט דעם איינגעשטעלט זיין אייגן לעבן. איינמאָל זענען די נאַצישע היצלעס געווען אין דער סטאָדאָלע, ווו מיר זענען געווען באַהאַלטן. מיר האָבן געפילט זייערע טריט איבער אונדזערע קעפּ... און ס׳איז ווידער געשען אַ נס — זיי האָבן אונדז נישט אַנטפּלעקט. נישט ווייניקער געפערלעך, און אפשר נאָך מער, זענען געווען פאַר אונדז די באַנדיטן פון דער אַזוי־גערופענער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״ (א. ק.). די א. ק. האָט דורך אויפרופן, געפאָדערט ביי די פּאָליאַקן, אין נאָמען פון „פּוילישן פּאַטריאָטיזם״, אַרויסצוגעבן די איבערגע־בליבענע יידן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס, כדי „אויסצוריייניקן פּוילן פון אירע אייביקע שונאים״... פיל יידן זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין די דאָזיקע „פּאַטריאָטישע הענט״ און עפּנטלעך דערשאָסן געוואָרן. אונדזער רעטער פלעגט אונדז דערציילן וועגן אַזעלכע פאַקטן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער נאָענטער סביבה; מיר פלעגן זיך אַפילו אָפּט דערוויסן, ווער ס׳זענען געווען די דאָזיקע יידישע קרבנות. צווישן זיך האָבן מיר דערנאָך געפרעגט איינער דעם צווייטן — ווען וועט קומען אונדזער ריי ?...

טראָץ אַלעמען, אין אומגלויבלעכע באַדינגונגען, אין כסדרדיקער טויט־שרעק, זענען מיר דאָך געבליבן לעבן. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם מאָמענט, ווען מיר האָבן, פון אונדזער באַהעלטעניש דערזען, ווי די דייטשע אַרמיי ציט זיך צוריק איבערן שאָסיי, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען נישט ווייט פון דער סטאָדאָלע, ווו מיר זענען געווען אינעם בונקער. אָבער מיר האָבן זיך נאָך געפונען אויפן פראָנט גאַנצע זעקס חדשים, ווען איבערן דאָרף זענען אָן אויפהער געפלויגן קוילן.

ווען די רויטע אַרמיי איז אַריין אין דאָרף און מיר האָבן געקאָנט אַרויס פון אונדזער בונקער, האָבן מיר קוים געקאָנט זיך באַוועגן מיט אונדזערע פיס. מיר זענען אַלע זעקס געווען הויט און ביינער. אונדזער ערשטער וועג איז געווען — צוריק קיין פינטשעוו, מיינענדיק, אַז מיר וועלן נאָך דאָרט דאָך געפינען נאָענטע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די רוצחישע הענט. לאַנג פאַרבלייבן אין פינטשעוו האָבן מיר אָבער נישט געקאָנט. מיר האָבן אַפילו נישט געקאָנט צוריקקריגן וואָס עס איז פון אונדזערע פאַרמעגנס, כאָטש מיר האָבן געזען פּאָליאַקן, וועלכע האָבן געטראָגן אונדזערע בגדים... אין פּוילן האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטי־יידישע עקסצעסן, דאַן דער טרויעריק־באַרימטער פּאָגראָם אין קיעלץ און מיר זענען אַנטלאָפן פון אונדזער

שטעטל און פון פוילן בכלל. נאָך לענגערע וואַנדערונגען, האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן אינעם לאַגער פערנוואַלד, אין דייטשלאַנד. פון דאַנען זענען זיך אַלע צעפאָרן אין פאַרשידענע לענדער — ווער עס האָט געקאָנט קיין ארץ־ישראל, אַנדערע קיין קאַ־נאַדע, אָדער אין די פאַרייניקטע שטאַטן.

מיין משפחה האָט זיך, אַ שטיקל צייט שפּעטער, ווידער פאַרייניקט. אונדזער ליבע מוטער חנה, מיין שוועסטער שושנה בוראַקאָווסקי, און איך לעבן אין טאָ־ראָנטאָ, קאַנאַדע; מיין צווייטע שוועסטער, אסתר ביעל, לעבט אין ראָקפאָרד, פאַ־רייניקטע שטאַטן. מיר האָבן אויפגעבויט אונדזערע אייגענע היימען; ביי יעדן פון אונדז איז פאַראַן אַ קינד, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון אונדזער אומפאַרגעסלעכן פאָטער (לאורענס ביעל, אריאלה בוראַקאָווסקי און ארי גאָלד). מיר זענען דאַנקבאַר פאַר די נסים, וואָס זענען מיט אונדז געשען, אָבער דאָס איבערגעלעבטע וועלן מיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן און פון אונדזער זכרון וועט קיינמאָל נישט פאַרשווינדן דאָס בילד פון אונדזער אומגעבראַכטן פאָטער. מיר וועלן די שונאים און מערדער פון אונדזער פאָלק קיינמאָל נישט מוחל זיין.

אסתר־חנה גאָלדטאַר־פרימערמאַן (קאָלאָמביע)

אַ פינטשעווער פאַמיליע אין לאָדזשער געטאָ

מיין פאָטער האָט מען אין פינטשעוו גערופן פסח זיסמעס, מיין מוטער — פייגעלע שוואַרץ.ביידע האָבן זיי געשטאַמט פון באַלעבאַטישע משפחות אין פינטשעוו, ווו זיי זענען געבוירן געוואָרן, אויפגעוואַקסן און דאָרט אויך חתונה געהאַט. זיי האָבן געהאַט אַכט קינדער — אַלע זענען געבוירן געוואָרן און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין פינטשעוו. די קינדער האָבן געהייסן: אסתר־חנה, מאַכליע, מרדכי זיסמע,ביילע, שמואל־יאַנקל, עטקע, דוד און חיהלע.

די מאַטעריעלע לאַגע פון מיינע עלטערן איז אין פינטשעוו נישט געווען קיין גוטע. ווען די עלטערע קינדער זענען אונטערגעוואַקסן און געקאָנט נעמען אַרבעטן, פאַרדינען, כדי מיטצוהעלפן אין דער פרנסה, איז פאַר זיי אין פינטשעוו נישט געווען קיין באַשעפטיקונג — דאָס איז געווען לייכטער אין אַ גרויסער שטאָט. מיר האָבן זיך דעריבער אַריבערגעצויגן קיין לאָדזש, ווו עס איז לייכטער געווען, מיט געמיינזאַמער אָנשטרענגונג, צו שפּייזן אַ פאַמיליע פון צען פערזאָן.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, אין 1939, איז אונדזער משפחה, די עלטערן מיט אַלע אַכט קינדער, געווען אין לאָדזש. די אַרבעט האָט זיך גלייך אָפּגעשטעלט און מען האָט די ערשטע צייט געלעבט בלויז פון דעם, וואָס מען האָט געהאַט אויס־צופאַרקויפן פון שטוב. ווען עס איז אין לאָדזש געשאַפן געוואָרן דאָס יידישע געטאָ, מיט רומקאָווסקין אין דער שפּיץ, זענען געגרינדעט געוואָרן די אַזוי־גערופענע „רעסאָרטן", אַרבעט־פּלעצער פון פאַרשידענע פאַכן. מיין פאָטער מיט צוויי ברידער האָבן געאַרבעט אין שניידעריי־„רעסאָרט", אויף דער גאַס לאַגאָווניצקי 53. איך מיט מיין מוטער האָבן געאַרבעט אין שניידעריי־„רעסאָרט" אויף לאַגאָווניצקי 36. פאַר דער אַרבעט האָט מען באַקומען צוגעטיילט עסן, וואָס האָט נישט געסטייעט אויף צו זעטיקן דעם הונגער. מיין פאָטער האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם הונגער און איז גע־שטאָרבן, אין יאָר 1943.

מיין שוועסטער מאַכליע האָט חתונה געהאַט אין געטאָ, אין 1942. זי האָט גע־בוירן אַ זון גלייך נאָכן טויט פון מיין פאָטער און מען האָט דאָס קינד אַ נאָמען גע־געבן נאָך אים. אָבער אויך זי, מאַכליע, האָט לאַנג נישט אויסגעהאַלטן, אַ שטיקל צייט שפּעטער איז זי געשטאָרבן פון הונגער. בעת דער ערשטער גרויסער אויסזיד־לונג פון לאָדזשער געטאָ, איז שוין אונדזער פאַמיליע באַשטאַנען בלויז פון פיר פּער־זאָן: מיין מוטער, מיין שוועסטער עטקע, מיין יינגסט שוועסטערל חיהלע און איך. מיר האָבן אין דער ערשטער אויסזידלונג נישט געליטן, ווייל מיר האָבן אַלע גע־אַרבעט.

שפּעטער האָט מען מיך אַוועקגעשיקט קיין אוישוויץ און פון דאָרט, אויף אַר־בעט אין בערגען־בעלזען. פון מיין פאַמיליע האָב איך מער קיין שום ידיעה נישט געהאַט. אינעם לאַגער פון בערגען־בעלזען האָב איך אויסגעהאַלטן ביזן סוף פון דער מלחמה. גלייך נאָך דער מלחמה בין איך צוריקגעקומען קיין לאָדזש, געזוכט עמעצן פון מיין פאַמיליע, אָבער צו מיין ווייטיק, קיינעם נישט געפונען. נאָכן אַרומ־דרייען זיך אַ קורצע צייט אין לאָדזש, האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין פּינטשעוו, מיט דער האָפענונג דאָרט צו טרעפן עמעצן אַ לעבנגעבליבענעם פון מיין משפחה; אָבער גראָד איז אין זעלבן טאָג פאָרגעקומען דער פּאָגראָם אין קיעלץ און פאַר יידן איז געוואָרן געפערלעך צו פאָרן איבער פּוילן. איך בין געבליבן אין לאָדזש. דריי וואָכן האָב איך זיך אַרומגעדרייט עלנט, אַליין, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן. אָבער אָט איז געשען אַ נס — דאָס בילד איז שווער איבערצוגעבן: שטייענדיק איינמאָל אין דער יידישער גמינע אין לאָדזש, האָב איך צווישן די פאַרזאַמלטע יידן דערזען מיין שוועסטער עטקע... ס׳איז לייכט זיך פאָרצושטעלן אונדזער ביידנס געריךטקייט און געוויינען פון איינער אויפן האַלדז פון דער צווייטער...

די משפחה פון פסח פרימערמאַן



פון רעכטס: זיצן — עטל, פסח (דער פאָטער), דוד, פייגל (די מוטער), רחל; שטייען — יאַנקל, מאַכל,ביילע, אסתר־חנה און מרדכי. געבליבן לעבן זענען בלויז די צוויי טעכטער אסתר־חנה און עטל, אַלע איבעריקע — זענען אומגעבראַכט געוואָרן.





די לעבנגעבליבענע שוועסטערס:

אסתר־חנה גאָלדטאַר־פרימערמאַן

עטל וואָרטהאַלטער־פרימערמאַן

ערשט איצט בין איך געוויר געוואָרן וועגן גורל פון דער רעשט פאַמיליע. די מאַמע מיטביידע קינדער זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ. ווען מען האָט מיין יינגסט שוועסטערל, חיהלע, באַשטימט צו שיקן גלייך אין גאַז־קאַמער, האָט זיך די מוטער נישט געוואָלט מיט איר צעשיידן און זי איז צוזאַמען מיט איר גלייך אומגע־קומען אין קרעמאַטאָריע. עטקע אַליין האָט איבערגעלעבט אין אוישוויץ ביז דער באַפרייאונג.

מיר זענען שוין געווען זאַלבענאַנד. די איינזאַמקייט איז קלענער געוואָרן, אָבער זיך נישט געענדיקט. קיין נאָענטע, קיין פאַמיליע, האָבן מיר אין לאָדזש נישט גע־האַט. נאָך אַ קורצער צייט האָב איך זיך באַקענט מיט מיין מאַן און איך האָב חתונה געהאַט. מיר האָבן דאַן, אַלע דריי צוזאַמען, באַשלאָסן צו פאַרלאָזן פוילן, ווו מיר האָבן מער נישט געזען קיין צוקונפט פאַר אַ יידיש לעבן. אונדזער ערשטע סטאַציע איז געווען, ווי ביי דער מערהייט לעבנגעבליבענע פון פוילן, אין דייטשלאַנד. מיר האָבן געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל, אָבער דאָס איז פאַר אונדז געווען אוממעגלעך, צוליב די באַגרענעצונגען אויף עלייה פון דער ענגלישער מאַנדאַט־מאַכט. אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט אַ פעטער אין קאָלאָמביע, האָבן מיר באַשלאָסן צו פאָרן צו אים און מיר זענען, נאָך אַ קורצן אויפהאַלט אין פראַנקרייך, אָנגעקומען אין אונדזער ניי היימלאַנד, אין דרום־אַמעריקע, אין 1946.

דריי מאָל האָב איך שוין, מיט מיין מאַן, באַזוכט ישראל און מיר האָפן עולה צו זיין און פאַרבלייבן אין דער יידישער מדינה, ווייל נאָר דאָרט קאָן און וועט געדייען דאָס יידישע לעבן, וואָס היטלער האָט זיך פאַרמאָסטן אונטערצוברענגען.

פעסיע שוואַרץ־בעלפער (תל־אביב)

דער גורל פירט דעם מענטש

אין יאָר 1938 האָב איך באַזוכט מיין געבוירן־שטאָט פינטשעוו.

דורך די דריי יאָר זינט איך האָב געהאַט פאַרלאָזט פינטשעוו, האָט זיך דאָרט אַלץ געענדערט.



פעסיע שוואַרץ־בעלפער

ביי מיין נאָענטער פאַמיליע: צוויי שוועסטערס מיינע, חנה און מרים־לאה זענען געשטאָרבן; די צווייטע בעת מיין זיין צוגאַסט אין פינטשעוו. חנה האָט איבערגעלאָזט 2 טעכטער: רויזע און פראַדל. מרים־לאה האָט איבערגעלאָזט פינף קינדער: גאָלדע, משה, פישל, יהושע און שרה. דאָס אומגליק איז געווען זייער גרויס. דער פאָטער איז געווען אין אַמעריקע און די קינדער זענען געבליבן אַליין.

אין מיין משפחה זענען געווען זיבן שוועסטערס און ברידער.

אין יאָר 1939, צוויי וואָכן פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָב איך פאַרלאָזט מיין געבוירן־שטאָט, צוריקפאָרנדיק קיין ארץ־ישראל. דאָס איז געווען ממש אַ נס, וואָס איך האָב נאָך געקענט אַוועק מיט מיינע דריי ליבע טעכטער, שושנה, לאה און טויבע, צוריק צו מיין מאַן מרדכי שוואַרץ אין תל־אביב.

נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה איז איבערגעריסן געוואָרן יעדער קאָנטאַקט מיט מיין גאַנצער פאַמיליע, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט אין פוילן.

די עלטסטע שוועסטער מיינע, יענטל ז״ל, מיט איר מאַן און זיבן קינדער (6 זין און אַ טאָכטער), איין זון אַ שוין פאַרהייראַטער, גאָדל; קיינער איז פון זיי נישט געבליבן לעבן.

דער מאַן און צוויי קינדער פון דער צווייטער שוועסטער, חנה ז״ל, וועלכע איז געשטאָרבן אין 1937, זענען אויך אומגעקומען.

דער איינציקער פון דער פאַמיליע, וועלכער איז געבליבן לעבן, מיין ברודער לייבל בעלפער, האָט דורכגעמאַכט די שרעקלעכע פיינען פון קריג; ער איז געווען 36 חדשים אין אוישוויץ. ער האָט פאַרלוירן זיין פרוי און טאָכטער. איצט לעבט ער מיט זיין צווייטער פרוי, איין לעבן־געבליבענעם זון און דריי קינדער, אין קאַנאַדע.

מיין שוועסטער העניע, איר מאַן פישל און 3 קינדער: פראַדל, איטשע־וואָלף און רויזע; מיין שוועסטער פייגל, איר מאַן ישראל און פיר קינדער: רויזע, זיסל, פייוויש, שרגא; מיין יינגסטע שוועסטער, פערעלע, איר מאַן לייזער און זייער זון פייוויש־שרגא, — אַלע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך נאַציס און פאַליאַקן.



פערל בעלפער, נעבן דער מצבה פון איר שוועסטער חנה בערלאַנד, אויפן פלאַצקער בית־עלמין, מיט די יתומות פון חנהן, רייזעלע און פראַדל, — ביידע אומגע־בראַכט דורך די נאַציס.



פערעלע בעלפער,
איינע פון די זיבן קינדער אין דער מש־פּחה — זי איז אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט איר מאַן לייזער און זון פּייוויש.



העניע בעלפער־גאָלדשטיין,
פאָטאָגראַפירט אין 1919, אומגעקומען אין דער שואה, מיט איר מאַן און דריי קינדער.



פייגל בעלפער־פרידריך,
אומגעבראַכט צוזאַמען מיטן מאַן און זייערע פיר קינדער.

מיינע עלטערן, וועלכע זענען געשטאָרבן פאַר דער מלחמה, האָבן איבערגע־לאָזט 28 אייניקלעך. געבליבן זענען פון זיי פיר: מיינע דריי קינדער זאָלן לעבן און איין זון פון מיין ברודער זאָל לעבן.

אַזוי האָט דער גורל געוואָלט, אַז איך מיט מיינע קינדער זאָלן בלייבן לעבן. גליקלעכערווייז זענען מיר אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל מיט דער לעצטער שיף פון פוילן „פּאַלאָניאַ", עטלעכע טעג פאַרן קריג־אויסברוך. פון מיין גאַנצער גרויסער פאַמיליע האָב איך מער נישט געהערט. צי קאָן מען דאָס פאַרגעסן? צי איז דען מעגלעך אַמאָל אַ טרייסט? אַלע, אַלע זענען אויסגעריסן געוואָרן פון לעבן.

מיכאל איצקאָוויטש (בת־ים)

אַ שוידער־רייזע קיין פינטשעוו נאָכן חורבן

נאָך זייענדיק אין רוסלאַנד האָב איך זיך דערוווּסט פון אַ בריוו, וואָס כ'האָב דערהאַלטן פון משה סקאָטשילאַס, אַז פון מיין משפחה איז קיינער נישט געבליבן לעבן, אַז אַלע זענען אומגעבראַכט געוואָרן. דאָך האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן, אַז אַלע יידן זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן. די פאַנטאַזיע האָט זיך נישט געקאָנט פאָר־שטעלן, אַז ס'איז מעגלעך אומצוברענגען גאַנצע קהילות, אַ גאַנץ פאָלק... קומענדיק פון רוסלאַנד, האָב איך זיך באַזעצט אין לאָדזש, ווו איך האָב זיך ערשט דערוווּסט וועגן דער שוידערלעכער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געטראָפן דעם פוילישן יידנטום, און האָט אויך נישט אויסגעמיטן אונדזער געבוירנשטאָט פינטשעוו. דער זכר פון אונ־דזער קהילה האָט מיך אָבער נישט געלאָזט רוען און מיין גרעסטע שטרעבונג איז געווען צו באַזוכן דאָס שטעטל, וואָס איך האָב פאַרלאָזט בעתן אויסברוך פון דער מלחמה אין 1939, ווערנדיק מאָביליזירט אין פוילישן מיליטער.

זייענדיק אין לאָדזש האָב איך זיך געטראָפן מיט שמואל בלום און גרשון מינ־קאָווסקי און מיר האָבן באַשלאָסן אַלע דריי צוזאַמען צו באַזוכן פינטשעוו.

די רייזע קיין פינטשעוו, געווען איז דאָס אין יאָר 1946, איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן, דער וועג איז נישט געווען באַצירט מיט בלומען. מיר זענען געפאָרן מיט דער באַן, אויף וועלכער מיר זענען געווען איינגעשטעלט מיטן לעבן. מיר האָבן

זיך די גאַנצע צייט פון דער רייזע געהיטן נישט אַרויסצורעדן קיין וואָרט, כדי מען זאָל נישט דערקענען, אַז מיר זענען יידן. אַזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין קיעלץ. עס איז געווען אינדערפרי. קיין פינטשעוו האָט מען פון קיעלץ געקאָנט פאָרן בלויז מיט אַ לאַסט־אויטאָ. אין דאָזיקן אויטאָ איז די רייזע אויך געווען מיט שרעק. אַ פחד האָט אונדז אַרומגענומען, ווען מיר זענען דורכגעפאָרן די וועלדער און דערפער, וואָס זענען אונדז געווען אַזוי גוט באַקאַנט פון די גוטע צייטן. איצט האָבן אונדז דורכ־גענומען די בליקן פון פאָליאַקן, פול מיט שנאה — זיי זוכן דאָך יידן. מיר האָבן זיך איינגעוויקלט אין אונדזערע מלבושים, פאַרשטעלט די פנימער, מען זאָל נישט זעען, אַז מיר זענען יידן...

אַזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין פינטשעוו.

מיר זענען אַריין אין אונדזער געבוירנשטאָט ווי אבלים, די פנימער פאַרפינצ־טערט, די הערצער צעוויטיקט. ראשית האָבן מיר גענומען זוכן אַ ייד, מיט וועמען אַ וואָרט אַרויסצורעדן און האָבן צו וועמען אַריינצושטעלן אַ פוס, זיך אָפּצורוען נאָך דער שווערער רייזע. מיר האָבן געזוכט אַ באַקאַנט פנים, אַ יידיש פנים אינעם מאַרק, ווו עס איז שטענדיק פול געווען מיט יידן — אָבער מיר האָבן קיין איינעם נישט געטראָפן.

מיר זענען צוגעקומען צום באַקאַנטן פוילישן רעסטאָראַן פון שכאַנטאָוויטשן. מיר זענען אַריינגעגאַנגען און געפרעגט צי אין שטאָט זענען פאַראַן יידן. שכאַנטאָ־וויטש האָט אונדז אינפאָרמירט, אז אין פינטשעוו וווינט דער יידישער דאָקטאָר פע־ליקס. מיר זענען אַוועק צו ד״ר פעליקס, וועלכער האָט אונדז זייער פריינטלעך אויפ־גענומען און זיך פאַרנומען מיט אונדז ווי אַ טאַטע, געזאָרגט וועגן עסן און שלאָפן און ס׳זאָל אונדז גאָרנישט פעלן. ביים דאָקטאָר האָבן מיר געטראָפן נאָך פינטשע־ווער יידן און אויך יידן פון דזשאַלאָשיץ און וויסליץ.

דאָ האָבן מיר זיך גענוי דערוווּסט, אַז פון אונדזערע משפחות איז קיינער נישט פאַרבליבן.

צומאָרגנס אינדערפרי האָבן מיר געמאַכט אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט. ד״ר פעליקס האָט אונדז אַלץ געוויזן און דערציילט ווו און ווי אַזוי די דייטשע מערדער האָבן אַכזריותדיק געפייניקט און געמאָרדעט אונדזערע נאָענטע און טייערע; ווי עס האָבן אויסגעזעען די אויסזידלונגען.

מיר האָבן אין די גאַסן אויך נישט געטראָפן קיין באַקאַנטע פאָליאַקן — אומע־טום נייע פנימער, געקומענע פון דער פרעמד פאַרכאַפּן די יידישע הייזער מיט זייערע פאַרמעגנס. אָבער אויף די גאַסן האָט מען בכלל געזען ווייניק מענטשן, שטיל און טרויעריק איז געווען אומעטום, ווו עס האָט געברויזט אַ יידיש לעבן. פינטשעוו האָט



אין יאָר 1946, אין פּינטשעוו אין פעליקס שאולס גאָרטן,
נעבן דער פאַרברענטער ציקאָריע־פאַבריק.
פון רעכטס, שטייען: וולאָשטשאָווסקי דוד, זיין פרוי, פעליקס שאול — די לעצטע צוויי: פּיווניק פסח און איצקאָוויטש מעכל; זיצן אויף דער ערד: שמואל בלום און גרשון מינקאָווסקי.

נישט אויסגעזעען מער ווי אַ לעבעדיקע און רוישיקע שטאָט, נאָר ווי אַ פאַרוואָרפן, צוריקגעשטאַנען דאָרף.

די שיל איז געווען אינגאַנצן פאַרניכטעט.

דערנאָך האָבן מיר באַזוכט דעם יידישן בית־עלמין. אויך דאָ האָט געהערשט חורבן. די מצבות — אַרויסגעריסן און צעבראָכן און צווישן זיי האָבן זיך געפּאַשעט קאָזעס און בהמות.

אַלץ, אַלץ איז געווען חרוב און צעשטערט.

טרערן האָבן זיך כסדר געגאָסן פון אונדזערע אויגן און ביינאַכט האָבן מיר נישט געקאָנט שלאָפן — ווען מיר האָבן, אינמיטן וויינען, איינגעדרימלט, האָבן אונדז צו־ריק געוועקט קאָשמאַרנע חלומות.

ווען מיר זענען דעם צווייטן טאָג אַרויס פון שטוב, האָבן מיר אויף די פּנימער פון די אָנגעטראָפענע פּאָליאַקן באַמערקט אַ פּלוצלינגע ענדערונג. ווען זיי האָבן דעם ערשטן טאָג געקוקט אויף אונדז מיט גלייכגילטיקייט און אונדז ווי נישט באַמערקט, האָבן מיר איצט אָנגעטראָפן בליקן פול מיט שנאה, מען האָט אונדז נאָכגעקוקט און זיך געסודעט. מיר האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס ס'איז געשען איבער נאַכט,

אָבער געזען, אַז עפּעס איז דאָך פאַרגעקומען. מיר זענען צוריקגעקומען צו ד״ר פעליקס, אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס איז די סיבה פון דער פּלוצלינגער ענדערונג אין דער שטימונג צווישן די גויים.

ווען מיר זענען אַזוי געזעסן און געטראַכט, איז אַריינגעקומען דער קאָמענדאַנט פון דער מיליץ, אַ רוס און די לאַגע איז אונדז גלייך קלאָר געוואָרן. ער האָט אונדז דערציילט, אַז ער איז נאָרוואָס צוריקגעקומען פון קיעלץ, ווו עס איז פאָרגעקומען אַ בלוטיקער פּאָגראָם אויף יידן. ער האָט אונדז געוואָרנט נישט צו פאַרלאָזן דאָס הויז, נאָר זיך פאַרמאַכן אינעווייניק, אונדז געגעבן געווער זיך צו פאַרטיידיקן, אויב מען וועט אונדז באַפאַלן און צוגעזאָגט הילף פון דער מיליץ.

די נאַכט האָבן מיר זיך נישט געלייגט שלאָפן, זיך איינגעהערט אין יעדן שאָרך און גרייט געווען זיך צו פאַרטיידיקן. די נאַכט איז אַדורך בשלום. מיר האָבן באַשלאָסן וואָס שנעלער זיך אַרויסצוקריגן פון שטעטל.

די קומענדיקע נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. איך און מיינע צוויי חברים, גרשון מינקאָווסקי און שמואל בלום, זענען אַוועק אין דער פינצטער, יעדער באַזונ־דער, צו דער קאָלייקע־סטאַציע. אַ קאָלייקע קיין יענדזשעוו האָט געדאַרפט אָפּגיין 1 אַזייגער ביינאַכט, אָבער מיר זענען געקומען אַ סך פריער. די לאַסט־וואַגאָנען, וואָס האָבן געדאַרפט פאָרן, זענען שוין געשטאַנען, — זענען מיר אַריין, יעדער אין אַן אַנדערן וואַגאָן און געוואָרט אינעווייניק. אונדזער מזל איז געווען, וואָס די וואַגאָנען זענען נישט געווען באַלויכטן און איינער האָט נישט געזען דעם אַנדערן. דער צוג האָט גערירט און קיינער פון די פּוילישע פּאַסאַזשירן האָט אונדז נישט באַמערקט. אַזוי זענען מיר בשלום אָנגעקומען קיין יענדזשעוו און פון דאָרט זענען מיר געפאָרן קיין קיעלץ. ביז מיר זענען אַהין אָנגעקומען, זענען אונדז די אויגן שיעור אַרויסגע־קראָכן פון די לעכער; יעדע מינוט האָט אויסגעזען אַ יאָר.


דאָס וואָס מיר האָבן געזען און איבערגעלעבט אין קיעלץ, קאָן קיין פּראָסטער בשר־ודם נישט באַשרייבן.

דעם טאָג, וואָס מיר זענען אָנגעקומען קיין קיעלץ, האָט געדאַרפט פאָרקומען די לוויה פון די 41 יידן, וועלכע זענען בעסטיאַליש דערמאָרדעט געוואָרן בעתן פּאָגראָם. די אָרטיקע יידן זענען געווען אַזוי נידערגעשלאָגן און צעבראָכן פון די טראַגישע איבערלעבונגען, אַז זיי האָבן נישט געקאָנט בייהילפיק זיין צו ברענגען די קרבנות צו קבר־ישראל. דער קיעלצער יידישער קאָמיטעט האָט אונדז געבעטן, מיר זאָלן מיטפאָרן אין שפּיטאָל אַריין און צוהעלפן דורכפירן די לוויה.

דאָס וואָס מיר האָבן דאָרטן געזען און איבערגעלעבט וועלן מיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

ווען מיר האָבן, ביי די האַרצרייסנדיקע געוויינען, פאַרלאָזט דעם בית־עלמין נאָך דער לוויה, האָבן מיר באַשלאָסן וואָס גיכער צו פאַרלאָזן די בלוטיקע פוילישע ערד, ווו מען לאָזט נישט לעבן קיין יידן, וואָס זענען זינט הונדערטער יאָרן געווען דאָרט איינגעוואָרצלט און געהאָלפן אויפבויען דאָס לאַנד.

אין פינטשעוו, אין 1946, נאָכן ראַטעווען זיך פון גיהנום



אין 1946 אין גאָרטן פון שאול פעליקס, אין פינטשעוו. פון רעכטס, שטייען: גרשון מינקאָווסקי, מיכאל איצקאָוויטש און שמואל בלום; אויף די קני — קאָשטאַנסקי.

אַ גרופּע געראַטעוועטע פון היטלער־גיהנום פינטשעווער יידן, וועלכע זענען צוריקגעקומען אין שטעטל אַריין אין יאָר 1946. געראַטעוועטע פון די נאַצישע נעגל, זענען זיי אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די „היימישע" פּאָליאַקן פון שטעטל, וועלכע האָבן זיי געוואָלט דערמאָרדן, ווי דאָס האָבן דעמלט געטאָן זייערע ברידער־מערדער אין קיעלץ. זיי זענען געראַטעוועט געוואָרן אַדאַנק דעם געווער, וואָס זיי האָבן באַקומען פון אַ רוסישן אָפיציר.

די פינטשעווער געראַטעוועטע, גרשון מינקאָווסקי, מעכל איצקאָוויטש און שמואל בלום, זענען ביינאַכט אַנטלאָפן פון פינטשעוו קיין קיעלץ, דורך יענדזשעוו און זיי האָבן אין קיעלץ אָנטיילגענומען אין דער לוויה פון די עטלעכע־און־פערציק אומגעבראַכטע יידן אין קיעלצער פּאָגראָם.


בעלאַ גליקסמאַן־וויינבערג (חולון)

מיין אומגעבראַכטע משפחה

איך געפין זיך ביי 35 יאָר אין ארץ־ישראל. איך דערמאָן זיך אָבער מיין געבוירן־שטעטל און, דער עיקר, מיין נאָענטע משפחה, וואָס איז אויסגעראָטן געוואָרן.

אין פינטשעוו האָט מען מיך גערופן בעלטשע, די טאָכטער פון לייבוש וויינבערג (דער געלער לייבוש) ז״ל. מיר האָבן געהאַט אַ געוועלב פון געטראַנקען אויף דער קראַקאָווסקאַ־גאַס.

מיין פאָטער ז״ל האָט צוויי מאָל חתונה געהאַט. פון מיין מוטער זענען אים געבוירן געוואָרן 3 זין און 3 טעכטער. מיין עלטסטע שוועסטער אסתר־מרים האָט חתונה געהאַט מיט אלתר סולעוויץ; זיי האָבן געהאַט אַ האָטעל אין מאַרק. פון מיין עלטסטן ברודער, נתן, איז לעבן־געבליבן אַ זון, וועלכער געפינט זיך אין קאַנאַדע. מיין צווייטער ברודער, ישראל, איז דער איינציקער פון דער משפחה, וועלכער איז געבליבן לעבן, איז נאָך לאַנגע וואַנדערונגען אָנגעקומען קיין אויסטראַליע, ווו ער



וויינבערג־סולעוויטש אסתר־מרים, איר ברודער זיינוול וויינבערג און איר טאָכטער.

לעבט ביז איצט. די איבעריקע פיר קינדער — אסתר־מרים, סאלאַ, נתן און זיינוול — זענען אומגעקומען.

מיין שטיף־מוטער האָט געבוירן זיבן קינדער: קובאַ, מאיר, מענדל, חיים, יעקב, שלמה און פרידע; אַלע זענען אומגעבראַכט געוואָרן.

איך האָב געלעבט אין פינטשעוו ביזן ענדיקן די פאָלקס־שול. אין שול האָבן מיר, יידישע קינדער, פאַרלאָזט דעם קלאַס ביי דער רעליגיע־לעקציע, וואָס איז געווען בלויז פאַר די קריסטלעכע קינדער. דעמלט האָבן מיר געפרעגט, פאַרוואָס מען לערנט נישט מיט די יידישע קינדער די שעה תנ״ך. פון קינדוויַיז אָן האָב איך גע־חלומט וועגן ארץ־ישראל, וועגן וועלכן עס פלעגט מיר דערציילן מיין עלטסטער ברודער נתן ז״ל; ער איז עולה געווען אין 1924 און צוריקגעקערט, צוליב מאַטע־ריעלע סיבות, נאָך עטלעכע יאָר.

י. שמולעוויטש

אין „מלך אביונס גיטער״ איז — נאַכט

וואָס איז געוואָרן מיט די אַמאָליקע יידישע שטעטלעך אין פוילן? ווי אַזוי זעט איצט דאָרט אויס דאָס לעבן אָן יידן? קיינער ווייסט דאָס נישט. עס איז איצט געוויס טרויעריק און וויסט, ווי קען זיין אַנדערש?

עס איז אַ באַוווּסטע זאַך, אַז פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אין די אומצאָליקע שטעטלעך פון פוילן, געווען אַ שפּרודלדיק פאַרצווייגט יידיש לעבן. דאָס אַלץ, די האַרציקע יידישע מענטשן פון די פוילישע שטעט און שטעטלעך, צוזאַמען מיט זייער ברייט צעוואַקסענעם יידישן פאָלקס־לעבן, זענען פאַרניכטעט געוואָרן פון די רוצחישע נאַציס. אַלץ איז אַרויסגעריסן געוואָרן מיט דעם וואָרצל ווי נאָך אַ מוראדיקן שטורעם.

אָט ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק, ביז דעם 1־טן סעפּטעמבער, 1939, איז אין פוילן געווען אַ ריזיקע יידישע פאַרוואָרצלטע וועלט, אומצאָליקע שטעט און שטעטלעך איינגעטונקען אין אַ שפּרודלדיקן יידישן לעבן. און איצט? וואָס איז גע־וואָרן מיט די יידישע שטעטלעך אין פוילן? ווי אַזוי זעט איצט דאָרט אויס דאָס לעבן אָן יידן? עס דערגייט צו אונדז פון צייט צו צייט, דורך עפּעס אַ צופאַל, אַ גרוס פון

אַ געוועזענעם יידישן שטעטל אין פוילן. אַזוי איז אויך איצט מיט פינטשעוו. כאָטש פינטשעוו איז געווען ווי פאַרבלאָנדזשעט אין אַ זייט פון גרויס־פוילן, איז דאָס דאָזיקע שטעטל אָבער שטענדיק געווען גוט באַקאַנט ביי יידן אין פוילן און אַפילו איבער דער גאַנצער וועלט.

דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל פון דאָזיקן יידישן שטעטל זענען אַרויסגעקומען פיר ווערטער, וואָס אומעטום און אַלע האָבן דאָס שטענדיק באַנוצט. ווער האָט נישט געהערט דאָס יידישע פאָלקס־ווערטל „אין פינטשעוו טאָגט שוין״ ? דאָס איז שטענדיק אויסגעטייטשט געוואָרן און עס ווערט אויך איצט אויסגעטייטשט, אויף פאַרשידענע אופנים. דער זיכערסטער אויסטייטש פון דעם אַלעם איז מסתמא אָבער פאָלגנדער :

פיל יידן אין אַמאָליקן פינטשעוו האָבן זיך באַשעפטיקט מיט צוגרייטן און פאַרקויפן מילכיקע פראָדוקטן. דאָס איז אויך צוגעשטעלט געוואָרן אין די אַרומיקע שטעטלעך און שטעט. צווישן אַנדערע פלעגן די דאָזיקע יידן זיך פירן, אַז פאַרנאַכט אין די זומער־חדשים האָבן זיי אַרויפגעלייגט דעם געמאַכטן קעז, אויסצוטרוקענען אויף די דעכער פון זייערע הייזקעס.

איינמאָל אין מיטן נאַכט איז אַ גרופּע יידן געפאָרן מיט פערד און וואָגן פון קיעלץ קיין פינטשעוו. זייענדיק נאָך גאָר ווייט פון דאָזיקן שטעטל האָבן די יידן פאָרנדיק אויף דער פור געזען ווי איבער פינטשעוו גייט אויף אַ העלקייט, ווי אַ נייער טאָג, און דאָ האָט פּלוצלינג איינער פון די יידן אויסגערופן : „זעט נאָר, אין פינטשעוו טאָגט שוין״. פון דעמלט אָן איז דאָס ווערטל אַריין אין דער שפּראַך פון אונדזער פאָלק.

איצט קאָן מען שוין מער נישט זאָגן — צווישן יידן — אַז „אין פינטשעוו טאָגט שוין״. אין פינטשעוו איז פינצטער, חושך, טרויעריק און אומעטיק, כאָטש די פּאָליאַקן ווילן גאָר, אַז עס זאָל דאָרט איצט זיין פריילעך. ווי אַזוי קאָן זיין אין פינטשעוו לעבעדיק און פריילעך, אַז אומעטום דאָרט זענען נאָך איצט דאָ צייכנס פון אומשולדיק־פאַרגאָסענעם יידישן בלוט ; אַז מען הערט נאָך דאָס פאַרשטיקטע געשריי פון די אומגעבראַכטע יידישע קרבנות אין דער היטלער־צייט...

אין איינער פון די לעצטע אויסגאַבעס פון דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע״ (נומער 36), די יידישע וואָכנשריפט וואָס דערשיינט אין איצטיקן פוילן, איז אָפּגעדרוקט אַ גרעסערע באַשרייבונג וועגן דעם איצטיקן לעבן אין פינטשעוו. אין דאָזיקן רעפּאָרטאַזש אונטערן נאָמען „וואָס איז פונעם ווערטל געוואָרן״, פון א. היימישער, וואָס האָט אפשר צוויי טויזנט יידיש־ווערטער, ווערט בלויז פאַרבייגייענדיק דערמאָנט וועגן אַמאָליקן יידישן פינטשעוו. דאָס איז פון אָנהויב, ווו דער שרייבער לעבט־אויף דאָס ווערטל „אין פינטשעוו טאָגט שוין״.

וועגן די טראַגישע יאָרן פאַר די פינטשעווער יידן ביי היטלערן, שרייבט א. היימישער בלויז עטלעכע שורות. „פון יענער צייט" — לייענען מיר אין דעם אַר־טיקל — „ווען אין פינטשעוו האָט גאָר פרי געטאָגט, איז אַ סך דורכגעפלאָסן אינעם ברייט־צעשפרייטן טייך נידאַ, ביי וועלכן דאָס שטעטל ליגט. די היטלעריסטן האָבן דאָ, ווי אומעטום אין פוילן, און מער נאָך ווי אומעטום, איבערגעלאָזט די בלוטיקסטע שפורן. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די אַב־סאָלוטע מערהייט איינוווינער, איז אויסגעקוילעט געוואָרן. דער גרעסטער טייל פון דעם שטעטלדיקן מאַיאָנטעק איז חרוב געוואָרן".

אָט דאָס יידישע שטעטל, איז געווען אַריינגעוואַקסן אין יענער געגנט פון קיעלץ, וואָס אין פוילן איז דאָס געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „מלך אביונס גיטער". דער דאָזיקער נאָמען איז געווען דערפאַר, ווייל די ערד דאָרט איז געווען אַ נישט־געניג פּרוכטבאַרע, עס איז געווען אַ גרויסע אָרעמקייט. אַזוי זענען אויך געווען די אַרו־מיקע שטעטלעך פון פינטשעוו ווי: סטאָשעוו, בוסקאָ, כמיעלניק, סטאָפּניץ, פאָ־טשענעוו, שידלאָוו און אַנדערע.

אין פינטשעוו און אין די אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך פון „מלך אביונס גי־טער", איז אויך ביי יידן געווען אַ גרויסע אָרעמקייט. יידן האָבן דאָרט געאַרבעט זייער שווער, געווען קליינהענדלער און דאָרפס־גייער, כדי צו האָבן עסן צו דער זאָט. דערביי איז דאָס לעבן שטענדיק געווען ערלעך, אָפּגעהיטן ווי אַ גרויסע היי־ליקייט. און נישט געקוקט אויף דער אָרעמקייט און אויף די טאָג־טעגלעכע זאָרגן צו קענען האָבן פּרנסה, זענען אין פינטשעוו געווען צענדליקער פאַרשידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס, פּאַרטייען, אינסטיטוציעס, פאַריינען, ווי אויך קולטור־קלובן, דראַ־מאַטישע קרייזן, אַ ביבליאָטעק, חדרים און שולן, שילן און בתי מדרשים.

יאָ, עס האָט דאָרט שטענדיק געטאָגט, עס איז געווען ליכטיק אין יידישן לעבן...

ביז — ביז עס איז געקומען דער היטלער־מבול. פון פינטשעוו האָבן זיך גע־ראַטעוועט קוים געציילטע יידן. די היטלעריסטישע רוצחים האָבן אויסגעמאָרדעט אַלע יידישע מענטשן פון פינטשעוו, אַזוי ווי דאָס איז אויך געווען מיט די יידן אין די אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך. די מערסטע יידן זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס. די אַנדערע יידן זענען פאַרפייניקט געוואָרן אויפן אָרט.

אין דעם האָבן אויך געהאַט אַ גרויסן חלק אָרטיקע פּאָליאַקן. פאַרשטייט זיך, אַז דער רעפּאָרטער פון דער יידיש־קאָמוניסטישער „פאָלקס־שטימע", וועלכער האָט איצט באַזוכט פינטשעוו, דערציילט נישט וועגן דעם. עס איז אָבער אַ גוט־באַקאַנטע זאַך, אַז פיל יידן פון פינטשעוו און פון די אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך, ווען עס

איז יאָ געלונגען צו אַנטלויפן פון די נאַציס און אַריין אין די וועלדער, זענען דאָרט, אין די טיפענישן פון די וועלדער, דערהרגעט געוואָרן פון אַנטיסעמיטישע פּאָליאַקן.

אין זיין באַשרייבונג וועגן פּינטשעוו זאָגט א. היימישער: „דער גרעסטער טייל פונעם שטעטלדיקן מאַיאָנטעק איז חרוב געוואָרן". וואָס מיינט דאָס? מיר ווייסן גוט וואָס דאָס מיינט. ווען די נאַציס האָבן אַרויסגעפירט די פּינטשעווער יידן צום גרויזאַ־מען טויט און אויך דערהרגעט אַנדערע יידן אויפן אָרט, זענען פּוילישע פּויערים פון די אַרומיקע דערפער געשטאַנען גרייט מיט זייערע זעק, מיט פערד און וואָגן. זיי האָבן אויף דער שנעל געכאַפּט, צוגערויבט און חרוב געמאַכט דאָס יידישע האָב־און־גוטס, אָפּגעווישט לאַנגע יאָרן יידישע האָרעוואַניע.

שפּעטער האָבן די פּאָליאַקן דאָרט אויך פאַרניכטעט די שילן, בתי־מדרשים און אַלץ וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט יידן און יידיש לעבן. די אַנטיסעמיטישע כוליגאַ־נעס האָבן אַפילו געשענדעט דעם אַלטן בית־עולם און מיט די יידישע מצבות אויס־געפלאַסטערט די גאַסן פון שטעטל.

נאָכדעם ווי פּינטשעוו איז אויסגעליידיקט געוואָרן פון יידן, האָט זיך דאָרט ווי אַראָפּגעלאָזט אַ גרויסע קללה. דאָס שטעטל איז פולשטענדיק אונטערגעגאַנגען, כאָטש די אַרומיקע פּאָליאַקן, וועלכע האָבן צוגערויבט דאָס יידישע האָב און גוטס, זענען געווען מיט פרייד צוליב דעם, וואָס פּינטשעוו איז געוואָרן יידן־ריין. אָן יידן, אָן יידישער אַרבעט, שווייס און האָרעוואַניע, האָט דאָס שטעטל נישט געהאַט און האָט ווייטער נישט קיין קיום.

נאָך זיין איצטיקן באַזוך אין פּינטשעוו, שרייבט א. היימישער אין דער וואַרשע־ווער „פאָלקס־שטימע" פאָלגנדעס: „יאָרן לאַנג שוין נאָך דער באַפרייאונג איז דאָס שטעטל געלעגן אין אָנמאַכט, אַ פאַרנאַכלעסיקטס און פאַרשלאָפנס. אָן אַ שיעור שוועריקייטן זענען געווען און מען האָט זיך קיין עצה מיט זיי נישט געקענט געבן. אויסגעזען האָט עס אַזוי ווי פּינטשעוו וואָלט קיין שום מעגלעכקייטן פאַר אַנטוויק־לונג נישט געקענט האָבן".

ווי עס ווערט ווייטער דערציילט אין דעם זעלבן אַרטיקל, ווערן געמאַכט באַ־מיאונגען, אַז פּינטשעוו זאָל גאָר איצט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אָפּרו־פּלאַץ פאַר טוריסטן. מען קומט אהינצו שוין איצט אָנקוקן אַן אַלטן פּאַלאַץ, רעשטלעך פון אַ באַרג, עפּעס אַן אַלטן טורעם, דעם טייך נידאַ און ענלעכע זאַכן.


אָבער דאָס קומט נישט אָן אַזוי לייכט. ווי עס זעט אויס, איז דאָס אַלץ אויף דערווייל, פּראָוויזאָריש. „די גאַנצע זאַך — לייענען מיר אין דער זעלבער באַשריי־בונג — באַשטייט אין דעם, אַז מען זאָל געפינען „רייכע פעטערס", דאָס הייסט, אַזעל־

כע אונטערנעמונגען, וואָס וואָלטן דאָ געבויט פאַר זייערע אַרבעטס־קאָלעקטיוון אַפּ־רו־הייזער אויף אַ גאַנץ יאָר״.

ווי מיר זעען, איז איצט דאָרט פוסט און אומעטיק, אָן יידישער אַרבעט, איני־ציאַטיוו און שאַפונגס־גייסט. אין פינטשעוו טאָגט שוין נישט מער. עס וועט שוין קיינמאָל נישט זיין דאָרט ליכטיק...

(,,פאָרווערטס״, ניו־יאָרק, 22 אָקטאָבער 1969)

מיין חבר מנחם קליינפלאַץ ז״ל



רעכטס : משה ברענער ;
לינקס : מנחם קליינפלאַץ

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן מיין חבר מנחם קליינפלאַץ, מיט וועל־כן איך האָב זיך פאָטאָגראַפירט פאַר מיין עולה זיין קיין ארץ־ישראל, אין פינטשעוו, אין יאָר תרצ״ז (1937).

ער האָט אויך געשטרעבט, פונקט ווי איך, צו קומען אין לאַנד פון אונ־דזערע אבות — דאָס איז געווען אונ־דזער חלום פון יינגלווייז אָן — אָבער ער האָט דאָס נישט דערלעבט. ער איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס. זיינער אַ ברודער האָט זיך געראַטעוועט, איז עולה געווען נאָך דער שואה און וווינט אין זכרון־יעקב.

משה ברענער (חיפה)


קדושי פינצ׳ב
אונדזערע קדושים



מצבה־טאָוול פון פינטשעוו אין „מרתף השואה״
אויפן הר־ציון אין ירושלים.

צום באַדויערן האָבן ווייניק לעבנגעבליבענע פינטשעווער לאַנדס־לייט, טראָץ אונדזערע לאַנגיאָריקע וועגדונגען, צוגעשיקט די נעמען פון זייערע נאָענטע אומגעבראַכטע פאַמיליעס, צו פאַראייביקן זיי אין דאָזיקן ספר. דעריבער זענען די נעמען פון טויזנטער פינטשעווער קדושים נישט אַריין אין דער רשימה. די מערהייט פאַרצייכנטע נעמען האָבן פאַרשריבן, לויטן זכרון, דינה פאָוואָנסקער און מרדכי שוואַרץ.

פינטשעווער לאַנדסלייט אין ישראל באערן די קדושים פון זייער אָפּשטאַם־קהילה





אויבן: דער קאָמיטעט פון לאַנדסלייט־פאַריין אין ישראל, בעת דער אזכרה צו דער 20־סטער יאָרצייט נאָך דער קהילה. שטייען פון רעכטס צו לינקס — פשענדזע אברהם, כרמי זאב ז"ל, שוואַרץ מרדכי, חזן ראָזענבערג, קאָזאַק צבי, ערליך משה, ראָזענבערג זיסל, טעקעל אליעזר.

אונטן: פינטשעווער לאַנדסלייט אין ישראל אויף דער יערלעכער אזכרה־פאַרזאַמלונג אין 1962. צווישן די אָנוועזנדיקע זיצן פון רעכטס — ערליך שרה, קופּפער איטקע, שלע־זינגער עלקע, שטיין חיה, אידאַ צוקער, שאלץ זעלדע, קוואַשניעווסקי, קאָזאַק חיה־רחל, כרמי לאה, ערליך עלטשע, בזשעסקי יוסף, ווייסמאַן לאה, ווייסמאַן נחמן, קעמפּל שושנה, זייף, שוואַרץ פעסיע, זאַנדבערג העניע, ראָזין לאה, זייף אייזיק, אספּיס איטשע, ווייספעלד שלמה, פרידריך יוסף, איצקאָוויטש מיכאל.

יהודי פינצ׳ב, שנרצחו על־ידי התלינים הנאצים

פינטשעווער יידן, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס

אַגניעוויטש אסתר־שיינדל און פאַמיליע
אַגניעוויטש מירל און 4 קינדער
אַגניעוויטש עלקע
אַגניעוויטש עזריאל
אַגניעוויטש שרה־לאה
אַזשעראָווסקי יוסף
אַזשעראָווסקי שיינדל מיט 5 קינדער
אַזשעראָווסקי מענדל און פאַמיליע
איזראַלעוויטש איטשע־מאיר און משפחה
איזראַלעוויטש וואָלף און משפחה
אייזיקאָוויטש משה
אייזיקאָוויטש יצחק
אייזיקאָוויטש הערשל
אייזיקאָוויטש אהרון
אייזיקאָוויטש חנה־שפרינצע, 6 קינדער
אייזיקאָוויטש יאַנקל און פאַמיליע
אייזיקאָוויטש אייזיק
אייזיקאָוויטש יוסף
אייזיקאָוויטש ברײַנדל
אייזיקאָוויטש אברהם
אייזיקאָוויטש עלקע (יאַסנע)
אייזיקאָוויטש דאָבע
אייזיקאָוויטש רבקה
אייזיקאָוויטש שמואל
איייקאָוויטש וויטע (צעזאַנאָווסקי)
אייזיקאָוויטש דאָבע
אייזיקאָוויטש רבקה
אייזיקאָוויטש זלמן
אייזיקאָוויטש חיה

אייזיקאָוויטש חנה
אייזיקאָוויטש אברהם
אייזיקאָוויטש עלקע (ראָזענבערג)
אייזיקאָוויטש מאיר און פאמיליע
אייזיקאָוויטש אייזיק און פאַמיליע
אייזיקאָוויטש עלקע און פאַמיליע
אייזיקאָוויטש יוסף
אייזיקאָוויטש ברײַנדל
אייזיקאָוויטש חנה
אייזיקאָוויטש איציק
אייזיקאָוויטש אברהם
אייזיקאָוויטש שמואל
אייזיקאָוויטש דוד
אייזענבערג מלכה
איצקאָוויטש איטשע
איצקאָוויטש מינדל
איצקאָוויטש לייב
איצקאָוויטש אברהם
איצקאָוויטש שיינדל
אַלמער לייבל
אַלמער מרים־רייזל
אַלמער משה און פאַמיליע
אַלמער עזריאל און פאַמיליע
אַלמער אַהרון און פאַמיליע
אַסטראָוויעצקי בעריש און פאַמיליע
אספיס ביילע
אספיס יעקב
אספיס פייגל
אספיס שמואל

אספיס חנה
אספיס פיניע
אספיס ישראל
אספיס הינדע
אספיס רחל
אספיס זאב־ראובן
אספיס לאה
אָקס געניע
אָקס העניע
אָקס לייב
אָקס מלכה
אָקס מרים־שבע
אָקס פּאָלע
אַרבאַך אַלתר
אַרבאַך גיטמע
אַרבאַך לייב
אַרבאַך לייזער
אַרבאַך קלמן

באַיאַק חנה און קינדער
באַיאַק מאָטל
באַנדע ישראל
באַנדע שרה און פאַמיליע
בארווינער מלכה און פאמיליע
בוכבינדער אברהמטשע
בוכבינדער ישראל־מאיר און פאַמיליע
בוכבינדער ישראל־מאיר
בוכבינדער כאַנטשע
בוכבינדער פריידע און 2 קינדער
בורקע דוד און פאַמיליע
בורקע דינה
בזשיסקע יחזקאל
בזשיסקע שרה
בזשיסקע שלמה
בזשיסקע חיהלע
בזשיסקע נתן און פאַמיליע
בזשיסקע אהרון
בזשיסקע גאולה
בזשיסקע יחזקאל
בזשיסקע שרה
בזשיסקע נטע
בזשיסקע פעלע
בזשיסקע חיהלע און פאַמיליע
בזשיסקע שלמה און פאַמיליע
בילטשעווסקי ישראל־לייב
בילטשעווסקי גיטל און 5 קינדער
בילטשעווסקי קלמן
בילטשעווסקי חיה
בילטשעווסקי משה און פאַמיליע
בינענשטאַק יוסף און פאַמיליע
בינענשטאַק אברהם און פאַמיליע
בינשטאַק אבא און פאַמיליע
בינענשטאַק איטשע
בירענבוים שמואל
בירענבוים אסתר
בירענבוים שמואל
בירענבוים מרימל (זייד)
בלומענפעלד מרדכי־לייב
בלומענפעלד טשארנע
בעלפער הענע
בעלפער רויזע
בראַנדשטעטער הינדע
בראַנדשטעטער זעלדע
בראַנדשטעטער חיים און פאַמיליע
בראַנדשטעטער ישעיה
בראַנדשטעטער מאַניע
בראַנדשטעטער מעכל
ברוינער שיע
ברוינער רחל און 6 קינדער
ברענער און פאַמיליע
ברענער בצלאל
ברענער שרה־טאַבע
ברענער אוריש־וואָלף
ברענער משה־מענדל
ברענער יחיאל־אבא
בראמע יאָסל
בראמע יהודית
בראמע שפּרינצע
בראמע יוכבד
בריקמאַן מיכאל
בריקמאַן אסתר

גאָזשאַלקאַ אברהם, שמש בית־המדרש
גאָטפריד ברכה
גאָטפריד דוד
גאָטפריד חיים
גאָטפריד ישראל
גאָלד איטל
גאָלד גיטל
גאָלד טויבע

גאָלד חיה־טובה
גאָלד חוה
גאָלד יצחק
גאָלד יצחק
גאָלד לאה
גאָלד לייבל
גאָלד מענדל
גאָלד מרדכי
גאָלד מרים
גאָלד נחמה
גאָלדבליט אברהם־יצחק
גאָלדבליט באַטשע
גאָלדבליט טובה
גאָלדבליט ירמיהו
גאָלדבליט לאה־צפורה
גאָלדבליט נתן נאָטיל און פאַמיליע
גאָלדבליט פסח און פאַמיליע
גאָלדבליט פערל
גאָלדבליט פריווע
גאָלדבליט רחל־לאה
גאָלדבערג אברהם
גאָלדבערג אליעזר און פאַמיליע
גאסטפריינד נתן
גרינבערג יאַנקל־הענעך און פאַמיליע
גאָלדבערג מאיר און פאַמיליע
גרינבערג מינדל
גאָלדבערג פישל
גאָלדבערג רייזל (אספיס)
גאָלדבערג שרה
גאָלדמאַן ברוך־פייוול
גאָלדמאַן נעכע און פאַמיליע
גארליצקע אברהם
גדאַנסקי בעריש און פאַמיליע
גוטמאַן משה און פאַמיליע
גורוויטש יהושע
גורסקע טויבע
גורסקע יצחק
גורסקע פאַלע
גורסקע פערל
גורסקע שמואל און פרוי
גורסקע שיינדל־הענע
גראָס מרדכי און פאַמיליע
גרושעפּס און פאַמיליע
גרינגראס מלך
גרינגראס מלכה
גרינגראס לאה

גרינגראס פייגל
גרינפעלד חיים
גרינפעלד ישראל
גרינפעלד פאַלא
גרינפעלד שלמה־ברוך

דאַווידאָוויטש אסתר
דאווידאָוויטש בריינדל און 5 קינדער
דאַווידאָוויטש דוד
דאווידאָוויטש הענע
דאַווידאָוויטש הערש אבא
דאַווידאָוויטש יאָסל
דאַווידאָוויטש ישראל
דאַווידאָוויטש לאה
דאַווידאָוויטש ליבע, אייזיקאָוויטש
דאַווידאָוויטש מענדל
דאַווידאָוויטש מענדל
דאווידאָוויטש סענדער
דאַווידאָוויטש צירל
דאַווידאָוויטש שרה
דיאמענט אברהם
דיאַמענט הערשל
דיאמענט חוה און אַ קינד
דיאַמאַנט מענדל
דיאמענט משה
דיאַמענט רחל, הערשקאָוויטש
דזשאַבע איטשע־וואָלף
דזשאַבע גאָדל מיט פאַמיליע
דזשאַבע הערשל
דזשאבע ישראל־יאַנקל
דזשאַבע יענטל (בעלפער)
דזשאבע ישעיה
דזשאַבע לייביש
דזשאבע מרים און אַ קינד
דזשאבע שלמה
דזשאבע פריידל
דזשאַלאָשיצקי משה און פאַמיליע
דיזענפוס בערל
דיזענפוס פייגל

האַלפּערן הערשל און פאַמיליע
האַראָוויץ משה און פאַמיליע
האַראָוויץ עוזיאל משה
הורוויטש גיטל

הורוויטש יוסף
העפטער אליהו און פאַמיליע
העפטער הינדע
העפטער הערשל
העפטער הערשל
העפטער מלכה
העפטער משה יאנקל
העפטער פייגל
העפטער רבקה
העפטער שרה
הערינג אסתר
הערינג בערל
הערינג וואָלף
הערינג חנה
הערינג טובה
הערינג יוסף
הערינג יצחק
הערינג משה
הערינג עזרא
הערינג פּאָלע
הערינג צירל
הערינג רבקה
הערשבערג העלאַ
הערשבערג חיים
הערשבערג חנה
הערשבערג יאָסל און פאַמיליע
הערשבערג לייבל
הערשקאָוויטש אסתר
הערשקאָוויטש הערשל און פאַמיליע
הערשקאָוויטש ישעיה
הערשקאָוויטש סימע
הערשקאָוויטש שמואל
הערשקאָוויטש שרה

וו

וואַגנער
וואַגנער מלכה־חנה
וואָלפשטאַט אייזיק און פאַמיליע
וואָלפשטאַט באַטשע
וואָלפשטאַט יחזקאל און פאַמיליע
וואָלפשטאַט מאיר און פאַמיליע
וואַנדעסמאַן אַזשע (דיין)
וואַנדעסמאַן דוד־שלמה
וואסלאַווסקי אסתר
וואסלאַווסקי בעלאַ
וואסלאַווסקי דוד
וואסלאַווסקי חיים
וואסלאַווסקי מאָטל
וואסלאַווסקי מינדל
וואסלאַווסקי מרדכי
וואסלאַווסקי רייזל
וואסלאַווסקי שרה
וואַקסמאַן דוד איסר און פאַמיליע
וואַקסמאַן דוד, פרוי און 3 קינדער
ווארגאַן אברהם־לייב
ווארגאַן הענעך
ווארגאַן לייזער יונה
ווארגאַן מאָטל
ווארגאַן פישל
ווארגאַן מלכה־חנה
ווארגאַן מלך
וואַקשלאַק מענדל און פאַמיליע
וויינבערג
וויינבערג גיטל אַלמער און 2 קינדער
וויינבערג חיים
וויינבערג יחיאל און פאַמיליע
וויינבערג יעקב
וויינבערג מאיר
וויינבערג מינדל
וויינבערג מענדל
וויינבערג נטע און פאַמיליע
וויינבערג עקיבא
וויינבערג פנחס און פאַמיליע
ווייס אברהם איטשל
ווייס שרה־צינע און 2 זין
ווייסבארד ראָמאַן
ווייסטוך אברהם
ווייסטוך שיינדל
ווייסמאַן און פאַמיליע
ווייסמאַן הערשל און פאַמיליע
ווייספעלד הינדע
ווייספעלד מרים
ווייספעלד משה
ווייספעלד סענדער
ווייספעלד עטל
ווייספעלד שיינדל
ווייץ אַלטער
ווייץ אַלטער
ווייץ אַלטער און פאַמיליע
ווייץ דאָבע
ווייץ חוה און 5 קינדער
ווייץ סענדער

ווייך פייגע וויטע
ווייך רבקה
ווייך רחל און פאַמיליע
ווייך שמעון
ווייך שמעון און פאַמיליע
ווייצבערג גיטל
ווייצבערג הינדע
ווײנבערג זיינוול און פאַמיליע
וויינבערג לייביש און פאַמיליע
ווייצבערג פייגל
ווייצבערג פערל
ווייצמאַן דוד
ווייצמאַן יעקב
ווייצמאַן מרדכי־מאיר און פאַמיליע
ווייצמאַן פעסיע (שוואַרץ)
ווייצענבערג פייגל
ווייצענבערג פערל
ווישליצקי אסתר
ווישליצקי העלטשע און 2 קינדער
ווישליצקי מלכה
ווישליצקי נאַטע
ווישליצקי שמעון
וולאַך ביילע
וולאַך בלומע
וולאַך דוד
וולאַך ישראל
וולאַך ראַצל
וולאַך שרה
וולאַסקי אברהם
וולאַסקי אברהם און פאַמיליע
וולאַסקי ברוך און פאַמיליע
וולאַסקי הענדל
וולאַסקי גיטל
וולאַסקי יצחק און פאַמיליע
וולאַסקי יצחק און פאַמיליע
וולאשטשאווסקי ביירעך און פאַמיליע
וולאַשטשאַווסקי בער־לייב
וולאַשטשאַווסקי מלכה און 3 קינדער
וולאַשטשאַווסקי רובין
וולאַשטשאַווסקי רחל און 3 קינדער
וולאַשטשאַווסקי פרץ און פאַמיליע
ווייספעלד יצחק און פאַמיליע
ווערדינגער און פאַמיליע
ווראַצלאַווסקי באַטשע
ווייצענבערג גיטל
ווראַצלאַווסקי גיטל־לאה
ווייצענבערג הינדע
ווראַצלאַווסקי יחזקאל
ווראַצלאַווסקי יחיאל און פאַמיליע
ווראַצלאַווסקי לייביש און פאַמיליע
ווראַצלאַווסקי משה
ווראַצלאַווסקי מעכל
ווראַצלאַווסקי פייגל
ווראַצלאַווסקי רחל
ווראַצלאַווסקי שרה

זאַגווינסקי וואָלף
זאַגווינסקי חנה־רבקה און 4 קינדער
זאַלצבערג משה
זאַלצבערג רפאל און פאַמיליע
זאַלצמאַן און פאַמיליע
זאַלצמאַן זלמן און פאַמיליע
זאַק אברהם לייב
זאַק זעלדע און פאַמיליע
זאַק יעקב
זאַק מינדל
זאַק מלכה העלאַ
זאַק מרים
זאַק סענדער און פאַמיליע
זאַק פייגע
זאַק רוכטשע
זייד אבל און פאַמיליע
זייד אברהם יידל
זייד אברהם־יידל
זייד אדא און 2 קינדער
זייד איטל
זייד אלטער
זייד בערל־נתן
זייד בריינדל
זייד בריינדל און קינדער
זייד גיטל
זייד דאַבע
זייד דוד און פרוי
זייד הינדע
זייד הערשל
זייד הערשל
זייד וואָלף
זייד זיינוול
זייד זיינוול
זייד זיסל
זייד חיה־פערל

אויפן בית־עלמין אין פינטשעוו — בבית־העלמין בפינצ׳ב



דריי שוועסטער, פון דער היים בעלפער, נעבן די קברים פון זייערע טאַטע־מאַמע, אויפן פינטשעווער בית־עלמין אין 1937. פון רעכטס, שטייען: העניע גאָלדשטיין, יענטל דזשאַבע און מרים־לאה פרייזער; די לעצטע איז געשטאָרבן אין 1939, די ערשטע צוויי — אומגעבראַכט דורך די נאַציס.



ביי אַ מצבה פון זייער אַ נאָענטן משפחה־גליד שטייען פון רעכטס צו לינקס. חנה מיאַדאָווניק, זייער פאַמיליע וואָס איז געקומען צוגאַסט קיין פינטשעוו פון אַמעריקע, הערשל מיאַדאָווניק, זעליג קאַרמיאַל, הערש־לייב קאַרמיאַל, כת־ריאל וואָצלאַווסקי, סאַנע פישביין, אברהם קאַרמיאַל.



שטייען נעבן דער מצבה פון זייער מוטער און שוויגער חיה בר׳ יצחק הכהן ז״ל, רעכטס — פנחס וויינבערג, לינקס — זיין פרוי רייזל און זיין שוועגערין. איבער דער מצבה שטייען, פון רעכטס צו לינקס: יחיאל וויינבערג, צוויי זין פון פנחס וויינבערג מיט זייערע פרויען אינמיטן.

זייד חיים־יוסף
זייד חיים יוסף
זייד יאַנקל
זייד יצחק
זייד יצחק
זייד ישראל
זייד לאה
זייד לאה
זייד מאיר
זייד מאיר
זייד מלכה
זייד מלכה און 2 קינדער
זייד מענדל
זייד מענדל און פאַמיליע
זייד מרים
זייד משה
זייד משה
זייד משה און פאַמיליע
זייד משה־דוד און פאַמיליע
זייד ישראל
זייד פערל
זייד פערל
זייד ראַצל
זייד פייגל
זייד פישל און פאַמיליע
זייד פערל און קינדער
זייד פערל (גאָטפריד)
זייד שיינדל
זייד שמחה
זיידנער אהרן־דוד
זיידנער אסתר
זיידנער פנחס
זיידנער שיינדל
זיידנער שמואל
זייף אברהם
זייף בלומא
זייף גרשון
זייף דוד
זייף חוה
זייף יוסף
זייף יענטל
זייף מרדכי
זייף צביה
זייף שיינדל
זייף שלום
זילבערשטיין אבא

זילבערשטיין אסתר
זילבערשטיין בערל
זילבערשטיין דאָבע
זילבערשטיין הענע
זילבערשטיין זיינוול
זילבערשטיין מרים־רחל
זילבערשטיין פרומעט
זילבערשטיין שיינדל
זימבערג דבורה און 3 קינדער
זימבערג מאיר
זימבערג משה־יחיאל
זימבערג רבקה און 6 קינדער
זינגער חיה (ערליך)
זשעלאָנע אברהמטשע און פאַמיליע
זשעלאָנע אסתר
זשעלאָנע חיים און פאַמיליע
זשעלאָנע מאָטל
זשעלאָנע מירל
זשעלאָנע פייגל
זשעלאָנע פעסל
זשעלאָנע שלמה און פאַמיליע

טישגאַרטען גיטל־לאה
טישגאַרטען יחזקאל
טישגאַרטען יענטע
טישגאַרטען קלמן
טישגאַרטען רחל
טישגאַרטען שרה
טעקל אַלטער
טעקל אברהם און פאַמיליע
טעקל הינדע
טעקעל הערצקע, שטאָט־חזן
טעקל יצחק
טעקל ישראל
טעקל מרים און פאַמיליע
טעקל פייגל און פאַמיליע
טשאַפּ אברהם און פאמיליע
טשאַפּ אברהם און פאַמיליע
טשאַפּ אַלטער און פאַמיליע
טשאַפּ אַלטער און פאַמיליע
טשאַפּ לייבל און פאַמיליע
טשאַפּ לייבל און פאַמיליע
טשאַפּ ראַצע
טשאַפּ ראַצע און פאַמיליע
טשאַפּ שמואל

טשאַפּ שמואל און פֿאַמיליע
טשאַפּ שרה
טשייקאָווסקי אידל
טשייקאָווסקי פּערל
טשעשלאַק אברהם
טשעשלאַק אַנדזשע
טשעשלאַקביילע צירל
טשעשלאַק האָדעס
טשעשלאַק יידל חנא
טשעשלאַק לאה
טשעשלאַק מרדכי דוד
טשעשלאַק משה
טשעשלאַק שרה־רחל

יאַזשוויץ זישע און פֿאַמיליע
יאַזשוויץ סערל
יאַזשוויץ שמואל און פֿאַמיליע
יאַסנע אברהם און פֿאַמיליע
יאַסנע אייזיק און פֿאַמיליע
יאַסנע אסתר
יאַסנע באַשע
יאַסנע לייביש
יאַקובאָוויטש זיסל
יאַקובאָוויטש זלמן
יאַקובאָוויטש טובה
יאַקובאָוויטש ליפּע
יאַקובאָוויטש ישעיה
יאַקובאָוויטש מענדל
יאַקובאָוויטש נאַטע
יאַקובאָוויטש עלקע
יאַקובאָוויטש פייגל
יאַקובאָוויטש שמואל וואָלף
יאַקובאָוויטש שמעון
יאַקובאָוויטש שרה
יאַקובאָוויטש שרה
יעדוואַב האָדעס
יעדוואַב חוהלע
יעדוואַב ירחמיאל

כאַינע אבל
כאַינע חיה־אסתר און 3 קינדער
כאַינע יידל
כענצינסקי טובה
כענצינסקי מרדכי־לייב

לובלינער הערשל
לובלינער ליפּטשע
לופּקע בנימין
לופּקע יואל און פֿאַמיליע
לופּקע יואל און פֿאַמיליע
לופּקע פּעסל און פֿאַמיליע
לוץ שאול
לוץ שרה
לעדערמאַןביילע
לעדערמאַן יאַנקל און פֿאַמיליע
לעדערמאַן יאָסל און פֿאַמיליע
לעדערמאַן נפתלי
לעווקאָוויטש איציק מאיר
לעווקאָוויטש גיטל
לעווקאָוויטש דבורה
לעווקאָוויטש חיים
לעווקאָוויטש מרדכי שמואל
לעווקאָוויטש פייגל
לעמבערג דוד
לעמבערג חנה
לעמבערג לאה (וולאַשטשאָווסקי)
לעמבערג מאיר
לעמל יאָסל
לעמל פריידל

מאַזגאָווסקי אברהם
מאַזגאָווסקי איטל
מאַזגאָווסקי לייביש
מאַזגאָווסקי נחמן
מאַנצאַזש אברהם
מאַנצאַזש ברוך
מאַנצאַזש בלומע
מאַנצאַזש דוד
מאַנצאַזש יהודה־לייב
מאַנצאַזש משה
מאַנצאַזש רבקה
מאַסאַש
מאַסאַש אַלטע
מאַסאַש הענדל
מאַסאַש הערצקע און פֿאַמיליע
מאַסאַש זלמן און פֿאַמיליע
מאַסאַש רבקה
מאַראָוויעצקי אסתר־חנה
מאַראָוויעצקי מאַטעס
מאַראָוויעצקי מלך

מאַראַוויעצקי מעכעלע
מאַראַוויעצקי משה
מאַראַוויעצקי פייגל
מאַראַוויעצקי קיילע
מאַראַוויעצקי קלמן
מאַראַוויעצקי רבקה
מאַראַוויעצקי שמואל
מיאַדאַווניק חנה־חיה
מיאַדאַווניק נפתלי
מיאַדאַווניק עזריאל
מיאַדאַווניק שרה־חנה
מינץ אברהם און פאַמיליע
מינץ יואל יצחק און פאַמיליע
מינץ משה און פאַמיליע
מינץ שלמה־דוד און פאַמיליע
מיראַוויטש ברוך
מיראַוויטש וואָלף
מיראַוויטש זלאַטע
מיראַוויטש חיים־יוסף
מיראַוויטש ישראל
מיראַוויטש ישעיה דוד און פאַמיליע
מיראַוויטש שמעון
מלינאַרסקי דוד
מלינאַרסקי חנה
מלינאַרסקי יוסף
מלינאַרסקי פייגל
מענטליק אסתר
מענטליק דוב
מענטליק יצחק
מענטליק משה און פאַמיליע
מענטליק מענדל און פאַמיליע
מענטליק מרים געב. פאַלק
מענטליק פייגל
זיין פריצייטיקער טויט האָט אונדז, פינטשעווער לאַנדסלייט, געטראָפן ווי אַ דונער אין העלן טאָג. מיט זיין פּטירה האָט אונדזער טעטיקייט אַ סך געליטן בכלל. ער פעלט אונדז און קאָן נישט פאַרטראָטן ווערן, ווי עס פעלט אין דאָזיקן בוך די וויכטיקע היסטאָרישע אַרבעט וועגן פינטשעוו, וואָס ער האָט געוואָלט און געזאָלט אָנשרייבן פאַרן יזכור־בוך. טאָקע אויף דער לעצטער זיצונג מיט אים האָט מען אים געפרעגט ווען ער וועט צושטעלן זיין מאַטעריאַל פאַרן בוך. „אויף מיין מאַ־טעריאַל וועט מען נישט דאַרפן וואַרטן״ — האָט ער געענטפערט. ליידער, וואַרטן מיר טאָקע מער נישט אויף זיין מאַטעריאַל, ער וועט עס מער נישט מאַכן.

אין זיין ערשטער יאָרצייט שטייען מיר ביי זיין קבר, צוזאַמען מיט זיין גאַנצער פאַמיליע, און באַוויינען די אבידה, וואָס מיר, פינטשעווער לאַנדסלייט, האָבן פאַרלוירן און מיר וועלן זיין אָרט קיינמאָל מער נישט אויספילן.

(רעדע אויף דער אזכרה ביי זיין קבר, אין
דער ערשטער יאָרצייט נאָך זאב כרמי ז״ל)

יוצאי פינצ׳ב שנפטרו בישראל

חיילי צה״ל שנפלו במלוי תפקידם

יוסף דב בן צבי קוזק ז״ל	דן בן צבי בהיר ז״ל

חברים וחברות באירגון יוצאי פינצ׳ב

יעקב בן בנדיט וינברג ז״ל	גודל קלמוביץ ז״ל
דוד בן שמואל פיינר ז״ל	יהודה זילברברג ז״ל
חיים בן אשר זליג קבשניבסקי ז״ל	איזיק זייף ז״ל
יצחק בן קלמן בילצבסקי ז״ל	אַלטע בת שלמה פבריקנט ז״ל
זיסער בן אברהם רוזנברג ז״ל	חיה בת ברוך הכהן אַספיס ז״ל
יעקב יוסף בן זאב ז״ל	הענע ליבע בת ברוך קבשניבסקי ז״ל
דב בן שמואל גוטפריד ז״ל	פריבה בת דב אַספיס ז״ל
זאב בן אבא כרמי (קינרוס) ז״ל	רוחמה בת יעקב וינברג ז״ל
משה בן ישראל הלוי אַספיס ז״ל	רחל ריטה בת אברהם ברוך מלינובסקי ז״ל
ישעיהו בן חיים קבשניבסקי ז״ל	בת שבע פרייס בת שלום הלוי שיינר ז״ל
יחיאל בן שלמה הייטלר ז״ל	שרה בת חיים ארליך ז״ל
דוד בן יעקב ולושצ׳ובסקי ז״ל	זיסל רוזנברג־הרשקוביץ ז״ל

מרדכי שוואַרץ

די שארית הפליטה פון פינטשעוו אין ישראל

מיטן אָנקום פון אונדזערע ערשטע עולים קיין ארץ־ישראל אין די צוואַנציקער יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט, האָט זיך גלייך אָנגעפאַנגען די טעטיקייט פון די פינטשעווער לאַנדסלייט.

די ערשטע עולים זענען נאָך ביזן היינטיקן טאָג דער חוט־השדרה פון „אירגון יוצאי פינצ׳וב״. זיי זענען געווען נישט פיל אין צאָל, נאָר אַדאַנק זייער איבערגע־געבנקייט און אַקטיווקייט האָט זיך דער אירגון אַנטוויקלט און די פרוכטן פון דער ערשטער טעטיקייט זענען קענטיק אויך אין אונדזערע טעג.

אַלע פינטשעווער לאַנדסלייט קענען גוט די גרונטלייגער פון אונדזער אָרגאַני־זאַציע, וועלכע זענען: שוואַרץ מרדכי, האַלפּערן יוסף, אספּיס אברהם, ערליך משה, כרמי זאב (קינרוס וואָלף), טעקעל אליעזר, פּשענדזע אברהם, קאָזאַק צבי, בראַניאַ לאַנדסמאַן, ראָזען לאה, שולץ זעלדע, ראָזענבערג זיסל, פּאַוואָנסקער דינה, פּעסיע שוואַרץ, סקיבאַן לאה, אספּיס לאה און אַנדערע; אויך די פרויען פון די חברים, וועלכע האָבן געהאָלפן זייערע מענער אין דער טעטיקייט.

די ערשטע צוזאַמענטרעפן פון אונדזערע לאַנדסלייט אין ארץ־ישראל פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה האָבן געטראָגן אַן אינטימען כאַראַקטער. ס׳פלעגן זיך טרעפן אַמאָליקע יוגנט־חברים, שכנים און פריינט און מען פלעגט זיך דערמאָנען אַמאָליקע יאָרן און געמיינזאַמע איבערלעבענישן אין דעם אַלטן געבורט־שטעטל, וואָס האָט נאָך דאַן עקזיסטירט און געפירט זיין אייגנאַרטיק רואיק לעבן.

אין דער לעצטער גרויזאַמער וועלט־מלחמה איז אונדזער קהילה פולשטענדיק פאַרניכטעט געוואָרן. צוויי טעג נאָך שמחת־תורה תש״ג, זענען אונדזערע טייערסטע אַרויסגעפירט געוואָרן אויף זייער לעצטן וועג און שוידערלעך אומגעבראַכט גע־וואָרן דורך די נאַצישע מערדער.

ווען נישט די קאַטאַסטראָפע וואָלטן אין ישראל געווען פיל מער פינטשעווער לאַנדסלייט. דער ביטערער גורל האָט נישט דערלאָזט, אַז פיל פון אונדזערע נאָ־ענטסטע זאָלן זיך פאַרייניקן מיט דער מחנה בויער אין ישראל.



ערשטער צוזאַמענקום צו גרינדן דעם קאָמיטעט פון עולי פינצ׳ב אין ישראל, חנוכה תש״י (20.12.1949), אין דער וווינונג פון פּראָפעסאָר שולץ, אין תל־אביב.

פון רעכטס צו לינקס: ערשטע ריי — פרוי שולץ מיט איר טאָכטער, לוי חיים, ראָזען־שוואַרץ לאה, כרמי לאה, גאָלד שושנה, קעמפּעל־קינרוס שושנה; צווייטע ריי — בן־בועז דוד, פרוי פישעל, פרוי בן־בועז, כרמי זאב, שוואַרץ מרדכי, שוואַרץ־בעלפער פסיה, פרידריך יוסף, אָקס, האַלפּערין יוסף, דריטע ריי — פישל חיים, העפּטער ישראל, פרוי העפּטער, שוואַרץ נחום, פרידריך שמואל, שוואַרץ טובה, בריסק פעלאַ, הייטלער יחיאל, האַלפּערין שושנה.

זינט 1949 ווערן יעדעס יאָר איינגעאָרדנט אזכרה־אָוונטן. די ערשטע אזכרה האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אין דער „יבנה״־שיל אויף רחוב יבנה, אין תל־אביב. די יערלעכע טרויער־אָוונטן, ווי אויך די אַנדערע באַגעגענישן און צוזאַמענטרעפן ווערן באַזוכט דורך דעם גרעסטן טייל לאַנדסלייט. זייער אַלגעמיינע צאָל גרייכט ביז 100 פאַמיליעס.

אין משך פון דער צייט זענען אָנגעצייכנט געוואָרן פאַרשידענע פּלענער צו פאַראייביקן אונדזער קהילה: א) אַרויסגעבן אַ ספר־פינטשעווו; ב) גרינדן אַ גמילות־חסדים־קאַסע; ג) שטעלן אַ מצבה אין מרתף השואה אין ירושלים; ד) שרייבן אַ ספר־תורה אויפן נאָמען פון אונדזערע קדושים; ה) שפּענדן אַ געוויסע סומע פאַר אַ שפּיטאָל; ו) פלאַנצן טויזנט ביימער אין „יער הקדושים״.

ביז היינט איז רעאַליזירט געוואָרן נאָר אַ טייל פון די פּראָיעקטן. אין 1955 איז געגרינדעט געוואָרן אַ קאַסע פאַר קעגנזייטיקער הילף, מיט אַ גרונט־קאַפּיטאַל פון 485 ל״י. אין משך פון דער צייט האָט זיך די קאַסע אַנטוויקלט און פיל חברים



אויפן ערשטן צוזאַמענקום אין תל־אביב (20.12.1949)
פון רעכטס צו לינקס: ערשטע ריי — לוי חיים, ראָזען־שוואַרץ לאה, גאָלד שושנה, קעמפּעל־קינרוס שושנה, פרוי גאָלד, בילטשעווסקי איטשע; צווייטע ריי — פרוי בן־בועז, כרמי זאב, שוואַרץ מרדכי, שוואַרץ פסיה, פרידריך יוסף, אָקס, האַלפּערין יוסף, פרוי קויפמאַן, נתן קויפמאַן, לאַנדסמאַן־ראָזענבערג בראָניע, לאַנדסמאַן סאָניע; לעצטע ריי — שוואַרץ נחום, פרידריך, שוואַרץ טובה, פרוי העפּטער, הייטלער יחיאל, האַלפּערין שושנה; נעבן נחום שוואַרץ, אויבן רעכטס — צוויי קינדער שולץ.


קריגן הלוואות אויף קאָנסטרוקטיווע צוועקן. יעדעס יאָר ווערט אויסגעקליבן אַ נייער קאָמיטעט און מען באַמיט זיך צוציִען צו דער אַרבעט נייע יינגערע כוחות.

ס׳איז רעאַליזירט געוואָרן דאָס שטעלן אַ מצבה אין מרתף־השואה אויפן הר־ציון, אין ירושלים. צו דער אַנטהילונג פון דער מצבה זענען עולה געווען קיין ירושלים ביי 100 פּינטשעווער לאַנדסלייט.

מיר האַלטן אָן אַ שטענדיקן נאָענטן קאָנטאַקט מיט אונדזערע לאַנדסלייט אין אַמעריקע און קאַנאַדע און אויך אין אַנדערע לענדער. טיילווייז איז דער קאָנטאַקט אויך אַ פּערזענלעכער, ווי למשל, מיט די ברידער מאַרקס און קאָס פון ניו־יאָרק, די ברידער מעדאָ (מיאָדאָוווניק) פון קאַליפאָרניע.

די פאַרוואַלטונג פון אירגון טרעפט זיך אויף סטאַבילע זיצונגען, נישט ווייניקער ווי צוועלף מאָל אין יאָר; יעדעס מאָל ביי אַ צווייטן חבר פון קאָמיטעט.

די ערשטע פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פון: מ. שוואַרץ (פּאָרזיצער), צבי קאָזאַק (וויצע־פּאָרזיצער); טעקעל אליעזר (קאַסירער), משה יעקב גאָטפריד (סעקרעטאַר); יוסף האַלפּערן און זיסל ראָזענבערג. אין דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע זענען



מרדכי שוואַרץ גיט איבער, אויף אַן אזכרה־פאַרזאַמלונג אין תל־אביב, אַ באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון פינטשעווער לאַנדסלייט־פאַריין און וועגן אַרויסגעבן דאָס יזכור־בוך. פון רעכטס: אליעזר טעקעל, אברהם פשענדזע, שלמה שיינער, זאב כרמי, מרדכי שוואַרץ, קירשענבוים, צבי קאַזאַק.



דער קאָמיטעט פון פינטשעווער לאַנדסלייט־פאַריין אין תל־אביב, סעפּטעמבער 1959.
זיצן פון רעכטס צו לינקס: האַלפּערין יוסף, ראָזענבערג זיסל, שוואַרץ מרדכי, קאָזאַק צבי;
שטייען פון רעכטס צו לינקס: טעקעל אליעזר, גאָטפריד יעקב, דוד בן־בועז.

געווען: דוב בן־בועז און יוסף פרידריך. פון חיפה: אספיס אברהם, ערליך משה, וויסמאַן נחמן, סקיבן לאה, רוזזשאַל ישראל. דער אַדרעס פון אירגון איז: תל־אביב, רח׳ אנגל 10, ביי מרדכי שוואַרץ.

אין יאָר 1963 האָט אונדז פאַרלאָזט אונדזער טיכטיקער סעקרעטאַר חבר גאָט־פריד. מיט זיין פאַרלאָזן ישראל איז אונדזער אַרבעט געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט. אָבער מיט דער צייט האָבן מיר געשאַפן אַ קאָמיטעט ספּעציעל פאַר אַרויסגעבן אונ־דזער ספר־פינטשעוו. אָבער דאָ האָט אונדזער קאָמיטעט געטראָפן אַן אומגליק: אונ־דזער חבר כרמי זאב (קינרוס) ז״ל איז נפטר געוואָרן. ווידער האָט עס געווירקט אויף אונדזער אַרבעט.

אָבער מיט דער צייט איז די אַרבעט צוריקגעשטעלט געוואָרן און מיר האָבן פאַרווירקלעכט אונדזער טרוים צו פאַראייביקן אונדזערע טייערע און ליבע פאַ־מיליעס, וואָס די מערדערישע האַנט האָט אַוועקגעריסן פאַר דער צייט און מיט דעם ספר פאַראייביקן מיר זייער זכר לדורות.

מאיר אייזיקאָוויטש (ניו־יאָרק)

די יוגנט־טרוימען זענען פאַרווירקלעכט געוואָרן

איך שטאַם פון אַן אָרעמער פינטשעווער היים.

אָבער האַרמאָניע, ליבשאַפט און געטריישאַפט האָבן געהערשט אין דער שטוב פון מיין טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן זיך געראַנגלט מיט די שוועריקייטן פון טאָג־טעגלעכן לעבן. מיר זענען געווען 4 קינדער ביי אונדזערע עלטערן. יעדער פון אונדז האָט געהאַט זיינע יוגנט־טרוימען. מען האָט געטרוימט וועגן נייע וועלטן, וועגן ווייטע לענדער און גרויסע שטעט, אין דער צייט ווען אונדזער אייגן שטעטעלע איז גע־ווען אַזוי שיין און אַריינגעפּאַסט אין ווונדערלעכער נאַטור.

דער טייך נידאַ, וואָס האָט זיך געשלענגלט דורך דער לענג פון אונדזער שטע־טעלע; די הויכע בערג, וואָס האָבן עס אַרומגערינגלט און פון צייט־צו־צייט געהאַט אויף די שפּיצן ווייסע קרוינען פון שניי — ווי פּרעכטיק דאָס אַלץ איז געווען!

מיר, די קינדער, זענען אַרומגעלאָפן און זיך געשפּילט זאָרגלאָז אין טייך, אויף די לאָנקעס, אין דעם באַוווסטן וואַנוואַז. היימלעך איז געווען דאָס לעבן, אַנהויבנדיק

מיט די חדר־יאָרן און שפּעטער דאָס לעבן אין די פּילצאַליקע קינדער־אָרגאַניזאַ־ציעס, ווּ די יוגנט פּלעגט זיך צוזאַמענקומען און זיך טוישן מיט געדאַנקען און טרוי־מען וועגן אַ יידישן היימלאַנד, וועגן בויען און שאַפן.

איך האָב פאַרלאָזן דאָס שטעטעלע אין מיין פריער יוגנט. איך בין געפאָרן אין דער גרויסער שטאָט זוכן צוקונפט — דאָרט האָט די נאַצישע בעסטיע מיך פאַר־כאַפּט. איך האָב זיך געוואַלגערט יאָרן אין די נאַצישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אָן אַן אויסזיכט ווידעראַמאָל צו זען די ליכט פון אַ פריי לעבן. אונטער די שווידערלעכ־סטע באַדינגונגען, וואָס זענען אומבאַשרייבלעך, האָבן מיר געלעבט און דאָך גע־האָפט, אַז עס וועט געשען אַ נס און די צייט וועט קומען, ווען די נאַציס וועלן ליידן אַ מפּלה און מיר וועלן ווידער קאָנען פריי אָטעמען. די טעג האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין וואָכן, די וואָכן אין מאָנאַטן און יאָרן פון פּיין און דערנידערונגען. די נאַציס האָבן אונדז באַרויבט פון יעדער מענטשלעכער ווירדע. מיר האָבן אויסגעזען און געהאַנ־דלט ווי פּשוטע חיות. מיר האָבן צוגעזען ווי אונדזערע טייערסטע און ליבע ווערן פאַרטיליקט צום טויט, ווי אונדזערע ברידער און שוועסטער ווערן געמאַטערט, ביז זייערע כוחות ווערן אויסגעשעפּט און זיי פאַלן ווי פליגן, — אָבער העלפן האָבן מיר נישט געקאָנט.

וואָס מער מיר זענען געפּייניקט געוואָרן, אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער דראַנג צום לעבן און איבערלעבן, כדי צו קאָנען באַצאָלן די מערדער פאַר אונדזער אומ־שולדיק פאַרגאָסן בלוט. סוף־כל־סוף איז געקומען די צייט, ווען מיר זענען קראַנקע און צעבראָכענע באַפרייט געוואָרן דורך די אַליאירטע אַרמייען. דער ווילן נקמה צו נעמען איז געווען גרויס, אָבער די כוחות האָבן נישט געטראָגן און ווען די כוחות זענען צוריקגעקומען — האָט זיך שוין אַלץ געהאַט איינגעשטילט.

די נאַצישע גוואַלד־טאָטן זענען געבליבן נישט באַצאָלט.

אָבער דער טרוים פון אונדזערע יוגנט־יאָרן איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. אונ־דזערע ברידער און שוועסטער האָבן אויסגעקעמפט די פרייהייט פאַר אונדזער היס־טאָריש היימלאַנד. מיר זענען געוואָרן מענטשן מיט ווירדע און מיט אַ פאָטערלאַנד. מיר זענען אַ פאָלק גלייך מיט אַלע פעלקער. מיר קענען שפּאַנען מיט אויפגעהויבענע קעפּ און ווייזן דער וועלט, אַז מיר קענען שאַפן, בויען און אַרבעטן פאַר אַ פרייער און פרידלעכער צוקונפט פאַר אונדזער פאָלק און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

ישראל גולדמן

שני מכתבים

בן עירנו, מר ישראל בן ברוך פיבל גולדמן, שבעצמו היה בתוך השואה והחורבן ורק בנס נמלט מרכבת המוות, ניצל והגיע ארצה — עובד בשליחות מטעם ממשלת ישראל במדי־נות מתפתחות כמדריך בבנאות.

והרי שני מכתבים לימי אזכרה שקיבלנו ממנו ממרחקים. את האחד הוא שלח אלינו מ„גג העולם" — מקאטמאנדו, בירת נפאל, ואת השני כתב באיבדן, ניגריה המערבית.

אנו מביאים את שני המכתבים כלשונם.

קטמאנדו, נפאל, 5 בספטמבר 1964.

לכ' ועד ארגון יוצאי פינצ'ב והסביבה,

לרגל יום הזיכרון ה־22 לחורבן קהילתנו והשמדת יקירינו, החל ביום כ"ה בתשרי, והיות שעקב הימצאותי מחוץ לארצנו נבצר ממני להשתתף בעצרת הזכרון — הנני רוצה להביע במכתבי זה את רגשי השתתפותי ממרחקים.

הנני נמצא כרגע לרגל עבודתי בארץ נפאל, בהרי הימלאיה, שזה „גג העולם", ומכאן הנני מתייחד ברגעים אלה עם כל אשר עבר בעיירתנו ליקירינו ביום טראגי זה. עלה בגורלי להיות נוכח בשואה זאת, ולמזלי נשארתי בחיים מכל הורינו, אחינו ואחיותינו, שחיו בעירנו. קשה לתאר במלים את אשר ראו עיני ביום זה, כיצד נשדדו ונרצחו בני עירנו על־ידי הצורר הגדול שבכל הדורות, בעזרתם הפעילה של תושבי המקום הלא־יהודים — אלה שגרו אתנו שנים ודורות ביחד — אשר בחסותם של הגרמנים ניצלו יום זה כדי לשדוד ולרצוח את שכניהם היהודים.

השנה, יותר מכל השנים, מפני שאינני יכול להיות אתכם ולחלוק עמכם כבוד לקרבנות ולזכרם — עולות לנגד עיני כל תמונות הזוועה והזעקות של ילדים, אמהות וזקנים באין יד מושיעה ובאין תוחלת ותקוה.

אנו, שנשארנו בחיים, מצווים וחייבים להעלות ולהזכיר את יקירינו שנספו ולצעוק את צעקת שברם בפני כל העולם, לבל תשכחנה הזוועות של הצורר הגדול ולבל תחזור עוד שואה כזאת לעולם! נזכור לדורי דורות את זכר גבורתם של אלו שנלחמו עד רגעיהם האחרונים ומתו בשירת „אני מאמין" על שפתיהם.

איבדן, ניגריה המערבית, 3 באוקטובר 1966

לכל אחי ואחיותי יוצאי פינצ׳ב — שלום רב,

לצערי, שוב אינני אתכם בערב זה. מדי שנה, בהתקרב יום הזכרון, מתמלא לבי צער ועצב. למרות שחלפו כבר 24 שנים מאז החורבן, אני חי את האסון כאילו זה היה רק אתמול, וזכרונות אלה ילווני עד יום מותי.

מכאן, מיערות העד של אפריקה, אני מתייחד יחד אתכם עם זכר יקירינו. אני רואה את פניהם המבוהלות, מרגיש את הרגשתם, שומע את דיבוריהם ואת תפילותיהם בשעת צעדת המוות לקרונות הרכבת בדרכם האחרונה. צעדתי במחיצתם, ובזמן שזינקתי החוצה דרך אשנב הקרון, ליוו אותי קריאות נקמה. הגורל השאיר אותי בחיים — האם כדי לספר ?

נקמתי היחידה היא, שזכיתי ללמד גויים עבודה בשם מדינת ישראל.

איטה קופפר (חיפה)

מכתבי אבי

מכל משפחתי הענפה נותרתי רק אני, הבת הבכורה; אין לי תמונות מהורי ואחי, וגם את חוויות הילדות הספקתי כבר לשכוח. יש בידי מספר מכתבים שאותם כתב אלי אבא, והכתוב בהם הוא לי כפניני ספרות. מכתבים אלה אני שומרת כבבת עיני, וכל פעם שאני קוראה בהם אני רואה לנגד עיני את — אבא אמא, אחַי ואחיותי.

שמותיהם הם: אבא — אליעזר פיינשטט. אמא — זהבה. אחיותי — יפה וצביה. אחי — מרדכי, אלטר־ישראל, ירחמיאל־יוסף ועקיבא. מכל אלה נשארתי אני יחידה.

גם בני משפחתו של אבי ז״ל נהרגו במלחמה. אלה אינם זכורים לי, והמעט שאני זוכרת הוא: דודה רחל ובעלה צבי ז׳מידק; דודה אלקה ובעלה ישראל קלב וילדיהם — מרדכי, ישעיה ומאיר פיינשטט ומשפחותיהם.

את עיר מולדתי פינצ׳ב עזבתי בינואר 1933, ולהלן חלק מכתבי אבי ומברכותיו לימי הולדתי ולנישואי: —

אליעזר פיינשטט ב״ה פינצ׳ב, ז׳ אדר תרצ״ג

מזל בעזה״י טוב!

„יחנך אלקים, חתני, אדמך כבני,
„צלח ורכב על פסגת במתי ההצלחה!
„חן וחסד שא את רעיתך, בבת עיני,
„קרבתה תנעים לך כל ימי חייך.
„ישכון שלום ביניכם ודורו בשלוה
„ותזכו לנטעי נעמן, לד׳ ותורתו נאמנים
„טוב ארצנו תשביעכם עונג, נחת וחדוה
„ארץ נותנת יבולה מברכת „מברך השנים״
„קבלו „זאת הברכה״ נובעת מעמקי לבבי!
„ותזכו לחיים מאושרים בכבוד וגדולה
„פרו ורבו בארצנו ארץ הצבי
„ראות עוד נזכה בעלותכם מעלה מעלה.

ראשי התיבות של החרוזים הם שמותיהם של חתנו ובתו של הכותב.

לעלות ארצה אני מחכה, לעלות
שם בקרוב, אֶכמה, אשאפה.
נשר לו הייתי באגפי האברתי
התראות את ילדי עטתי לעופה.
טסתי עלי עמקים ורכסים, דרכי לקצרה
ותרתי שנת עיני, עדי חפצי אגיעה
בכם כל מעיני אך בכם אחלומה
האזכה זאת מתי, מתי תגיע השעה!

יצו השם	את אסמו
צו יריק	ישפיע אשר
חיים וברכה	טובה והצלחה
קרנכם ירום	השנה החדשה.

לילדי החביבים ברכתי אביעה	טוב הארץ התמידו אכל
שנת עונג ורצון לשבעה	והתברכו בכל מכל כל
נתבו עוז בנתיב הצדקה	בשרו תמיד חדוה וצהלה
הכתבו לשנה טובה ומתוקה	השכילו עלות מעלה מעלה.

פינטשעווער לאַנדסלייט, וועלכע לעבן אין ישראל, בעתן אַרויסגעבן דאָס יזכור־בוך:

יוצאי פינצ׳ב החיים בישראל בעת הוצאת ספר־זכרון זה:

אזור תל־אביב:

אבירם יפה — ת״א, יד אליהו
אדליסט — בני־ברק
איזראלביץ יעקב — רמת־גן
איצקוביץ מיכאל — בת־ים
אספיס יצחק — רמת־גן
אסקוביץ יעקב — רמת־גן
אפשטין יעקב — בני־ברק
ארליך פלה — ת״א
בזסקי יוסף — גבעתיים
בורנשטין — ת״א
בלובשטין ישראל — חולון
בן בועז דוד — רמת־גן
ברב לאה — רחובות
ברוסק פלה — ת״א
ברנד רוזה — רחובות
ברנשטין מאיר — יפו
גליקסמן בלה — חולון
גרובשטין דבורה — פתח־תקוה
גרוס בוריס — מגדיאל
גרושקיץ — ת״א
גרין דבורה — נתניה
א. גרינברג — ת״א
מ. גרינברג — ת״א
גרינגרס יהושע — יפו
גרינדלנד רות — בני־ברק
הימלבלאו פרידה — רמת־גן
הלפמן פרומקה — יד מרדכי
הלפרין יוסף — ת״א
הפטר יהושע — ת״א
וינברג ב., אברהם, בלה — ת״א
ויספלד שלמה — קרית־אונו
ויץ שמריהו — פ״ת
וישליצקי משה — קבוץ מענית
זייד דוד — ראשון־לציון
זייד שינדל — בני־ברק
זיידמן הללה — נתניה
זייף איזיק — גבעתיים
זילברשטין זאב — בת־ים
זינגר חיים יוסף — רחובות
זנדברג הניה — רמת־גן
טקל אליעזר — בני־ברק
יזבוץ יעקב — גבעת עליה
כרמי (קינרוס) לאה — ת״א
לובלסקי מנדל — ת״א
לבקוביץ משה — הדר־יוסף
לוי חיים — ת״א
לנדסמן ברוניה — ת״א
לקס אברהם — רמת־עמידר
מלכה שרה — ת״א
מרכוס הרברט — ת״א
ניאזביץ משה — ת״א
סקוצילש יוסף — ת״א
פדר יעקב — בני־ברק
פובונסקר דינה — בני־ברק
פוטישמן אברהם — פ״ת
פוטישמן אליעזר — פ״ת
פוטישמן משה — פ״ת
פוכר שמואל — ת״א
פישבין דוד — ת״א
פישר זלמן — בני־ברק
פס שיינדל — רמלה
פרוכט פנחס — רמת־גן
פריגנבוים עזרא — בצרון

פרידריך יוסף — ת״א, יד־אליהו
פרידריך שמואל — ת״א
פרלמוטר אסתר — נתניה
פשנדזה אברהם — בני־ברק
צומבר אוה — ת״א
צוקר אידה — קרית בורוכוב
צחובסקי נתן — ת״א
קוזק צבי — ת״א
קורטשינסקי טוביה — ראש״ל
קורן יוסף — ת״א
קירשנבאום אברהם — ת״א
קלב אברהם — בת־ים
קלוגמן שמחה — ת״א
קמפל (קינרוס) שושנה — חולון
קנר ישראל — רחובות
קס יהושע — רמת־גן
קירשנבוים אליהו — כפר סטריה
רוזן לאה — ת״א
רוזנברג הינדה — ת״א
רוזנמן (שינפלד) שושנה — בת־ים
עו״ד רוטנברג — ת״א
שולץ זלדה — ת״א
שורץ מרדכי — ת״א
שטיינר הלנה — רמת־גן
שטרן יעקב — גבעת עליה
שיינר שלמה — ת״א
שלזינגר אברהם אלקה — ראשל״צ
הרב שצברוסקי — ת״א
שפיגלמן (בת של שיינר) — ת״א

אזור חיפה:

אדליסט עקיבא — חיפה
אספיס אברהם — חיפה
(אספיס) בוגוסלבסקי לאה — חיפה
אריאלי מ. — קרית־מוצקין
ארליך משה — חיפה
בהיר (יסני) צבי — תל עמל
בזסקי אליעזר — חיפה
ביטנר (ירוזלבסקי) חנה — חיפה
בלטברג (ברונר) רחל — חיפה
בן סיני (רוזדזיאל) ישראל – חיפה
ברנדיס רחל — טבעון
ברנר משה — חיפה
גולדבליט משה — חיפה
גולדמן ישראל — חיפה
האוזמן מרים — חיפה
ויסמן נחמן — חיפה
וקסמן חיים — עכו
זייד מרדכי — עין חרוד
זיידנר שמואל — חיפה
זנדברג (ירוזלבסקי) הנה — חיפה
זנדברג מרדכי — חיפה
מוזלס יהושע — חיפה
מושקוביץ בן־ציון — חיפה
מינץ צבי — חיפה
מינקובסקי גרשון — נוף־ים
סקיבן (גרושפס) מרים — חיפה
פלדמן צבי — חיפה
פריז צבי — חיפה
פרנט רחל (ולאך) — חיפה
קובלסקי שטפניה — חיפה
קופפר איטה — חיפה
קורנברג חיים — כפר אתא
קליינפלץ — זכרון־יעקב
רדזינבבסקי בצלאל — חיפה
רוזנצויג ה. — נוה־ים
רייכמן מרדכי — נהריה
שטלצר יפה — חיפה

ירושלים:

מלמד מלכה — ירושלים
קלמוביץ חנה — ירושלים
רוטנברג מאיר — ירושלים
רפפורט שאול — ירושלים

זילברשץ מכנה — אילת

יוצאי פינצ׳ב בתפוצות
פינטשעווער יידן אויף דער וועלט

פינטשעווער אין די פאַרייניקטע שטאַטן שאַפן הילף פאַרן שטעטל אין יאָר 1915


דער „ייוואָ"־אַרכיוו אין ניו־יאָרק האָט אונדז פריינטלעך איבערגעשיקט אַ פאָטאָ־קאָפּיע פון אַ וויכטיקן און אינטערעסאַנטן בריוו, וועלכער זאָגט עדות וועגן דער זאָרג פון פינטשעווער לאַנדסלייט פאַר זייערע ברידער אין דער אַלטער היים, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיר גיבן דאָ איבער דעם גענויעם אינהאַלט פון דאָזיקן בריוו, געשריבן דעם 16.3.1915, אין ברוקלין, ניו־יאָרק.

דער בריוו איז געשריבן דורך מאָרטאָן וו. רעללינג און ער לייענט זיך אַזוי (מיר לאָזן איבער סיי דעם אינהאַלט, סיי דעם אויסלייג גענוי ווי אין אָריגינאַל):

„ווערטהער פריינד צוקער,

„פיליכט האָט איהר גיהערט עטוואָס פון אונזער אַלטער היים פינטשעוו אונד ווען אַפּילע ניט, קען זיך יעדער איינער פאָרשטעלן, וואָס מיט אונזער געבורט פלאָץ איזט געוואָרען. אָבער די שטאָט זעלבסט וואָלט אונז ניט זאָפיל געשמערצט ווי דיא מענטשען וועלכע זענען געבליבן אָהן מיטעל צו לעהבען אין די צייט ווען זייערע קליינע קינדערליך שטרעקען אויס די האַנד אונד בעהטען עסען, האָבען דיא עלטערען זייא ניט וואָס צו געבן. פון וואַנעט זאָלען זייא עס דען נעמען? קענט איהר זיך פאָהרשטעלען זאָ שרעקלעכעס? דער איינציגער הילף פיר זייא זענען נור מיר, דיא גליקליכע וועלכע זענען אין אַמעריקאַ. פיר דיזען צוועק האָבען מיר געגרינדעט איין רעליעף קאָמיטע אונד מיר האָפען אַמווייניגסטען שאַפּען 1000 דאָללאַר ווען אַלע פינטשעווער אין די פעראייניגטע שטאַטען וועלן אונז צו הילף קאָממען. אויך האָפען מיר אויף אייך דאָס איהר ווירד טהוען אייער פליכט וויא אויך זעהן מיט אַלע פינטשעווער וועהגען דיזען אונד ווירד אונז מיטהעלפען אין אונזער רעליעף קאָ־מיטע אַרבייט. מיט בעסטען גרוס" — אונטערגעשריבן מיט לאַטיינישע אותיות: מאָרטאָן וו. רעללינג (סעק.)

צום סוף איז צוגעגעבן: „פ. ס. זייט זאַ גוט אונד שיקט אונץ דיא אַדרעסס פון אייער משפחה אין קאַנאַדאַ״ — דאָס באַווייזט, אַז דער הילף־קאָמיטעט האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז אויף די פאַרייניקטע שטאַטן, נאָר געזוכט אויך די לאַנדס־לייט אין קאַנאַדע.



פינטשעווער רעליעף
קאָמיטע,
נענריגדעט יאנ. 15 1915

172 Bay 31 St
Brooklyn N.Y.
16/3/15

קאָפּיע פון בריוו, וואָס דער פינטשעווער הילף־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק האָט געשיקט צו אַ לאַנדסמאַן אין די פאַריייניקטע שטאַטן, בעטנדיק ער זאָל זיך באַטייליקן אין דער זאַמלונג־אַקציע פאַר די יידן אין שטעטל (דער אָריגינאַל געפינט זיך אין ייוו״אָ־אַרכיוו אין ניו־יאָרק, וואָס האָט אונדז איבערגעשיקט די פאָטאָגראַפיע צו פאַרעפנטלעכן).

דיא פינטשעווער רעליעף קאמיטע צו איהרע לאנדסלייטע

פריינדע !

מיר גלויבען דאס עס איז איבעריג צו אפעלירען צו אייך מיט שעהנע קלינגענדע פראזען וועגען העלפען אונזערע אייגענע אין דיא אלטע היים. ווער פון אייך ווייסט דאס ניט וואס קומט יעצט פאר אין אונזער געבורטס פלאץ. וויא מיר האבען נאכריכטען פון בריעף, אז פינטשעוו היינט אין גאנצען א חורבה נאך דער שלאכט, וואס ס'איז פארגעקומעןביים טייך „נידא". שטעלט זיך פאר דאס ארט וואו אייער וויגעלע איז א מאל געשטאנען, דאס הויז וויא איהר האט אייערע קינדערעשע יאהרען פערברענגט, איז יעצט פערניכטעט, און אונטער די רואינען ליגען פיליכט אונזער בלוט און פלייש, אייגענע שוועסטער און ברידער, פרוי און קינדער, פאטער און מוטער.

פרובירט איהר א קלעהר טהון אויף אונזערע אלמנות און יתומים, וואס וואלטען זיך שוין בעסער געוואלט געפינען צווישען דיא טויטע, איידער אויסצוגעהן פון שמערצען אונד הונגער ביסלעכווייז ? אויב איהר ווייסט דאס אלעס, ווארום דען שווייגט איהר ? איזט דען נויטיג דאס מיר זאלען אייך דערמאנען אין אייערע פליכטען צו אייערע אייגענע ? זאגט ניט דאס ווען איהר וועט קענען דערגרייכען מיט הילפע, וועט איהר שוין העלפען אייער אייגנע, אונד וואס וועלען טהון דיא יענענע, וואס האבען ניט קיינעם אין אמעריקא ? פון ווען דען קענען זיי ערווארטען הילפע, ווען ניט פון אונז ?

מיר ווילען דאס איהר זאלט זיך מיט אונז צוזאמען קומען, אונד מיר וועלען טהון וואס עס איז נור מעגליך. זיך פארצובערייטען מיט הילפע, ווען אונזערע אונגליקליכע וועלען אויסשטרעקען דיא האנד פון יענער זייט ים. דארפען מיר זיך דען ניט שעהמען פיר זיך זעלבסט, יעדעס מאל ווען מיר זעצען זיך וועק צו איין זאטען מאהלצייט, ווען אונזערע נוהענטע אונד געליעבסטע וואלגערען זיך ארום אין געוועזענע שטעדט מיט געוועזענע גאסען, וויא געוועזענע מענשען מיט פערשמאכטע ליפען אונד הונגערע פענימער ! !

מיר האבען ארראנזשירט א פעקעדזש פארטיע און באלל פאר דעם 3טען אפריל (חול המועד פסח). עס איזט אין אייערע הענד צו מאכען דיעזע אונטערנעהמונג דעם גרעסטען ערפאלג, אונד מיר האפען דאס מיר וועלען בעקומען פון אייך מאראלישע און פינאנציעלע שטיצע.

פינטשעווער רעל.
קאמיטע,
געגרינדעט יאנ. 15 1915.

מיט גרוס,
דאס קאמיטע

געלדער זאלען געשיקט ווערען צו אונזער קעשיער :

Mr. D KOPPEL, 237 E. 3rd St., N Y. City

אויף אַ ווייטערדיקן זייטל פונעם בריוו איז אויסגערעכנט די ליסטע מיט די מיטגלידער פון פינטשעווער „רעליעף קאָמיטע״. די נעמען זענען געשריבן אין ענגליש: פרוי ראַפּאַפּאָרט, פרוי רעללינג, ה״ה: ס. יעמסטיין, א. ליבערמאַן, י. גאָלדשלאַק, ר. וועקסלער, א. סילווערבערג, בוכבינדער, אַפּטעקער, וו. האָראָוויץ, ק. קאַרמעל, ז. קאַרמעל, א. קאַרמעל, ה. האָראָוויץ, ה. זיידמאַן, גאָלדשטיין, ל. האַפּפעל (קאַסירער), מ. וו. רעללינג (סעקרעטאַר).

מיר ברענגען דאָ אויך אַ פאָטאָגראַפיע פונעם געדרוקטן אויפרוף, וואָס דער הילף־קאָמיטעט אין די פאַרייניקטע שטאַטן האָט דעמלט אַרויסגעלאָזט צו די לאַנדס־לייט אין אַמעריקע וועגן דאָזיקן ענין. עס זענען אמת־רירנדיק די ווערטער וועגן „אונדזערע אלמנות און יתומים, וואָס וואָלטן זיך שוין בעסער געוואָלט געפינען צווישן די טויטע, איידער אויסצוגיין פון שמערצן און הונגער ביסלעכווייז״. עס איז אַזוי ברידערלעך־יידיש די דערקלערונג אין דאָזיקן אויפרוף: „מיר וועלן טאָן וואָס עס איז נאָר מעגלעך, זיך פאַרצובאַרייטן מיט הילף, ווען אונדזערע אומגליקלעכע וועלן אויסשטרעקן די האַנט פון יענער זייט ים״.

אויך די פאָטאָקאָפּיע פונעם אויפרוף איז אונדז פריינטלעך צוגעשיקט געוואָרן צו פאַרעפנטלעכן דורכן ייוו״אָ־אַרכיוו אין ניו־יאָרק.

שמואל בלום (טאָראָנטאָ, קאַנאַדע)

פינטשעווער יידן אין קאַנאַדע

אין קאַנאַדע וווינט אַ גרופּע לעבנגעבליבענע יידן פון פינטשעוו, וועלכע באַמיט זיך, אין די נייע באַדינגונגען, ממשיך צו זיין די יידיש־געזעלשאַפטלעכע טראַדיציע פונעם אַפּשטאַם־שטעטל. אָט זענען איניקע פון זיי:

ווער פון די פינטשעווער געדענקט נישט ר׳ הענעך וואַרשאַווסקי, מיט זיין גרויסער ווייסער פאַטריאַרכאַלישער באָרד און נעימותדיקער שטימע, וועלכער איז במשך פון 50 יאָר צייט געווען דער בעל־מוסף אין גערער שטיבל? זיינע דריי איי־ניקלעך, יאַנקל מינקאָווסקיס קינדער — גרשון, יוחנן און חוה מינקאָווסקי — לעבן און געפינען זיך היינט אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע.

שמואל בעקער איז געווען אַן אָנגעזעענער בעל־הבית אין פינטשעוו, מיט אַ

וואַרעם יידיש האַרץ און גרויסער בעל־צדקה. זיין זון, הערש־לייב ראַדזינסקי, האָט זיך געראַטעוועט אין פינטשעוו און לעבט היינט אויך אין טאָראָנטאָ.

אַלע פינטשעווער יידן האָבן געקענט דעם קהילה־דאָזאָר לייבל גאָלד, מיטגרינדער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכער איז אויך געווען אַקטיוו אין אַ ריי אַנדערע אינסטיטוציעס. זיין זון, מיט זיין פרוי און צוויי טעכטער געפינען זיך אויך אין טאָראָנטאָ.

די אַבעלאַ־משפחה איז געווען וויל־באַקאַנט און געאַכטעט אין יידישן פינטשעוו. דאָס זענען געווען גרויסע בעל־צדקהס, איבערגעגעבענע געזעלשאַפטלעכע טוער און פון די גרינדער און אָנפירער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פינטשעוו. די קינדער פון דער אַבעלאַ־משפחה, וועלכע לעבן אין טאָראָנטאָ, זעצן פאָר די טראַדיציע פון דער משפחה, זענען עוסק בצרכי ציבור שלא על־מנת לקבל פרס און פאַרשאַפן כבוד דעם אָנדענק פון אונדזערע אַלע קדושים.

און צי קאָן איך פאַרגעסן מיין ליבן פאָטער שלמה בלום, דעם כענטשינער חסיד? פונקט ווי ער האָט נישט פאַרפעלט קיינמאָל קיין מנחה־ומעריב אין זיין שטיבל, האָט ער נישט דורכגעלאָזט קיין שום מעגלעכקייט מקיים צו זיין די מצוה פון צדקה. אַן אָפּגעהיטענער און ערלעכער ייד און ליבנדיקער געטרייער פאַמיליע־



אַ גרופּע פינטשעווער לאַנדסלייט, וועלכע וווינען איצט אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע. פון רעכטס צו לינקס, זיצן: חנה גאָלד, שמואל בלאָך, מאיר אַבעללאַ, חיה מינקאָווסקי; שטייען: יוחנן מינקאָווסקי, דוד גאָלד, רייזל גאָלד, הערש־לייב ראַדזינסקי, גרשון מינקאָווסקי.

פאָטער. איך, זיין זון, שמואל בלום, אין טאָראָנטאָ, באַמי זיך נישט צו פאַרגעסן דאָס יידישע פינטשעוו און אויפהיטן דעם זכרון פון אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, שוועס־טער־ברידער הי״ד, דורך אַקטיווער באַטייליקונג אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, צו־טראָגנדיק מיין באַשיידענעםביישטייער פאַרן המשך פון אונדזער יידיש לעבן נאָכן גרויסן חורבן.

מנחם־מענדל שוואַרץ (באַראַנקיאַ, קאָלאָמביע)

אונדזער משפחה

מיין פאָטער זאב (וואָלף) שוואַרץ ז״ל איז געבוירן געוואָרן אין כמיעלניק, אָבער געלעבט זיינע גאַנצע יאָרן אין פינטשעוו. צוליב זיין אָפּשטאַם־שטעטל האָט מען אים גערופן וואָלף כמיעלניקער און מיט דעם נאָמען איז ער געווען באַקאַנט אין גאַנץ פינטשעוו.

מיין פאָטער איז געווען אַן עסקן בצרכי ציבור, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַרבעט פון „חברת לינת הצדק״ און אין דער גמילת־חסד־קאַסע און אויך אין אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

מיין פאָטער פלעגט שטענדיק זאָגן, אַז „דער כל דיכפין ייתי וייכל איז נישט געזאָגט געוואָרן בלויז וועגן פסח, נאָר מען דאַרף אים מקיים זיין אַ גאַנץ יאָר״. און מיינע עלטערן האָבן זיך באַמיט דאָס צו טאָן. מיין מוטערביילע ז״ל האָט מיט פרייד אויפגענומען יעדן אורח, געגעבן צו עסן און צו טרינקען. צו אירע אייגענע קינדער איז זי, פאַרשטייט זיך, געווען די אמתע יידישע מאַמע, מיט ליבע און איבערגעגע־בנקייט אָן אַ סוף. זי איז געשטאָרבן פאַרן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ה׳ אדר, מערץ 1918. פון אירע פינף קינדער צוויי זין און דריי טעכטער, האָט זי זוכה געווען צו פירן צו דער חופה צוויי טעכטער, די עלטסטע, פייגע, אין 1913, די יינגערע, פּעסע, האָט חתונה געהאַט צען וואָכן פאַר דער מוטערס טויט.

דער פריצייטיקער טויט פון אונדזער מוטער האָט צעשטערט אונדזער היים...

מיין יינגערער ברודער מרדכי איז אין 1918 אַוועק קיין אויסלאַנד און געווען



מנחם־מענדל שוואַרץ
(איצט אין קאָלאָמביע)



ר׳ זאב־וואָלף
דער פאָטער פון דער פאַמיליע שוואַרץ

ביז 1920 אין בודאַפּעשט, אונגאַרן. מיין פאָטער האָט גלייכצייטיק געגומען רעדן און פּלאַנירן עולה צו זיין מיט אַלע קינדער קיין ארץ־ישראל. צו אונדזער ווייטיק האָט ער נישט געקאָנט זיין פּלאַן דורכפירן.

פון אונדזער גאַנצער משפחה זענען מיר לעבנגעבליבן — דריי קינדער. איך בין געקומען קיין ארץ־ישראל דער ערשטער, אין 1921, דערנאָך האָט עולה געווען אַלס חלוצה, אין 1926, מיין שוועסטער לאה און אין 1935 איז געקומען אין לאַנד אַריין מיין ברודער מרדכי מיט זיין פאַמיליע.

צוויי קינדער פון מיין שוועסטער פייגע האָבן דורכגעמאַכט דעם גאַנצן נאַצי־גיהנום אין פּוילן, געווען אין לאַגערן און געבליבן לעבן. איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב זיי, נאָך דער מלחמה, געקאָנט העלפן, אַריבערגענומען קיין קאָלאָמביע, ווו זיי האָבן אויפגעשטעלט משפחות און יידישע היימען. זיי האָבן צוגעזען ווי זייערע נאָענטסטע זענען אומגעקומען אין געטאָ לאָדזש.

אונדזער פאָטער, צוזאַמען מיט זיין פרוי פייגע, אונדזער שטיף־מאַמע, און דער יינגערער שוועסטער פּעסע מיט איר מאַן יעקב ווייצמאַן און זייערע זיבן קינדער, — זענען אַלע אַוועקגעשיקט געוואָרן פון כמיעלניקער געטאָ אין אַן אויסראָטונגס־לאַגער אין יאָר 1942 און דאָרט אומגעקומען.

אונדזער פאָטער, אַ פרומער ייד, איז אויך געווען אַ נאַציאָנאַלער ייד; ער האָט זיין גאַנץ לעבן געחלומט און געשטרעבט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. ווען די קינדער האָבן עולה געווען, האָט ער געהאָפט צו קאָנען פאַרווירקלעכן זיין טרוים און זיינע עלטערע יאָרן לעבן אין הייליקן לאַנד. ער האָט אָבער צו דעם נישט דער־לעבט — די הענט פון די נאַצישע תלינים האָבן אַ סוף געמאַכט צו זיין לעבן און צו זיינע טרוימען.

חנה כרמון (קיבוץ רמת־יוחנן)

צען יאָר מיט ויטה פינעס

איך האָב געלעבט צוזאַמען מיט ויטה פינעס ביי צען יאָר. כ׳האָב זי ליב־באַ־קומען ווען כ׳האָב זי בעסער באַקענט און הויך געשאַצט אירע גייסטיקע אייגנ־שאַפטן.


וויטע פינעס

זי איז געקומען צו אונדז פון איי־נעם פון די קיבוצים פון „השומר הצעיר״, ווי אַ גאַסט צו איינעם פון אונדזערע חברים. עס איז איר געפעלן געוואָרן ביי אונדז און פאַרבליבן.

מיר האָבן געלעבט דאַן אין אַ קליינער קבוצה, אין אָנהויב פון איר וועג. אַן אָפּגעדעקט, נאַקעט בערגל. פעלדזן און שטיינער. אַ פּאָר געצעלטן און נעבעכדיקע צריפים, אָן עלעק־טריע, אָן וואַסער. די שאַקאַלן האָבן גערעוועט און קאָנקורירט מיטן וואָ־יען פונעם ווינט, וואָס האָט געקעמפּט קעגן די דעכער און נישט איינמאָל טאַקע באַוויזן אויפצוהויבן אַ דאַך, אָדער אַוועקבלאָזן אַ געצעלט.

זי איז געווען יונג, פול מיט לעבן און גרייט אויף אַלץ, גרייט דורכצופירן יעדע אויפגאַבע, וואָס מען וועט אויף איר אַרויפלייגן. אָן פאָדערונגען, אָן פּרעטענזיעס האָט זי זיך איינגעשפּאַנט אין יעדן עול פון אונדזער לעבן. און תיכף האָט זי זיך אַרויסגעהויבן מיט איר גייסטיקער הויכקייט, מיט איר גוט האַרץ, מיט איר אַר־בעטזאַמקייט און ליבע צו מענטשן.

ביז היינט וווּנדער איך זיך פון וואַנען זי האָט געשעפּט די גרויסע פיזישע און גייסטיקע כוחות צו אַלץ וואָס זי האָט געטאָן.

זי האָט קיינמאָל נישט געקלערט וועגן זיך. שטענדיק איז ביי איר געווען עמע־צער, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר וויכטיקער פון זיך אַליין. זי האָט דעריבער גע־איילט — יענעם צו פאַרלייכטערן דאָס לעבן; אַפילו מיט אַ פּיתה מיט ציבל, אָדער זיסע זעמל. איר צייט האָט זי נישט גערעכנט. אפשר איז עמעצן קאַלט נאָך אַ נאַכט פון שמירה — „וועל איך לויפן און אים אַוועקטראָגן מיין קאָלדרע אָדער מאַנטל״...

זי איז געווען אַ לעגענדע מיט איר גוט האַרץ און זאָרג פאַרן צווייטן. אָבער צי האָט זיך אַמאָל עמעצער דערמאָנט איר אָפּצודינען מיט עפּעס ?....

נישט לייכט איז געווען איר לעבן, מען האָט זי נישט געפּיעשטשעט און דער גורל איז געווען צו איר גרויזאַם... אָבער דער געזונטער הומאָר און דער שמייכל האָבן זי קיינמאָל נישט פאַרלאָזן; שטענדיק האָט זי געשיינט, געווען פריילעך און גרייט צו אַלץ. דעריבער האָבן מיר אַלע זי ליב געהאַט און וועלן זי נישט פאַרגעסן.

וחבל על דאבדין.

✶

אין אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך איר מאַן, אונדזער חבר דוד פּינעס, מאָביליזירט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, איז זי געפאָרן צו אים אין די פאַראייניקטע שטאַטן, כדי צוזאַמען צוריק־צוקערן אין לאַנד אַריין. דאָס איז געווען איר חלום. אָבער, ווי געוויינלעך, איז דער חלום נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. אַלע יאָרן האָב איך געהערט וועגן זייערע פּלע־נער עולה צו זיין. ויטה ז״ל און אויך, אים צו לאַנגע יאָרן, דוד פּינעס, האָבן באַזוכט דאָס לאַנד, זיך פאַראינטערעסירט מיט די עליה־מעגלעכקייטן, אָבער דאָס נישט באוויזן דורכצופירן, צוליב איר קראַנקייט און זי איז נפטר געוואָרן ווייט פון איר טרוים־ און היים־לאַנד.

וויטע פינעס (געבוירן אייזיקאָוויטש) ז״ל

אין די יידישע צייטונגען פון ניו־יאָרק איז אין סעפּטעמבער 1967 געווען געדרוקט די פאָלגנדיקע טרויער־מעלדונג:

„צום אייביקן אָנדענק. די מארטירערין וויטע פינעס ע״ה (געבוירן אייזיקאָוויטש), די פרוי און חברה פון דוד פּינעס, געווידמעט איר לעבן לטובת הכלל. פאַר יאָרן געווען אַ חלוצה, מיטבויערין און חברה אין משק רמת־יוחנן אין ישראל. געבוירן אין פּינטשעוו, פּוילן, דעם 10־טן אויגוסט 1913; געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 22־טן סעפּטעמבער 1967״. הינטער דעם אַ שורה אין ענגליש: „זי האָט אָפּגעגעבן איר לעבן, כדי אַנדערע זאָלן קאָנען לעבן״.



וויטע פינעס

דאָס האָט דער מאַן, דוד פּינעס, געבוירן אין מינסק, רוסלאַנד, אַזוי באַוויינט זיין פרוי, נאָך וועלכערס טויט ער האָט געשריבן צו אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל: „איך האָב געפונען מיין גליק פון פּינטשעוו אין ישראל און עס פארלוירן אין נו־יאָרק״.

דער מאַן האָט אויך פאַרעפנטלעכט די פאָלגנדיקע ווייטיקפולע שורות: „טריט נאָך טריט, / שפּאַן איך נאָכן ארון. / עפּעס יאָ, עפּעס נישט — / עס טומלט אין זכרון. / אָט געווען — שוין נישטאָ, / טרויעריק מיט ווייטיק. / פליט אַ שעה נאָך אַ שעה / רעשיק און דאָך זייטיק. / לייכט די זון און פאַרגייט, / מאָרגן לייכט זי ווידער / און דאָס ראָד דרייט זיך דרייט, / עס ווערט גאָרנישט מידער״.

ה׳ דוד פּינעס האָט אונדז אויך איבערגעשיקט די אָנגעשריבענע בלעטלעך וועגן פּינטשעוו, וואָס זיין פאַרשטאָרבענע פרוי האָט גענומען שרייבן וועגן איר געבוירן־שטעטל פּינטשעוו.



אינמיטן שטייט וויטאַ פינעס־אייזיקאָוויטש, פאַר איר אָפּפאָר קיין ישראל, צוזאַמען מיט איר פאַמיליע אין פינטשעוו; זיצנדיק — איר פאָטער אברהם אייזיקאָוויטש.

וויטע פינעס־אייזיקאָוויטש

אין פינטשעוו איז פינצטער געוואָרן

פון אַלע יידישע דורות, וואָס האָבן געוווינט און געלעבט אין פינטשעוו, אָנהויבנדיק נאָך מיט עלף יאָרהונדערט צוריק, איז איצט דאָרט מער קיין ייד נישט פאַרבליבן.

די געשיכטע פון פינטשעוו איז אַ זייער אַלטע. אויפן בית־הקברות זענען געווען מצבות מיט אויפשריפטן, וואָס באַווייזן, אַז יידן האָבן געלעבט אין פינטשעוו אין דער צייט ווען רש״י האָט געלעבט אין פראַנקרייך און ווען די יידישע שפּראַך האָט זיך געשאַפן אין דייטשלאַנד.

איך האָב זיך שוין אַלס קינד געפּילט שטאַלץ, ווען מען האָט מיר דערציילט: ווען די יידן זענען פאַרטריבן געוואָרן פון שפּאַניע און פאַרפאָלגט געוואָרן דורך דער אינקוויזיציע, האָט דער פּוילישער קעניג קאַזשימיעזש ווייעלקי, וועלכער האָט גע־האַט אַ יידישע פרוי, אסתר, אַריינגעלאָזט די יידן קיין פּוילן, זיי זאָלן אין דעם לאַנד אַנטוויקלען דעם האַנדל, און שוין דאַן האָבן זיך יידן גלייך באַזעצט אין פּינטשעוו.

די אַלטע שיל איז אַ באַוויז געווען וועגן יאָרהונדערטער יידיש לעבן אין שטעטל. צען דורות פון די ש״ך־רבנים האָבן געלעבט אין פּינטשעוו, ווי מען האָט איבערגעגעבן, און דער לעצטער פון זיי איז געווען דער רב, וועלכער איז גע־שטאָרבן אין 1925, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד.

די יידישע באַפעלקערונג אין פּינטשעוו אין 1930 האָט באַטראָפן 50 פּראָ־צענט פון דער אַלגעמיינער צאָל איינוווינער, אָבער צו אָנפירנדיקע אַמטן אין מאַ־גיסטראַט האָט מען קיין יידן נישט דערלאָזט; זיי האָבן פאַרנומען ערן־אַמטן, אַלע געצאָלטע אַמטן האָבן פאַרנומען פּאָליאַקן. מיין פאָטער איז דעמלט געווען אין שטאָט־ראָט דער פאָרשטייער פון די סוחרים, לייבוש יאַסנע — פון די קצבים, זילע רוזאַל — פון די שענקער, אבאלע לערער — פון די בענק, פּיוויש בעלפּער — פון די בע־קערס, מענדל באַטיסט — פון די שניידערס.

דער אַנטיסעמיטיזם איז דאַן געווען גרויס, יידן זענען שיקאַנירט געוואָרן, זיי האָבן געצאָלט הויכע שטייערן. ווען אַ ייד האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן אין דער צייט די שטייערן, פלעגט קומען אַן אויפמאָנער מיט אַ פּאָליציאַנט, וועלכער האָט מערסטנס אַפילו נישט געקאָנט לייענען, און צוגענומען דערפאַר עפּעס פון שטוב.

אין די שולן זענען די יידישע קינדער געזעסן אויף איין זייט און די נישט־יידישע — אויף דער צווייטער זייט קלאַס.

אין יענער צייט האָבן זיך גענומען מערן אין שטעטל פּוילישע שניידערס, שוס־טערס, בעקערס, קצבים און זיי האָבן אָנגעהויבן קאָנקורירן מיט די יידישע בעל־מלאכהס און גערופן צו פּאָגראָמען אויף די, וועלכע ״נעמען זיי צו די פרנסה״.

פון מיין יוגנט געדענק איך די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין פּינטשעוו: אַ ציקאָריע־פאַבריק און צוויי מילן. שפּעטער האָבן זיך עטלעכע מענטשן באַשעפ־טיקט ביים צושטעלן דעם עלעקטרישן שטראָם פאַר דער שטאָט.

דער פּאָלק פון דער פּוילישער אַרמיי, וועלכער איז אַ צייט געווען איינגע־קוואַרטירט אין פּינטשעוו, האָט אַריינגעבראַכט אַ טייל פרנסה פאַר דער פּינטשעו־ווער באַפעלקערונג און אויך פאַר דער ידישער. אָבער דאָס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן און דאָס מיליטער פון פּינטשעוו איז אַריבערגעפירט געוואָרן קיין סאַנדאָמיעזש.

ערב פסח אין שטעטל

צום מערסטן האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון דער ערב פסח אין אונדזער שטעטל.

דער ליכטיקער יום־טוב איז אָנגעקומען שוין א סך פריער, מיט קריעס אייז, וואָס רייסן אויף און צעשמעלצן זיך מיט פרילינגדיקן אימפעט אויף דעם ווייסן „סטאַוו". פון די אַרומיקע פעלדער האָבן זיך געצומען טראָגן רייצנדיקע ריחות.

אין מיינע אויערן קלינגט נאָך אָפּ דער גערויש פון די פערד־און־וועגענער, אויף וועלכע די פויערים האָבן געבראַכט קאַרטאָפּל, שאַרפן כריין, און אייער, עופות, יונגע קעלבלעך אין שטאָט אַריין.

דער ריח פון ברוינע פריש־געבאַקענע קרוכלע מצות פון שמואל בעקערס אויוון, האָט פאַרשמעקט די גאַס.

אין שילהויף האָט זיך געפילט דער געדיכטער דאַמף פון דער מקווה, ווו מען האָט געכשרט כלים און געפעס אויף פסח.

אויפגערוימט די שטיבער, אויסגעצוואָגן אַליין, גייט די יידישע באַפעלקערונג פאַרנאַכט אין שיל אַריין דאַוונען און הערן דעם חזן זינגען די יום־טובדיקע תפילות. שפּעטער גייען צוריק עלטערן, פירנדיק די קינדער ביי די הענטלעך און ביי דער זייט יידישע זעלנער, וועלכע מען האָט פאַרבעטן צום סדר אין די ציכטיקע היימען. יידישע הייזער האָבן זיך דעמלט פאַרוואַנדלט אין קעניגלעכע פּאַלאַצן. די אָרעמעלייט זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מלכים און אין מלכות. די הגדה איז געוואָרן — אַ קייזערלעכער מאַניפעסט פון פרייהייט. די חנעוודיקע משהלעך און שלמהלעך האָבן געפרעגט די אייביקע פיר קשיות און די פאָטערס און זיידעס האָבן זיי פאַרענטפערט אויפן אַלטן שטייגער.

מען האָט געגעסן פון דער פסחדיקער סעודה. דערנאָך האַלטן די קליינע קינדער צוריק מיט געוואַלד דעם דרימל אויף די שלעפערדיקע אויגן, כדי צו כאַפּן אָפּיציעל פון טאַטנס אפיקומן און אָפּצוואַרטן אליהו הנביא, וועלכער דאַרף ברענגען אַ גליקלעכע בשורה פון ענדגילטיקער פרייהייט און „צוריקקערן די הערצער פון טאַטעס צו קינדער און פון קינדער צו עלטערן"...

געווען איז עס אַ שיין, ליכטיק, הייליק און גליקלעך לעבן אַמאָל אין דער אַלטער היים, אָבער, ווי זינגט דאָס לידל, „וואָס געווען איז געווען, איז נישטאָ..."

לזכרון גיטל־לאה אַלמער־זייד, פון פינטשעוו, מיט איר מאַן שמחה אַלמער;
געשטאָרבן אין ניו־הייווון, פאַרייניקטע שטאַטן.



שמואל בלום (קאַנאַדע)

וועו מיר דערמאָנען פון ווייטן געשיכטע פון אונדזער קהילה

די דריי בייגעלייגטע פאָטאָגראַפיעס שפּיגלען אָפּ אַ שטיק געשיכטע פון אונדזער אומגעבראַכטן יידישן פינטשעוו. טאַקע נישט קיין אַלטע געשיכטע, נאָר פון דער ערשטער העלפט פון היינטיקן יאָרהונדערט, אָבער זיי ווייזן און דערציילן וועגן אַ וויכטיקן קער אין יידישן לעבן אין שטעטל. פאָטאָגראַפיעס פון 1915, 1916 און 1925. טאַקע אַ נישט־ווייטע פאַרגאַנגענהייט פון ברייטערן געשיכטלעכן שטאַנד־פונקט, אָבער אונדז דוכט זיך — אַז דאָס איז געווען מיט גאַנצע דורות צוריק... פון דעמלט ביז היינט זענען אָפּגעפלאָסן נישט קיין געציילטע עטלעכע צענדליק יאָר,



מייסדי אירגון „בני־ציון" בשנת 1915


אַ גרופּע פּינטשעווער, וועלכע האָבן געגרינדעט אין יאָר 1915 די „בני־ציון"

פון רעכטס, זיצן: ד"ר ראָמאַן, חוה עדעליסט, פייגל טענענבוים, מרים וואַרגאַן, חנה בוכבינדער, נתנאל טענענבוים; צווייטע ריי, פון רעכטס: קאָכאַן, יהושע מייזעלס, שאול פעליקס, אלימלך פאַוכעל; דריטע ריי, שטייענדיק: חיים זשיעלאַני, שמעון וויינטרויב, גימפּל פיינער, מעקס אַבעללאַ, לייבל גאָלד.

נישט בלויז אַ האַלבער יאָרהונדערט, נאָר — טייכן יידיש בלוט, אין וועלכע ס'איז אויך דערטרונקען, אָפּגעווישט געוואָרן דאָס יידישע פּינטשעוו. אָפטמאָל איז עס ממש אומגלויבלעך...

מיר דאָ, אין קאַנאַדע, פאַרמאָגן צווישן אונדז איינעם, וועלכער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אינעם בלעטל געשיכטע פון יידישן לעבן אין פּינטשעוו, וועגן וועלכן די־אָ פאָטאָגראַפיעס דערציילן, דאָס איז אונדזער חשובער בן־עיר ר' מאיר אַבעללאַ. איך אַליין געדענק נישט יענע צייטן, אָבער איך האָב פון אים פיל געהערט וועגן זיי.

עס איז דאָך געווען אַ רעוואָלוציאָנערער שריט אין גאָטספאָרכטיקן יידישן פּינטשעוו, אין יאָר 1916, זיך צו פאָטאָגראַפירן אַרום אַ גרויס בילד פון ד"ר הערצל. אָבער נישט בלויז אין דער פאָטאָגראַפיע איז עס געגאַנגען. די דאָזיקע גרופּע האָט געגרינדעט דעם ערשטן ציוניסטישן פאַריין אין פּינטשעוו, מיטן נאָמען „בני־ציון". דאָס איז פאַקטיש געווען נישט בלויז אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין ענגן זין פון וואָרט, נאָר אַ געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעם גייסט, אַן אויפלעבונג אין יידישן לעבן פון שטעטל.



קבוצה מחברי הארגון „בני־ציון", בשנת 1916
אַ טייל אַנטיילנעמער פון פינטשעווער אָרגאַניזאַציע „בני־ציון" אין 1916

פון רעכטס צו לינקס: די קינדער וואָס זיצן פון פאַרנט — ענגעל, וויינבערג דוד, וויינבערג; ערשטע ריי — מייזל יהושע, טענענבוים פאַנדל, וויינבערג לייבל, ענגעל, פעליקס יהושע, פעסטינגער יהושע; שטייענדיק, מיטלסטע ריי: אַבעללאַ מאיר, גאָלד לייבל, טאַרנאָווסקי אברהם־מאיר, צוויי ברידער פאַכעל; לעצטע ריי, שטייען: לאַקס וואָלף, סאָלנער משה, צוקער חיים, זשיעלאָני חיים, אומבאַקאַנטער.

מען האָט טאַקע געטרוימט וועגן ארץ־ישראל, וועגן אויפבוי פון אַ יידישער מדינה און וועגן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל ביי די ערשטע מעגלעכקייטן. אָבער דאָס האָט נאָך אין 1915, אין מיטן דער ערשטער וועלט־מלחמה, נאָך פאַר דער באַלפור־דעקלאַראַציע, אויסגעזען ווי אַ ווייטער חלום. האָט מען דערווייל געטאָן געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אַרבעט אויפן אָרט. די ביבליאָטעק פון „בני־ציון" איז געווען די ערשטע וועלטלעכע ביבליאָטעק אין דער פינטשעווער יידישער קהילה. ביי דער אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרן אַ ליי־קאַסע און אַ „ביקור־חולים", וואָס האָט באַוויזן וווּנדערלעכעביישפילן פון יידישער סאָלידאַריטעט אין דער צייט פון אַ מגיפה, פון קראַנקייטן, ווען קיין אָרגאַניזירטע אַנדערע מעדיצינישע עפנטלעכע הילף איז אין שטעטל נישט געווען.

די „בני־ציון"־אָרגאַניזאַציע האָט אָרגאַניזירט די ערשטע ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען און אויך די ערשטע אין פינטשעווו קולטורעלע אונטערנעמונגען, מיט

פאַרלעזונגען, קעסטל־אָוונטן, דיסקוסיעס וועגן וועלטלעכע יידישע פּראָבלעמען, וואָס זענען דעמלט געשטאַנען אויפן סדר־היום פון יידישן לעבן.

זעען מיר טאַקע אויף די פאָטאָגראַפיעס מענטשן, וועלכע האָבן דעמלט און שפּעטער געשפּילט וויכטיקע ראָלן אין יידישן לעבן פון אונדזער שטעטל, פאַרנומען אָנגעזעענע אַמטן און מיטגעווירקט צו דער ענדערונג, וואָס איז אַריינגעטראָטן אין לעבן פון דער קהילה אין די לעצטע דריי צענדליק יאָר פון איר עקזיסטענץ.



אגודת „בני־ציון" בפינצ׳ב בשנת 1925 — דער פאַריין „בני־ציון" אין פינטשעוו אין יאָר 1925

פון רעכטס צו לינקס, זיצן אין דער ערשטער ריי: שמעון וויינטרויב, בראָנטשע עדעליסט, גיטל זייד, עטל קאָפּעלאָוויטש, שמואל־יאַנקל אייזענבערג; צווייטע ריי: חיים זשעלאָני, וויטע יאַסנע, מענדל באַטיסט, באַשע יאַסנע, וואָלף לאַקס, שרה ראָזענבערג, זלמן שיד־לאָווסקי; שטייען הינטן: פייוול קרייזמינץ, מאיר זימבערג, ישראל וויינבערג, שלמה זשעלאָנע, יאַנקל וואַקשלאַק.

דאָס זענען די לעבנגעבליבענע פינטשעווער לאַנדסלייט אין פאַר־שידענע תפוצות, וועגן וועלכע מיר האָבן באַוויזן צו באַקומען ידיעות ביזן אַרויסגעבן דאָס יזכור־בוך :

פאַרייניקטע שטאַטן

איזיקאָוויטש מאיר
אייזיקאָוויטש מאַקס
גאָטפריד יצחק
גאָטפריד משה יעקב
גאָלד לאעס
גאָלד מאָריס
גאָלדבערג־טישגאַרטען בלומע
גאָלדשטיין מאַקס
גילבערט אַלעקס
גילבערט סידני
גראָס מאיר
הירש־גראָס זאָשע
הערינג סאַמועל
יאַקובאָוויטש אסתר
יאַקובאָוויטש בנימין
יאַקובאָוויטש הימאַן
יאַקובאָוויטש זלאַטע
יאַקובאָוויטש לאעס
יאַקובאָוויטש לאעס
יאַקובאָוויטש לאעס
יאַקובאָוויטש מאַשע
יאַקובאָוויטש סאַדיע
יאַקובאָוויטש סאַמועל
יאַקובאָוויטש סילוויאַ
לעדערמאַן יאַצעק
לעדערמאַן נתן
מילער־טישגאַרטען צילאַ
מילראַט אירווינג
מילראט עטיל
נירענבערג יוסף
פישעל חיים
פיינשטיין פאַני
פעלדמאַן האַרי
קאופמאַן לאעס
קאופמאַן נתן
קאַרמעל מילטאָן
קאַרמעל סאַמועל
ראָזדזשאַל ישראל
ראָזענבערג וויליאַם
ראָזענבערג מאַקס
ראָזענבערג צבי
ראָט אברהם
שפייזער אסתר
שפירא מאַרי

קאַליפאָרניע :

גאלטאר חנה
מעדוב (מיאָדאָווניק) ישראל
מעדוב צבי (מיאָדאָווניק)
מענטליק
נעבמאַן טשאַרלעס

קאַנאַדע

אַבעללאַ א.
אַבעללאַ מאיר
אַבעללאַ ש.
אָסטראָוויעצקי
אָסטראָוויעצקי יעקב
בלום ש.
באַקאָווסקי ר.
גאָלד דוד
גאָלד ה.
גאָלד ש.
גערטנער מ.
גערטנער מ.
האוסמאַן ה.
מינק י.
מינקאָווסקי ג.
פינקעלשטיין פּ.
פעלדמאַן קלאַראַ
צארבין (קאַשטאַנסקי)
קאַכאַן א.
קראוזמינץ ה.
רובינעק
שמוקלער ע.

קאָלאָמביע

וואָרטהאַלטער עטקע
שוואַרץ מנחם־מענדל

אויסטראַליע

וויינבערג ישראל
גדאַנסקי א.
כאָינע מ.
פּאַסקי ש.
סולעוויץ קובאַ
פייעראייזען
פייעראייזען

דרום־אַפריקע

קאופמאַן באַלטשע
קאופמאַן מענדל

פראַנקרייך (פּאַריז)

אָקס יצחק
אָקס נתן
אָקס שמואל
סולעוויטש
פרייז קובאַ
שיינער יחיאל
שיינער ישראל
שיינער יצחק

מרדכי שוואַרץ

זיסל ראָזענבערג־הערשקאָוויטש ז״ל

ווען דאָס דאָזיקע בוך האָט זיך שוין געדרוקט, איז שוין געווען כמעט אינגאַנצן פאַרטיק, האָט דער טויט אַוועקגעריסן פון אונדז די אומדערמידלעכע טוערין און מיטאַרבעטערין אונדזערע זיסל ראָזענבערג־הערשקאָוויטש.

אויף דער לעצטער זיצונג פון אונדזער קאָמיטעט און רעדאַקציע־קאָמיסיע, ווען מען האָט איבערגעגעבן, אַז אונדזער יזכור־בוך ווערט שוין פאַרענדיקט, האָט זי אָנטיילגענומען, אַ קראַנקע, זיך באַטייליקט טראָץ די גרויסעליידן, וואָס איר אומהיילבאַרע קראַנקייט האָט איר פאַרשאַפט. זי האָט זיך, צוזאַמען מיט אונדז אַלע, געפרייט, וואָס סוף־כל־סוף ווערט אונדזער לאַנגיאָריקע אָנשטרענגונג פאַרווירקלעכט. מיר זענען געווען זיכער, אַז זי וועט דערלעבן זען דאָס בוך פאַרטיק און זיך נאָך קאָנען דערמיט פרייען. צום באַדויערן, צו אונדזער גרויסן ווייטיק, מוזן מיר זי באַקלאָגן ביים פאַרענדיקן דאָס בוך.

זיסל ראָזענבערג־הערשקאָוויטש האָט געשטאַמט פון אַ בכבודיקער פאַמיליע אין פינטשעוו. זי האָט אין דער יוגנט באַקומען אַ יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. דער אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זי פאַרכאַפּט נאָך אַלס יונג מיידל. זי האָט דורכגעמאַכט, אונטער דער נאַצי־הערשאַפט, אַ שווידער־וועג, כדי זיך צו ראַטעווען און געבליבן לעבן, ווי אַלע אָפּגעראַטעוועטע פון דער קאַטאַסטראָפע, דורך אַ ריי נסימדיקע צופאַלן, וואָס זי באַשרייבט אין דאָזיקן בוך.

נאָכן ראַטעווען זיך, האָט זי חתונה געהאַט אין פוילן, אויך מיט אַ געראַטעוועטן יידישן יונגנמאַן, פון קיעלץ. עס זענען ביי זיי געבוירן געוואָרן צוויי טעכטער, פון וועלכע איינע האָט שוין חתונה־געהאַט און האָט צוויי קינדער. זיי זענען געקומען קיין ישראל אין 1949, גלייך נאָך דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה.

זיסל האָט זיך, פון דער ערשטער מינוט, וואָס זי האָט זיך געפונען אין לאַנד, פאַרבונדן מיט די לאַנדסלייט. זי איז געווען איינע פון די גרינדערינס פון אונדזער לאַנדסלייט־פאַריין; די גאַנצע צייט, פון זיין גרינדונג ביז איר טויט, איז זי געווען

אין קאָמיטעט און מיט אומגעהויערער איבערגעבנקייט זיך איבערגעגעבן דער אַרבעט פאַר אָרגאַניזירן די פּינטשעווער לאַנדסלייט. זי האָט פיל כוחות און איני־ציאַטיוו אַריינגעלייגט אין דער צוגרייטונג־אַרבעט און אין זאַמלען מאַטעריאַלן פאַרן דאָזיקן בוך, זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער רעדאַקציע־אַרבעט. שטענדיק גרייט צו העלפן אירע נאָענטע און לאַנדסלייט, שטענדיק געזייט אַרום זיך נ:ט און לעבנסלוסט.

נאָך פול מיט ענערגיע, מיט לעבן און האָפענונגען, איז זי פּלוצלינג קראַנק געוואָרן מיט עטלעכע חדשים צוריק. זי איז אָפּערירט געוואָרן, אָבער איר קראַנקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַן אומהיילבאַרע און נאָך עטלעכע חדשים שווערע ליידן איז זי נפטר געוואָרן.

זי איז פּריצייטיק אַוועקגעריסן געוואָרן פון איר מאַן און טעכטער, אָבער נישט ווייניקער וועט זי פעלן אונדזערע לאַנדסלייט פון פּינטשעוו, וועלכע וועלן זי שטענדיק געדענקען און טרויערן נאָך איר.

יהי זכרה ברוך.

אינהאַלט — התוכן

בין שתי מלחמות־העולם — צווישןביידע וועלט־מלחמות

השואה — דער אומקום

קדושי פינצ'ב — אונדזערע קדושים

יוצאי פינצ'ב בארץ־ישראל — פינטשעווער לאַנדסלייט אין ארץ־ישראל

יוצאי פינצ׳ב בתפוצות — פינטשעווער יידן אויף דער וועלט